STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05364

OYF DI KHVALYES FUN GOYRL

Lili Berger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באַמערקטע דרוק-פעלערן

זייט	שורה	אָנשטאָט	דאַרף זיין
44	10 פון אויבן	באַליידיקט	באַליידיקסט
90	2 פון אויבן	געלאָסן איבער הימל	געלאָסן איבערן הימל
160	1 פון אונטן	בעת די גירושים	בעת די גרושים
166	8 פון אויבן	ווען אָט האָט באַשערט	ווען גאָט האָט באַשערט
179	1 פון אויבן	מלאך המוית	מלאך־המוות.
221	12 פון אונטן	זשאַן רוסאָ	זשאַן זשאַק רוסאָ
222	4 פון אונטן	מיטן מענטשן	מיטן מענטש
241	15 פון אויבן	געצויגן מיין אויפמערזאַם	געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט
244	6 פון אונטן	פלאַסטיק	פלאַסטיש
245	5 פון אונטן	ווערן מיר מיטגעריסטן	ווערן מיר מיטגעריסן
247	15 פון אונטן	„גרינער־אַקוואַריום״	„גרינער אַקוואַריום״
253	16 פון אויבן	אויסגעגלייכט די ביינער״ ?	אויסגעגלייכט די פלייצעס״ ?
257	10 פון אויבן	קאַטעדואַלעס	קאַטעדראַלעס
259	דאַטע ביים סוף	אָקטאָבער 1985	אָקטאָבער 1984
263	1 פון אויבן	אַ יוגאָסלאַווישער בירגער	אַ יוגאָסלאַווישן בירגער
268	6 פון אונטן	איז כמעט גאָרנישט פאַרבליבן	איז ווייניק פאַרבליבן
276	6 פון אונטן	אַבאַרטשוג	אַבאַרטשוק

אין מערערע זאַצן זענען אַרויסגעפאַלן קאָמאַס, טיילמאָל אָנשטאָט אַ פונקט אַ קאָמאַ, טיילמאָל אַן איבעריקער קאָמאַ.

ל י ל י   ב ע ר ג ע ר

אויף די כוואַליעס פון גורל

לילי בערגער

אויף די כוואַליעס פֿון גורל

☆

נאָוועלן, דערציילונגען, ליטעראַרישע עסייען

תשמ״ו פּאַריז 1986

LILI BERGER

SUR LES VAGUES DU DESTIN

NOUVELLES, RÉCITS ET ESSAIS LITTÉRAIRES

© Copyright by Lili Berger
Printed in France
Imprimerie IM.PO., 67, rue du Faubourg-Saint-Denis
75010 PARIS

אַ מעשה מיט אַ דירה און אַ „קאַוואַ"*

די מעשה האָט שוין אפילו אַ באָרד, נאָר איר מעגט זי אויסהערן, זי איז נאָך אַלץ פריש, אַקטועל, איך שטעק נאָך אין איר איבער די אויערן, כאָטש ס'איז שוין אַריבער מער ווי צען יאָר ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף, ציט זיך ווי אַ פאַרשלעפּטע קרענק. וואָלט איך געווען אַ שרייבער ווי איר, וואָלט איך די זאַך באַשריבן. זאָלן מענטשן וויסן וואָס ס'קאָן אַלץ אין לעבן פּאַסירן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ דירה, ריכטיקער מיט דעם וואָס כ'האָב נישט געהאַט און האָב ווייטער נישט קיין לייטישע דירה; מיין ווייב זאָגט אָפּילו, אַז מיר זענען נאָך אַלץ היימלאָזע. וועט איר פרעגן ווי קומט עס וואָס אַ מענטש אַ באַווייבטער און מיט קינדער האָט היינטיקע צייטן נישט קיין דירה? דאַרף איך אייך פריער דערציילן, אַז איך בין אַ „רעפּיזשע" פון פוילן. פון די צייטן, ווען גאָמולקאַ ימח שמו מיט זיינע צוהעלפערס האָבן געמאַכט פון ביסל פוילישע יידן אַ פינפטע קאָלאָנע, וואָס גראָבט אונטער דאָס פוילישע פאָטערלאַנד. וועט איר מסתמא ווייטער פרעגן, ווי מ'האָט מיך שוין אַ סך מאָל געפרעגט, ווי ס'קומט וואָס איך בין דעמאָלט מיט מיין משפחה נישט געפאָרן קיין ישראל, ווו עולים באַקומען דירות און גאָר אַריינגעטראָפן קיין פּאַריז? איז מאָלט אייך אויס, אַז די זעלבע שאלה האָב איך פּאָרויס נישט איין מאָל געשטעלט מיין ווייב. האָט זי אָבער אין פּאַריז אַ ברודער און איך אַ שוועסטער און זייביידע האָבן צוזאַמען קיין עין ערה אַ היפּש רומל מיט קינדער, אייניקלעך, מיט איין וואָרט אַ שפּאָר ביסל משפחה. וואָס ס'האָט באַדייט פאַר מיין ווייב משפחה, וואָלט צו לאַנג געווען צו דערציילן. די דייטשע מחבלים האָבן אין פוילן די גאַנצע משפחה אויסגעמאָרדעט, מיין ווייבס ערשטן מאַן מיט אירע צוויי יונגע קינדער אויך, מיין ערשטע פרוי מיט אַ קינד אויך. נישט געבליבן קיינער.

---

* אַ קאָלעקטיווער קבר.

איך און מיין ווייב האָבן ווי צוויי על פּי נס אָפּגעראַטעוועטע, בלאָנ־קענדיקע פייגל נאָך אַ שטורעם פאַרלייגט אַ נייע נעסט ערשט ווייט נאָך דער מלחמה, מ׳איז אָבער פאַרבליבן ווייטער עלנט אַליין, ווי אָפּגעפליקטע צווייגן פון אַ בוים, כאָטש מיר האָבן שוין נישט אין יונגן עלטער געבראַכט אויף דער וועלט צוויי קינדער. איז דען אַ וווּנדער וואָס מיין ווייב האָט פון שטענדיק אָן געצויגן צו משפּחה? בפרט די קינדער ווייסן נישט וואָס דאָס איז אַ פעטער, אַ מומע, אַ קוזין. איז ווען ס׳איז געוואָרן אין פוילן די בהלה, מ׳האָט געדאַרפט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן, האָבן דאָס זונעלע און דאָס טעכטערל צוזאַמען מיט דער מאַמען געהאַלטן אין איין בעטן זיך ביי מיר: קיין פּאַריז, קיין פּאַריז, נאָר דאָרט, וווּ ס׳איז דאָ משפּחה.

האָבן מיר נאָך גרויסע מאַטערנישן סוף זומער 1969 פאַראַנקערט אונדזער שיפל קיין פּאַריז. אַ שיינע שטאָט פּאַריז, וואָס? ס׳איז דאָ וואָס צו זען. גלייבט מיר, אַז שיינע עטלעכע יאָר האָב איך פּאַריז פאַר די אויגן נישט געזען. אויסגעמאָסטן די יידישע קוואַרטאַלן און די געגנט פון דער פּרעפעקטור האָב איך יאָ, אַזוי פיל מאָל, אַז כ׳האָב באַקומען געשוואָלענע פיס און אויף דער געשווילעכץ בלאָזן, מ׳האָט געדאַרפט איינברענגען אַ מעטראָ־בילעט. חוץ לזה איז מיר נישט געלעגן אין זינען אַ קוק צו טאָן אויפן שיינעם פּאַריז, וואָרעם ווי האָבן מיר געקאָנט אין זינען ליגן אַזעלכע זאַכן, אַז מיין ווייב איז קראַנק געוואָרן, מ׳האָט מיך געשיקט אויפן פינפטן שטאָק פון דער פּרעפעקטור און געמוזט אָנקומען צו אַ מאַכער וועגן ווױן־רעכט. דערצו קיין דאַך איבערן קאָפּ נישט געהאַט, קיין שטאָך פּרנסה נישט, און קיין לשון אין מויל אויך נישט. מיינט נישט, אַז איך בין מיט ווייב און קינדער געווען אויפן גאַס. חס וחלילה. מיין שוועסטער די אלמנה האָט אונדז אַריינגענומען צו זיך, איין צימערל אונדז אָפּגעגעבן, דאָס צווייטע געלאָזט פאַר זיך. ס׳האָט געהייסן אויפן פראַנצויזישן לשון, אַז מיר האָבן אַ „פּיעט־אַ־טער״, אויף פויליש באַדייט דאָס מען וווינט „קאָנטעם״, דאָס מיינט מען לעבט ביי יענעם אין אַ ווינקל. נאָר וואָס פאַר אַ טעם ס׳האָט אַזאַ לעבן ווינטש איך קיינעמען נישט צו פאַרזוכן. מיין ווייבס ברודער האָט אַפילו אַ גרויסן אַפּאַרטאַ־מענט, האָט ער אָבער אַ ווייב, וואָס האָט נערוון, האָט זי געטענהט צום מאַן, אַז אַזאַ כאַלאַסטרע איז נישט פאַר אירע נערוון, און אַז זי זאָגט נייך איז נייך, זי גייט אין די הויזן און נישט מיין ווייבס ברודער.

זענען מיר פאַרבליבן אין דער ענגשאַפט, דאָס ביסל גרעסער באַגאַזש באַשטאַט ביי דער שוועסטערס באַקאַנטע אין אַ קעלער פון געשעפט און אַלע פאָר וואָכן געגאַנגען עפּעס אַרויסציען פון די קעסטלעך.

וועט איר אפשר זאָגן, אַז מ׳האָט דאָך געקאָנט באַלד פון אָנהייב דינגען אַ דירה ; איז אַ סימן, אַז איר ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט אין פאַריז דינגען אַ דירה. צו דעם דאַרף מען שווערע מיליאָנען, כ׳מיין אַלטע פראַנקן. מאַלט אייך אויס, אַז כ׳האָב געהאַט אַ מעקלער און דריי מעקלערקעס ; וואָס פאַראַ ווילדע און גראָבע נפשות זיי זענען איז נישט צו באַשרייבן. איר ווייסט אפשר נישט, אַז אין פאַריז זענען פאַראַן גאַנצע באַנדעס אַזעלכע נפשות, וואָס שטעלן צו דירות אויף אָפּטרעט־געלט. האָבן זיי אונדז געוויזן אַזעלכע קאַליקע־דירות, פּינצטערע לעכער, אַז ווען מ׳וואָלט מיר פריער דערציילט דאָס אין פאַריז לעבן מענטשן אין אַזעלכע לעבעדיקע קברים וואָלט איך בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן. צוריקגעשמועסט, כ׳האָב דען געהאַט צייט אַרומצולויפן זוכן אַ דירה, אַז כ׳האָב געדאַרפט קנעלן דאָס פראַנצויזישע לשון איך זאָל קענען אַרבעטן ביי מיין פאַך. יאָ, כ׳האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן, אַז כ׳בין אַ בוכהאַלטער. איז גייט מאַכט בוכהאַלטעריע, אַז איר זענט אַ שטומע צונג און קענט נישט אויפשרייבן עטלעכע ווערטער אין דער פרעמדער שפּראַך. און אַז מען קנעלט דאָס פרעמדע לשון קאָן מען זיך דען באַגיין אָן פרנסה, ווען מ׳האָט אַ ווייב מיט קינדער ? האָט מען מיך דערווייל אַריינגעשטופּט — מיט אַ פּראָטעקציע, ווייל אָן פּראָטעקציע זענט איר אַ פאַרפאַלענער מענטש — הכלל מ׳האָט מיך אַריינגעשטופּט צו אַ יידן אין אַ שניידער־וואַרשטאַטל צו שלייפן אויף אַ מאַשין לעכלעך און פּרעסן הויזן, וואָרעם מיט איין פּראָפעסיע אַזאַ וואָלט איך נישט געהאַט קיין פולן טאָג אַרבעט. כ׳האָב אַזוי געקאָנט שלייפן לעכלעך און פּרעסן הויזן, ווי איר אַ שטייגער, קענט זיין אַ פּילאָט פון אַן איירעפּלאַן. ס׳איז מיר אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים צו כאַפּן דעם טיק, זיך איינצואַרבעטן, אויפצופּאַסן נישט צו פאַרברענען אַ פּאָר הויזן. דער מוח האָט מיר שיער נישט געפּלאַצט פון אָנשטרענגעניש, פון איילעניש, יאָגעניש. כ׳האָב געמוזט אויסאַרבעטן כאָטש אַ מינימום נאָרמע. נאָר וואָס טוט מען נישט פאַר פרנסה, בפרט ווען מ׳איז אין דער פרעמד ? ווי האָט מיין מאַמע עליה השלום געזאָגט ? פרנסה איז מלחמה, פלעגט זי איבערחזרן.

הקיצור, ס׳איז געווען אַ ביטער שטיקל צייט. ווי גיך כ׳האָב זיך אַ ביסל איינגעביסן אין דעם פראַנצויזיש האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין בוכהאַלטעריע. מ׳האָט ווידער געדאַרפט מיך אַריינשטופן, דאָ, דאָרט, נישט אויף איין אַרבעטס־פּלאַץ. אין איבער אַ צענדליק, דאָ אין אַ יידיש קרעמל, דאָרט אין אַ יידישן וואַרשטאַטל צו מאַכן אַ ביסל בוכהאַלטעריע, דאָ אַ דזשאַב, דאָרט אַ דזשאַב; איך לויף פון איין אָרט אין אַנדערן, אַרבעט אין שטוב ביז שפּעט אָוונט, שבת, זונטיק אַבי ס׳זאָל זיין פּרנסה. מיינע קינדער האָבן דערווייל אָנגעהויבן רעדן פראַנצויזיש, צו 12־14 יאָר כאַפּט מען גיכער אַ פרעמד לשון ווי אין מיין עלטער. ס׳וואָלט שוין אַלץ געווען גוט, פּאַריז וואָלט שוין אין מיינע אויגן געהאַט אַן אַנדער פּנים, ווען מ׳וואָלט געווען אין אַן אייגענער דירה. די ענג־שאַפט איז אונדז דערעסן געוואָרן און מיר זענען מסתמא מיין שוועסטער אויך דערעסן געוואָרן.

האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיין ווייב: ווייסט וואָס איטעלע, מ׳וועט אויפהערן איבערצוקלייבן, מ׳וועט דערווייל נעמען די ערשטע דירה, וואָס וועט אונטערקומען, אַבי אַרויס פון דער ענגשאַפט, אַבי דעם קאָפּ אָוועקצולייגן אין אַן אייגן ווינקל. און אַז דער בעל־דבר זעט, אַז איר גייט אַרויף אויף אַ גליטשיקן וועג, זאָגט ער אונטער צו גיין וואָס גיכער איר זאָלט זיך גוט אויסגליטשן. הקיצור, ס׳איז פּונקט אונטער־געקומען אַ דירה אין אַ ווייטער פאַרשטאָט, ווייט פון אייגענע, ווייט פון באַקאַנטע, ווייט פון דער אַרבעט. מיין איטעלע האָט געוויינט און געקלאָגט: געקומען קיין פּאַריז צו זיין נאָענט צו משפּחה, צווישן יידן, און דאָ וועד פאַרוואָרפן ערגעץ דער טייוול ווייסט ווו. איין צרה איז אָבער קיין צרה נישט, צרות האָבן אַ טבע צו גיין פּאָרנווייז. האָבן מיר ביים דינגען די דירה זיך נישט געכאַפּט, אַז די גאַס אויף וועלכער עס גייען אַרויס אַלע פענצטער איז אַ גיהנום נישט קיין גאַס, אַ טראַקט, ווו עס גייען דורך לאַסט־אויטאָס און די טראַסקעריי צעלעכערט דעם קאָפּ. כ׳האָב מיין איטעלען געטרייסט: ס׳איז דאָך אויף דערווייל, מ׳וועט דאָס אויך איבערקומען; מ׳וועט זיך אַ ביסל אַרויפאַרבעטן, מ׳וועט אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט, אַ ביסל וועט מען צולייען, וועט מען נעמען אין שטאָט אַ וווינונג ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ווען ס׳וועט אונדז נישט ליגן דער חלף אויפן האַלדז, וועט מען קאָנען אָן איילעניש אויסקלייבן אַ דירה.

פונקט דעמאָלט, ווען ס׳איז אָנגעגאַנגען ביי מיר אַ געדערערײ וועגן אַ דירה, האָט מיין שוועסטער אין איינעם אַ זונטיק נאָכמיטאָג אונדז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. מיין ווייב איז יענעם טאָג געווען פאַרביי, געלעגן אין געהאַקטע צרות אין בעט און מיט אַ שוואַכער שטימע זיך געבעטן ביי מיר איך זאָל נישט פאַרשלעפּן דאָס זוכן אַן אַנדער וווינונג און אויך אַ רעד טאָן דערוועגן מיט משפחה. מיין שוועסטער אָבער, בטבע אַ תכלית־מענטש, אַ פּראַקטישע, איז אָן שום צערעמאָניעס גלייך צוגע־טראָטן צו דער זאַך צוליב וועלכער זי האָט זיך מטריח געווען צו מיר:

— ווייסט דוד, כ׳בין געקומען דיר עפּעס אָנבאָטן, כ׳וויל דיך צונעמען פאַר אַ שותף...

אין פלוג האָב איך געמיינט, אַז זי וויל צוריק עפענען איר קראָם, וואָס זי האָט ליקווידירט איידער זי איז געגאַנגען אויף עלטער־פּענסיע און אויף דער הייסער מינוט זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז כאָטש ס׳וואָלט צונויף געקומען אַ גרעסערער, אָדער אַ זייטיקער פּאַרדינסט, בין איך נישט פּאַסיק צו זיין אַ געשעפטס־מענטש. כ׳בין פונקט דאָס פאַרקערטע פון מיין שוועסטער, ביים פאַרקויפן אָדער קויפן, קאָן מען מיך פאַר־קויפן. פונדעסטוועגן האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— צו וואָס פאַראַ געשעפט ווילסטו מיך צונעמען פאַר אַ שותף?

— ס׳איז נישט קיין געשעפט, כ׳בין צו אַלט צו געשעפטן, נאָך די זיבעציקער טראַכט מען שוין וועגן עפּעס אַנדערש... דו קענסט מיין שוועער, האַ? כאָטש ער איז דער שטיף־פאָטער פון מיין וועלוול עליו השלום, איז ער אים געווען אַן אמתער טאַטע, ער איז אונדז ווי אַ בלוט־אייגענער, נישטאָ דער שבת ער זאָל נישט קומען צו מיר. ווייסט דאָך, ער איז שוין איבער אַכציק ביז הונדערט און צוואַנציק און איז נישט פאַרשריבן אין קיין שום סאָסיעטע. וויל ער קויפן אַ „קאַוואָ" און לייגט מיר פאָר צו זיין אַ שותף צו איר. ס׳איז אַ „קאַוואָ" אַ פּאַלאַץ, געררוים, אין אַ שיין פּלאַץ, צווישןביימער, אַזאַ גוט יאָר אויף אונדז אַלע, וואָס פאַראַ משפחה־קבר דאָס קאָן זיין. מיין שוועער האָט דאָך נישט קיין משפחה חוץ מיר. האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן דיר אויך. דו געהערסט אויך נישט צו קיין סאָסיעטע, פּונקט ווי איך. אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, מען ווייסט קיינמאָל נישט וואָס דער מאָרגן ברענגט. די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, ס׳זאָל עפּעס מיט עמעצן געשען, זאָלן

די קינדער נישט דאַרפֿן אַרומלויפֿן זוכן. די גאַנצע זאַך איז פּשוט אַ מציאה, ס׳איז דעם שווער אונטערגעקומען.

מיין ווייב איז טויט בלאַס געוואָרן. איר האָט זיך געדוכט, אַז מיין שוועסטער מיינט זי, אַז לויט איר דאַרף מען שוין גרייטן פֿאַר איר אַ קבר. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט פייכטע אויגן און איך האָב געקוקט מיט גרויס חידוש אויף מיין שוועסטער. פֿון געפּלעפּטקייט און חידוש האָבן מיר ביידע געשוויגן. מיין שוועסטער האָט זיך אויך גע־חידושט:

— וואָס קוקט איר אַזוי? וואָס איז? ס׳איז אַ מענטשלעכע זאַך. אין פּאַריז באַוואָרנט זיך יעדער איינער. יידן זענען אין סאָסיעטעס, אין אַ מיטיעל, זענען זיי באַוואָרנט מיט אַ „קאַוואָ״, אַזעלכע ווי מיר קויפֿן אַ „קאַוואָ״, בפֿרט אַז עס קומט עפּעס אונטער. אַמאָל, אין פּוילן האָבן אונדזערע עלטערן צוגעגרייט תכריכים. עס איז געלעגן לאַנגע יאָרן פֿאַר־פּאַקט אין קאַסטן. אַ קרקע אויפֿן בית־עולם איז שטענדיק געווען. אין פּאַריז איז אַנדערש. די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, איך וויל נישט מיינע קינדער זאָלן זיך דאַרפֿן דרייען דעם קאָפּ, אָדער מ׳זאָל מיך מקבר זיין ווו ס׳זאָל נישט זיין אין לעבן ווועמען ס׳זאָל נישט זיין. איך טראַכט וועגן דער משפּחה אויך. געלאָזט דעם שווער זיצן ביי מיר און זיך מטריח געווען צו אייך און איר קוקט אויף מיר ווי אויף אַ גזלן. כ׳האָב געמיינט איר וועט זיין צופֿרידן. ס׳איז אַ מציאה, ס׳איז ווערט אַ סך מער.

מיין ווייב האָט נאָך אַלץ געשוויגן, נישט אָפּגעריסן די אויגן פֿון מיר. כ׳האָב געוואָלט לייכטער מאַכן איר געמיט און מיט אַ געמאַכטער הייטערקייט געזאָגט צו מיין שוועסטער:

— הער, שיפֿרה — אַזוי הייסט מיין שוועסטער — איך און איטעלע איילן זיך נאָך נישט אַהין, מיר האָבן נאָך אַ סך צייט צו טראַכטן דערוועגן. זוך דיר אַנדערע שותּפֿים צו דער מציאה. מיר דאַרפֿן אַ ווױ־נונג און נישט דיין מציאה. וואָלסט בעסער אונדז געהאָלפֿן זוכן אַ דירה.

— אַ דירה איז אַ דירה און אַ קאַוואָ איז אַ קאַוואָ. איך זאָל זוכן פֿאַר אייך אַ דירה? איר זענט דען אויפֿן גאַס? איך ווייס נישט וואָס איר האָט צו דער דירה? געערים, ליכטיק, ס׳איז אַ ביסל ווייטער צו

דער אַרבעט, לייגט מען זיך פריער שלאָפן און מען שטייט אויף פריער.
— ס׳איז דאָך דאָ אַ גיהנום, די טראַסקעריי, די...

— טאָ וואָס האָט איר געמיינט, אַז פּאַריז איז אַ גן־עדן? פּאַריז איז אַ גיהנום, אומעטום אַ טראַסקעריי. איבער הונדערט צוואַנציק יאָר וועט זיין שאַ־שטיל. אַ מענטש דאַרף נישט טראַכטן נאָר וועגן איצט, מען דאַרף זיך באַזאָרגן אויך אויף שפּעטער. אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, היינט ביסטו דאָ, מאָרגן... דורכגייענדיק די גאַס קאָן מען חס וחלילה...

— שיפרה, כ׳בעט דיך, פאַרקלאַפּ מיר נישט דעם קאָפּ, דער קאָפּ איז מיר פאַרנומען מיט אַ דירה, לאָז מיך צורו מיט דיין שותפות.

איר מיינט זי האָט מיך צורו געלאָזט? אַז מיין שוועסטער וויל עפּעס דורכפירן, פירט זי דורך. זי וועט אויסלייגן וויפל ס׳וועט אויס־קומען אויף מיין חלק, זי וועט אַלץ אַליין דערליידיקן אַבי ס׳זאָל זיין אַ משפחה־קאַווע. הכלל, פשוט אַ מתנה מיר געשאָנקען, כ׳וועל קומען צום גרייטן. זי האָט אַפילו תיכף געפונען געלט צו סילוקן אונדזערע ביידנס חלקים. געווייינטלעך האָט מיין שוועסטער קיינמאָל נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. ווי גיך ס׳איז איר אַריינגעפאַלן אַ ביסל געלט, האָט זי עס גלייך „פּלאַסירט״, געקויפט עפּעס אויף דער פּראָווינץ, דאָרט איז לייכטער צו קויפן, ווייל קיין געלט טאָר מען נישט לאָזן ליגן, דאָס געלט, זאָגט זי, צעגייט ווי פּוטער אויף דער זון, די דעוואַלואַציע פרעסט עס אויף.

זעט איר, אין דעם פּרט איז מיין שוועסטער אין גאַנצן גערעכט. כ׳האָב געפילט אויף מיין אייגענער הויט ווי גערעכט זי איז. ווי גיך כ׳האָב אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט אויף אַ דירה, האָט דער פּרייז פון דירות געהאַט אַזוי זיך אַ הויב געטאָן, אַז מיין ביסל אָפּשפּאָר־געלט איז טאַקע געוואָרן איינגעגאַנגען ווי פּוטער אויף דער זון, די דעוואַ־לואַציע האָט עס כסדר אויפגעפרעסן. צען יאָר האָב איך זיך געיאָגט און געיאָגט אָנצוזאַמלען די נויטיקע סומע און נישט געקאָנט אָניאָגן די פּרייזן. מיין שוועסטער פאַרזיכערט מיר, אַז אויך פאַרן קאַווע וואָלט מען היינט געדאַרפט באַצאָלן צען מאָל אַזוי פיל, אויב נישט מער. אויב מען וואָלט זי געוואָלט פאַרקויפן, זאָגט מיין שוועסטער, וואָלט מען אָפּגענומען יענע אַפּותיקו, וואָרעם זי שטייט נאָך ליידיק. דער שווער

האַלט זיך נאָך, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, פּעסט אויף די פּיס. נאָר ווער טראַכט דען צו פּאַרקויפן אַזאַ זאַך? סתם דערמאָנט זי וואָס דאָס איז היינט ווערט און גיט מיר אָנצוהערן, אַז אַ דאַנק איר האָב איך געמאַכט אַ גוט געשעפט און בין פּאַר שפּאָט ביליק אַ שותּף צו אַ קאַווע אַ פּאַלאַץ.

וואָס וועל איך אייך נאָך לאַנג ציען, זינט צען יאָר האָב איך אַ צוגעגרייט קבר פּאַר מיר און מיין בני־בית, נאָר קיין לייטישע דירה האָב איך נאָך אַלץ נישט.

1979

יידן גזלנים...

— פאַרוואָס ווילט איר אונדז צעשיידן ? ! וואָס האָט איר מורא מיר זאָלן זיין צוזאַמען ? גאָט אַליין האָט אונדז צונויפגעפּאָרט. וואָלט איך געווען אַ פרומער ייד וואָלט איך געזאָגט, אַז ס׳איז דעמאָלט געשען אַ נס מן השמים און איר... איר ווילט דאָס צונישט מאַכן, איר, איר...

מאָריס קליינמאַן האָט נאָך אַרויסגעוואָרפן אַ בינטל רייד מיט האַרצווייטיק, מיט יאוש. אויף זיין שטערן האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שווייס. דאָס קראַנקע האַרץ האָט אָנגעהויבן גיין ביי אים, ווי אַן אַלטער וואַנטזייגער. ער איז געבליבן זיצן אין שווייגעניש. די מיטגלידער פונעם לאַנדסמאַנשאַפט־קאָמיטעט האָבן אַ ווײַלע אויך געשוויגן. אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטעלן קעגן זיין פאַרלאַנג האָבן זיי שוין אַ סך מאָל געהאַט אַרויסגעלייגט. איי ס׳האָט זיך עפּעס געענדערט, ווער מען אויפסניי באַטראַכטן די זאַך. ס׳האָט געדויערט אַזוי לאַנג, וועט געדויערן נאָך אַ ביסל.

פאַר מאָריסן געדויערט עס צו לאַנג. פון אָנהייב האָט ער געשריבן בריוו צום קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. ווען עטלעכע בריוו זענען געבליבן אָן אַן ענטפער, האָט ער אָנגעהויבן אומגעבעטענערהייט קומען אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט און ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל אויפגעמישט די גאַנצע מעשה. איז וואָס נאָך ווידער דאָ צו באַטראַכטן, בפרט ער קאָן צושטעלן איצט אַ גאַראַנטיע ? זיינער אַ ידיד, אַ לאַנדסמאַן מיט וועלכן ער איז אַלס קליין ייִנגל געגאַנגען צוזאַמען אין חדר, האָט אים נישט איין מאָל געהאַט געזאָגט:

— מאָריס, דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין, אַז ביי יידן פירט מען זיך נישט אַזוי. דו ווייסט, איך בין נישט קיין פרומאַק, אָבער פירן זיך יידישלעך דאַרפן מיר.

— פאַרוואָס נישט יידישלעך ? מיין ווייב האָט מער יידיש האַרץ, ווי הונדערט אַנדערע יידישע ווייבער.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן וואָס פאַראַ מענטש זי איז, ווי זי האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן, אָבער וואָס וועט זיין אויב...? מ׳האָט דיר דאָך שוין געזאָגט וועגן אונזער מורא. איז זיי נישט געבאָדן אין הייס

וואַסער, לאָז אונדז גוט באַטראַכטן די זאַך, זיך אַן עצה האַלטן מיט עמעצן. אַזעלכע זאַכן מאַכט מען נישט אויף איין פוס.

— אויף איין פוס? עס שלעפּט זיך שוין חדשים־לאַנג, כמעט אַ יאָר צייט. וואָס, כ׳האָב געמאַכט מיטן רבונו של עולם אַ קאָנטראַקט אויף ווי לאַנג איך האָב נאָך? אַזאַ הארץ קאָן אַ ליאַדע טאָג זיך אָפּשטעלן. און זי, מיין זשערמען, איז דען באַוואָרנט? איז דעמאָלט שריי חי וקים. אויף איין פוס, זאָגסטו? וויניק גערעדערייען געווען אַרום דעם? וויפל איז דער שיער?

אַן אַנדער לאַנדסמאַן מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַדעוועט אַ טיר ביי אַ טיר, דער איינציקער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס גייט יעדן פרייטיק אין אָוונט און שבת דאַוונען אין אַן אַשכנזישער שיל, האָט אים געמוסרט:

— האָסט דאָס אַלץ געקאָנט אויסמיידן. אַ ייד דאַרף זיך פירן ווי אַ ייד. האָסט געדאַרפט באַלד פון אָנהייב אַ טראַכט טאָן וועגן די זאַכן.

— ווען פון אָנהייב? אפשר מיט פערציק יאָר צוריק?

**
*

די מעשה האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיט איבער פערציק יאָר צוריק. ס׳איז געווען אין יולי 1942. אין די פריע פרימאָרגן־שעהען האָבן אויפן באַפעל פון די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן פראַנצויזישע פּאָליציי־אַגענטן אין פּאַריז געקלאַפּט אין טירן פון יידישע היימען, אַרויסגענומען וועמען מ׳האָט געטראָפן, אַפּגעפירט אויפן זאַמל־פּונקט אין וועלד׳היוו, דערנאָך אין דראַנסי־לאַגער, איינעם פאַרהויז פון אוישוויץ. מאָריס קליינ־מאַן האָט די טיר פון זיין בחורישן דירהלע נישט געעפנט. די פּאָליציי־לייט האָבן געקלאַפּט אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער, פון זייער רוגזא איז קענטיק געווען, אַז זיי וואָלטן די טיר אַרויסגעזעצט.

— דער מענטש, ווי הייסט ער דאָרט, איז מסתמא נעכטן אַוועקגע־פאָרן, כ׳האָב געזען אים אַוועקגיין מיט אַ וואַליזקעלע...

אַזוי האָט געטענהט צו דער פּאָליציי די פראַנצויזישע שכנטע, אַן איינזאַמע יונגע פרוי, וואָס איז אַלאַרמירט געוואָרן פון דער שטאַרקער טראַסקעריי אין דער דערנעבנדיקער טיר. דאָס שטיקל אַרבעט איז איר געלונגען. די פּאָליציי איז אַוועק. אויף צומאָרגנס זענען אַנדערע

געקומען, די טיר אויפגעריסן, נאָר קליינמאַנען נישט געטראָפן. זשערמען זשאָרדאַן האָט אים שוין געהאַט אַריינגענומען צו זיך אין שטוב.

העכער אַ יאָר איז דער שניידער־מאָדעליסט מאָריס קליינמאַן געזעסן אין אַ קליינעם צימערל ווי אַ מויז אין אַ לאָך. דאָס פענצטער פאַרהאַנגען מיט אַ געדיכטן פאָרהאַנג, די טיר פאַרמאַכט, איז ער געווען אָפּגעשלאָסן פון דרויסן, פון דער וועלט. זשערמען האָט געוואַכט איבער אים, געקעכלט אים, צוגעטראָגן אַ ריין העמד, נישט פאַרבעטן קיינעם צו זיך, איבערגעריסן מיט באַקאַנטשאַפטן. בעתן אוועקגיין אינדערפרי צו דער אַרבעט, פלעגט זי אָנזאָגן מאָריסן נישט צו דערנענטערן זיך צום פענצטער מ׳זאָל פון קעגנאיבערדיקן הויז נישט דערשנאַפּן, אַז עמעצער איז אין שטוב. ס׳האָט נישט געהאָלפן.

— מאַדמואַזעל זשערמען, עס ווינט עמעצער ביי אייך ? דער שכן פון ערשטן שטאָק האָט מיר געזאָגט, אַז ווען איר זענט ביי דער אַרבעט, הערט ער פון מאָל צו מאָל טריט ביי אייך. מיר גייט עס נישט אָן, נישט מיין עסק, אָבער היינטיקע צייטן... איר ווייסט וואָס עס טוט זיך... ?

זשערמען איז אַריין אין שטוב אָן אויפגעציטערטע. די באַהעלטעניש איז דורכגעפאַלן. דער שכן פון אונטן איז אַ פאַרדעכטיקער פאַרשוין. וואָס טוט מען ? ווי אַזוי ראַטעוועט מען ווייטער מאָריסן ? איצט זענען זיי ביידע באַדראָט. פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייד קומט די האַרבסטע שטראָף.

— איך וויל נישט איר זאָלט צוליב מיר איינשטעלן אייער לעבן. כ׳וועל פרוּוון אָנקומען ערגעץ אויף אַ דאָרף, ס׳איז זומער, שניטצייט, כ׳וועל זאָגן... כ׳וועל זאָגן כ׳זוך אַרבעט, כ׳וועל זאָגן... כ׳וועל זאָגן כ׳האָב פאַרלוירן מיינע פאַפּירן. אפשר גאָר בעסער אויסצוזאָגן דעם אמת ? אומעטום קאָן מען אָנטרעפן אויף גוטע מענטשן. מאָרגן פרי וועל איך פּרוּוון דאָס מזל, לאָזן זיך אין וועג.

— ניין, אַליין נישט. איר האָט נישט ווו צו פאָרן, צו וועמען צו פאָרן. איך האָב יאָ וווהין צו פאָרן. כ׳האָב אין די סעווענען־בערג אַ ירושה־הייזקע, אַ גאָרטן, עטלעכע העקטאַר ערד. די באַפעלקערונג דאָרט אַ פּראָטעסטאַנטישע, געווען אַמאָל אַליין פאַרפאָלגט; מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז די מענטשן דאָרט זענען זייער גינסטיק צו די פאַרפאָלגטע יידן. ס׳וועט לייכטער זיין צווישן זיי. זאָל מען נאָר זיך אַריבערקריגן אַהין. מ׳דאַרף וואָס גיכער נעלם ווערן פון דאַנען. ס׳וועט נישט לייכט זיין, אָבער מע מוז וואָס גיכער.

נייך, ס׳איז נישט לייכט געווען. פּאַריז איז געוואָרן אַ יאַגדפעלד אויף יידן. די נישט אָפּטע, פול געפּאַקטע צוגן אויך נישט זיכער. דערצו אַ נייע געפאַר: מאָריסעס שאַרפער אַקצענט, וואָס קאָן פאַרראַטן אויב ער מוז ענטפערן אויף אַ פראַגע. וואָס טוט מען ער זאָל נישט דאַרפן רעדן? זשערמען האָט געטראַכט און צוגעטראַכט: ער דאַרף זיין אַ שטומער. ווייניק שטומע פאַראַן אויף דער וועלט? פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין קיין שטומער? פאַרוואָס אויך נישט קיין בלינדער? אַ שווערן בעלמום, וועלן זשאַנדאַרן נישט פאַרהאַלטן. אַ ווייס שטעקל איז פאַרבליבן ביי איר פון איר האַלב־בלינדער באָבען, וואָס האָט איר געלאָזט די ירושה.

אין שוואַרצע ברילן, מיט אַ ווייסן שטעקן אין איין האַנט, מיט דער צווייטער האַנט אָנהאַלטנדיק זיך אין זשערמענס אָרעם האָבן זיי דורכגעשפּאַנט דעם אומרויִקן פּאַריז. דער קאָנטראָלער פון צוג האָט אַ קוק געטאָן אויף מאָריסן מיט מיטלייד. זשערמען, דערלאַנגענדיק די בילעטן האָט, ווי פאַר אַ סגולה, אַ זאָג געטאָן: ער איז בלינד און שטום. זי האָט דאָס אויך געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך איינגעחזרט וואָס זי וועט זאָגן אין פאַל, ווען עס באַווייזן זיך זשאַנדאַרן. זיי האָבן זיך נישט באַוויזן. נאָך אַ סך שעהען פאָרן אין פול געפּאַקטן וואַגאָן, ווו מאָריס האָט קיין וואָרט פון זיך נישט אַרויסגעבראַכט, זענען זיי בשלום אָנגעקומען אין סעוווענער שטעטל שאַמבאָן. זשערמען האָט אָפּגעטעמט. מאָריס האָט אַראָפּגענומען די שוואַרצע ברילן, געלאָזט אין די קוסטעס דאָס ווייסע שטעקל, ער האָט געגאַרט זיך צו באַפרייען פון דער אַרויפגעצוווּנגענער בלינדקייט, פון דער שטומקייט. ער האָט אָנגעהויבן, ווי אַ קינד פּלאַפּלען צו זשערמען, אויסגיסן אין שטילע ווערטער זיין דאַנקבאַרקייט.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אַ באַרגיקן וועג, וואָס זשערמען האָט געקענט נאָך פון איר קינדהייט. צו דער דאַרפישער ירושה איז אַ צען קילאָמעטער. די צעגרינטע, באַביימערטע בערג האָבן זיי אַנטקעגנגעשמייכלט. דער זומערדיקער הימל אַ הויכער, אַ בלויער. די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעקייקלט נידעריק פון פירמאַמענט אָבער צעשיט נאָך אַ שפע זילבער־גאָלדענע שטראַלן. מאָריס האָט האַסטיק אַריינגעצויגן אין די לונגען די באַרגיקע לופט, געקוויקט זיך מיטן גרינעם אַרום. ס׳האָט אויסגערונען פון אים די שרעק. נאָך אַזוי פיל צייט פאַרמאַכט זיין צו געפינען זיך אויף דער פריי! דער קנויל אין האַלדז, וואָס האָט

געשטיקט, האָט נאָכגעלאָזט. האַלטנדיק זשערמענס האַנט אין זיינער האָט ער באַוווּנדערט אירע איינפאַלן, איר דרייסטקייט.

— ששששש! רעד נישט, ווער ווידער שטום!

אויף די באַרגיקע, געדרייטע וועגן דערזעט מען נישט פון דער ווייטנס. זשערמען האָט פריער דערהערט טריט, דערנאָך ערשט דערזען אַ מענטש. דער זשאַנדאַר האָט זיך דערנענטערט, צוגעלייגט די פינגער פון דער רעכטער האַנט צום היטל און זיך פאַרהאַלטן.

— נישט קיין היגע, וואָס?

— כמעט היגע... אַ ירושה דאָ פון מיין באָבען.

ער האָט אָפּגעמאָסטן מאַריסן פון קאָפּ ביז די פיס, געקוקט אויף אים פאַרדעכטיק:

— דער נישט קיין היגער, האַ? פון וואַנען קומט ער?

— פון נישט ווייט...

— אייערע פאַפּירן, יונגערמאַן?

מאַריס האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָבער ס׳האָט אים באַגאָסן אַ קאַלטער שוויס. זשערמען האָט קינסטלעך זיך צעשמייכלט, אַרויפּ־געצויגן אויף זיך אַ געמיטלעכקייט.

— מעסיע זשאַנדאַר, ער הערט דאָך נישט. איר זעט נישט, אַז ער איז אַ שטומער. אַ טויבער אויך. אַזאַ אומגליק אין דער משפחה. איך מוז מיך פאַרנעמען מיט אים. אויב איר זענט אַ היגער האָט איר מסתמא געהערט פון די פאַנטואַס. מיין באָבע־זיידע געווען, געלאָזן מיר אַ ירושה; שווער מיר דאָס צוצוהיטן, דער שטומער וועט מיר העלפן אין אָרדענונג ברענגען דעם גאָרטן. אַ שטומער, אָבער אַרבעטן קאָן ער.

— אָבער פאַפּירן דאַרף מען היינטיקע צייטן האָבן ביי זיך.

— אָט זענען מיינע פאַפּירן. כ׳האָב נישט געטראַכט, אַז אַזעלכער זאָל אויך דאַרפן האָבן פאַפּירן ביי זיך. מעסיע זשאַנדאַר, מיר איילן זיך, פאַרהאַלט אונדז נישט, איר זענט מסתמא אַ פּראָטעסטאַנט, מיין באָבע־זיידע אויך געווען...

— ניין, כ׳בין נישט קיין פּראָטעסטאַנט, אַ קאַטאָליק.

— מיר אויך קאַטאָליקן, מעסיע זשאַנדאַר, מיין באָבע־זיידע געווען פּראָטעסטאַנטן.

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגערל:

— אוי, ווי שפּעט שוין, דער אָוונט פאַלט באַלד צו און מיר

האָבן נאָך אַ סך וועג אָנצולייגן. מעסיע זשאַנדאַר, לאָזט אונדז שוין גיין, דער שטומער איז הונגעריק. איר ווייסט מסתמא, אַ שטומער, אַז ער איז הונגעריק...

— נו, גייט, גייט, נאָר אַ צווייט מאָל, ווען ער וועט קומען אין שטאָט, זאָל ער האָבן די פּאַפּירן ביי זיך. ס׳איז מלחמה.

מאָריס האָט קוים צוריק דאָס לשון באַקומען. צום פּערטן מאָל איז ער געווען אין אַ געפאַר און געראַטעוועט געוואָרן. באַלד אויף צומאָרגנס איז זשערמען אַוועק צום באַקאַנטן פּראָטעסטאַנטישן פּאַסטאָר און אַרויס־גענומען אַ טויף־שיין פאַר מאָריסן. אויב וואָס־ווען איז אַ טויף־שיין אויך אַ דאָקומענט. האָבן דען ווייניק יידן, בפרט יידישע קינדער אַרויסבאַקומען אין יענער געגנט טויף־שיינען? פאַרוואָס דעם אומבאַקאַנטן יונגן מאַן נישט צוטיילן אַזאַ דאָקומענט? איי זשערמען האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס קאַטאָליק? דער זשאַנדאַר פון דער שטאָט וועט זיך נישט מטריח זיין ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין די בערג. אין איין פּרט האָט זשערמען נישט אָפּגענאַרט דעם זשאַנדאַר, ווען זי האָט אים פאַררעדט די ציין: מאָריס האָט באַאַרבעט דעם גאָרטן, פאַרנומען זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט. די צוויי יונגע מענטשן זענען זיך נאָך נענטער געוואָרן, זיך ליב באַקומען, זיך צוגעזאָגט קיינמאָל זיך נישט צו שיידן. באַלד נאָך דער מלחמה האָבן זיי חתונה געהאַט, געוואָרן אַ גליקלעך פּאָרפאָלק.

***

די יאָרן זענען געלאָפן. מאָריס און זשערמען האָבן אַריבערגעשפּרייזט די זיבעציק. צו די יאָרן זענען צוגעקומען חולאתן. ביי מאָריסן גייט דאָס האַרץ מיט אַ „פּיל". ווי לאַנג וועט עס נאָך גיין מיט אַ קינסטלעכן אונטערשטופּער? זשערמען איז אויך נישט מיט אַלעמען. איז פאַרוואָס זיך נישט באַוואָרענען באַצייטנס, אין פאַל... אין פאַל ווען... אין פּאַריז באַוואָרענען זיך יידן. מען קויפט באַצייטנס אַן אייביק אָרט אין אַ „קאָווע".

מאָריס קליינמאַן איז באַוואָרנט. אַ מיטגליד פון אַ היפּשער לאַנדס־מאַנשאַפט, האָט ער פון לאַנג אַריינגעטראָגן זיין חלק פאַר דער „קאָווע". איין גאָט ווייסט פאַרוואָס ער האָט זיך באַלד נישט געכאַפּט, אַז מען

דאַרף צושרייבן זשערמען. צי ס׳וואָלט פריער גרינגער געווען, איז אַ גרויסער ספק, אָבער ווי האָט ער געקאָנט נישט טראַכטן דערוועגן? האָבן זיי דאָך פון סאַמען אָנהייב געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך קיינמאָל זיך נישט צו צעשיידן, נישט ביים לעבן און נישט נאָכן טויט. האָט מאָריס אָנגעהויבן איינלייגן וועלטן, צושטיין צו זיין לאַנדסמאַנשאַפט מ׳זאָל זיין ווייב צושרייבן צום „קאַוואַ״, ווו ער האָט אָפּגעקויפט פאַר זיך אַן „אייביק אָרט״.

— זי איז דאָך נישט קיין יידישקע! ווי אַזוי וועט מען מקבר זיין אַ גוייִשע פרוי אין אַ יידישן „קאַוואַ״? און אַז איר משפחה וועט אַרויפ־שטעלן אָדער לאָזן אויסקריצן אַ צלם אויפן „קאַוואַ״?

די מורא פאַר אַ צלם האָט אַלע אַרומגעכאַפּט, בפרט מען שמועסט, אַז עפּעס אַזעלכעס איז שוין געשען. און דער פּרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט קען געניי די מעשה מיטן צלם. ער איז אַרויס מיט לשון:

— אויב איר ווילט וועל איך אייך אַוועקפירן אויפן בית־עולם פון מאַנפּאַרנאַס וועט איר זען ווי חיים סוטין ליגט אונטער אַ גרויסן צלם צוליב זיינער אַ גוייִשער געליבטער.

— ווער ליגט דאָרט אונטער אַ צלם? ווער, זאָגט איר?

— חיים סוטין. איר ווייסט אפשר נישט ווער דאָס איז געווען? גאָר אַ וואָזשנער יידישער מאָלער, ס׳קאָכט מיט אים די וועלט, אָבער ער איז געווען אַ יידישער ייד, מ׳האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט גערעדט יידיש ווי איך און איר און געשטאַמט פון דעם פּראָסטן יידישן עולם.

— האַ, חיים סוטין, געהערט וועגן אים. נו, פאַרוואָס ליגט ער עפּעס אונטער אַ צלם? ווי געשעט עס אַזאַ זאַך?

דער פּרעזידענט האָט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו דערציילן באריכות די גאַנצע געשיכטע, וואָס מ׳האָט אים דערציילט:

— חיים סוטין האָט געהאַט אַ פראַנצויזישע געליבטע, אָדער אַ ווייב, ווער קאָן דאָס היינט וויסן ווי אַזוי ס׳איז געווען ביי זיי? גענוג, זי האָט אים געראַטעוועט בעת דער אָקופּאַציע, אויסבאַהאַלטן אים ביז ער איז געשטאָרבן. האָבן זיי זיך צוגעזאָגט, פּונקט ווי אונדזער מאָריס מיט זיין ווייבל קיינמאָל זיך נישט צו שיידן, קיינמאָל נישט, איר הערט? אפילו נישט נאָכן טויט. הכלל, נאָך סוטינס טויט האָט זיין געליבטע אַ סך יאָרן געקרענקט און געמאַכט אַ שטאַרב. האָט זי פריער אָנגעזאָגט דער

משפחה מ׳זאָל זי מקבר זיין דאָרט, ווו עס רוט איר געליבטער, סוטין הייסט עס. די משפחה האָט איר לעצטן פאַרלאַנג דערפילט און אין דער לענג און ברייט פונעם קבר אייגעמויערט אַ צלם. אַזוי ליגט דער ייד חיים סוטין אונטער אַ גרויסן צלם. איצט פאַרשטייט איר וואָס ס׳קאָן געשען?

— איר האָט דאָס אַליין געזען מיט אייערע אייגענע אויגן?

— און אַז איך האָב דאָס נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן איז דאָס נישט אמת? ס׳האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט אַזעלכער, וואָס האָט דאָס יאָ געזען מיט די אייגענע אויגן. ס׳האָט זיך אפילו אַמאָל געקאָכט וועגן דעם אין יידישע צייטונגען. ס׳האָבן זיך אַפילו געפונען בעלנים, וואָס האָבן זיך מטריח געווען צו דער משפחה און געוואָלט פועלן מ׳זאָל אַראָפּנעמען דעם צלם. נאָר די משפחה האָט געזאָגט ניין און ניין. די געשטאָרבענע איז געווען אַ קריסטין דאַרף זי ליגן אונטער אַ צלם. איי סוטין איז געווען אַ ייד? דאָס איז נישט זייער עסק. איצט פאַרשטייט איר ווי מ׳דאַרף זיך אויסהיטן?

די נייע מעשה מיטן צלם אויף סוטינס קבר האָט אַלע אויפגעּ רודערט, אונטערגעהייצט: ניין און ניין, מ׳טאָר נישט איינשטעלן! וואָס הייסט מ׳וועט נעמען אויף זיך אַזאַ ריזיקאַלישקייט? מילא, אַז זי גופא, מאָריסעס ווייבל, איז נישט קיין יידישקע איז נאָך אַ האַלבע צרה, מאָריס שווערט זיך דאָך, אַז זי האָט אַזאַ יידיש האַרץ, דאָס זי קאָן באַשטיין פאַר הונדערט יידישקעס, נאָר זיך אויסשטעלן אויף אַ געפאַר צו האָבן צו טאָן מיט אַ קריסטלעכער משפחה, זי זאָל האָבן אַ חלק אין „קאַוואַ״

— דאָס נישט! מאָריסעס ידיד האָט אָבער ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר זיין גוטן פריינד. ער האָט געעצהט:

— ווייסט איר וואָס? זאָל מען דערווייל אָפּלאָזן די זאַך. זאָל מען אים נישט געבן אָט שוין באַלד אַ שלעכטן ענטפער; אַן אָפּזאָג וועט זיין ווי אַ זעץ איבערן קאָפּ. ער האָט דאָך אַ קראַנק האַרץ. זאָל מען אַ ביסל אָפּשלעפּן. אפשר וועט ער אַליין אָפּלאָזן, פאַרגעסן אַ ביסל, ער האָט דאָך אַנדערע דאגות, גייט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק צום דאָקטער.

מאָריס קליינמאַן האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרגעסן, נישט אָפּגעּ לאָזט. וואָס מער דאָס קראַנקע האַרץ האָט געלאָזט הערן פון זיך, אַלץ מער האָט ער זיך געאיילט צו באַוואָרענען זיך מ׳זאָל אים נישט צעשיידן

מיט זשערמען. אפשר גאָר בעטן אַן עצה ביי זיין באַקאַנטן יידישן אַדוואָקאַט ? ער האָט אים באריכות דערציילט די געשיכטע און געפרעגט :

— מעסיע, ווי אַזוי קאָן מען דעם קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנ־שאַפט פאַרזיכערן, אַז אויב ס׳וועט געשען אַן אומגליק, די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, וועט מיין ווייבס משפחה זיך נישט מישן צום „קאָוואָ״ ?

— מ׳קאָן, מ׳קאָן דעם קאָמיטעט פאַרזיכערן. אַ פּשוטע זאַך, אייער ווייב שרייבט אַן באַצייטנס אַזאַ שריפט, זאָל מען זאָגן אַ טעסטאַמענט, אַז קיינער פון דער משפחה האָט נישט דאָס רעכט צו שטעלן אַ צלם, זי ווינטשט זיך דאָס נישט.

דערהערט אַזעלכע ווערטער איז מאָריס אויפגעריכט געוואָרן. ער איז אַוועק אַהיים, דורכגערעדט די זאַך מיט זשערמען און באַלד אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ נייעם בריוו צום קאָמיטעט. קיין ענטפער איז ווידער נישט געקומען. וואָס האָט דער קאָמיטעט זיך צו איילן ? די זאַך זעט שוין אַפילו אויס אַ ביסל אַנדערש, אָבער דורכטראַכטן, באַראָטן זיך דאַרף מען צי אַזאַ פּאַפּיר וועט האָבן דעם אמתן ווערט. דערצו האָט דער קאָמיטעט שטענדיק גאַנצע בערג זאַכן צו דערליידיקן. וואָס איז דאָס איילעניש ? דאָס יאָגעניש ? ס׳האַלט דאָך נישט חס וחלילה ביי יציאת נשמה. ס׳קאָן צוואַרטן.

מאָריס קליינמאַן וויל אָבער נישט וואַרטן. ער האָט זיך נישט געפוילט און ווידער אומגעבעטענערהייט געקומען אויף דער חודשלעכער זיצונג פון קאָמיטעט.

— פאַרוואָס האָב איך נישט קיין ענטפער אויף מיין בריוו ? איצט וועט איר דאָך האָבן אַ געשריבענע גאַראַנטיע. פאַרוואָס שלעפט איר אָפּ ?

— וואָס, ס׳ברענט ? זאָל מען אַלץ לאָזן אין דער זייט און זיך פאַרנעמען מיט דיר און דיין זשערמען ? מ׳האָט דיר דען געזאָגט ניין ? מ׳זאָגט דיר, אַז מ׳דאַרף אויפסנייז נעמען די זאַך אויפן טיש.

— מאָריס, זיי נישט אין הייס וואַסער געבאָדן. טאַקע אַ שטיקל גאַראַנטיע, אָבער אַ טראַכט טאָן דאַרף מען ? איבעררעדן דאַרף מען ?

— האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט, וועסטו צוואַרטן נאָך עטלעכע וואָכן. ס׳וועט זיך מסתמא דערליידיקן.

— כ׳האָב נישט געמאַכט מיט גאָט קיין קאָנטראַקט ווי לאַנג מיין

קראַנק האַרץ וועט גיין. אויב מאַך איך צו אַן אויג, ווער וועט טראַכטן וועגן מיין זשערמען?

— איז וואָס ווילסטו, מיר זאָלן שוין אויף דער הייסער מינוט צושרייבן דיין ווייבל צום „קאַוואַ”? מ׳זאָגט דיר מ׳וועט אויפסניי באַטראַכטן, וועט מען באַטראַכטן. זעסט חס וחלילה נישט אויס אויף אַ מסוכן קראַנקן, זאָלסט נישט קאָנען צוּוואַרטן.

ביי מאָריס קליינמאַן האָט נישט נאָר דאָס געדולד געפּלאַצט. אַ חשד האָט אויפגעבליצט אין מוח. צי איז אין דעם אָפּשלעפּן נישט פאַראַן קיין שלעכטע כוונה? מיט וואָס וועט ער איצט קומען צו זשערמען? צי קאָן ער איר גאָר דערציילן וועגן זיין חשד? גראָבע טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט זיין שטערן. די אויגן האָבן געברענט ביי אים ווי אין פיבער. ער האָט מיט נישט זיין קול זיך צעשריען:

— יידן גזלנים, פאַרוואָס ווילט איר אונדז צעשיידן?! גאָט אַליין האָט אונדז... איר וועט דאָך האָבן אַ גאַראַנטיע! וואָס ווילט איר נאָך? יידן גזלנים...!

נאָך אַ ווײַלע שוויגן האָט דער פּרעזידענט אַ זאָג געטאָן צום סעקרעטאַר:

— גיב אָהער דעם בריוו! זאָל דאָס נעמען אַ סוף, אַן עק! לאָמיר אים ווייזן, אַז מיר זענען נישט קיין יידן גזלנים. אויב ס׳וועט זיין אַ גאַראַנטיע...

מאָריס איז געקומען אַהיים אַ נייגעבוירענער. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיטן ווייב ווי דאָס גרעסטע גליק וואָלט אים געשען:

— זשערמען, מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט זיין צעשיידט!

1984

דער בלאָנדזשענדיקער בונטאַר

כ׳האָב געעפנט די טיר און געוואָלט זיך צוריקציען. פון איבער־ראַשונג. נאָך מער פון שרעק. פאַר דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ יונגער, הויכער בחור מיט אַן אויסטערלישן אויסזען. אַן אמתע סטראַשידלע. די לאַנגע, געקרייזלטע האָר אַזוי צעשויבערט, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי אויפן קאָפּ וואָלט געזעסן אַ שוואַרצער, צעדרויבלטער קויש. דאָס פּנים אַזוי באַוואַקסן מיט אַ רונדיקער, געדיכטער באָרד, אַז מ׳זעט קוים אַרויס דאָס מויל, די נאָז. די שמאָלע רויטע הויזן גלאַנצן פון אויסגעריבנקייט. דער ברייטער קאָלירלאָזער שפּענצער צעקנאָדערט. כ׳האָב ביים ערשטן אויגנבליק שיער נישט געעפנט דאָס מויל צו רופן נאָך הילף. דער בחור מיטן צעדרויבלטן קויש אויפן קאָפּ און אין די רויטע הויזן האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט מיך איבערגעשראָקן און האָט מיר געשאָנקען אַ פריינדלעכן שמייכל. ער האָט זיך אָבער אויך געוואָלט פאַרזיכערן, געפרעגט אין פּויליש:

— איר זענט פרוי ד. ?

— איך . . . וואָס דאַרפט איר ?

— כ׳בין דער זון פון די קאָנברינסקיס, מיין פאָטער האָט מיר געשיקט אייער אַדרעס.

— דער זון פון די קאָנברינסקיס ?! פון . . . ? פון וואַרשע ? וויקטאָר ?
— דאָס בין איך.

כ׳האָב אים אַריינגעבעטן, אַנגעוויזן אויף אַ שטול. די שרעק איז אָפּגעטראָטן פאַר פאַרוווּנדערונג. מיינע אויגן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם יונגן בחור, אַנגעטאָן ווי אַ קאָמעדיאַנט, ווי ער וואָלט אָט באַלד געדאַרפט אויפטרעטן ערגעץ־ווו אויף אַ מאַרק־עסטראַדע צו באַווייזן קונצן. אָבער אין דמיון האָט אויפגעטויכט דאָס אַמאָליקע יינגל, וואָס כ׳האָב געקענט ביזן עלטער פון 13 יאָר, אַן אויסגעצערטלט, אויסגעפּיעסטעט קינד, וואָס איז געווען דאָס שיינדל פון טאַטע־מאַמע. איך האָב נישט געוווּסט צי זאָל איך אים דוצן, ווי אַמאָל, צי זאָל איך אים אירצן,

ווייל דער אַמאָל איז דאָך שוין אַזוי ווייט. דערצו איז ער אַזאַן אויס־טערלישער דערוואַקסענער.

— פון וואַנען נעמט איר זיך דאָ?

— כ׳בין שוין מער ווי צוויי יאָר אין פּאַריז.

— ווו ווינט איר?

— ווו ס׳לאָזט זיך.

— וואָס טוט איר אין פּאַריז?

— וואָס ס׳לאָזט זיך. איך שפּיל אויך אויף אַ מאַנדאָלינע אויפן הויכן מאַנמאַרטר אין די אָוונטן. און איך מאַך פּאָרטרעטן. אויך אין די אָוונטן אויפן מאַנמאַרטר.

אין מיין דמיון איז ווידער אויפגעשווומען דער נישט־ווייטער און אַזוי ווייטער שוין אַמאָל. וויקטאָר האָט זיך פון קינדוויַיז אָן געלערנט שפּילן פּאַרטעפּיאַן. פון יונגן עלטער האָט ער געצייכנט. צו 12 יאָר האָבן אים די עלטערן אָפּגעגעבן אויף אַ נאָכמיטאָג־קורס פון מאָלעריי. נישט ווייל זיי האָבן געהאָפט ער זאָל ווערן אַ מאָלער. זיי האָבן אויך נישט דערוואַרט דער איינציקער זון זאָל ווערן אַ מוזיקער. זיי האָבן גיכער שטילערהייט באַגערט ער זאָל דערנאָך גיין אין זייערע דרכים — ווערן אַ באַרימטער דאָקטער מעדיצין, אָדער אַ כעמיקער־וויסנשאַפטלער. אָבער ביז דעמאָלט . . . שפּילן פּאַרטעפּיאַן דאַרף דאָך קענען יעדער אינטעליגענטער מענטש. ווייל דאָס יינגל צייכענען און מאָלן, איז אויך גוט. וואָס קאָן דאָס שאַטן, אַז אַ געראָטן קינד זאָל אויספּרווון זיינע כוחות? האָבן דען נישט באַגאַבטע מענטשן זייערע האָביס?

אַז זייער יינגל איז באַגאַבט און וועט אויסוואַקסן אויף ווער ווייסט וואָס, האָבן זיי נישט געספּקט. ס׳וועט זיי מיטן פּאַרשפּעטיקטן קינד אָפּגעצאָלט פאַר אַלע פריערדיקע אומגליקן. דער טאַטע, דער מעדיקער, דער נאָכמלחמהדיקער מיליטערישער דאָקטער האָט פאַרלוירן אין טרע־בלינקע דאָס ערשטע ווייב מיט צוויי קינדער; זי, די מאַמע, דער אינזשעניער־כעמיקער, האָט זיך אַליין אומגעקערט פון מאַידאַנעק, געלאָזט דאָרט דעם מאַן מיט אַ קינד. צוויי צעקאַליעטשעטע, אַרויסגעוואָרפענע אויפן ברעג נאָך אַ בלוטיקן שטורעם האָבן צוריק אויפגעבויט אַ משפּחה־נעסט, אויפגעשטעלט אַ וואַרעמע היים. וועגן שטורעם האָבן זיי מער נישט געטראַכט. זיי האָבן געוואָלט פאַרגעסן. צו וואָס זיך גריבלען אין פריערדיקע אומגליקן? צו וואָס דינט עס צו דערמאָנען? ס׳פאַרביטערט

בלויז דאָס לעבן. און דאָס לעבן האָט זיך ווידער צעשיינט. מ׳דאַרף נישט לאָזן פֿאַלן דערויף קיין שאָטן.

דאָס יינגל איז געקומען אויף דער וועלט שפּעטלעך. די מאַמע האָט שוין געהאַט אַריבערגעטראָטן די 40 יאָר. די פֿרייד איז געווען אין לשער. זי איז געוואָרן אַלע מאָל גרעסער. איין קליינינקייט אַזאַ געראָטן קינד. אויך אויף אים דאַרף מען נישט לאָזן פֿאַלן קיין ברעקל שאָטן. ער דאַרף וועגן גאָרנישט וויסן. ער לעבט אין אַ נייער וועלט, די אַלטע וועלט איז פֿאַרשוווּנדן.

איז אָט זיצט איצט דער 22־יאָריקער וויקטאָר און ס׳זעט אויס ווי ער וואָלט געווען אַ שאָטן פֿון דער פֿאַרשוווּנדענער, אַלטער וועלט און אַן אַרויסגעוואָרפֿענער, אַן אויסגעשפּיגענער פֿון די עלטערנס נייער וועלט.

**
*

וויקטאָר זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך נישט געפֿילט אין זיין הויט. די קענטיקע שרעק אויף מיין פּנים, ווען כ׳האָב אים דערזען פֿאַר מיין טיר, האָט אים, אַ סברה, געמאַכט אומדרייסט. איך שטרענג מיך אָן אים היימישער צו מאַכן. ער זופּט אָבער לאַנגזאַם דעם טיי און אַ שווייגנ־דיקער קוקט ער זייטיק. ער דאַנקט שטילערהייט פֿאַר די קיכלעך, וואָס כ׳רוק אים אונטער. צי רירט ער זיך נישט צו צו זיי ווייל ער איז שטאַרק הונגעריק? פֿאַראַן הונגעריקע, וואָס זאָגן אָפּ כּיבוד, ווען זיי ווילן אויסבאַהאַלטן דעם הונגער. אַז ער איז הונגעריק שטויס איך זיך לייכט אָן. חוץ דעם קאָן מען אין זיין עלטער שטענדיק עסן. נו, מאַך איך מיך הונגעריק און רעד אים צו עסן מיט מיר צוזאַמען. ביסלעכווייז ווערט ער היימישער, אָבער איך זע, אַז ס׳איז אים נישט לייכט צוצוגיין צו דער זאַך צוליב וועלכער ער שטאַט מיר אָפּ אַ וויזיט. דאַרף מען, הייסט עס, די זאַך אַרומגיין, כּדי די צונג ביי אים זאָל זיך קאָנען אויפֿבינדן.

— ווי גייט עס אין ישׂראל אייערע עלטערן?

— כ׳ווייס נישט, מסתּמא אַזוי זיך, זיי אַרבעטן.

— ווו זענט איר געווען ביז איר זענט אַהער געקומען?

— אין האָלאַנד, אין אַמסטערדאַם.

— ווי איז דאָס איך געגאַנגען אין אַמסטערדאַם?

— אַזוי זיך, נישט שלעכט, נאָר ס׳איז מיר נימאס געוואָרן צו וווינען אויף אַן אַלטער שיף, מ׳איז געווען צופיל צוזאַמען, כ׳האָב נישט געקאָנט מאַלן, כאָטש אַ גוטע חברה.

וואָס פאַרא חברה דאָס איז, האָב איך אים שוין נישט געדאַרפט פרעגן. כ׳האָב נישט איין מאָל צוגעקוקט זיך אין אַמסטערדאַם צו די היפּיס, וואָס האָבן געגעסטעט אין אַלטע פּאַסאַזשיר־שיפלעך ביי די ברעגן פון די אַמסטערדאַמער קאַנאַלן. אַהין טרעפן אַריין בלאָנקענדיקע פון אַלע לענדער. ס׳איז זייערער אַ מין צענטער. ס׳איז באַלד אויך פאַר מיר קלאָר געוואָרן פון וואַנען ס׳נעמט זיך זיין אויסטערלישער הולך. אָבער קראַנטער אויסצומיידן פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות דערמיט. האָט מען געשמועסט סתם אַזוי זיך.

נאָכן אונטערלענען זיך דאָס האַרץ מיטן זאַטן „קאָטר־ער״, איז מיין גאַסט אויפגעלייגטער געוואָרן.

— כ׳זוך עפּעס אַן אַרבעט, אויף עטלעכע שעה אין טאָג, אָדער אויף צוויי טעג אין דער וואָך. ס׳קומט מיר אונטער צו דינגען אַ וווינונג, אַ קליינע מאַנסאַרדע אויפן 6־טן שטאָק. כ׳וועל קאָנען מאַכן אַן אַטעליע, כ׳וועל קאָנען מער מאַלן. כ׳צאָל איין פאָרויס פאַר צוויי חדשים. נאָר מ׳דאַרף עמעצער זאָל גאַראַנטירן, אַז כ׳וועל צאָלן דירה־געלט.

אויב אַזוי, בין איך שוין אויף אַ דרך מיט אים. איך ווייס שוין אין וואָס ס׳גייט. און אַז מ׳האָט שוין באַטראַכט צוזאַמען די גאַנצע זאַך ווי אַזוי צו באַקומען עפּעס אַן אַרבעט און ווי אַזוי צו דינגען די מאַנסאַרדע, בין איך אויפסניי אויף אַ גוטן וועג. מ׳קאָן שוין גיין ווייטער, כאָטש איך פאַרשטיי, אַז מ׳דאַרף נאָך אַלץ זיין פאָרזיכטיק. די דאָזיקע יונגע חברה האָט נישט ליב מ׳זאָל זיך צופיל אַריינמישן אין זייערע געשעפטן. שטייט מען צופיל צו, איז אַ פאַרשפּילטע זאַך. ביים אויספרעגן דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק.

— מיט אייערע עלטערן שרייבט איר זיך אָפט איבער?

— זיי שרייבן אָפט, פאַרוואַרפן מיך מיט בריוו.

— און איר?

— אַז ס׳גלוסט זיך אַמאָל שרייב איך אַן אַ בריוול, נאָר ס׳גלוסט זיך נישט שרייבן צו זיי.

— איר זענט דען ברוגז מיט אייערע עלטערן?

— זיי זענען אויף מיר ברוגז, האָבן צו מיר טענות, גאַנצע בערג טענות, האַלטן אין איין געבן מיר עצות.

כ׳האָב ריזיקירט און צוגעוואָרפן:

— עצות קומען אַמאָל צו נוץ. אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט, אַז דער קליגסטער מענטש נייטיקט זיך אַמאָל אין אַן עצה . . .

— אין אַזעלכע עצות, ווי זיי גיבן מיר נייטיקט מען זיך נישט.

ער האָט צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געגעבן. דער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט צווישן זיינע ליפּן און איבערגעגאַנגען אין אַ גרימאַסע:

— זיי ווילן מאַכן פון מיר אַ לייט, האָקן אַ קאָפּ מיט תכלית. כ׳זאָל קומען צו זיי קיין ישראל, ס׳וועט מיר גאָרנישט פעלן, אַבי כ׳זאָל שטו־דירן.

— אפשר איז דאָס אַ גלייכע זאַך? ווען דען זאָל אַ מענטש שטודירן אויב נישט אין דער עלטער?

— מיינע עלטערן האָבן שטודירט אין מיין עלטער, זיי זענען געוואָרן אַ לייט, געווען שטענדיק זיכער, אַז אַלץ וואָס זיי טוען איז אַ גלייכע זאַך, ווי איר זאָגט. איז וואָס דערפון אַרויסגעקומען? זיי פלעגן מיר זאָגן, אַז זיי בויען אַ נייע וועלט. אויף דער עלטער האָבן זיי געמוזט אַנטלויפן פון דער נייער וועלט, וואָס זיי האָבן אַליין געבויט. איצט זאָגן זיי מיר צו, אַז ס׳וועט מיר גאָרנישט פעלן ביי זיי. פריער, אין פוילן האָט מיר אויך גאָרנישט געפעלט ביי זיי, נאָר פון דעם גאָרנישט פעלן איז גאָר־נישט געוואָרן. ס׳איז פאַרבליבן אַ פוסטקע. אַלץ איז געווען אָפּנאַרעריי. אומעטום אָפּנאַרעריי. מענטשן, וואָס ווערן אַ לייט, וואָלטן איינע די אַנדערע גמיתט. מיינע חברים זענען נישט קיין לייט, זוכן נישט קיין תכלית, אָבער זענען גוטע מענטשן, וועלן קיינעמען קיין שלעכטס נישט טאָן, זיי טיילן צווישן זיך אַלץ, וואָס זיי האָבן. מען טרעפט אומעטום אַזעלכע, וואָס זענען אַ לייט, און זענען גרייט איינער דעם אַנדערן פון גאָרגל אַרויסצורייסן. איז וואָס טויג זייער לייטישקייט.

ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך די ווערטער אין איין אָטעם. די באַקן איבער דער באָרד האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ ראָזקייט, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס מאַכט אַ גרויסן אָנשטרענג, צווינגט זיך אויף אַרויסצו־זאָגן דאָס, וואָס ליגט אים שווער אויפן האַרץ. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך אומגעקערט צו דאָס זייניקע:

— מיינע עלטערן געפעלט נישט מיין פירעכץ. איך געפעלט זיכער

אויך נישט. קיינעם געפעלט נישט ווי איך און מיינע חברים פירן זיך. מ׳וויל מיר זאָלן זיין אַנדערש, טאָ זאָלן זיי אַליין פריער אַנדערש ווערן, זאָלן זיי ווערן בעסערע מענטשן.

כ׳האָב געפונען אַן אָרט ווו אַריינצושטעקן אַ וואָרט:

— אייערע עלטערן זענען דען נישט קיין גוטע מענטשן?

— כ׳זאָג נישט אַז זיי, כ׳רעד בכלל וועגן אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך פאַר לייטישע מענטשן, פּרעדיקן לייטישקייט און אַליין...

— מיר רעדן וועגן אייערע עלטערן.

— מיינע עלטערן האַלטן, אַז איך דאַרף, איך מוז זיך פירן ווי אַלע, קודם כל ווי זיי. זיי האָבן אַמאָל שטודירט, דאַרף איך אויך שטודירן, זיי זענען געפאָרן קיין ישראל, דאַרף איך אויך אַהין פאָרן, נאָר איך דאַרף, דאַרף און דאַרף!

כ׳האָב ריזיקירט אים צו פאַראינטריגירן:

— אינטערעסירט אייך נישט צו וויסן ווי אַזוי ס׳איז דאָרט? צו זען אַ נײַ לאַנד?

— זען האָב איך שוין געזען. געווען אַ יאָר. כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. אַלץ איז מיר דאָרט פרעמד געווען. כ׳האָב זיך דאָרט פון אַן אַמאָליקן שול־חבר דערוווּסט, אַז כ׳בין אויפּסנײַ קיין ייד נישט, ווייל כ׳בין נישט געמלעט. ביז 1968 בין איך אין פוילן אויך קיין ייד נישט געווען. מיינע עלטערן האָבן ביז דעמאָלט אויסבאַהאַלטן פאַר מיר. זיי האָבן מיר קיינמאָל וועגן גאָרנישט דערציילט. איצט ווילן זיי כ׳זאָל זיין אין ישראל. וואָס ווייס איך פון דעם אַלעמען?

אין מיין זכרון האָט מיט אַמאָל אַנגעקלאַפּט אַ דערינערונג. ס׳איז געווען שוין זייער לאַנג. דער איצטיקער 22־יאָריקער בחור איז אַ קליין ייִנגל געווען, אפשר פון אַ יאָר 8־9. אַ צופאַל האָט מיך בעת די זומער־פעריען צונויפגעפירט מיט דער כעמיקערין קאָנבערינסקאַ. מיר זענען געווען אין זאַקאָפּאַנע אין אַן אָפּרו־הויז. אונדזערע קינדער האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט. מיר האָבן צייטנווייז צוזאַמען שפּאַצירט. בעת אַזאַ זעלטענעם שפּאַציר האָט מיין יידיש בוך זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער מיין אָרעם און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. פרוי קאָנבערינסקאַ האָט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן געקוקט אויף דער יידישער שריפט.

— אַהער נעמט איר מיט אַזאַ בוך?

— פאַרוואָס נישט אַהער? — האָב איך צוריקגעפרעגט.

— אייער ייִנגל שטעלט אײַך נישט קיין פראַגן וואָס פאַראַ בוך דאָס איז?

— מײַן ייִנגל דאַרף נישט שטעלן קיין פראַגן, ער ווייסט וואָס פאַראַ בוך דאָס איז, איך באַגער אויך ער זאָל דאָס קאָנען לייענען.

זי האָט איצט געקוקט אויף מיר, ווי כ׳וואָלט נישט געווען ביים פולן זינען, האָט אויך נישט אויסבאַהאַלטן איר עמפערונג:

— צו וואָס אַרײַנפירן אַ קינד אין אַזאַ מיסטעריע? צו וואָס שאַפן ביי אים קאָמפּלעקסן? פּראָבלעמען?

מיר האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט, געאַמפּערט. וויקטאָרס מאַמע איז געבליבן אייזן־שטאַל ביי אירס: זי וועט קיינמאָל איר קינד נישט אַרײַנפירן אין דער פלאָנטערניש, ער וועט וואַקסן נאַטירלעך, ווי אַלע קינדער, וועט דערנאָך זיין אַ מענטש אָן קאָמפּלעקסן.

יענע אויפגעשוווּמענע אין זכרון פאַסירונג האָט זיך איצט צונויפגעקייקלט מיט וויקטאָרס לעצטע ווערטער. אַ פראַגע האָט זיך מיר פון זיך אַליין אַרויפגעגליטשט פון צונג:

— צי טראָגט איר אַ בייז האַרץ אויף אייערע עלטערן וואָס זיי האָבן אײַך אַמאָל נישט געזאָגט דעם אמת?

— אַ בייז האַרץ, צי נישט קיין בייז האַרץ, נישט אין דעם גייט. כ׳ווייס אָבער, זיי האָבן געטאָן אָן אומרעכט קעגן מיר. ס׳איז מיר פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שטיין אויפן קאָפּ, כאָטש מיר איז אַלץ איינס, אַ ייִד, אַ נישט־ייִד. איך האָב אָבער מיט איין מאָל זיך דערזען אַ ייִד און נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס. ס׳האָט מיר נישט געלאָזט רוען. כ׳האָב זיך געפרעגט און נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער פאַרוואָס מיינע עלטערן האָבן אויסבאַהאַלטן פאַר מיר. צו וואָס האָט זיי דאָס געטויגט? כ׳האָב זיך דערפילט אָפּגענאַרט פון זיי. נאָך הײַנט דאַכט זיך מיר, אַז ווען ס׳איז דאָ עפּעס אַ געלעגנהייט, נאַרן זיי מיך אָפּ, אַז זיי ווילן מיר פאַרנאַרן קיין ישראל, ווילן מאַכן פון מיר אַ מענטש אַזוי ווי זיי פאַרשטייען דאָס. שפּילן אויף דער מאַנדאָלינע, מאַכן פאַרטרעטן אויפן מאַנמאַרטר הייסט ביי זיי פאַרלוירענע צייט, איך לערן זיך גאָרנישט אויס. פאַר מיר פאַרקערט, כ׳לערן זיך אַ סך מער, ווי כ׳וואָלט זיך אויסגעלערנט אויפן אוניווערסיטעט.

כ׳האָב זיך צוגעהערט צו וויקטאָרס רייד און נישט געוואָלט גלויבן מיינע אייגענע אויערן. ס׳האָט זיך מיר אָקערשט געדאַכט, אַז ער קען

קיין צווײ נישט ציילן. דאָס באַוואָקסענע פּנים האָט אויסגעזען שעמעוודיק. די ערשטע ווערטער זענען אים קוים דורכגעגאַנגען דורכן האַלדז. איצט דאַרף מען אים נישט ציען פאַר דער צונג. ער רעדט מיט פּאַסיע, מיט איבערצייגונג, זשעסטיקולירט נערוועז מיט די הענט. ס׳איז קענטיק, אַז ס׳האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן אַ סך אויפן האַרץ און ער האָט אַ באַדער־פעניש זיך אַראָפּצורעדן.

— מיין מוטער באַוויינט מיך אין די בריוו. זי האָט מיך געפרעגט אין איינעם פון אירע בריוו צי ס׳איז אמת וואָס זי האָט געהערט ; מ׳האָט איר דערציילט, אַז כ׳בין געוואָרן אַ היפּי. זי האָט מיך דאָס געפרעגט מיט אַזאַ שרעק, ווי איך וואָלט געוואָרן אַ פאַרברעכער. קעגן וועמען בונטעווע איך זיך ? — פרעגט זי מיך. אַז זי האָט זיך אין מיין עלטער גע־בונטעוועט קעגן אַלץ און אַלעמען איז רעכט געווען. איך טאָר זיך אויף מיין אופן נישט בונטעווען.

— איר האָט געענטפערט אייער מוטער אויף איר בריוו ?

— נישט געענטפערט. מיר פאַרשטייען זיך נישט, פּונקט ווי מיר וואָלטן נישט גערעדט אויף דער זעלבער שפּראַך. זי האָט דערוואַרט כ׳זאָל ווערן אַ גרויסער מענטש און איך בין געוואָרן אַ וואָס ? אַז איך חבר זיך מיט היפּיס, בין איך מסתמא אויך אַ היפּי. מען קלעפּט גלייך צו אַן עטיקעט. אויב איך פאַרטראַג נישט מ׳זאָל מיך צווינגען זיך צו פירן ווי אַנדערע, אויב איך וויל זיין פריי און פירן זיך אַזוי ווי מיר גע־פעלט, בין איך מסתמא אַ היפּי. מיינע עלטערן האָבן אין פּוילן געהאַנדלט אַזוי ווי מ׳האָט געהייסן. מיטן אייגענעם שכל האָבן זיי קיין טריט נישט געמאַכט. אַלץ האָט געדאַרפט זיין ווי ס׳איז געווען אָנגעוויזן, לויט אַ מאָדעל. מ׳האָט נישט אָפּגעווייכט פון מאָדעל. זינט איך געדענק איז אַזוי געווען. ביי זיי האָט עס געהייסן אַ נייע וועלט. וואָס ס׳איז געוואָרן פון דעם ווייסט איר. זייער נייע וועלט איז זיך צעפאַלן, ווי אַ קאָרטן־שטיבל. איצט זוכן זיי תכלית פאַר מיר. כ׳האָב פיינט זייער תכלית, דעם איצטיקן, פּונקט ווי דעם פריערדיקן.

כ׳האָב אים געלאָזט רעדן. די צונג האָט זיך אים אַזוי אויפגעבונדן, אַז איך האָב פאַרשפּאָרט צו שטעלן פראַגן. כ׳האָב אויך ליבערשט געוואָלט ס׳זאָל זיין אַ מאָנאָלאָג, ווי אַ דיאַלאָג. אויך אים איז דאָס אפנים ליבערשט געווען.

אויף די כוואַליעס פון גורל

וויקטאָר איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו מיר. יעדעס מאָל האָט ער מיטגעבראַכט עפּעס אַ צייכענונג, אַ בילדל, געמאָלן אויף טעקטור. אַלץ פון זעלבן זשאַנער, פון אַ קאַריקאַטוראַלן כאַראַקטער. אַ מאַן, אַ פרוי, צי אַ קינד — אַלץ איז געווען אין קאַריקאַטור. און אָנגעזאָפּט מיט אומעט. און פאַרט, זינט ער האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין דער מאַנסאַרדע אויפן 6־טן שטאָק, האָט זיין הולך שטופּנוויז זיך געענדערט. די ווילד־צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ זענען אַלע מאָל מער געלאַסענער געוואָרן. די באָרד איז געוואָרן יינגער, קירצער, דער בחור איז צומאָל געוואָרן זויבערער.

**
*

ס׳איז געווען נאָך אַ שטיקל צייט, ווי וויקטאָר האָט זיך נישט געוויזן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אַריין נישט ווי געוויינלעך. ער האָט זיך באַגריסט מיט אַ ברייטן שמייכל. כ׳האָב דערקענט, אַז ער קומט מיט עפּעס נייעס. ער האָט מיר טאַקע גלייך מודיע געווען, אַז ער האָט מיר „עפּעס צו ווייזן״. ער האָט מיר נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויפן „עפּעס״ און פון אַן אָנגעפּראָפּטער קאַרטאָטעקע אַרויסגעצויגן אַ היפּשע צייכענונג: אַן אַלטער ייד מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, מיט אַ לאַנגער מאַיעסטעטישער באָרד, אַ פאַרזונקענער אין מחשבות. דאָס הדרת פנים אַ מילדס, אויגן גוטע, קלוגע. די גאַנצע געשטאַלט באַהויכט מיט רוחניות. דער פּאָרטרעט איז נישט ענלעך געווען צו קיין שום פון זיינע פריערדיקע אַרבעטן.

— דאָס איז אייער צייכענונג? — האָב איך זיך געוואונדערט.

— מיינע.

— ווער איז דער ייד?

— מיין זיידע.

— אייער זיידע? איר האָט אים דאָך נישט געקענט. האָט איר גע־צייכנט פון אַ פאָטאָגראַפיע?

— ניין. מיינע עלטערן האָבן עפּעס מיטגעשיקט פאַר מיר מיט אַ קרוב. האָבן מיר זיך צונויפגערעדט. דער קרוב איז אויך געווען אין געטאָ. האָט ער מיר דערציילט וועגן מיין מאַמעס טאַטן, וואָס פאַר אַן

אײדעלער מענטש ס׳איז געװען. די דײטשן האָבן אים געשאָסן אין געטאָ. דער קרוב האָט אים פֿאַר מיר געשילדערט װי אַזױ ער האָט אױסגעזען, װי אַזױ ער פֿלעגט זיך פֿירן; האָב איך לױט דעם, װי כ׳האָב זיך אים פֿאָרגעשטעלט, געצײכנט מײן זײדן. געפֿעלט אײך די צײכענונג?

— זײער.

— כ׳װעל מאַכן פֿון מײן זײדן אַ גרױסן פּאָרטרעט.

אויף די כוואַליעס פון גורל

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ העל־ליכטיקער, אַ זוניקער. דער אַנהויב אַפּריל־פרימאָרגן אַ פרילינגדיקער. נאָך די לאַנגע רעגנס האָט דער הימל, אַן אויסגעצוואָגענער, זיך אַנגעקליידט אין ווייס־בלוי. ער האָט אַנגעזאָגט אַ גוט וועטער.

חנה האָט געזאָלט זיך לאָזן ווילגיין און בלייבן לענגער ווי געוויינ־לעך אין בעט. אהרון איז דאָס מאָל נאָך אויפגעשטאַנען פרי, געמוזט אָפּשיקן אַ לופט־פּאָסט בריוו, זיך אַראָפּכאַפּן פאַר איינוועגנס אין באַנק אַרויסצונעמען אַ ביסל געלט. און ביידע, סיי די פּאָסט, סיי די באַנק געפינען זיך ווייטלעך פון זייער הינטערשטאָטישער, קליינער ווילע. אויס־צומיידן אַ לאַנגע רייע איז ער אַרויס פון שטוב פרי צו זיין פון די ערשטע. ער האָט צוגעזאָגט דעם ווייב, אַז נאָר דאָס מאָל הייבט ער זיך אויף פרי. נעכטן האָבן זיי אָוועקגעשיקט דעם פאַרפּאַקטן ראַמש בילדער צו דער אויסשטעלונג. צו דער נסיעה בלייבט זיי נאָך קאַרגע צוויי חדשים. זיי וועלן זיך איצט לאָזן ווילגיין. אַנגעטירחהט זיך אָן אַ שיעור, נישט אַנגעזען קיין מענטש פאַר די אויגן. איצט וועלן זיי פאַרבעטן און גיין אין געסט, דער עיקר גיין אויף אויסשטעלונגען, וואָס זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט; ס׳וועט זיין חי־געלעבט.

חנה האָט צוגעזאָגט דעם מאַן צו בלייבן היינט ביז שפּעט אין בעט און נישט געהאַלטן וואָרט. די פרייד פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט האָט זי אונטערגעהויבן. זי איז אַריין אין צווייטן צימער און אויפגע־פּראַלט דאָס פענצטער. אַ יונגע זון האָט פאַרגאָסן די גערוימע קאָמער מיט פריצייטיק פרילינגדיקער שטראַליקייט. די יונגע סאָסנעס און עטלעכע אַקאַציע־ביימער אין גאָרטן האָבן שוין פאַרשפּרייט אַ פרילינג־דיקן אַראָמאַט. די גרינע סאָסנע־נאָדלען האָבן חנהן דאָס מאָל אויסגעזען גלאַנציק־גרינער ווי געוויינלעך. זי ווייסט חנה, אַז שוין אין העלפט פעברואַר הייבן אָן די סאָקן צו צירקולירן אין די ביימער און ווי גיך די זון דערוואַרעמט זיי, ענדערן די ביימער די קאָלירן, הייבן אָן פאַר־שפּרייטן פרישע אַראָמאַטן.

חנה שפּיגלט זיך פּשוט אין די ביימער, אין די אַנדערע געוויקסן

און בלומען אין גאָרטן. זי האָט טײלמאָל חשק אַרומצונעמען אַ בוים און אים צודריקן מיט ליבשאַפט צום האַרצן. צוליב די בײמער, דעם גאָרטן אַרום דער קלײנער ווילע, איז זי מיט יאָרן צוריק אײנגעגאַנגען צו װױנען הינטער דער שטאָט. איצט באַטראַכט זי די בײמער מיט אַנטציקונג, קאָן נישט אָנזעטיקן דאָס אויג. אויף אירע בילדער זענען די בײמער, די בלומען איבערגעטראָגן אין פאַרשידענע פאַזן. זי האָט פיל מאָל איבערדערצײלט אהרונען, אַז װען באַזוכער האָבן קלאָד מאָנע געפרעגט װוּ ס׳געפינט זיך זײן אַטעליע, האָט ער אָנגעװיזן אויף זײן גרויסן, שײנעם גאָרטן אין זײן נחלה אין זשיװערני: „אָט דאָס איז מײן אַטעליע״. און זי האָט טרוימעריש צוגעגעבן: כ׳האָב נישט מאָנעס טאַלאַנט און נישט זײן גרויסאַרטיקן גאָרטן אָבער אין מײן באַשײדענעם גאָרטן האָב איך פאָרט זיך געמאַכט אַן אַטעליע.

קוקנדיק איצט דורכן אָפענעם פענצטער אויף די בײמער איז חנהן דורכגעפלויגן אַ געדאַנק אין קאָפּ: אָנשטאָט זי צו טרעפן אין בעט װעט אהרון זי טרעפן אַ פיקס און פאַרטיקע צו לאָזן זיך אויף אַ פרײמאָרגנדיקן, פרילינגדיקן שפּאַציר. זי איז אַרײַן אין באָד־צימער, גענומען אויף גיך אַ שפּריץ, זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק און געװאַרט. איז דען הײנט נישט קײן יום־טוב בײ זײ? דער ערשטער טאָג נאָך דעם װי זײ האָבן אַװעקגעשיקט די בילדער צו דער אויסלענדישער אויסשטעלונג. אַן אָפּגעפּרישטע, אַן אויסגעפּוצטע האָט זי ערשט באַמערקט בײ דער װאַנט די צװײ פּאַקעטן מיט איבער דרײ צענדליק גראַװיורן, צײכענונגען. זײ װעלן דאָס נעמען מיטן האַנט־באַגאַזש, אָבער פאַרפּאַקט פאַכמעניש האָבן זײ דאָס צוזאַמען מיט די אַנדערע בילדער. זי האָט די פּאַקעטן אַרײנגעטראָגן אין אַטעליע, קוים אָפּגעקליבן אַ װינקל זײ אײנצוקװאַרטירן.

חנה איז אַרויס פון דער אַטעליע און געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנטזײגערל. װאָס זוימט זיך אהרון אַזױ לאַנג? ער איז אַװעק פרי, װען ס׳איז נאָך נישטאָ קײן רײע און ס׳דויערט. זי איז צוריק אַרײן אין דער אַטעליע; װעט דערװײל מאַכן אַ ביסל אָרדענונג. בײם אָפּקלײבן די בילדער, פּאַקן, אַװעקשיקן האָט זיך געטאָן אויף טיש און בענק; קײן שום זאַך שטײט נישט אויף איר אָרט. זי האָט אַרויפגעװאָרפן אויף זיך דעם אַרבעטס־כאַלאַט, געפּרוּװט גלײכשטעלן דאָס צעװאָרפעניש און װידער געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנטזײגערל. װוּ איז ער פאַרפאַלן געװאָרן? זאָל ער נאָך עפּעס דערלײדיקן אָדער זיך גענומען אײנצו־

קויפן? ס'איז נישט געווען פאַרויסגעזען. אהרון האָט אויף גיך געפּריש־טיקט, איר דערלאַנגט דעם פרישטיק צום בעט און פאַרזיכערט, אַז ווי גיך ער פאַרטיקט זיך אָפּ קומט ער צוריק. אפשר געטראָפן אַ באַקאַנטן, וואָס פאַרהאַלט אים מיט אַ לאַנגער מעשה? אָבער ס'איז נישט אין זיין געוווינהייט זי צו לאָזן וואַרטן.

די שעהען האָבן זיך געצויגן. חנה האָט זיך אָנגעהויבן באַאומרויִקן און איינציטיק זיך באַרויִקט. וואָס איז דאָ איבערצוקלערן? געשעט דען נישט, אַז עמיצער האַלט דיך צו ביי דער פּאָלע אים אויסצוהערן און מ'קאָן זיך נישט אָפּטשעפּען? צום בעסטן וועט זי טאָן אים אַרויס־צוגיין אַנטקעגן. זי איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, זיך אַרומגעקוקט און זיך אומגעקערט. פאַראַן דאָך אַן אַנדער וועג, ער האָט געקאָנט גיין דורך דאָרטן. זי וועט אים איצט זיכער טרעפן אין שטוב. זי האָט אים נישט געטראָפן. וואָס האָט געקאָנט געשען?! זאָל ער האָבן געמוזט ערגעץ אָפּטרעטן און פאַרגעסן איר פריער צו זאָגן דערוועגן?

דער טעלעפאָן האָט איבערגעריסן אירע אומרויִקע טראַכטענישן:

— פרוי ווייסענבערג? אייער מאַן איז אין שפּיטאָל, אין...

— אין שפּיטאָל?! פאַרוואָס? צוליב וואָס?

— צוליב אַ פאַרפאַל.

— זאָגט מיר, וואָס איז אים געשען?!

פון דער צווייטער זייט טעלעפאָן־ליניע האָט מען שוין געהאַט אָפּגעלייגט דאָס טרייבל. זי האָט אויך אַראָפּגעלאָזט דאָס טרייבל און עס באַלד צוריקגענומען אַרויסצורופן אַ טאַקסי. דערווייל, ביז וואָס ווען האָט זי אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס בייטשל קרעלן, אַראָפּגענומען די בראָש; אין שפּיטאָל גייט מען נישט יום־טובדיק פאַרפוצט. די פינף מינוט וואַרטן אויף דער טאַקסי האָבן איר אויסגעזען זייער לאַנג. די קני האָבן געציטערט, די הענט האָבן זיך געטרייסלט ביים עפענען דאָס בייטעלע צו באַצאָלן דעם שאָפער.

ס'האָט געדויערט ביז זי האָט געקאָנט זען דעם מאַן. דערווייל האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אַ לאַסטוואָגן איז אָנגעפאָרן אויף אים ביים דורכגיין די גאַס, און דאָס דווקא אין „פּאַסאַזש קלוטע".

— פרוי ווייסענבערג, אַ נס וואָס ער איז נישט דערהרגעט געוואָרן, וואָס די רעדער האָבן נישט געטראָפן ווייטער...

— ווּ געטראָפן ? — האָט זי געפרעגט די קראַנקנשוועסטער.

— די פּיס, אויך די רעכטע האַנט באַשעדיקט. ס׳האָט קיין סך נישט געפעלט...

מ׳האָט זי אַריינגעפירט אין אַן איינצל־קאַמער. אהרון איז געלעגן אויפן ווייסן בעטל מיט צוויי רערלעך אין די נאָזלעכער, מיט אַן איינשפּריצונגס־נאָדל אין דער לינקער האַנט דורך וועלכער ס׳האָט געפליסט אַ שטראָמעלע אין די אָדערן. דאָס צעקרימטע פּנים טויט־בלאָס, די אויגן פאַרמאַכט, די ליפּן פאַרטרוקנט. ווען חנה האָט זיך אַנגעבויגן איבער אים, האָט ער אויף אַ ווײַלע געעפנט די אויגן און די ליפּן האָבן אויסגעפּרעפּלט : „ח־נה־לע, כ׳ה־אָב ד־יך לי־ב״.

***

נאָך 6 חדשים האָט אַן אַמבולאַנס אהרונען געבראַכט אַהיים אין אַ באַוועגלעכן פאָטעל אין וועלכן ער איז געזעסן מיט צוויי געליימטע פּיס און אַ פאַרשטייפטע רעכטע האַנט. דעם זעלבן טאָג האָט חנה ווידער אַמאָל באַקומען אַ בריוו פון דער ניו־יאָרקער גאַלעריע מיטן סך הכל פון דער דערפאָלגרייכער אויסשטעלונג וואָס דאַרף זיין אַ טרייסט פאַר איר.

פאַר חנהן איז דאָס געווען אַ קליינע טרייסט. אָן אהרונס הילף, אָן זיין אפּוטרופּסות איז זי אויס מאָלערין. איר גאַנצע מאָלעריי, אַלע אירע דערפאָלגן זענען געבונדן מיט אים. ס׳האָט זיך פון אים אָנגעהויבן. ער האָט זי דערמוטיקט, געשטויסן, צומאָל אויפסניי אָנצוהייבן לעבן, בפרט צו ווערן אַן אָנגעזעענע מאָלערין. יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט איר אויסגעפעלט מוט און גלויבן אין זיך, האָט ער איר דערמאָנט :

— געדענקסט ווי דו האָסט דעמאָלט נישט געגלויבט, אַז וועסט קענען... אַז מ׳קאָן אָנהייבן צוריק... אויפסניי...

זי האָט געדענקט. איצט געדענקט זי מער ווי אַלע מאָל. דווקא איצט זענען אויפגעשווומען יענע צייטן.

***

ס׳איז געווען מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק. חנה, אָדער ווי

מ׳האָט זי געהאָט גערופן אַננאַ. האָט זיך קונציק אַרויסבאַקומען פון אַ היטנערשטאַטישן קראָקעווער קלויסטער, ווו זי האָט קאַרגע צוויי יאָר געאַרבעט ווי אַן אויפרוימערין, אַ געהילף אין קיך, געזוכט עמיצן פון דער פאַרצוויגטער משפחה און קיינעמען נישט געפונען. אַרומ־בלאָנקענדיק אַ פאַרזאָרגטע אין דער יידישער געגנט, איז איר אַנטקעגן געקומען אַ יונג פּאָרל, אַנגעהאַנגען אין איר די אויגן און אָפּגעשטעלט זי:

— איר זענט אַ יידישקע, נישט אמת?

— אַ יידישקע.

— קיינעמען נישט פון דער משפחה?

— קיינעמען. ווער זענט איר?

— פון דער בריחה.

— פון וואָס?!

— אַזאַ יידישע גרופּירונג, וואָס העלפט די אָפּגעראַטעוועטע אַרויס־פאָרן...

— ווּהין אַרויספאָרן?

— דערווייל קיין דייטשלאַנד. פון דאָרטן ווייטער, ווּהין מ׳וועט קאָנען.

די צוואַנציק יאָריקע חנה האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם געדאַנק צו אַנטלויפן פון איר טויטער שטאָט, פונעם לאַנד, וואָס איז איר פאַרגעקומען ווי אַ בית עולם, ווי אַ טרינקנדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי. זי האָט נישט געוואָלט בלייבן אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד. זי האָט אויך נישט גערעכנט לאַנג צו פאַרבלייבן אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד. ווי אַפּגעריסענע צווייגלעך פון אַן אויס־געוואָרצלטן בוים נאָך אַ שטורעם איז זי צוזאַמען מיט אַ רומל יונג־וואַרג אָנגעקומען אין אַ די־פּי־לאַגער, ווו זי האָט אַרומגעבלאָנקעט ווי אויפן עולם הדמיון. צייטנווייז האָט זי אָנגעכאַפּט אַ חשק אַנצוואַרפן מיטן בלייער אויפן פּאַפּיר שטריכן פון דעם משונהדיקן אַנלויפעניש.

*****

— איר זענט אַ צייכנערין? אפשר אויך אַ מאָלערין?

חנה האָט אָפּגעריסן די אויגן פון בלאָקל און דערזען פאַר זיך

אַ יונגן מענטש מיט אַ צעשויבערטער, שוואַרצער טשופּרינע און גלאַנציקע, שוואַרצע אויגן. זיין הולך איז נישט געווען שענער ווי דער פון די אַנדערע. ער האָט פּאַרט אויסגעזען זויבערער, אַפּגעהיטענער, נאָר אויסגעמאָגערט ווי די אַנדערע. חנה האָט נישט געענטפערט, נישט געשאָנקען אים צומאָל קיין שמייכל, צוריק זיך גענומען צום בלייפעדער צו שקיצירן. דער יונגער מענטש האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם מיזערנעם בלאָקל, אויף דער צייכענונג. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן. ער האָט אויסגעצויגן צו איר די האַנט:

— איך הייס אַרטור. אַזוי אויף פּויליש. ביי אונדז אין שטוב האָט מען מיך גערופן אהרון. ווי רופט מען אייך?

איצט האָט זי אים געשאָנקען אַ בלאַסן שמייכל:

— ס'איז געווען אַזוי ווי ביי אייך. אין דער שולע האָט מען מיך גערופן אַננאַ, אין דער היים חנה.

— חנה, איר צייכנט זייער פיין.

ער האָט ווידער געפרעגט:

— זענט איר אַ צייכנערין? אפשר גאָר אַ מאָלערין?

— כ'האָב געלערנט אַ יאָר אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע. פון דעם איז מען נאָך נישט קיין מאָלערין, אָדער אַ צייכנערין.

אין דער אמתן האָט חנה געמאָלן, געצייכנט אַ סך לענגער ווי אַ יאָר, מ'קאָן זאָגן פון קינדוויַז אָן. נאָכן באַקומען די מאַטורע האָט דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע פאַרגעלייגט די עלטערן ביי וועלכע זי איז געווען אַ בת יחידה נעבן די 5 זין, מ'זאָל זי שיקן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, ער וועט צוהעלפן זי זאָל אַנגענומען ווערן. דער פרומער טאַטע, דער אַלעקסאַנדרער, הייסער חסיד, האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען דערפון. די זין אָבער, וואָס האָבן ליב געהאַט די איינציקע שוועסטער, האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר איר, איבערגעבראָכן דעם פאַטערס עקשנות. דער חסידישער טאַטע איז לסוף איינגעגאַנגען מיטן תנאי, אַז די געראָטענע טאָכטער זאָל נישט צייכענען און נישט מאָלן קיין מענטשלעכע געשטאַלטן, דערמאָנענדיק איר פאַר יעדעס מאָל דעם לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה.

ווען חנה איז אָנגעקומען מיטן נאַקעטן לעבן און מיט צוויי בלייפעדערס אין בייטל אין די־פּי־לאַגער, האָט זי זיך אויפסניי דערפילט איינזאַם אַליין, אַן אַרויסגעוואָרפענע פון ים־כוואַליעס אויף אַ וויסטן,

פרעמדן ברעג. אַ שטורעם האָט זי פריער שיער נישט פאַרשלונגען, לסוף זי אַרויסגעשליידערט אויף אַ רוישיקן אינדזל. און דאָס משונהדיקע אינדזל מיט די אַרויסגעוואָרפענע, אויסטערלישע פאַרשוינען האָבן ווי געפּאָדערט פון איר, אַן אינערלעכער רוף האָט זי געשטויסן אַרויס־צוברענגען אַלץ אויפן פּאַפּיר, וואָס זי האָט אויסגעבעטלט אין דער קאַנצעלאַריע אין דער פאָרם פון אַ ביוראָ־בלאָקל. וואָס וואָלט פון איר געוואָרן אָן דעם־אַ באַגער איבערצוגיסן אויפן פּאַפּיר דעם אויסטערלישן געזעמל, די פאַרשידענע פאַרשוינען? איינע אַליין אויף דער וועלט איז דאָס צייטנווייזיקע צייכענען געוואָרן דער פּאָדים, וואָס האָט זי פאַרבונדן מיטן לעבן.

מיטאָמאָל האָט זי דערפילט מיט אַלע חושים, אַז זי איז נישט אייניקע אַליין אויף דער וועלט, אַז עמיצער וואַכט איבער איר. דער אינזשעניער אַרטור וויסענבערג האָט זי גענומען אונטער זיין אַפּוטרופּ־סות, אונטערגערוקט איר אַ בעסערן ביסן, געלערנט ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן אין דעם טומל, דער עיקר באַוווּנדערט אירע צייכענונגען און געמוטיקט אויך צו מאָלן.

— אַט זענען פאַרבן צו מאָלן און טעקטור אַנשטאָט לייוונט, האָט ער אויסגעצויגן צו איר אַ פּאַקעטל, ווען ער איז צוריקגעקומען פון שטאָט.

אהרון איז אין די־פּי־לאַגער געקומען פון וואַלד, ווו ער האָט מיט אַ פּילצאָליקער גרופּע פאַרטיזאַנען זיך אַריבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט, אויסגעלערנט זיך דאָרט אויסצומיידן גרויסע געפאַרן, געוווּסט ווי אַזוי זיך איינצושאַפן שפּייז ביי די פּויערים אין די אַרומקע דערפער, צוגעוווינט געוואָרן זיך אַן עצה צו געבן אין די שווערסטע אומשטענדן. די עטלעכע יאָר אין די וועלדער אין שטענדיקער געפאַר, דער יידישער חורבן אין לאַנד האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז מ׳דאַרף אַוועק ווו די אויגן טראָגן. קיין משפּחה אין געבוירן־לאַנד איז נישט פאַרבליבן. האָט ער אָנגעהויבן זוכן משפּחה ערגעץ אַנדערש, געשריבן קיין ווין צו אַ פעטער ביי וועלכן ער האָט זיך אויפגעהאַלטן בעת ער האָט דאָרט שטודירט. אפשר, אפשר איז פאָרט עמיצער לעבן געבליבן.

— חנהלע, פאָרסט מיט מיר קיין ווין? באַקומען אַן ענטפער פון פעטער, ער האָט זיך געראַטעוועט מיט אַ זון. דורך עפּעס אַ נס. האָט שוין אַפילו געעפנט זיין אונטערנעמונג פון מעדיצינישע אינסטרומענטן.

ער זאָגט מיר צו גאָלדענע גליקן. נו, פאָרסט מיט מיר קיין ווין?
חנה האָט געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט און געשוויגן. נישט געוואָגט גלייך צו ענטפערן.

— נו, וואָס שווייגסטו? פאָרסט מיט מיר קיין ווין? אַ שיינע שטאָט. אַ גוטער פעטער.

— אַ שיינע שטאָט, אָבער די מענטשן? וויפֿיל נאַציס דאָרט געווען? חוץ דעם, כ׳פאַרטראָג נישט די דייטשע שפּראַך.

— האָסט דאָך מיר געזאָגט ביסט געווען די בעסטע שילערין פון דייטש, געלייענט די דייטשע קלאַסיקער, געשריבן בריוו אין דייטש.

— דאָס איז געווען פריער. היינט קאָן איך די דייטשע שפּראַך נישט הערן, ס׳דוכט מיר, אַז כ׳הער יענע. דערפאַר אויך וויל איך וואָס פריער אַוועק פון דאַנען.

— וווהין?

— צום גערנסטן קיין פּאַריז, געטרוימט שטענדיק וועגן פּאַריז.

— יאָ, פאַר אַ מאָלערין פּאַריז; ס׳ציט. אָבער מיר קענען דאָך ביידע נישט קיין פראַנצויזיש. קיין פעטער איז דאָרט נישטאָ; ווי אַזוי וועל איך דאָרט אַרבעטן ווי אַן אינזשעניער אָן דעם לשון אין מויל.

— מ׳וועט זיך אויסלערנען פראַנצויזיש; דערווייל וועל איך פאַרדינען. מ׳זאָגט, אַז אין פּאַריז קריגט אַ פרוי לייכט אַ באַשעפטיקונג ביי שטוב־אַרבעט, צווישן יידן. דו וועסט דערווייל לערנען די שפּראַך.

— ס׳וועט שוין זיין פאַרקערט. אַ מאַן קאָן אויך באַקומען עפּעס אַ באַשעפטיקונג. דו וועסט צוריק ווערן אַ סטודענטקע. אין אַ קונסט־אַקאַדעמיע.

חנה האָט זיך אַ ביסל געשפּאַרט, אָבער געשען איז אַזוי ווי אהרון האָט פאַרפּלאַנירט. די געוועזענע סטודענטקע האָט אויפסניי אויסגע־האַלטן אַן עקזאַמען אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער הויכשול פאַר קונסט, געלערנט פינף יאָר, באַקומען צומאָל אַ קליינע בורס און דערנאָך אַ דיפּלאָם מיט אַן אויסצייכענונג. דער אינזשיניער וויסנבערג האָט אין דער זעלבער צייט דעם גאַנצן טאָג געפּרעסט הויזן אין אַ יידישן שניידער־וואַרשטאַט, אין אָוונט געלערנט דריי מאָל אין וואָך פראַנ־צויזיש אויף אָוונט־קורסן; מיט די ציין זיך איינגעביסן אין פרעמדן לשון און באַוויזן נאָך צו פירן די באַלעבאַטישקייט, כדי חנהלען נישט אָפּצורייסן פון דער מאָלעריי. ערשט נאָך 6 יאָר, ווען די צונג האָט

זיך שוין געדרייט גלאַטיק מיטן פראַנצויזיש, האָט אהרון־אַרטור דורך פּראָטעקציע זיך דערשלאָגן צו אַ פּאָסטן אין זיין פּראָפעסיע.

— דאָס ערשטע געווינס וועט זיין וואָס דו וועסט נישט מוזן זיך יאָגן נאָך אַ קונה צו פאַרקויפן אַ בילד.

אהרון האָט אַ ביסל איבערגעטריבן. חנה איז געווען אַ קנאַפּע יאָגערין נאָך אַ קונה. נאָענטע קאָלעגן האָבן געזאָגט וועגן איר, אַז דער רבונו של עולם האָט זי געבענטשט און געשטראָפט, געבענטשט מיט טאַלאַנט און געשטראָפט מיט אומגעשיקטקייט אָפּצושטעקן אַ גוט בילד פאַר אַ רעכטן פּרייז. האָט זיך שוין איין מאָל אין אַ יובל געיאָוועט אַ בעלן אויף אַ בילד, איז אויב אהרון איז דערביי נישט געווען, האָט זי אָוועקגעגעבן פאַר אַ שיבוש. דער מזומן פאַר די פאַרקויפטע בילדער אויף אַן אויסשטעלונג האָט קוים געדעקט די הוצאות פון די צוגרייטונגען און פאַר דער גאַלעריע. אהרון האָט זיך פון דעם אַלעמען קיין צרות נישט געמאַכט. אַ ליבהאָבער פון קונסט, איז ער צופרידן געווען וואָס ער האָט אין שטוב אַ גרויסע קונסט־קאָלעקציע, בפרט געשאַפן פון אייגענעם ווייב. חנה האָט זיך אָפטמאָל באַקלאָגט:

— וואָס קומט אַרויס פון דער קאָלעקציע, פון מיין גאַנצער מאָלעריי, אַז קיין קאַפּ פּרנסה איז פון דעם נישטאָ.

— צו וואָס דאַרפסטו פּרנסה פון דיין מאָלעריי? אויף פּרנסה בין איך דאָ. דו ביסט צו מאָלן, צייכענען. ווילסט אויספּרוּוון דיינע כוחות אין גאָבעלינען? אדרבא ואדרבא, נאָר נישט מיטן געדאַנק צו ציען פּרנסה דערפון. פּרנסה איז נישט דיין זאַך. זוכסט פאַר וועמען עס אונטערצונעמען? פאַר מיר. פאַר אונדז.

ביסלעכווייז האָט זיך חנה צוגעווינט, אַז אהרון איז דער אָפּנעמער פון איר קונסט, איר מעצענאַט, דער עיקר דער מבין. זי האָט נישט פאַרענדיקט קיין בילד אָן אהרונס מבינות.

— מיינסט נישט, אַז אין דער קאָמפּאָזיציע פעלט אַ ביסל גלייכ־געוויכט? אַז אין דעם בילד פעלט ליכט? אַז די געדעמפטקייט פון דער פאַרב...?

און חנה האָט אָפּגעקראַצט אַ פלעק, געלייגט אַן אַנדערן, באַלויכטן אַ פראַגמענט, זיך אומגעקערט מערערע מאָל צום זעלבן בילד, אויס־געפונען, אַז די־אָ פאַרב איז צופיל איינגעלאָשן, אַן אַנדערע נישט

געגוג לייכט, צו ווייניק דורכזיכטיק. זי האָט אַ סך אַריינגעאַרבעט אין אַ בילד נישט נאָר צוליבן אייגענעם דראַנג צו שלימותדיקייט נאָר אויך לויט אהרונס מבינות.

אין איין פּרט פּלעגט זי זיך שפּאַרן מיטן מאַן, אין פּרט פון שטוב־ווירטשאַפט.

— פאַרכאַפּסט אַלץ! אַלץ אין דיינע הענט. דער פּרנסה־געבער דו, די ווירטשאַפט אויף דיינע פּלייצעס. ס׳איז מיר נאָך אַפילו נישט אויסגעקומען אויסצושרייבן אַ טשעק, אויסצופילן אַ בויגן פאַר דער „סעקיוריטע סאָציאַל״; מאַכסט פון מיר אַ סאַלאָן־דאַמע, אַ פּאַראַזיט.

— באַליידיקט די קינסטלערס! מאָלן, פאַרען זיך אין דער אַטעליע, גיין באַזוכן אויסשטעלונגען איז ביי דיר פּאַראַזיטיזם? ביסט דאָך קיינמאָל נישט פריי. אַרבעטסט דאָך גאָטס שעהען אין טאָג, מער ווי אַ יידישער פּאַסאַניער. איך אַרבעט אָפּ מיינע זיבן שעה אין טאָג און בין מיר פריי, דו קיינמאָל נישט.

און אהרון האָט אין דער פרייער צייט איינגעקויפט שפּייז, געוואַשן דאָס געפעס און פאַרכאַפּט ענלעכע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. אַז חנה האָט נאָך אַ מאָלצייט געוואָלט אָפּוואַשן דאָס געפעס, האָט דער מאַן איר אָנגענומען צערטלעך פאַר די אַקסלען, אַרויסגעשטופּט פון קיך און פאַרמאַכט די טיר.

— אימפּעריאַליסט! אַלץ פאַרכאַפּסטו.

— אָבער נישט דיין מאָלעריי. מיט דיין מאָלעריי פאַרע איך זיך נישט.

אין דער אמתן האָט ער זיך געפאַרעט אויך אַרום איר מאָלעריי. נישט זעלטן איינגעקויפט פאַרבן, לייוונט, אַנדערע אַקצעסאָריעס. ווער שמועסט נאָך, ווען ס׳איז געקומען צו אַן אויסשטעלונג. דעמאָלט האָט ער געהאָט פולע הענט אַרבעט, געהאָלפן צומאָל אין דער גאַלעריע אויסהענגען די בילדער, אָדער אָנגעוויזן ווי אַזוי זיי אויסצוהענגען. די מאָלערין גלינקאַ, אַ פאַרזעסן מיידל, וואָס האָט אַליין געמוזט זיך גוט אנטירחהנען ביי אַלעמען, פלעגט זאָגן וועגן חנהן, ווען דער מאַן האָט זיך געפאַרעט אַרום איר אַן אויסשטעלונג: „זעט נאָר, זעט נאָר, אַזאַ שלימזל און דאָס האָט אַזאַ מזל״.

דאָס מזל האָט פאַר חנהן גאָר אויפגעלויכטן ווען דער מאַן האָט

באַקומען עלטער־פּענסיע. אהרון האָט אויפגעגעבן זיין באַשעפטיקונג ביי ניין און זעכציק יאָר.

— ס׳איז מיין צווייטע יוגנט. אַזוי זאָגן דאָך די פראַנצויזן, ווען מען גיט אויף די באַשעפטיקונגען. ביי דיר, חנהלע, נאָך די ערשטע יוגנט, ביי מיר די צווייטע. וועלן מיר זיך אָפּנעמען וואָס ס׳האָט אונדז אַמאָל, אין מיין ערשטער יוגנט אויסגעפעלט.

דעם פּלאַן האָט ער שוין געהאַט צוגעגרייט פון לאַנג. אין זיינע ערשטע פריע חדשים האָבן זיי געשפּרייזט איבער מוזייען און גאַלעריעס אין רוים, ווענעציע, פלאָרענץ, מאַדריד, אַמסטערדאַם, האַג, געגאַנגען אויף יידישע שפּורן אין קאָרדאָווע, טאָלעדאָ, אין אַנדערע אייראָפּעאישע מקומות און איינגעזאַפּט אין זיך די קונסט פון פעלקער און דורות.

— חנהלע איך ווייס, איך ווייס דו גרייטסט עפּעס צו מיין זיבעציק־יאָריקן געבורטסטאָג. ס׳איז נאָך אַ מהלך פון אַ זעקס חדשים אָבער דו האָסט שוין עפּעס פאַרטראַכט. איז זיי וויסן, אַז איך האָב אויך עפּעס פאַרטראַכט צו דיינע זעכציק יאָר.

— וואָס אַ שטייגער?

— אַן אויסשטעלונג אין אויסלאַנד. אין ניו־יאָרק. אין סאַמאָ־ראָדנעם ניו־יאָרק.

— אין אויסלאַנד? אַזש אין ניו־יאָרק? ווער קען מיך דאָרט? און אויף וועמענס כוחות איז דאָס?

— אויף מיינע. כ׳האָב נאָך גענוג כוחות. דו וועסט נאָר אויס־ענדיקן דעם טוץ נייע בילדער, איבערקוקן די פריערדיקע. דאָס איבע־ריקע לאָז פאַר מיר. איך בין געוואָרן דיין מאַנאַדזשער, ווי אַזעלכער פאַרגעלייגט די אויסשטעלונג, אָוועקגעשיקט רעפּראָדוקציעס, אָפּ־האַנדלונגען וועגן דיין מאָלעריי, בלויז נישט אויסגעזאָגט, אַז דו ביסט מיין ווייב.

ס׳זענען נישט דורכגעגאַנגען קיין לאַנגע וואָכן ווי אהרון איז אַריין צו חנהן אין אַטעליע מיט אַ בריוו אין האַנט און אָנגעזאָגט די בשורה:

— זעסט, האָסט נישט געגלויבט! אָט האָסטו אַן אויסשטעלונג אין אַ באַרימטער ניו־יאָרקער גאַלעריע.

— ניין, כ׳האָב טאַקע נישט געגלויבט, אָבער דו, מיין כישופמאַכער, קאָנסט צונויפפּירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

— דיין קומע, די אַלטע מויד, וואָס איז געוואָרן אַ יונגע מאַלערין אויס לאַנגווייל, האַלט דיך פאַר אַ שלימזל ווייל קאָנסט נישט פאַרקויפן קיין בילדער. אין דער אמתן האָסטו אַ סך מזל.

— ס'איז דיין מזל נישט מיינער. דיר גיט זיך אַלץ איין.

— נו, איצט דאַרף מעןביידע פאַרקאַשערן די אַרבל.

און זיי האָבן פאַרקאַשערט די אַרבל. חנה האָט נישט פאַרלאָזט די אַטעליע, איבערגעקוקט אַלע בילדער, אויסגעענדיקט נייע, פאַר־פראַוועט פריערדיקע, דאָ אָפגעפרישט, דאָ אָפגעקראַצט און געלייגט אַ נייעם פלעק, דאָ עפּעס אַ פאַרב געמאַכט ליכטיקער, דורכזיכטיקער. דאָס ענדגילטיקע אָפקלייבן וועלן זיי מאַכן צוזאַמען. דערנאָך האָט אהרון זיך געפּאַרעט אַרום פּאַקן און אָפּגעשיקט די בילדער מיט דער שיף, ווי די גאַלעריע האָט געעצהט, מיט העכער צוויי חדשים פאַר דער אויסשטעלונג. ווי גיך דער גרויסער באַגאַזש איז אַוועק, האָבן זיי אָפּגעעטעמט. ביזן לאָזן זיך אין דער ווייטער נסיעה וועלן זיי זיין פרייע פייגל.

— דו וועסט זיך קודם כל אָפּרוען נאָכן פּאַקן און שלעפּן די פּעק.

— איך בין דען פאַרמאַטערט? גיכער דו, דו דאַרפסט זיך אויס־רוען. ווי ס'זאָל נישט זיין, מיר וועלן זיך איצט לאָזן ווילגיין, איצט איז דאָס אַן אמתע צווייטע יוגנט מיינע.

אהרון האָט בפירוש געפילט מיט אַלע חושים, אַז ער איז יינגער געוואָרן. ווען איז ער געווען אַזוי פריי? ווען איז אים נאָך געווען אַזוי גוט? באַקומען פאַר די קאַרגע פיר צענדליק יאָר אַ היפּשע פּענסיע. חנהס בילדער האָבן זיך צומאָל אָנגעהויבן פיין צו פאַרקויפן, כאָטש אַן דעם קאָן מען אויך גאַנץ שיין אויסקומען; אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט מזומן איז פאַראַן, אַן אייגענע ווילע אויך. אַ גוטער סך הכל. ס'וועט זיין אַ גוטע עלטער. אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. דערצו איז אים געלונגען אַריינצוטריפן אינעם ווייב גלויבן אין זיך, אין איר קונסט. ס'איז זיין גרויסער נצחון. די אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק וועט נאָך מער באַשיינען זייער לעבן. ער, אהרון איז שוין אַרייַנ־געטראָטן אין האַרבסט פונעם לעבן אָבער אַ האַרבסט קאָן אויך אויספאַלן אַ פרילינגדיקער.

***

זינט יענעם פרימאָרגן, ווען אהרון איז אַ האָפּערדיקער, אויפ־

געלייגטער אַרויס פון שטוב און נאָך אַ סך שעהן שפּעטער געקומען צום פאַרנעפּלטן באַוווסטזיין אויף אַ שפּיטאָל־בעטל, האָבן די טעג און נעכט, די וואָכן און חדשים געשלעפּט זיך מוראדיק פויל. ער איז פאַר דער צייט אַראָפּ פון לייב. דאָס פּנים אויסגעצויגן, אויסגע־בלייכט, פון די אויגן, איינגעגראָבן אין די אויגן־לעכער, טריפט אומעט, צער געמישט מיט ווײ. ער האַלט כסדר די לינקע האַנט אויפן ראָד פון פאָטעל ווי זיך צו פאַרזיכערן, אַז זי, די לינקע האַנט, איז נאָך באַוועגלעך. אים דוכט זיך, אַז זיין גאַנצער גוף איז אומ־באַוועגלעך, פאַרשטייפט, געליימט, אָן רוח החיים, ווי מ׳וואָלט מיט אַ פּאָמפּע אויסגעפּאָמפּעט פון אים יעדן פּלעמל לעבן. דער קאָפּ רוישט מיט אַ משונהדיקן רויש. אפשר דערפאַר פילט ער אַזוי שטאַרק זיין שווערע וואָג? ער זיצט אויף זיינע אַקסלען, דער קאָפּ, ווי אַ שווערע משא, ווי ער וואָלט נישט זיינער געווען. אַ פרעמדער קאָפּ, פרעמדע, געליימטע גלידער, דער גאַנצער קערפּער איז נישט זיינער. ווי קומט עס וואָס זיין גוטע ראיה, זיין שאַרפע שמיעה פאַראַטן אים? ניין, אויך זיי, די שוואַכע ראיה און שמיעה זענען נישט זיינע. אַלץ פרעמד. ער, אהרון, איז זיך אַליין אַ פרעמדער געוואָרן.

צו וואָס טויג אַזאַ לעבן? צו וואָס דער גאַנצער טאַראַראַם אַרום מיר? פּראָמעטיי איז אַלס שטראָף פאַרן ברענגען צו מענטשן ליכט צוגעשמידט געוואָרן צו אַ פעלדז, אַ רויבפויגל האָט אים מיטן שנאָבל אויסגעפּיקט די לעבער, וואָס איז אויפסניי אָנגעוואַקסן און לסוף האָט אים הערקולעס באַפרייט. מיר וועלן קיין נייע גלידער נישט אָנוואַקסן, קיינער וועט מיך פון מיין געליימטקייט נישט באַפרייען. איז צו וואָס זיך מאַטערן און מאַטערן אַנדערע? צו וואָס דער קרבן, וואָס חנהלע ברענגט פאַר מיר?

חנה קערט טאַקע וועלטן צו היילן, ווייניקסטנס צו פאַרלייכטערן דעם קראַנקן מאַן. זי רוט נישט טאָג און נאַכט. האָט שוין אָנגע־שפּאַרט ביי אַלע פּראָפעסאָרן. האָט אָוועקגעוואָרפן די מאַלעריי, פאַר־געסן אין דער ווייטער, גרויסער אויסשטעלונג, אָפּגעשלאָסן זיך פון דער וועלט; האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קראַנקנשוועסטער, אין אַן איבערגעגעבענער מאַמע, וואָס ציטערט און פלאַטערט איבער איר איינציק, קראַנק קינד. זי דאַרף אהרונען ראַטעווען, פאַרלייכטערן די ליידן, מאַכן אים פאַרגעסן אין זיין אומגליק, איבערגיסן אַ ביסל פון

איר אייגן געזונט אין זיין קראַנקן, צעקאַליעטשעטן קערפּער. זי באַגנוגנט זיך נישט מיט די עצות פון דאָקטוירים, זי וויל אַליין אַ דאָקטער זיין, טראַכט צו מיטלען און פּאַרטלען ווי אַזוי צו שטאַרקן דעם מאַנס אָרגאַניזם. זי דערציילט אים פאַרשידענע קאָמישע מעשיות, טיילמאָל נישט געשטויגן נישט געפלויגן, אַבי צו פאַרטרייבן פון אים די שוואַרצע מחשבות. אהרון הערט אויס גלייכגילטיק די מעשיות, פאָלגט נאָך מיט קלעמעניש דעם ווייבס שנעלע באַוועגונגען און טואונגען און שלינגט אַראָפּ אַ זיפק.

— חנהלע, גיי לייג זיך אַ ביסל צו, שלאָגסט זיך אַרויס פון די כוחות.

— אַז איך בין נישט מיד. רעדסט מיר איין, אַז איך שלאָג מיך אַרויס פון די כוחות. באַוועגן זיך איז געזונט, ס׳איז אַ מין גימנאַסטיק.

— טאָ גיי אין אַטעליע מאָלן. פאַרלאָז נישט דאָס מאָלן, טאָרסט נישט אין גאַנצן אויפהערן טאָן דיין אַרבעט.

— ווער זאָגט דיר, אַז איך פאַרלאָז אין גאַנצן? ווען כ׳האָב חשק, כאַפּ איך מיך אַריין אין אַטעליע און מאָל. גלויבסט נישט? איך קאָן דיך אַריינפירן וועסטו זען אַן אָנגעצויגענעם לייוונט מיט אָנגעוואָרפענע ליניעס פאַר אַ בילד.

צווישן אהרונס ליפּן באַווייזט זיך אַ ביטערער שמייכל. ער האָט פאַרשטאַנען. זיין ווייב האָט מסתמא אָנגעצויגן אויפן מאָלגעשטעל אַן אַמאָליקן לייוונט מיט אַ שקיצירטן בילד. פאַראַן ביי איר עטלעכע אַזעלכע לייוונטן. זי האָט זיך באַוואָרנט — אויב ער גלויבט נישט, וועט זי אים וויוזן, אַז ס׳ליגט איר נאָך אין זינען די מאָלעריי.

— חנהלע, ס׳איז דען אויף דיינע כוחות — און אויף וועמענס כוחות יאָ — גאַנצע טעג ביז שפּעט אָוונט טירחהנען אַרום מיר?

— איך האָב דאָך אַ „פאַם דע מענאַזש״, וואָס מאַכט מיר די גאַנצע שטוב־אַרבעט! איך דריי מיך דעם גאַנצן טאָג אַרום דיר ווייל ס׳איז מיר ליב. כ׳וועל דאָך נישט לאָזן די „פאַם דע מענאַזש״ זאָל דיך אַרומוואַשן און אָנטאָן אָדער אַרויספירן דיך אויף דער לופט. פאַרוואָס זאָל איך מיך אַוועקנעמען דאָס פאַרגעניגן צו זיין מיט דיר? לעבן דיר?

— חנהלע, פאַררעד מיר נישט די ציין. ס׳איז איבער דיינע כוחות. זאָל די „פאַם דע מענאַזש״ דיך פאַרטרעטן, אָדער נעם נאָך צו עמיצן. כ׳וויל נישט דו זאָלסט זיך אַוועקלייגן.

— מיין טייערער, דו האָסט דאָס גאַנצע לעבן מיך צעפּיעסצעט, געמאַכט פון מיר אַ קינדעלע און ווילסט ווייטער מאַכן פון מיר אַ נעבעכל.

אהרון האָט זיך דאָס מאָל צעלאַכט. נישט מיט זיין אַמאָליקן ברייטהאַרציקן געלעכטער, נאָר מיט אַ פאַרשטיקט געלעכטער פון וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעפילט אַ ביטערניש. ער האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס ווייב האָט צוליב אים אויך זייטיקע צרות. ער האָט זי שטענדיק פון אַלעמען באַפרייט, אַליין אויסגעפילט כל המינים אַדמיניסטראַטיווע פּאַפּירלעך. איצט האָט חנה געמוזט אָנקומען צו איר אַריינגייערין, צו דעם פאַרעלטערטן מיידל, דער יונגער מאַלערין, זי זאָל איר וויזן ווי אַזוי מ׳שרייבט אויס אַ בויגן פאַר דער „סעקוריטע סאָציאַל״ אָדער אַן אַנדער פּאַפּירל און יענע איז זיך מסתמא נוקם אין איר, חזרט איבער דעם פּזמון, אַז נישט געַנוג וואָס זי איז אַליין אַ שלימזל האָט נאָך דער מאַן געמאַכט פון איר אַ גרעסערן שלימזל. חנה האָט געוווּסט, אַז איר מאַן נעמט זיך צום האַרצן אירע אַלע מאַטערנישן און בעסער געוואָלט אויסהערן די שטעכווערטלעך פון דער שכנטע, ווי אָנקומען צום מאַן ער זאָל איר צווייזן ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט די פאַר איר נייע ענינים.

* * *

דער פרילינג, דער זומער, דער מילדער האַרבסט האָבן זיך פּאַמעלעך און לאַנג געשלעפּט און פאַרט דורכגעלאָפן. ס׳איז געקומען דער ווינטער מיט אַ נידעריקן, גרויען הימל, ווי ער, דער הימל, וואָלט זיך איינגעהילט אין שמוציקע שמאַטעס פון וועלכע ס׳האָט אומאויפהערלעך געקאַפּעט אַ רעגן, ווי טראָפּנס טרערן. פאַר אהרונען האָט די וועלט זיך איינגעשרומפּן, פאַרריגלט זיך אין פיר ווענט, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַוועגלעכן פאָטעל. דער קראַנקער האָט זיך אַלע מאָל ווייניקער צוגעפּאַסט צום צושטאַנד פון אַ בעל־מום, אַלע מאָל ווייניקער שלום געמאַכט מיט דער אומבאַוועגלעכקייט, איזאָ־לירטקייט. אַ לעבן דאָס? צו וואָס? צוליב וואָס זיך מאַטערן? צוליב וואָס די פּיין? וועמען בין איך נייטיק? פאַרקערט, אַ שווערע לאַסט געוואָרן פאַר דער, וואָס כ׳האָב ליב מיטן גאַנצן האַרץ. אַ שטיין

איר אָנגעהאָנגען אויפֿן האַלדז. זי באַהאַלט אויס, אַז זי ווערט דערשטיקט, אָבער כ׳זע דאָס.

אהרון האָט פֿאַר דער לעצטער צייט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן דאָקטער. ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, דער דאָקטער, נישט געבונדן מיט פֿאַראורטיילן. ער קאָן, ער דאַרף פֿאַרשטיין.

— דאָקטער, צי האָט אַ מענטש דאָס רעכט צו טאָן מיט זיין לעבן אַזוי ווי ער פֿאַרשטייט, אַזוי ווי ס׳איז גוט פֿאַר אים?

— אַנטקעגן וואָס פֿרעגט איר דאָס? פֿאַרוואָס דאַרף איך דאָס אורטיילן?

— איר דאָקטער דאַרפֿט, קאָנט דאָס באַשטעטיקן. דאָס לעבן איז מיר אַ צו גרויסער לאַסט; איך בין געפּענטעט אין שווערע קייטן און איר קאָנט מיך אויסלייזן. אַן אַריינשפּריצונג און איך בין אויס־געלייזט. קיינער דאַרף נישט וויסן ווי אַזוי כ׳וועל אויסגעלייזט. איר קאָנט דאָך האַלטן סוד. איך וועל אוודאי האַלטן סוד.

— מיין ליבער פֿריינד, מיין זאַך איז צו פֿאַרלענגערן און נישט צו פֿאַרקירצן דאָס לעבן. איך וועל אַלץ טאָן דאָס לעבן זאָל אייך צו לאַסט נישט זיין.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ מעגלעכקייט וואָלט איך דאָך אַליין... וואַרטן אויף אַ מעגלעכקייט איז מיר אויך צו לאַנג.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער אויסגענוצט די אָפּוועזנקייט פֿון חנהן און פֿאַרפֿירט מיטן דאָקטער אַ לאַנגן שמועס:

— דאָקטער צי האָט איר זיך פֿאַראינטערעסירט אַמאָל מיטן צו־שטאַנד פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַ אין די לעצטע חדשים פֿון זיין לעבן?

— איך בין זיך מודה אַז נישט. געלייענט עטלעכע זיינע ביכער אָבער נישט זיין טאָגבוך.

— אין טאָגבוך וואָלט איר סיווי נישט געפֿונען דעם עפּיזאָד. פֿאַראַן אַן עפּיזאָד פֿון זיינע לעצטע חדשים, וואָס קומט מיר כסדר אויפֿן זינען. ווען דער טובערקולאָז איז אַריינגעדרונגען אין קאַפֿקאַס האַלדז האָט ער מוראדיק געליטן. ער האָט זיך געבעטן ביי זיין דאָקטער, פּונקט ווי איך ביי אייך, אַ סוף צו מאַכן צו זיינע ליידן. און דער דאָקטער ווי אַ דאָקטער, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז קאַפֿקאַס גורל איז געחתמעט. האָט אים פֿראַנץ קאַפֿקאַ געזאָגט: „אויב איר טויט מיך נישט זענט איר אַ גרויסער מערדער״. צי וואַרט איר דאָקטער, אַז...

חנה איז אַריין אין צימער. אהרון האָט נישט פאַרענדיקט. זיין ווייב האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ס'איז געווען צווישן זיי אַ רייד וועגן נישט קיין פריילעכן ענין. זי האָט דאָס געלייענט פון זייערעביידנס פנימער. דער דאָקטער האָט זיך גענומען צו פאַרשרייבן רפואות.

— אָט איז אַ נייע רפואה קעגן דעפּרעסיע, קעגן אַנגסט. אַזאַ צושטאַנד גיט שטענדיק אַ ביסל אַנגסט. און דער מענטש איז בכלל אָן אַנגסטיק באַשעפעניש. קיין שום אַנדער בעל־חי ווייסט נישט פון אַזאַ צרה ווי דעפּרעסיע, נאָר דער בעל־חי, וואָס איז אין גאָטס געשטאַלט באַשאַפן געוואָרן, פאַלט אָפטמאָל אַריין אין דעפּרעסיע.

ביים באַגלייטן אים צו דער טיר האָט דער דאָקטער אַרויפגעלייגט חנהן אַ האַנט אויפן אַקסל און מיט אַ פריינדלעכן טאָן איר אָנגעזאָגט:

— זעט ער זאָל נישט בלייבן אַליין. ער פאַרטראָגט שלעכט די איינזאַמקייט, די איזאָלאַציע. קלייבט צו אַ פאַסיקע מוזיק, אָן אָנגענעמע לעקטור, וואָס איר ווייט אים פאַרלייענען, נישט שלעכט וואָלט געווען צו שפּילן מיט אים אין שאַך, ס'אַבסאָרבירט שטאַרק.

— איך טו דאָס אַלץ, דאָקטער, ער פאַרטראָגט נישט זיין צושטאַנד. איך טו אַלץ ער זאָל נישט טראַכטן וועגן....

כ'וויס, כ'וויס. זעצט פאַר, פאַרבעט פריינט, זאָל מען אים וואָס אָפטער באַזוכן, שמועסן מיט אים. דער ווינטער, די גרויקייט איז נישט גינסטיק פאַר אַזאַ קראַנקן.

ער האָט זיך געאיילט, דער דאָקטער, צו אַנדערע פּאַציענטן. חנה האָט זיך געאיילט צום מאַן.

— וועגן וואָס האָסטו גערעדט מיטן דאָקטער אין די צען מינוט וואָס איך בין נישט געווען אין שטוב? האָסט אויסגעזען אַזוי מיסטע־ריעז, ווען כ'בין אַריינגעקומען.

— וועגן וואָס גערעדט? וועגן וואָס רעדט מען דען מיט אַ דאָקטער? יאָ, כ'האָב זיך באַקלאָגט אויף דיר...

— באַקלאָגט זיך אויף מיר? קאָנסט דאָך מיר אַליין זאָגן.

— נישט איין מאָל געזאָגט...

— וואָס אַ שטייגער? איך דערמאָן מיך נישט.

אויף זיין פנים האָט אויפגעשפּראָצט אָן אומעטיקער שמייכל:

— כ'האָב זיך באַקלאָגט, אַז דו טיילסט מיר צו אַ שלאָף־פּיל, אַ צו שוואַכער דורכצושלאָפן די נאַכט. אָנשטאָט אַוועקצושטעלן פאַרן

בעט דאָס שעכטל איך זאָל קאָנען אַליין נעמען נאָך אַ פּיל איינצושלאָפן, טײַלסטו מיר אויס...

— און וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט דערויף?

אהרון האָט אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן. געקוקט אויפן ווײַב מיט ליבשאַפט און לסוף אַרויסגעמורמלט.

— פאַר דיר קאָן איך קיין ליגן נישט זאָגן. ס׳קומט אַרויס נישט גלאַטיק. ביין, נישט באַקלאָגט זיך אויף דיר... חנהלע טײַערע, מײַן ליבשאַפט, ווער נאָך אַזוי ווי דו דאַרפסט מיך פאַרשטיין. מיר איז שווער צו לעבן, איך קאָן נישט מער, איך וויל נישט. איך האָב פײַנט געקריגן די וויסטע קאַליקע, וואָס איך בין. חנהלע, דו ווילסט דאָך מײַן גוטס. ס׳וועט בעסער זײַן פאַר מיר... פאַר דיר אויך... איך ווייס דאָס.

— וואָס פּלאַפּלסטו? ס׳קומט פון שלעכטע שטימונגען, פון דער דעפּרעסיע. ס׳וועט אַוועק ווען דו וועסט דיך שעמען דערמיט. באַרעכן זיך, קוק זיך אַרום. דו ביסט איין קאַליקע אויף דער וועלט? געווען שטענדיק און פאַראַן הײַנט און זיי פּאַסן זיך צו צו דער אַנדערשדיקייט. געדענקסט ווי מיר האָבן געהאַט אַמאָל צוזאַמען געלייענט וועגן דעם לעגענדאַרן האָמער? ער איז געווען פולשטענדיק בלינד און געלעבט ביזן טיפן עלטער, לאַזנדיק אונדז גרויסע ווערק מיט וועלכע מען קוויקט זיך נאָך הײַנט. און בעטהאָווען? טויב ווי די וואַנט געווען. ס׳איז נישט דערגאַנגען צו אים דער מינדסטער קלאַנג און געשאַפן אומשטערבלעכע ווערק. געווען אַן ענלעכער צו דיר: רוזוועלט האָט געהאַט געליימטע פיס, געזעסן אין אַ באַוועגלעכן פאָטעל ווי דו און האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער מלוכה. אַז זײַנע קעגנער, בעת די פּרעזידענט-וואַלן האָבן אים געפרעגט ווי אַזוי אַ מענטש מיט פּאַראַליזירטע פיס וואָגט צו וועלן נעמען דעם מלוכה-רודער אין זײַנע הענט, האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער וועט נישט אָנפירן מיט דער מלוכה מיט די פיס נאָר מיטן קאָפּ. נישט ווייניק גרעסערע פּערזענלעכקייטן ווי רוזוועלט האָבן געהאַט און האָבן פאַרשידענע שווערע חולאתן, געווען בעלי-מום. האָסט מיר געהאַט דערציילט ווי אַזוי די אינקוויזיציע האָט געפּייניקט גאַלילײַ, ווי ער האָט געמוזט בעטן מחילה בײַ די אינקוויזיטאָרן; שפּעטער, ווען ער האָט געלעבט איזאָלירט, איז דער קראַנקער גאַלילײַ בלינד געוואָרן און בלינדערהייט ווײַטער געמאַכט

דערפינדונגען, געשריבן וויסנשאַפטלעכע ווערק. וואָס? אַ שילער האָט אים געהאָלפן? און דיר העלפט מען נישט?

— איך בין אָבער נישט קיין גאַליליי, נישט קיין בעטהאָוון; אַ פשוטער בשר ודם. און יעדער מענטש איז אַנדערש, יעדער מענטש אַ וועלט פאַר זיך. איך, חנהלע, קאָן נישט מער. אין וואַלד, אין די גרעסטע טויט־געפאַרן, אין הונגער און קעלט, איז מיר דאָס לעבן טייער און ליב געווען. איצט נישט, איצט אַן אָפקומעניש. צו וואָס אָפקומען? זיך מאַטערן? מיין לעבן איז געווען באַוועגונג, אַן באַוועגונג בין איך אַ לעבעדיקער מת. כ׳האָב אָפגעלעבט זיבעציק יאָר, געווען גליקלעך. גענוג. ווען ס׳ווערט אַלץ דערווידער, יעדער טאָג, יעדע נישט דורכגעשלאָפענע נאַכט, יעדע שעה מיר איבעריק. דו, מיין איינציקע, האָסט מיר שטענדיק פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איצט נישט?

ער האָט גערעדט באַזאַכט, באַמיט זיך צו זיין געלאַסן. חנה האָט אים געלאָזט רעדן און בעת מעשה איז איר אַ געדאַנק דורכגעלאָפן אין קאָפּ:

— ווילסט דורכויס? פאַרפאַלן, אָבער נישט אַליין און מיך לאָזן. האָסט מיך נישט איבערצייגט, נאָר דיך אָפהיטן נישט צו באַגיין אַ נאַרישקייט, וואָס זאָג איך, ערגער ווי אַ נאַרישקייט, איך וויל פאַרן מויל נישט ברענגען, אַרויסשלאָגן דיר פון קאָפּ וועט מיר זייער שווער זיין. איז לאָמיר ביידע צוזאַמען. סטעפאַן צוויג איז אין פאַרצווייפלונג איינגעגאַנגען זיין יונג ווייב זאָל צוזאַמען מיט אים; אַרטור קעסטלער איז אַוועק פון דער וועלט צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַ סך אַ יינגערע פון אים. כ׳וואָלט געקאָנט דיר אויסרעכענען נאָך אַנדערע פאַלן. איך וועל אַראָפּשלינגען פריער, דערנאָך...

אהרון האָט איר איבערגעריסן, פאַרשטעלט איר מיט דער לינקער האַנט דאָס מויל, דערנאָך איבערגעטראָגן די באַוועגלעכע האַנט צו זיין קאָפּ ווי אַ נייער אומגליק וואָלט אים געטראָפן. דאָס געלאַסענע לשון איז פאַרשוווּנדן.

— חנהלע, וואָס רעדסטו?! וואָס פאַלט דיר איין?! אוי, אַ שרעק דאָס צו הערן! אויך צוליב דיר, פאַר דיר, דו מאַטערסט זיך אַזוי פיל מיט מיר; וואָס ס׳קאָן דיר איינפאַלן! דו ביסט מיט צען יאָר יינגער, ביסט נישט קיין קאַליקע, האָסט דיין מאַלעריי, האָסט צו וואָס צו לעבן, אַ ציל, אַ צוועק אין לעבן, וועסט באַפרייט ווערן...

וועסט... חנהלע... קיינמאָל וואָלט איך נישט איינגעגאַנגען, איך וואָלט נישט...

— איך גיי אויך נישט איין, אַז דו אַליין...

ס׳איז געוואָרן שטיל. ביידע האָבן זיך איצט אויסגעהיט מיט אַ וואָרט. חנה האָט בחוש געפילט, אַז זי וועט געווינען דעם פּאַרמעסט. זי האָט געוואָרט ער זאָל זיך אָפּרופן. ער האָט זיך מער נישט אָפּגערופן. נאָך עטלעכע רגעס ווי ער האָט פאַרשטעלט מיט דער לינקער האַנט זיין מויל, וואָס האָט געציטערט, פאַרמאַכט די אויגן, האָט ער אָנגעהויבן שטיל מורמלען: חנהלע... חנהלע... ווי זי וואָלט ערגעץ ווייט געווען פון אים.

— איך בין דאָ, לעבן דיר, איך וועל שטענדיק זיין נעבן דיר, מיט דיר.

ער האָט אָוועקגענומען פון מויל די לינקע האַנט, אויסגעצויגן זי צום ווייב, אָפּגעזוכט איר האַנט און צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— דיין לינקע האַנט דאַרף דיר פאַרטרעטן די רעכטע האַנט. האָסט מיר געהאַט דערציילט ווי אין וואַלד, בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ דייטשער פּאַטרול, האָט אַן אוקראַינישער דיכטער אין אַ שיסעריי פאַרלוירן די רעכטע האַנט. מיט דער לינקער האַנט האָט ער נישט געקאָנט שרייבן ביז ער איז געפאַלן אויף אַ המצאה צו שרייבן מיט איין פינגער פון דער לינקער האַנט אויף אַ שרייב־מאַשין. געדענקסט ווי דו האָסט מיר אָפּגעמשלט ווי ער האָט באַלד נאָך דער מלחמה גיך געקלאַפּט מיט איין פינגער פון דער לינקער האַנט אויף אַן אַלטער שרייב־מאַשין? דו דאַרפסט אויך זיך אויסלערנען אַזוי שרייבן. וואָס שרייבן? פלעגסט דאָך מיר שטענדיק זאָגן, אַז האָסט חשק געהאַט אַמאָל צו באַשרייבן די איבער צוויי יאָר אין וואַלד; זיך צומאָל צוגע־זאָגט צו דערפילן דיין באַגער ווען דו וועסט אויפגעבן די אַרבעט. בלויז וועגן די צייטן אין וואַלד קאָנסטו שרייבן און שרייבן, ווי דו האָסט שטענדיק חשק געהאַט.

— חשק געהאַט, ווען כ׳בין געווען אַ מענטש און נישט קיין קריפּל. זינט... זינט יענעם אומגליקלעכן טאָג איז יעטוועדער חשק פאַרשוווּנדן.

— דער חשק וועט צוריקקומען; הייב נאָר אָן; מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט, זאָגן די פראַנצויזן. אַ שרייב־מאַשינקע איז אין שטוב פאַראַן.

ער האָט צוגעטראָגן פאַר די אויגן די לינקע האַנט, צעשפּרייט די פינגער, באַטראַכט זיי ווי ער וואָלט זיי געפּאַרשט צי זיי זענען פעיִק צו אַזאַ מלאכה.

— דערפילן דיין אַמאָליקן באַגער איז נישט נאָר אַ צייטפאַרטרייב, ס׳איז אויך אַ חוב.

— מיינסט כ׳וועל איצט פעיִק זיין צו אַזאַ זאַך? מיט אַ פינגער פון דער לינקער האַנט וועל איך אַרויסגראַבלען פון מיין צעקאַליע־טשעטן גוף אַ פראַגמענט פון מיין לעבן?

— כ׳בין זיכער, אַז נישט נאָר פראַגמענטן פון אַ לעבן, נאָר אַ גאַנץ לעבן, אַ רייכס, אַ שטורמישס, וועסטו איבערטראָגן אויפן פּאַפּיר.

— מיט אַ פינגער פון דער לינקער האַנט...? בלויז מיט אַ פינגער...?

— מיט אַ פינגער, מיט דיין זכרון, מיט דיין ווילן עפּעס אויפ־צוטאָן, דאַרפסט זיך נעמען אין די הענט.

— אין די הענט... זאָגסטו, כ׳האָב דאָך בלויז איין האַנט.

— צו דער איינער האַנט דאַרף זיין מוט, כאָטש אַ ביסל מוט.

— און ווען ס׳איז קיין ביסל, קיין קאַפּ מוט נישטאָ, קיין חשק צו... צו לעבן, קיין זין אין לעבן נישטאָ.

— ס׳וועט קומען. ס׳וועט דיר געבן אַ זין אין לעבן. אַ מענטש מוז אַליין זיך שאַפן אַ זין אין לעבן. האָסט אין די ערגסטע אומשטענדן געפונען אַ זין, האָסט מיר דערציילט ווי אַפט דו האָסט געקוקט דעם טויט אין די אויגן, זיך פאַרגעשטעלט דאָס ערגסטע, די מורא נישט אַריינצופאַלן צו די דייטשן. ביסט דעמאָלט אויף אַלץ גרייט געווען, אַבי... אַבי העלפן צעקלאַפּן דעם שונא. היינט דיין שונא די דער־דריקונג, די...

— היינט מיין שונא דער קריפּל, וואָס כ׳בין, קעגן וועלכן כ׳בין אָנמעכטיק.

— נישט אמת, אַ מענטש איז נישט נאָר צוויי פיס, צוויי הענט, אַ מענטש איז דער מוח, דאָס האַרץ, אַ מענטש איז...

ער האָט אַ ברייטן שמייכל געטאָן, וואָס האָט חנהן איבער־געריסן די ווערטער. זי האָט שוין גאָר לאַנג ביי אים אַזאַ לויטערן שמייכל נישט געזען.

— וואָלסט געקאָנט זיין אַ גוטער בעל־דרשן, נישט צו זאָגן מוסר, נאָר צו לינדערן צעקלעמטע הערצער, צו דערוואַרעמען פאַר־פרוירענע נשמות.

חנה האָט אויך אַ שמייכל געטאָן און איבערגעגאַנגען פון אַן ערנסטן צו אַ הייטערן טאָן:

— נו, אפשר, אפשר וועט איצט דיין נשמה אויפטאַיען?

— מיט אַ שרייב־מאַשין אויף וועלכער כ׳וועל קלאַפּן מיט איין פינגער פון דער לינקער האַנט? דו גלויבסט אין דעם?

— איך גלויב אין דעם!

— גלויבסט אין נסים?

— איך גלויב אין מענטשלעכן ווילן, אין זיין מוט. אין דיין ווילן, אין דיין מוט.

***

זינט יענעם לאַנגן שמועס זענען דורך עטלעכע וואָכן. די גרויקייט פון ווינטערדיקן דרויסן האָט איינגעהילט אין מיטן טאָג דאָס צימער אין דעמערונג. אהרון איז געזעסן איבערגעבויגן אין זיין באַוועגלעכן פאָטעל. האַרט פאַר אים איז אויף אַ לענגלעך טישל געשטאַנען אַ שרייב־מאַשינקע אַ בלויכטענע דורך אַ צוגעפּעסטיקטן צום טישל עלעק־טרישן קליינעם לאָמפּ. נעבן דער מאַשינקע פון איין זייט בויגנס ווייסער פּאַפּיר, פון דער צווייטער זייט פאַרשריבענע בלעטלעך. אהרון האָט מיט אויפמערקזאַמקייט געקלאַפּט מיטן מיטלסטן פינגער פון דער לינקער האַנט אין די מאַשין־קלאַווישן. אַ פאַרזונקענער אין מחשבות האָט ער נישט באַמערקט ווי חנה איז אַריין אין צימער.

— אויף היינט, מיין ליבער, אפשר גענוג? האָסט זיך גענומען צו דער מלאכה באַלד אינדערפרי. אַרבעטסט ווי אַ טאָג־אַרבעטער. אין אַ קורצער צייט האָסטו שוין אַ שטויס פאַרשריבענע בלעטלעך. ביסט מסתמא שוין ווייט פאַרפאָרן.

— אָ ניין, איך האַלט נאָך אַלץ ביים אָנהייב — די ערשטע קינדהייט, די עלטערן, דער חסידישער זיידע, וואָס האָט צו צען יאָר געלערנט מיט מיר אַ בלאַט גמרא, געוואָלט שיקן אין אַ ישיבה....

אויף די כוואַליעס פון גורל

— אַזוי גאָר, פון סאַמען אָנהויב? כ'האָב נישט געוואָלט אַ קוק כאַפּן אין די בלעטלעך ביז דו וועסט מיר אַליין נישט ווייזן, אָבער געמיינט האָב איך, אַז דו הייבסט אָן פון וואַלד, וואָס איז דיר שטענדיק אַזוי געלעגן אויפן האַרץ.

— אָ, צום וואַלד נאָך ווייט! זאָלן נאָר די כוחות סטאַיען, די יאָרן צושפּילן דאָס אַלץ איבערצוטראָגן, ווי דו האָסט געזאָגט, אויפן פּאַפּיר.

יוני, 1985

געקומען פון יענער וועלט

כ׳האָב דערפילט אויף זיך בליקן, אויגן, וואָס אָבסערווירן מיך, עסן זיך איין אין מיר. כ׳האָב אָפּגערוקט דאָס טעפּל מיט דער נישט פאַרענ־דיקטער קאַווע, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צייטונג. אַנטקעגן מיר, ביי אַ באַזונדער טישל איז געזעסן אַ פרוי און שטאַר געקוקט צו מיר. צי קען זי מיך? צי קען איך זי? זי האָט מיר פון ווייטנס געשאָנקען אַ פריינדלעכן שמייכל. אינעם שמייכל האָט געשטעקט עפּעס אַ פאַרבאָרגע־ניש. איך האָב אויך אַ שמייכל געטאָן, ווי איך וואָלט אַ געהיימער שותף געווען צו דער פאַרבאָרגעניש.

אין דרויסן האָט געגאָסן אַ האַרבסטיקער רעגן. גראָבע טראָפּנס האָבן געקלאַפּט אין די ברייטע שויבן פון די קאַפע־פענצטער. כ׳האָב געוואָנדן די אויגן צו די פענצטער, באַטראַכט אַ ווילע דעם רעגן, וואָס האָט אין דעם מאָמענט פאַרשטאַרקט זיך און אַ גאָס געטאָן ווי מיט צעב־רעס, איינגעקוקט זיך אינעם עולם, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן ברייטן קאַפע־דעכל. די בליקן פון דער אומבאַקאַנטער זענען כסדר געווען אָנגעהאָנגען אין מיר. כ׳האָב געפילט ווי איר מויל האָט ווייטער אומעטיק געשמייכלט. מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעריסן זיך פון טיש, דערנענטערט זיך צו מיר.

— דערקענסט מיך נישט, האַ?

כ׳האָב זי בליץ־שנעל באַטראַכט: אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ קאָפּ העל־בלאָנדע לאָקן ווי זי וואָלט איצט נאָר וואָס פון פריזיר־אַנשטאַלט אַרויס. אַ בלאָנדער קאָפּ האָר און אַ פאַרעלטערט פּנים. אַזוי פאַרעלטערט איז מען נישט נאָר פון יאָרן נאָר אויך פון אומעט.

— דאָס פּנים איז מיר באַקאַנט, אָבער איך דערמאָן מיך נישט...

דער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבערן געזיכט, אָבער דער אומעט אין די אויגן איז אינטענסיווער געוואָרן.

— איך בין מאַרי, מרים... איך האָב דיך באַלד דערקענט.

— מאַרי? מרים? וועלכע מרים? כ׳האָב אַמאָל געקענט עטלעכע...

— מאַרי וואַלפזאָן, היינט זאַמבערט; מיר זענען צוזאַמען... אויך

געוועזן אין דער זעלבער צייט אין קליניק; דו האָסט געבוירן אַ זונעלע, איך אַ טעכטערל.

כ׳האָב זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון אָרט, אַרומגענומען זי. מיר האָבן זיך צעקושט.

— כ׳האָב זיך זייער געענדערט, וואָס?

כ׳האָב זי געוואָלט טרייסטן:

— ניין, ניין, אַ ביסל בלויז, נאָר די האָר, צוליב די האָר דיך נישט דערקענט. האָסט געהאַט פּעך־שוואַרצע לאָקן צו וועלכע אַ פריזירער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגערירט און איצט אַ בלאָנדע, עלעגאַנט פאַרקעמט.

— איצט האָב איך גרויע האָר, דער בלאָנד פאַרשטעלט דעם גרויען קאָליר.

— דער קאָליר פון די האָר האָט זיך זינט דעמאָלט ביי אַלע געענ־דערט. וויפל יאָר איז דאָס שוין?

— אויב רעכענען זינט דער שטורמישער צייט וועט אין גיכן ווערן פערציק יאָר. נאָר נישט ביי אַלע זענען די זעלבע יאָרן גלייך. דערמאָנסט זיך אונדזערע וויזיטן אין די רויאַי־קאַשאַרן? דערמאָנסט זיך יעפּימען?

איך האָב מיך דערמאָנט, אָבער אויסגעמיטן צו פרעגן וועגן אים: בעסער נישט אָנרירן אַן אַלטע וווּנד. אפשר נאָך אַלץ נישט פאַרהיילט? אפשר נאָך נישט פאַרגעסן? אויב יאָ, פאַרוואָס דערמאָנט זי אים? בעסער אָפּקערן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינע אַנטקעגן דער אַנדערער.

— דיינע עלטערן וואָס מאַכן? אַזוי לאַנג נישט געהערט וועגן זיי, וועגן דיר...

— מיין טאַטע געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק. מיין געשיכטע האָט אים געהאַט פאַרביטערט דאָס לעבן. אפשר פאַרקירצט די יאָרן? האָט באַקומען אַ קראַנק האַרץ. די מאַמע האַלט זיך גוט, לעבט אין ישראל, געוואָרן 80 יאָר און מאַכט נאָך רייזעס פון ישראל קיין פאַריז און צוריק, קומט זען דאָס אייניקל, די אוראייניקלעך.

— אוראייניקלעך? יאָ, דיין טאָכטער איז אַזוי אַלט ווי מיין זון.

— זי האָט צוויי קינדער, האָט מיין מאַמע צוויי אוראייניקלעך. געדענקסט אינעט?

— איך וואָלט זי זיכער נאָך ווייניקער דערקענט ווי דיך.

זי האָט זיך צעלאַכט. אין איר קלינגענדיקן געלעכטער האָב איך

זי ערשט אויף אַן אמת דערקענט. נישט נאָר איר קלינגענדיק געלעכטער נאָר אויך דאָס פּנים טיילווייז דערקענט. לאַכן מאַכט אַ מענטשן יינגער.

— איך וואָלט דיין זון זיכער אויך נישט דערקענט, כאָטש איך געדענק אים ווי אַ דערוואַקסן יינגעלע. נאָר נישט בלויז אַ קינד ווען ס׳ווערט דערוואַקסן דערקענט מען נישט, זעט אויס, אַז אַ דערוואַקסענעם נאָך אַ דריי צענדליק יאָר איז אויך שווער צו דערקענען. אָט האָסטו מיך אין גאַנצן נישט דערקענט. איך שטעל מיך פֿאָר ווי דו וואָלסט יעפּימען נישט דערקענט.

ס׳איז מיר געוואָרן אי פּריקרע, אי נישט פֿאַרשטענדלעך. פֿאַרוואָס דערמאָנט זי שוין צום צווייטן מאָל יעפּימען? האָט זי נאָך אַלץ אים נישט אַרויסגעריסן פֿון האַרץ? האָט זי דען נישט געהאַט מיר געזאָגט, אַז אַ טויטן פֿאַרגעסט מען? כ׳האָב אַ ווײַלע געקוקט אויף איר שווייגנדיק, ווי איך וואָלט אין איר געזיכט געזוכט אַ באַשייד פֿון אַ רעטעניש. זי האָט איבערגעריסן מיין שווייגעניש, ווידער מיר צוגעוואָרפֿן אַ פֿראַגע:

— געדענקסט אונדזערע וויזיטן אין די רויאַי־קאַשאַרן?

— אַ שאלה צי איך געדענק, פֿאַראַן זאַכן וואָס מען פֿאַרגעסט נישט, ס׳איז געווען פֿאַר אונדז כמעט אַ פֿאַרזעצונג פֿון אונדזער אנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

זי האָט זיך פֿאַרטראַכט, ווי מיינע ווערטער וואָלטן נישט דערגאַנגען צו איר. אָט זיצט זי פֿאַר מיר אַ פֿאַרזונקענע אין טראַכטענישן מיט די עלנבויגנס אויפֿן טישל, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט. קוקנדיק אויף איר זענען מיר בליץ־שנעל דורכגעלאָפֿן די געשעענישן מיט עטלע־כע צענדליק יאָר צוריק: ס׳איז נאָך דער באַפֿרייאונג פֿון פֿראַנקרייך. ווייט אויף מזרח פֿון לאַנד גייט נאָך אַן די מלחמה קעגן די היטלעריסטישע אַרמייען. אָבער אין פּאַריז געפֿינט זיך שוין אַ געזעמל סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע איינגעקוואַרטירט אין די רויאַי־קאַשאַרן. מ׳האָט זיי געבראַכט פֿון אַ לאַגער פֿון פּראָווינציזשן מזרח־געביט, וואָס היטלער האָט געהאַט באַצייטנס איינגעגלידערט אין דייטשן רייך און ווו די לאַגערניקעס האָבן געאַרבעט 12־14 שעה אין טאָג אין די רייכע אייזן־גרובן. מיר, אַ גרופּע יונגע ווידערשטענדלערינס, דערוויסנדיק זיך וועגן די געבראַכטע סאָוויעטישע קריגס־געפֿאַנגענע, האָבן קודם זיי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, און דערזעענדיק זייער מצב געוואָרן זייערע אפּוטרופּסים. איין

קלייניקייט זיין אפּוטופּסים פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע! בפרט אַז זיי זענען געווען אויסגעבלאַסטע, אויסגעמאַטערטע, הויט און ביין. היינט זייער הולך! אין פּאַריז איז נאָך אַלץ געווען אויף שפּייז־קאַרטן, אָבער מיר האָבן איינגעלייגט וועלטן צו געפינען צוגאָב־דערנערונג פאַר די אויסגעמאַטערטע, פאַרהונגערטע סאָוויעטישע געוועזענע קריגס־געפאַנגענע.

צווישן זיי האָט זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן אַ יונגער חברהמאַן, אַ הויכער, פעסט־געבויטער אויף וועלכן די דייטשע געפאַנגענשאַפט האָט געהאַט ווייניקער שליטה ווי אויף זיינע גורל־חברים. זיין מזל געווען וואָס ער איז אַן אַרכיטעקט; די דייטשן האָבן זיך געניטיקט אין זיינע קענטענישן און נישט געשיקט אים אין די גרובן. זיין געדיכטע שאַטינע טשופּרינע האָט צומאָל נישט געליטן ווי די האָר ביי די אַנדערע, קורץ געשוירן אָדער אויסגעקראָכן. ער, דער איינציקער האָט אויך גאָרנישט שלעכט גערעדט פראַנצויזיש. וואָס פאַראַ מאַטערניש דאָס איז געווען זיך צו פאַרשטענדיקן אויף רוסיש מיט די אויסגעמאַטערטע, אַפּאַטישע יונגע מענטשן ווען דער „בלויאויגיקער", ווי מיר האָבן אים גערופן, איז נישט געווען. כ'האָב זיך געבראָכן די ציין אויף רוסיש אויסצופרעגן און דערגיין וואָס וועמען איז נייטיק. מאַרי, די „קראַסיוויצע" ווי זיי פלעגן זי רופן, די יינגסטע פון אונדזער חברותא, פלעגט קייכן פון געלעכטער בעת אונדזערע שמועסן פון וועלכע זי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ווי גיך ס'האָט זיך געיאַוועט דער „בלויאויגיקער" זענען אַלע שמועסן אַוועק כשורה. אָבער ער, דער איינציקער, איז אָפּט געגאַנגען אַ קוק כאַפּן אויף פּאַריז, בעת די אַנדערע האָבן די ערשטע צייט קיין כוח נישט געהאַט צו שפּרייזן איבער דער שטאָט. צו דער דערשעפונג איז צוגעקומען אַ מין אַפּאַטישקייט.

דער שיינער, בלויאויגיקער בחור איז באַלד פון אָנהייב מיט אונדז היימיש געוואָרן. צום היימישסטן מיט מאַרי.

— איך הייס יעפים פּאַוולאָוויטש אַזאַרטשיק, נאָר רופט מיך ביי מיין ערשטן נאָמען — יעפים. און איר? און איר? און איר ווי רופט מען אייך?

ווען ער איז צוגעקומען צו מארי האָט ער אָנגעהאָנגען אויף איר

די בלויע אויגן און מיט אַ שטימע, וואָס האָט געקלונגען אי ליבלעך אי אומעטיק געפרעגט:

— און אייך ווי רופט מען?

— מאַרי! און זי האָט, ווי איר טבע איז געווען, אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— מאַרי, ס'שטאַמט מסתמא פון מרים...

— מיינע עלטערן רופן מיך מרים.

— מרים, מרים, וואָס פאַר אַ שיינער נאָמען, אַ ביבלישער נאָמען.

— איר קענט די ביבל? — האָט ווער פון אונדז געפרעגט.

— פאַרוואָס דען נישט? איך בין אַ ייד, געלערנט די ביבל אין אָריגינאַל. מיין מוטער האָט דורכויס געוואָלט איר איינציקער זון זאָל זיין באַקענט מיט יידישן וויסן.

— מיר זענען אויך יידישקעס — האָט טערעז אים צוגעוואָרפן.

— כ'האָב פאַרשטאַנען, באַלד פון אָנהייב פאַרשטאַנען, בפרט איר האָט געזאָגט, אַז איר, אָדער אייערע עלטערן שטאַמען פון פוילן. מיין פאָטער שטאַמט אויך פון פוילן, געווען פאַרשיקט אויף סיביר פאַר די צאַרישע צייטן, געווען אַ סטודענט, געענדיקט אַרכיטעקטור ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, מיין מוטער אַ דענטיסטין, שטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער משפחה.

***

אין געציילטע טעג זענען מיר מיט יעפימען געוואָרן אַזוי היימיש ווי מיר וואָלטן זיך געקענט פון לאַנגע יאָרן. אָבער אונדזערע באַגעגענישן האָבן צו לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, חוץ... חוץ מיט מאַרי־מרים. אונדזער אַפּוטרופּסות איבער די סאָוויעטישע געוועזענע קריגס־געפאַנגענע האָט געדויערט בלויז עטלעכע וואָכן. דאָס נאָכמלחמהדיקע לעבן אין פּאַריז האָט זיך אַלע מאָל מער סטאַביליזירט. ס'איז געווען ווער ס'זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיי. מיר, די צייטווייליקע אַפּוטרופּסים, האָבן זיך אומגעקערט צו אונדזערע באַשעפטיקונגען. אויך די ניינצן־יאָריקע מאַרי־מרים האָט זיך אומגעקערט צו דער שולע פון דעקאָראַטיווער קונסט, וואָס זי האָט בעת דער אָקופּאַציע געמוזט פאַרלאָזן. יעפים האָט זי אָבער שוין נישט פאַר־לאָזט, נאָכגעגאַנגען זי ווי אַ שאָטן, אָפּגעוואַרט ביי דער שול, צוגע־שטאַנען אים פאַרצושטעלן פאַר אירע עלטערן, געוואָרן אַן אַריינגייער

אין זייער שטוב, אָן אייגענער. טאַטע־מאַמען איז דער בחור שטאַרק געפעלן. צו אַלע זיינע מעלות איז ער דאָך אַ סאָוויעטישער מענטש, פונעם לאַנד צו וועלכן זייערע אויגן זענען געווען געוואַנדן מיט פאַרערונג און ליבשאַפט.

פאַר מאַרי האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. זי האָט לאַנגע חדשים געטיילט דעם טאָג צווישן דער שולע און יעפימען. די זונטיקן, אַנדערע פרייע טעג פון דער שולע האָט זי געוואַנדערט מיט יעפימען איבער פאַריזער מוזייען, גאַלעריעס, אָפגעשטאַט וויזיטן אין קאַפייען. די בת־יחידהלע מרימל, דער מאַמעס אויג אין קאָפּ, איז געוואָרן אַ גאַסט אין שטוב.

— מרימל, קומסט דאָך אַלע מאָל שפּעטער אין אָוונט אַהיים.

מאַמע, איך ווער אַלע מאָל עלטער, דו אין מיין עלטער האָסט אַרומשפּאַצירט מיטן טאַטן.

— איך און דער טאַטע האָבן גאָרנישט דאַקעגן דו זאָלסט אַרומ־שפּאַצירן, אָבער אַ שטוב איז אַ שטוב.

— מאַמע, אין מיין עלטער האָסטו זיך געגרייט צו ווערן אַ מאַמע . . .

— אָבער מיינע עלטערן האָבן געקענט דיין טאַטן, איך בין געווען זיין פרוי.

— דו קענסט אויך דעם טאַטן פונעם קינד, וואָס איך וועל האָבן; מיר האָבן זיך צוגעזאָגט . . . איך האָב אים צוגעזאָגט צו ווערן זיין פרוי.

קיין סקאַנדאַל איז אין שטוב נישט אויסגעבראָכן. יעפים איז אויף צומאָרגנס געקומען און געבעטן די עלטערן צו ווערן זייער איידעם. ווי גיך ער וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד, וועט ער אַלץ דערליידיקן מרים זאָל קומען צו אים. ער האָט אויסגעמשלט פאַר די עלטערן דאָס גליקלעכע לעבן וואָס דערוואַרט זייער טאָכטער. זי וועט נישט דאַרפן אַרבעטן צו פאַרדינען, וועט קענען ווייטער שטודירן, ער פאַרדינט ווי אַ הויפּט־אַרכיטעקט גענוג אויסצוהאַלטן אַ משפּחה. וואָס, אַ קליין קינד? ער וועט נעמען צום קינד אַן אַם. וואָס? ווייט פון די עלטערן? ביי זיינע עלטערן איז ער אַן איין איינציקער זון, וועט מרים זיין זייער איין איינציקע טאָכטער. ניין, ניין, ער נעמט זיי נישט אַוועק זייער טאָכטער, זיי וועלן קומען צו איר ווען זיי וועלן חשק האָבן. וואָס, זיי זאָלן חתונה האָבן? אדרבא, ער האָט שוין מיט מרימען גערעדט דערוועגן.

נישט אים, נישט מרימס עלטערן איז נייטיק צו גיין צו אַ רבֿ, צו שטעלן אַ חופּה, גענוג צו גיין אין דער מעריע.

***

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. פינף וואָכן נאָך דער חתונה אין דער מעריע איז יעפים אַפּגעפאָרן צוזאַמען מיט עטלעכע צענדליק געוועזענע קריגס־געפאַנגענע אין זיין היימלאַנד. אַ גוטער טוץ פריינד האָבן אים באַגלייט, נייע משפּחה־מענטשן, געוועזענע רעזיסטאַנטלערינס, די ערשטע אַפּוטרופּסים פון די קריגס־געפאַנגענע. מרים האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דער צוגעזאָגטער טעלעגראַמע. קיין טעלעגראַמע איז נישט געקומען. אפשר האָט דער צוג זיך ערגעץ פאַרהאַלטן? ס׳איז פאַרט נאָך מלחמה. ער האָט אויך צוגעזאָגט צו קלינגען. יעדן אָוונט, ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען איז מארי געלאָפן כאַפּן דאָס טרייבל. ניין, נישט יעפים. זאָל דאָס מעגלעך זיין קיין טעלעגראַמעס זאָלן נאָך נישט אָנגענומען ווערן, דער טעלעפאָן מיט אויסלאַנד זאָל נאָך נישט פונקציאָנירן? אפשר געשען מיטן צוג אַן אומגליק? די ראַדיאָ אָבער וואָלט דאָס איבערגעגעבן, ס׳איז אַן אַליאירט לאַנד. אפשר אַן אומגליקס־פאַרפאַל אויפן אָרט? ניין, מ׳דאַרף נישט צולאָזן אַזעלכע געדאַנקען. די מלחמה האָט דאָרט אָנגעמאַכט אַ סך צע־שטערונגען. ווער ווייסט אויף וואָס פאַראַ שוועריקייטן ער טרעפט זיך אָן צו געבן צו וויסן וועגן זיך. די טעג, די וואָכן האָבן זיך געצויגן מוראדיק לאַנג. דאָס לערנען אין דער קונסט־שולע איז מרימען נישט געקראָכן אין קאָפּ. זי האָט מורא געהאַט צו קוקן די עלטערן אין די אויגן נישט אָנצוטרעפן זיך מיט זייער אומרו. זי האָט טעלעגראַפירט צו יעפימס עלטערן. קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און אָנגעשריבן צו זיי אַ בריוו, אַ רעקאָמענדירטן. דער בריוו איז נאָך אַ סך וואָכן צוריקגעקומען. צי האָט יעפים פאַרלוירן זיין היים, זיינע עלטערן? אין אַ מלחמה קאָן אַלץ געשען. אָבער ער האָט זיך געלאָזט אין זיין היימלאַנד שוין נאָך דער מלחמה. נישט אַנדערש נאָר אַן אומגליקס־פאַל. מ׳קאָן גיין אויפן גאַס און דערהרגעט ווערן. געשעט דען נישט, אַז אויף אַ מענטשן פאַלט אָן אַ לאַסט־וואָגן? ווי אַזוי זיך דערוויסן, ווי אַזוי דערגיין וואָס ס׳איז געשען מיט יעפימען? אָנשטאָט אַ ידיעה פון אים, וועגן אים, איז דערווייל געקומען אויף דער וועלט זיין טעכטערל. 4 חדשים נאָך יעפימס פאַרלאָזן פאַריז.

וועמענס נאָמען זאָל זי געבן דעם קינד? ניין, זי וועט נישט געבן דעם נאָמען פון פאַרשווונדענעם טאַטן, זי טראָגט נאָך אויך נישט איר מאַנס נאָמען, נישט געביטן די אידענטיטעט־קאַרטע. בעסער איר קינד זאָל טראָגן איר מיידלשן נאָמען. דעם ערשטן נאָמען האָט די באָבע געהאַט אַ פּאַרטיקן — לענינא. ס׳וועט איר פאַרגיטיקן אַלע עגמת־נפשן. די יונגע מאַמע איז אויף דעם אויך נישט איינגעגאַנגען. באָבע און מאַמע האָבן געמאַכט אַ פּשרה: אינאַ, כמעט אַ העלפט פון לענינא, מ׳וועט קאָנען בויגן דעם נאָמען: אינעט, אינעטשקאַ, אינקאַ...

ס׳זענען אַוועק עטלעכע יאָר. די באָבע האָט מיט געטריישאַפט געהאָדעוועט דאָס אייניקל. מארי האָט אַוועקגעוואָרפן די שולע און אַוועק אַרבעטן אין אַ פּאַריזער פאָרשטאָט אַלס ביבליאָטעקאַרין אין אַ גרויסער, מאָדערנער מוניציפּאַלער ביבליאָטעק. ניין, ביי דעקאָראַ־טיווער קונסט וועט זי מער נישט קאָנען אַרבעטן, דאָס דערמאָנט איר צופיל יעפימען. ווי אַן אַרכיטעקט האָט ער ליב געהאַט דעקאָראַטיווע קונסט, זיי האָבן צופיל בעת באַזוכן גערעדט דערוועגן. זי מוז איבער־רייסן אַלע פעדים, וואָס האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אים, וואָס האָבן איר דערמאָנט אין אים. זי האָט פאַרלוירן איר ערשטע גרויסע ליבע און זי מוז זיך באַפרייען פון אַלץ, וואָס מאַכט איר טראַכטן וועגן איר. מארי איז געוואָרן אַ שווייגנדיקע, אַ באַזאָרגטע און ווי אַ פאַרוווּנ־דעט פייגעלע מיט צעבראָכענע פליגעלעך געניטיקט זיך אין אַ שטילער זיכערער נעסט. זי האָט דאָס געפונען ביים הויפּט־דירעקטאָר פון דער גרויסער ביבליאָטעק, אַ יונגער, איינגעפונדעוועטער אלמן, וואָס איז נאָך עטלעכע יאָר געוואָרן איר מאַן, גענומען צו זיך איר טעכטערל, איר געגעבן זיין נאָמען און אינעט האָט באַקומען אַ גוטן טאַטן; וועגן אַן אַנדערן טאַטן האָט זי זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט. ווי מען רעדט נישט אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם וועגן אַ שטריק, אַזוי האָט מען קיינמאָל נישט גערעדט, אויסגעהיט זיך מיט עפּעס וואָס צו דערמאָנען וועגן אינעטס אמתן טאַטן. יעפים איז פאַרבליבן מאַריס אויסבאַהאַל־טענע רעטעניש.

זינט מאַריס צווייטן מאָל חתונה האָבן אין אַ הינטערשטאָטישער מערי, ווו דער צוקונפטיקער מאַן האָט געהאַט אַן אָפענע טיר און באַוויזן פאַרצושטעלן מאַרי אַלס אלמנה, האָב איך זי פאַרלוירן פון די

אויגן. אונדזערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען. פון צייט צו צייט געהערט בלויז, אַז די טאָכטער איז אויסגעוואַקסן אַ שיין, פעסט־געבויט מיידל, מיט בלויע אויגן, נישט ענלעך נישט צו דער מאַמען, נישט צום טאַטן.

***

איצט זיצט פאַר מיר די מאַמע, די באָבע פון צוויי אייניקלעך און פרעגט מיך מיט אַ באַטריבטער שטימע צי איך געדענק יעפימען. איך מייד אויס עפּעס וואָס צו פרעגן וואָס האָט אַ שייכות צו אים, פרעג נישט צופּיל וועגן דער טאָכטער אויס מורא נישט דורכצופאַלן מיט אַ וואָרט וועגן איר אמתן טאַטן און אָט גיט מאַרי אַ זאָג:

— ווייסט, כ׳האָב היינט לאַנג גערעדט מיט יעפימען...

כ׳בין געווען אזוי איבערראַשט, אַז כ׳האָב נישט קאָנטראָלירט מיינע ווערטער:

— וואָס רעדסטו? יעפים לעבט דען?

צווישן מאַריס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַן אומעטיק־איראָנישער שמייכל. ס׳איז געווען מער אומעט ווי שמייכל:

— געקומען פון יענער וועלט...

זי האָט נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן:

— אַז כ׳האָב גערעדט מיט אים, לעבט ער דאָך. מיט קיין טויטן קאָן מען נישט רעדן.

— מאַרי, מיר האָבן זיך נישט געזען, נישט געהערט פון זיך אַזוי פיל יאָרן, איך בעט דיך, רעדט דייטלעכער, איך פאַרשטיי גאָרנישט.

— איך האָב אויך אַלע יאָרן גאָרנישט פאַרשטאַנען, כאָטש די לעצטע יאָרן געפּרוּווט שטילערהייט זיך אָנשטויסן וואָס ס׳האָט געקאָנט געשען. איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן.

— וואָס איז דיר...? וואָס קלאָר געוואָרן?

— וואָס ס׳איז געשען מיט יעפימען, מיט זיינע גורל־חברים, זינט דעמאָלט, ווען זיי זענען אַריבערגעפאָרן די גרענעץ; מ׳האָט די געוועזענע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע גלייך אַרעסטירט און פאַרשיקט. ווייסט ווי יעפים איז געווען אַלע יאָרן?

כ׳האָב נישט געפרעגט ווו, מאַרי האָט אַליין דערציילט:

— געווען אין וואָרקוטאַ, ווייסט ווו דאָס איז? אין קאָלימאַ, אין פאַר־

שידענע שטראָף־לאַגערן פאַרן קעגנשטעלן זיך די אוממענטשלעכע אַרבעטן. וואָסערע? אין קאַראַגאַנדע געווען אַ קוילן־גרעבער, נישט ווי אַ קוילן־גרעבער אין פראַנקרייך, געשטאַנען ביז די קני אין וואַסער; אין קאַלימאַ געהאַקט וועלדער ביי 39 גראַד פראָסט, אין וואָרקוטאַ... וואָרט, וואָרט, כ׳האָב שוין פאַרגעסן, דוכט מיר מ׳האָט דאָרט געבויט באַן־ליניעס, איך געדענק שוין נישט גענוי. ער האָט דערציילט און מיר האָט זיך געמישט אין קאָפּ. מיינסט ער האָט פון דאָרט נישט גע־שריבן צו מיר? געשריבן, געשריבן, נישט איין מאָל געזעסן אין קאַרצער פאַר זיינע בריוו, לסוף צוגעטשעפּעט אים אַ פּראָצעס פאַר שפּיאָנאַזש. אויב ער שרייבט בריוו קיין פראַנקרייך, האַלט ער אָן שפּיאָ־נאַזש־פאַרבינדונגען. איך האָב געזאָלט זיין זיין בריוו־קעסטל פאַר שפּיאָנאַזש. צוזאַמען מיט די נייע צען יאָר האָט עס אויסגעמאַכט 25 יאָר לאַגער. אַ נס וואָס די לעצטע יאָרן האָט מען זיך אין נאָוואָסיבירסק גענוציט אין אַרכיטעקטן, אָבער אויך דאָרט נישט געווען קיין פרייער מענטש; די שטאָט האָט זיך פונאַנדערגעבויט מיט די הענט פון פאַרשיקטע. אַ לאַנגע צייט האָט זיין מוטער גאָרנישט געוווסט וועגן אים, געמיינט ער איז געפאַלן אויפן פראָנט; דער פאָטער איז אומגע־קומען בעת דער עוואַקואַציע. ווען ס׳איז דערגאַנגען צו איר זיין ערשטער בריוו, וואָס האָט געוואַנדערט ביז ער איז אָנגעקומען אין דער געענדערטער, קלענערער וווינונג, האָט זי פון לאַנג געהאַט אים באַ־וויינט. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אין גיכן זי באַוויינט. שטעלסט זיך נישט פאַר וואָס דער מענטש איז דורכגעגאַנגען, ס׳גלויבט זיך נישט אַז מ׳קאָן דאָס אויסהאַלטן. אַ סך פון זיינע חברים האָבן נישט אויסגעהאַלטן; ער איז שטענדיק געווען אַ שטאַרקער, אַ געזונטער, ער זאָגט אָבער, אַז דער שטאַרקער ווילן צו קאָנען מיר כאָטש צוויסן געבן וועגן זיך, צו זען אַמאָל זיין קינד האָט אים געהאָלפן אַלץ איבער־טראָגן.

— ווי אַזוי איז ער געקומען קיין פּאַריז?

— אַ לאַנגע געשיכטע. ער האָט פינף יאָר זיך געשלאָגן מ׳זאָל אים אַרויסלאָזן קיין ישראל. זינט אַ יאָר לעבט ער אין תל־אביב, אַרבעט נאָך טיילוויז אַלס אַרכיטעקט. נישט אויפגעהערט אַלע יאָרן צו שרייבן בריוו, צו זוכן מיך, מיינע עלטערן. ער האָט אַ שטויס בריוו געשריבענע צו מיינע עלטערן, זיי זענען צוריקגעקומען צו אים, מיינע

עלטערנס אַלט הויז, ווו זיי האָבן פריער געוווינט, איז נאָך דער מלחמה אַראָפּגערוימט געוואָרן. זיי האָבן באַקומען אַ נייַע דירה אין דער באַנליע, אין דער זעלבער פאַרשטאָט ווו איך וווין. אוי, ווער קאָן דאָס איבערדערציילן אַלץ וואָס ער האָט מיר דערציילט אין די פיר שעה.

זי האָט אָפּגעזיפצט, דערנאָך אַ רוף געטאָן מיט דער האַנט דעם „גאַרסאָן", געבעטן אַ צווייטע קאַווע, געוואַרט אויפן געטראַנק שווייגנדיק, דערנאָך אויסגעטרונקען מיט איין שלונג און אַרויסגעוואָרפן פון זיך נישט קאָאָרדינירטע רייד. כ'האָב זיי איבערגעריסן מיט אַ פראַגע:

— ווי אַזוי האָט ער סוף כל סוף באַקומען דיין אַדרעס?

— ס'איז ווידער אַ געשיכטע. אַ צופאַל. פאַראַן אומגליקלעכע צופאַלן און אויך גליקלעכע. איך ווייס שוין אַליין נישט צי אַ גליק, צי אַ נייער אומגליק. בעת אַ באַזוך אין קופּת־חולים, אין וואַרטע־זאַל, דערהערט צווי עלטערע פרויען רעדן צווישן זיך פראַנצויזיש. איינע פון זיי מיין מאַמע. ער האָט זי נישט דערקענט, זי אים אויך נישט. ער האָט זיי געפרעגט צי זיי זענען פון פראַנקרייך.

— פון פאַריז? האָט ער זיך דערפרייט, אפשר קענט איר די משפחה וואָלפזאָן.

— איך הייס וואָלפזאָן, האָט מיין מאַמע געזאָגט.

ס'האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם. נישט אויסגעגעבן זיך ווער ער איז נאָר געבעטן איר אַדרעס אונטערן אויסרייד, אַז ער האָט אַ וויכטיקע זאַך איבערצוגעבן דער משפחה וואָלפזאָן. ווען ער איז אין אָוונט אַריין צו איר און איר מודיע געווען, אַז דאָס איז ער איר איידעם יעפים, האָט מיין מאַמע פון אָנהייב נישט געגלויבט. ערשט ווען ער האָט איר געגעבן באַווייזן האָט זי זיך צעוויינט, געבעטן אים ער זאָל נישט צעברעכן מיין רויִק לעבן, כ'האָב זיך געגעבן אַנגעליטן. ער האָט איר צוגעזאָגט. אין דער זעלבער צייט גלייך אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו פאָרן קיין פאַריז. געקומען מיט 4 טעג צוריק. מיר האָבן זיך היינט געזען צום צווייטן מאָל.

— ער האָט דיך דערקענט?

— ער זאָגט: יאָ, דערקענט. אפילו דורכן טעלעפאָן, זאָגט ער, דערקענט. איך ווייס נישט צי ס'איז אמת, ער זאָגט דערקענט אפילו מיט די בלאָנדע האָר. איך האָב אים נישט דערקענט. געדענקסט, ער איז געווען אַ הויכער, גלייכער, מיט געדיכטע טונקעלע האָר. היינט

זענען זיינע האָר שיטער און גרוי, די פּלייצע איינגעבויגן, די בלויע אויגן אויך נישט די זעלבע, פאַראַן אין זיי אַן אומעטיקער גלאַנץ, ער נעמט דורך דער גלאַנץ. ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? „מיין ציל האָב איך פּאָרט דערגרייכט. אַלע שרעקלעכע יאָרן מורא געהאַט זאָלסט מיך נישט חושד זיין צו האָבן דיך און מיין קינד פאַרלאָזט.״

— נו, איז ער איצט גליקלעך וואָס ער האָט דעם חשד אַראָפּגענו־מען...

— גליקלעך? ניין, ער איז דער אומגליקלעכסטער מענטש. ווי קאָן ער איצט זיין גליקלעך, אַז ער קאָן נישט זיין דער פאָטער פון זיין טאָכטער, פון זיין קינד צו וועלכן ער האָט אַזוי פיל יאָרן געבענקט? ער וויל דורכאויס זיין דער טאַטע, דער זיידע. שטעלסט זיך פאָר וואָס דאָס באַדייט?

כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן און זיך אַרויסגעראַטעוועט מיט אַ יידישן „נו״:

— נו, איז וואָס אַז ער וועט זיין...

זי האָט מיר איבערגעריסן:

— ווי קאָן איך איצט מיין טאָכטער דערציילן די גאַנצע מעשה? ס׳באַדייט דערציילן איר אַלץ: דיין ביז איצטיקער טאַטע איז נישט דיין טאַטע ווייל דער אַט פרעמדער מענטש איז דיין אמתער טאַטע. קאָן איך, טאָר איך מיין טאָכטער אַריינפירן אין אַזאַ פּלאָנטער? קאָן איך מיין איצטיקן מאַן אַזוי אָפּצאָלן פאַר זיין איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט צו מיין קינד? ער האָט מיך געראַטעוועט אין אַ עת צרה, ווען איך בין געווען פונאַנדערגעבראָכן. כ׳האָב זיך נישט פאַרליבט אין אים ווי אין יעפימען, נאָר געזען אין אים אַ רעטונג. איצט האָב איך צוויי געזעצלעכע מענער. יעפים בעט זיך ביי מיר מיט טרערן: „אויב דיך פאַרלוירן, מיין לעבן פאַרלוירן, פאַרוואָס זאָל איך אויך איצט מיין קינד אויפסניי פאַרלירן״? דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן, ווען איך הער יעפימס ווערטער. ער איז נאָך היינט פאַרליבט אין דער געעלטער־טער פרוי וואָס איך בין. זאָל איך אים כאָטש נישט אָוועקנעמען די טאָכטער, די אייניקלעך. וואָס זאָל איך טאָן? כ׳האָב נאָך אפילו גאָר־נישט דערציילט מיין איצטיקן מאַן, איך ווייס נישט ווי אַזוי, פון וואָס אָנצוהויבן.

מאַרי האָט אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון

אַן אויג. געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע שווײַגנדיק. מיט די אויגן געבעטן אַן עצה. מיר האָבן ווידער בײדע געשוויגן. מאַרי האָט אָבער געהאַט אַ באַדערפעניש אויסצודערציילן. פאַר וועמען דען אויב נישט פאַר דער, וואָס איז מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געווען דער עדות פון אָנהייב פון דער וויסטער געשיכטע?

— כ׳האָב היינט, נאָכן פאַרלאָזן אים, נישט געקאָנט זיך אומקערן אַהיים, אויסגעשטיגן דאָ, אַרײַן אין דער קאַפע זיך אָפּקילן, אײַנצושטילן דעם ווייטיק אין האַרץ, די צעשרויפטע נערוון. שווער מיר צו קוקן מײַן מאַן אין די אויגן, מיר דוכט... מיר דוכט איך באַגיי קעגן אים אַ גרויסע עוולה.

כ׳האָב ווידער געפילט, אַז איך דאַרף עפּעס זאָגן, זי צו טרייסטן.

— האָסט דאָך דײַן מאַן קיין שלעכטס נישט געטאָן...

— ווייסט וואָס יעפים האָט מיר געזאָגט? „חוץ מײַן ליבע צו דיר בין איך דאָך אויך דײַן געזעצלעכער מאַן, מײַן טאָכטער איז מײַן געזעצלעך קינד. פאַרוואָס זאָל מײַן קינד נישט טאָרן מיך קענען? ס׳וואָלט געווען די אײנציקע פאַרגיטיקונג פאַר אַלע צרות״. וואָלט ער געהאַט עפּעס אַ משפּחה, וואָלט אים אפשר לײַכטער געווען צו רעזיגנירן פון זײַן טאָכטער.

כ׳האָב זיך געהאַט אין וואָס אָנצוכאַפּן, עפּעס צו זאָגן, צו פרעגן:

— ער האָט נישט פאַרלייגט קיין משפּחה?

— כ׳האָב געשטעלט די זעלבע פראַגע. ער זאָגט אַז ער האָט נישט געקאָנט, נישט געוואָלט. וואָלסט אים געהערט דערציילן וואָלסטו פאַר־שטאַנען. נאָך 25 יאָר לאַגער זיך געפילט אַלט, געווען עטלעכע יאָר קראַנק. דערנאָך, דערנאָך געטראַכט נאָר וועגן אַנטלויפן. און ווער ווייסט וואָס ס׳איז נאָך פאַרגעקומען. ער זאָגט מיר כסדר: „כ׳האָב דיר נאָך אַלץ נישט דערציילט״. פאַר מיר שוין גענוג וואָס ער האָט ביז איצט דערציילט. ס׳רייסט מיר אויס דאָס האַרץ ווען איך הער מיך צו צו זײַנע רייד. אַזוי שווער, אַזוי שווער דאָס אַלץ, איך ווייס נישט ווי אַזוי אים גרינגער צו מאַכן זײַן אײַנזאַמקייט.

ס׳איז מיר אויך שווער געוואָרן. כ׳האָב נישט ווילנדיק געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל.

— אײַלסט זיך?

— ניין... אַ ביסל, מיר וועלן אָפּרעדן זיך צו טרעפן.

אויף די כוואַליעס פון גורל

— וווּנדערסט זיך מסתמא וואָס כ׳האָב זיך אַזוי צערעדט.

— ניין. איך וווּנדער זיך נישט, ס׳איז נאַטירלעך. אַ סימן כ׳בין דיר נישט קיין פרעמדע.

— האָסט דאָך אים געקענט, געוווּסט וועגן אַלעמען, אַ מענטש מוז זיך אַראָפּרעדן, ווען ס׳דריקט.

— כ׳האָב איבערגעחזרט:

— ס׳איז נאַטירלעך, מיר קענען זיך פון אַזוי לאַנג...

— דעריבער טאַקע פרעג איך דיך, וואָס וואָלסטו געטאָן אויף מיין אָרט?

— כ׳ווייס נישט, באמת כ׳ווייס נישט, שווער צו זאָגן ווען מ׳איז נישט אויף דיין אָרט.

— כ׳פאַרשטיי, פאַרשטיי — האָט זי אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

די אָפּגעפונענע פריינד און דער סוד

דער פּאַריזער „גרויסער פּאַלאַץ" פאַר קונסט איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. די רייען באַזוכער ציען זיך פון איין זייט אַריינגאַנג כמעט ביז צו די שיינע, צעגרינטע פּלאַטאַנען־ביימער פון דער עליזיי־אַלייע, פון דער אַנדערער זייט לענגאויס דער גרויסער געביידע אַנט־קעגן דעם „קליינער פּאַלאַץ" פאַר קונסט. ס׳איז זומער לעב. טוריסטן־סעזאָן אין פּאַריז. און סעזאָן פון די גרויסע קונסט־אויסשטעלונגען. צו דער רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג פון אויגוסט רענואַר איז די לענגסטע רייע.

הדסה, אַ טוריסטין פון שווייצאַריע, האָט שוין צוויי מאָל געפּרוווט דאָס מזל — שבת און זונטיק. אָפּגעשטאַנען אין דער רייע אַ צוויי שעה און אָפּגעלייגט אויף אַ וואָכעדיקן טאָג. מ׳זאָגט, אַז מאָנטיק גייען מענטשן ווייניק אַרויס; אָבער אַז אין אַ וואָכעדיקן מאָנטיק זאָל אויך אויסקומען צו שטיין אין אַ לאַנגער רייע האָט זי זיך נישט גערעכט. נאָר מילא, פאַרפאַלן. דאָס מאָל וואַרט זי. זי האָט געמאַכט די נסיעה קיין פּאַריז צוליב דער רענואַר־אויסשטעלונג, כאָטש ס׳האָט זיך שוין איינגעשטעלט ביי איר כמעט אַ מנהג זיך אָפּצורייסן פון דער היים און אַראָפּלאָזן זיך קיין פּאַריז אַביסל זיך אָפּצופרישן אין קונסט־טאַראַראַם.

הדסה׳ס שייכות צום פּאַריזער קונסט־קעסל שטאַמט נאָך פון איר אומגעקומענעם טאַטן דעם מאָלער, וואָס האָט אין זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט מיטן יונגן ווייב אַ היפּשע צייט אין פּאַריז, געווען אויס־געבונדן מיט פּאַריזער קינסטלער, יידישע און נישט־יידישע, געהאַט שטענדיק צו דערציילן אַן אַ שיעור מעשיות וועגן פּאַריזער קונסט־יאַריד. דער טאַטע האָט געהאַט זיינע באַליבטע מייסטער און איינער פון די באַליבטסטע איז געווען אויגוסט רענואַר. הדסהן איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אין זכרון דעם טאַטנס מעשיות וועגן רענואַר; ער פלעגט צומאָל ציטירן זיינע ווערטער: „דאָס לעבן איז גענוג אומעטיק, זאָל איך מיט מיינע בילדער נאָך ברענגען אומעט?". אַ סך

פריער איידער זי האָט געזען רענואַרס בילדער, האָט זי שוין געקענט געוויסע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, וואָס דער טאַטע דער מאָלער האָט איר איבערגעגעבן בזה הלשון: „טעכטערל, צי ווייסטו וואָס עס באַדייט לעבן מיטן גאַנצן האַרץ, מיט דער גאַנצער נשמה מיט קונסט, פאַר דער קונסט? טאָ הער־זשע: ווען רענואַר איז אויף דער עלטער קראַנק געוואָרן, ווען דער רעוומאַטיזם האָט אים צעדרייט די אברים און די רעכטע האַנט האָט זיך ביי אים שטאַרק געטרייסלט, האָט ער געבעטן מ׳זאָל אים צובינדן דעם פּענדזל צו דער דלאָניע און אַזוי, אַ צוגעשמידטער צום פּאַטעל האָט ער מיטן צוגעפּעסטיקטן פּענדזל צו דער האַנט ווייטער געמאָלן זיינע בילדער פול מיט געמיטלעכקייט און לעבנספרייד״.

שטייענדיק אין דער רייע האָבן הדסהן אויפגעטויכט אין זכרון פאַרשידענע מעשיות, וואָס דער טאַטע האָט איר דערציילט וועגן רענואַר. פאַרזונקען אין טראַכטענישן, אין דערמאָנונגען וועגן אומגעקומענעם טאַטן דעם מאָלער און זיין באַגייסטערונג פאַר רענואַר, האָט זי נישט באַמערקט ווער עס שטייט הינטער איר. מיט אַמאָל האָט זי דערפילט ווי דער מענטש הינטער איר קוקט איר אַריבער, ווי אויגן עסן זיך איין אין איר וועזן. זי האָט אַפילו קיין באַוועגונג מיטן קאָפּ נישט געמאַכט, געשטאַנען גלייך, גלייכגילטיק. וואָס אַרט עס איר וואָס יענער עסט זי הינטערוויילעכץ מיט די אויגן? אויב עמיצער אַ באַקאַנטער וואָלט ער זיך דאָך אָפּגערופן.

די רייע האָט אָנגעהויבן זיך רוקן מיט אַ גיכערן טעמפּאָ. און אָט איז זי ביי דער קאַסע. דער פאַרשוין הינטער איר גיט זיך אַ שטעל אַוועק ביי איר זייט, הענגט אָן אויף איר די אויגן, עפנט דאָס מויל ווי אַ געשריי צו טאָן. הדסה כאַפּט דעם באַצאָלטן בילעט און לאָזט זיך גיך־גיך גיין צו דער אויסשטעלונג. וואָס פאַר אַ צוטשעפּעניש איז דער־אָ מענטש מיט דער עלעגאַנטער באָרד? קיין נייע זאַך איז דאָס, וואָס אָן אמת, נישט פאַר איר. מ׳האָט זי נישט איין מאָל אין פאַריז „פאַרטשעפּעט״. די קאָסמעטיטשקע זאָגט איר שטענדיק, אַז זי דאַרף נישט אויסזאָגן איר עלטער. פון אירע 55 יאָר קאָן זי אַראָפּקלאַפּן אַ 15, בפרט זומער. איצט, אין העלן זומערדיקן קליידל, מיטן בייטל אָנגעהאנגען אויפן אַקסל, מיט די צעלאָזענע, לאַנגע, געדיכטע

בלאָנדע האָר, זעט זי אויס יינגער ווי שטענדיק. דער פּאַרשוין האָט געמאַכט אַ טעות, געזען מסתמא אין מיר אַ יונגע פרוי.

הדסה האָט זיך אויסגעמישט מיטן עולם באַזוכער, געשטופּט זיך צו די עקספּאָנאַטן און מער וועגן באַבערדיקטן מאַן נישט געטראַכט. זי האָט זיך איר אייגענעם אופן פון באַזוכן אַן אויסשטעלונג, בפרט אַזאַ. שטייט לאַנג פאַר אַ בילד, קערט זיך פון מאָל צו מאָל אום צום זעלבן עקספּאָנאַט. איר מאַן, דער אַלטער זשורנאַליסט, זאָגט איר, אַז זי פאַרמאַטערט זיך און אים, ער קאָן איר נישט נאָכפאָלגן. זי האָט אים נישט איין מאָל נאָכגעגעבן, נישט אומגעקערט זיך צו די זעלבע בילדער. אָבער שוין יאָרן ווי ער גייט נישט אויף קיין אויסשטעלונגען און זי קאָן זיך פירן אַזוי ווי איר געפעלט.

זי האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, געשטאַנען אין פאַרלעצטן, קליינעם זאַל, וווּ ס׳זענען אויסגעהאנגען די בילדער פון קינדער. איר בענקשאַפט נאָך אַ קינד איז אַזאַ, אַז ס׳ווערט איר אַפילו ליב אַ קינד אויף אַ בילד, בפרט געמאָלן דורך רענואַר. ס׳האָט זי באַזונדער פאַר־כאַפּט אַ מיידעלע ביים פּאַרטעפּיאַן מיט איר לערערין דערנעבן. פּלוצלינג איז אויסגעוואָקסן פאַר איר דער פאַרשוין מיט דער רונדיקער באָרד, וואָס פאַרנעמט אַ היפּשן טייל פון פּנים, אַוועקגעשטעלט זיך ביי איר זייט און זיך גוטמוטיק צעשמייכלט. זי האָט אים געלאָזט שטיין און אַוועק צו אַ בילד אין דערנעבנדיקן, לעצטן זאַל. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, זיך געשטעלט נעבן איר און אויסגעמורמלט:

— מיר דוכט איך מאַך נישט קיין טעות; איר זענט הדסה שטער־לינג? אפשר הייסט איר היינט אַנדערש, אָבער איך קען אייך, געדענק דיך... כ׳קען אייך ווי הדסה שטערלינג.

הדסה האָט אויסגעגלאָצט אויפן אומבאַקאַנטן מענטש די גרוי־העלע פאַרוווּנדערטע אויגן, אָפּגעמאָסטן אים פון קאָפּ ביז די פיס. ניין, זי קען נישט אַזעלכן, האָט זי זיך געטראַכט.

— פון וואַנען קענט איר מיין אַמאָליקן פאַמיליע־נאָמען?

— איר קענט... דו קענסט מיינעם אויך.

— ווי הייסט איר? — האָט הדסה מיט וואַקסנדיקן נייגיר געפרעגט.

— איך בין נאָטאַן זאַטאַרסקי, נאָטעק פון וואַרשע, דיין פּאַטערס

געוועזענער תלמיד; געוועזן שכנים; דערמאָנסט זיך אפשר די באַגע־געניש באַלד נאָך דער מלחמה אין צעשטערטן געטאָ און...

הדסה האָט אים איבערגעריסן מיט אַן אַרויסגעלאָזטן „אוי״, גע־בליבן אַ ווײַלע פאַרשטומט און באַלד דערנאָך באַקומען לשון:

— נאטעק, דו? אוממעגלעך! גאָט מײַנער, ביסט דאָך גאָרנישט ענלעך צו זיך! ווי אַזוי האָסטו דיך אַזוי געענדערט? פון וואַנען נעמסטו זיך דאָ? פאַרוואָס באַלד נישט געזאָגט, אַז דו ביסט נאטעק? ווי האָט מיר געקאָנט אײַנפאַלן, אַז דו ביסט דו? וויפל יאָר איז דאָס ווי מיר האָבן זיך נישט געזען?

— איך צייל נישט און מעסט נישט די צייט לויט יאָרן, נאָר לויט געשעענישן.

— ביסט אין פּאַריז אַ טוריסט, אַזוי ווי איך?

— אַ טוריסט און נישט קיין טוריסט. כ׳בין אומעטום אַ טוריסט, ס׳הייסט אויף דער ווײַל.

— ביסט אפשר אַ היגער?

— געווען שוין אַ היגער אויך. אויב ס׳וועט זיך אײַנגעבן, וועל איך אויפסנײַ ווערן אַ היגער. אָבער שוין אויף איין פוס ווילסטו אַלץ וויסן? מיר דוכט האָסט שוין געזען די גאַנצע אויסשטעלונג. איך נישט. כ׳וועל קומען אַן אַנדערש מאָל. כ׳האָב געדאַרפט דיך האַלטן אויפן אויג. געלאָזט דיר קוקן ביזן סוף. ס׳דויערט לאַנג ביי דיר. וועלן מיר איצט גיין אין דער דאָיקער קאַפע. אַ יאָ, האָסט נאָך דעם לעצטן זאַל.

— זאָג מיר דערווײַל, האָסט מיך באַלד דערקענט? אין דער רייע?

— אין דער רייע נישט געווען זיכער. ביי דער קאַסע דערקענט. האָסט זיך דאָך נישט געענדערט ווי איך. כ׳האָב געוווּסט, אַז וועסט מיך נישט דערקענען.

— ווי האָב איך דיך געקאָנט דערקענען מיט אַזאַ־אַ באָרד? האָסט דיך בכלל געענדערט, ביסט אַפילו העכער געוואָרן... ביסט דאָך געווען... אַ ייִנגל.

מ׳זאָגט, אַז נאָך אַכצן־צוואַנציק יאָר וואַקסט מען שוין נישט, האָט דער רבונו של עולם געמאַכט פאַר מיר אַן אויסנאַם און איך בין צוגעוואַקסן. דיר וועל איך איצט קיין קאָמפּלימענטן נישט מאַכן. איך לאָז דיך אַזוי גיך נישט אָפּ. איך פאַרבעט דיך אויף מיטאָג. אין דער

דאָיקער קאַפע איז פאַראַן אויך אַ רעסטאָראַן, מיר וועלן זיך דאָרט אויסרעדן פאַר אַלע צייטן.

— איך וויל אָבער נאָך אַ קוק כאַפּן אויף די בילדער אין דעם זאַל.

— אויב אַזוי, כאַפּ איך מיך אַרויף אַ קוק געבן צי מען קאָן שוין עסן מיטאָג, אויב נישט גייען מיר ערגעץ אַנדערש. זאָלסט מיר נאָר נישט פאַרפאַלן גיין! וואַרטסט אויף מיר? זאָגסט צו?

— יאָ, איך וואַרט אויף דיר דאָ. נישטאָ דאָ קיין אַנלויפעניש. כ׳וועל נאָר כאַפּן אַ קוק אויף די לעצטע בילדער און מיר גייען אַרויס צוזאַמען.

הדסה האָט דערזען אַ פרייע שטול. זי האָט דערפילט אַ נישט געוויינלעכע מידקייט, זיך אַוועקגעזעצט. אויף די בילדער האָט זי מער נישט געקוקט. אַנדערע בילדער זענען אויפגעשוואומען פאַר די אויגן: דער צעשטערטער געטאָ אין וואַרשע, די בערגלעך ציגל, די בראָכ־שטיקער און אַרומגעפליקטע קוימענס פון הייזער. ס׳איז געווען אָן ערך צוויי חדשים ווי זי איז אָנגעקומען מיטן יידישן קאָמיטעט פון לובלין, באַשעפטיקט געווען אין אַ ביוראָ אויף פראַגע, ווו דער צייטווייליקער קאָמיטעט איז געווען איינקוואַרטירט. וואָס האָט זי געטריבן, געיאָגט צו גיין אין צעשטערטן געטאָ? זי האָט געוווסט, אַז די עלטערן וועט זי שוין קיינמאָל נישט זען. עמיצן פון דער משפחה אויך נישט. האָט זי כאָטש געוואָלט זען דאָס צעשטערטע הויז, דאָס אָרט, ווו דאָס הויז איז געשטאַנען, די גאַס ווו זיי האָבן געוווינט. זי האָט דאָך אַזוי גוט געקענט די גאַנצע געגנט, די לעשנע גאַס. זי וועט דאָרט זיכער געפינען עפּעס אַן איבערבלייבעניש פון איר היים, וועט נעמען פאַר אַן אָנדענק.

זי האָט נישט געפונען נישט די געגנט, נישט די גאַס, נישט דאָס אָרט, ווו זייער הויז איז געשטאַנען. אַ שטאַרקע שרעק איז איר באַפאַלן אין העלן טאָג, באַדויערט וואָס זי האָט איינינקע אַליין געלאָזט זיך אין דער פאַרוויסטער געגנט. האָט אָנגעהויבן לויפן צוריק, דראַפּנדיק זיך איבער בערגלעך, איבער אָנוואַלגערנישן, טונקענדיק די פיס אין אַש. אַנטקעגן איז איר אָנגעקומען דער אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער נאַטעק. אויך ער איז געקומען אָפּזוכן דאָס צעשטערטע הויז פון זיינע עלטערן און נישט געפונען. ער האָט געהאַט זיך צוריק־געקערט פון אַ נאָענטן דאָרף, ווו ער האָט ביי אַ פּויער געאַרבעט ווי

אַ קריסטלעך ייִנגל אַלס פּאַראָבעק. זיי האָבן זיך אָנגענומען פּאַר די הענט און געוואָגלט איבער די חורבות. הדסה האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם שלוכץ אין האַלדז. שווערע טראָפּנס טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע אויסגעבלייכטע יונג־מיידלשע באַקן. נאַטעק האָט פּאַרוואָרפן זיין רעכטן אָרעם איבער איר פּלייצע, געדריקט זי צו זיך און אַריינגעשושקעט אין איר: „מיר זענעןביידע געבליבן אַליין, ביידע קיילעכדיקע יתומים, לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען; כ׳בין מיט אַ דריי יאָר עלטער פון דיר, כ׳וועל דיר אין אַלעמען העלפן. כ׳האָב דיך... שטענדיק... דיך ליב געהאַט. געקומען מער צו דיר ווי צו דיין טאַטן זיך לערנען צייכענען, ביסט די איינציקע, וואָס מיר איז פּאַר־בליבן". זי, הדסה, האָט דעמאָלט אָנגעשפּאַרט אין אים דעם קאָפּ און נאָך מער זיך צעוויינט. אָפּגעווישט די טרערן האָט זי ערשט ווען נאַטעק האָט זי צוגעפירט צום הויז פון ייִדישן קאָמיטעט. ער האָט איר צוגעזאָגט צו קומען און געקומען כמעט יעדן טאָג טראָץ די גרויסע קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן. ס׳איז איר געווען גוט מיט אים. ער האָט געלינדערט איר טרויער, האָט זי דאָך אָפּגעפונען כאָטש אַן אַריינגייער אין זייער שטוב, עמיצן וואָס האָט זי ליב. זי האָט אים יעדעס מאָל דערוואַרט ווי אַ נאָענט־אייגענעם ביז... ביז... ווי אַזוי איז דאָס געשען וואָס די דעמאָלטיקע נאָענטקייט האָט זיך איבער־געריסן נאָך דעם ווי זי האָט אַרומגעוואַנדערט מיטן קאָרעספּאָנדענט איבערן לאַנד? ווי אַזוי....?

— וואָס אַזאַ פּאַרטראַכטע? מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ? האָסט זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלע בילדער? פּאַרמאַטערט זיך, וואָס?

זי האָט נישט באַמערקט ווי נאַטעק איז צוריקגעקומען. מיט זיינע רייד האָט ער איר איבערגעריסן דעם פילם פון ווייטע זכרונות, וואָס האָבן אויפגעטויכט אין דמיון און פּאַרבייגעלאָפן פּאַר די אויגן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שלאָף, וואָס איז איר פלוצלינג באַפאַלן.

— קום, וועסט זיך אָפּרוען. מיר וועלן עסן מיטאָג און זיך דורכ־שמועסן. כ׳האָב רעזערווירט אין קאַפע־רעסטאָראַן צוויי פּלעצער.

— רעזערווירט?

— מ׳בויגט אָן צום טישל די שטולן, באַדייט עס, אַז די פּלעצער

זענען רעזערווירט. כ׳האָב זיך געטראַכט: אויב וועסטו איצט פון מיר נישט אַנטלויפן, וועלן מיר פאַרברענגען אַ שטיקל צייט.

— איך בין דען וועגן פון דיר אַנטלאָפן?...

— נו, לאָמיר נישט מאַכן קיין אַלטע חשבונות. לאָמיר בעסער ווי יוגנט־פריינד זיך דורכשמועסן. כ׳האָב שטענדיק געגאַרט צו וויסן ווי דיין לעבן האָט זיך איינגעשטעלט. ביסט נאָך די פרוי פון יענעם זשורנאַליסט?

הדסהן האָט זיך געדוכט, אַז אין זיין פראַגע איז פאַראַן אַ לייכטער טאָן פון איראָניע. זי האָט אים געוואָלט אָפּצאָלן אויך מיט אַ טאָן פון איראָניע, נאָר אין איר ענטפער האָט זיך אַריינגעמישט אַן אַקצענט פון אומעט.

— די פרוי פונעם זעלבן.

— אויב אורטיילן פון דיין אויסזען ביסטו גליקלעך אין אייער צוזאַמענלעבן.

זי האָט זיך נישט אָפּגערופן. אָפּגעקערט פון אים די אויגן, אַרומגעקוקט זיך אין גרויסן עס־זאַל. נאַטאַן האָט געוואָלט פאַרקערעווען דעם אָנהויב פונעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג.

— מיר זענען דאָ אַריין אין אַ גוטער שעה. דער טומל הייבט זיך אָן אַרום 1־2 אַזייגער. צוועלף אַזייגער געקאָנט נאָך אָפּקלייבן אַ זייטיק ווינקל, ביים פענצטער. זע, ווי עס שמייכלען אונדז אַנטקעגן דורכן פענצטער דיביימער. מ׳וועט קאָנען דאָ רויִק שמועסן. און זיצן דאָ קאָן מען ווי לאַנג מען וויל.

— כ׳זע דו קענסט גוט די דאָיִקע פאַראַנדקעס. ביסט דאָ אַן אַריינגייער?

—— אין דער קאַפע געווען אייניקע מאָל. דו ביסט דאָ דאָס ערשטע מאָל?

— אויף אויסשטעלונגען געווען דאָ אַ סך מאָל, אין דער קאַפע נישט. כ׳האָב נישט ליב אַליין צו גיין אין אַזאַ קאַפע.

זי האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו שטעלן פראַגן.

— ביסט דאָ שטענדיק אַליין?

— אַליין.

— דיין מאַן באַגלייט דיך נישט?

— ניין.

— ווינסט נאָך אַלץ אין גענעווע ?
— הינטער גענעווע, אין אַ שיינער דאַטשע־געגנט.
— ווי לעבט זיך דיר אין דעם הינטער־גענעווע ?
— ווי אין אַ גאָלדענער שטייג...
— פאַרוואָס אין אַ... וואָס מיינט דאָס ?
זי האָט באַדויערט אירע ווערטער, האָט אומעטיק געשמייכלט :
— אָט, ס'האָט זיך אַזוי אַרויסגעכאַפּט...
— כ'זע ביסט נישט אויפגעלייגט צו דערציילן, טראַכסט זיך זיכער : באַפּאַלט מיך מיט פראַגן. נישט געוווסט פון זיך עטלעכע צענדליק יאָר און איצט וויל ער מיט איין מאָל אַלץ זיך דערוויסן.
— כ'זע נישט אין דעם קיין עוולה. איך וואָלט אויך געוואָלט אַלץ וויסן וועגן דיר, נישט איין מאָל געפּרעגט זיך וואָס מיט דיר איז געוואָרן.
— אויב אַזוי וועלן מיר אָנהייבן פון מיר !
— אדרבא, דערצייל.
— פון סאַמען אָנהייב ?
זי האָט זיך איצט צעשמייכלט אָפנהאַרציק :
—יאָ, פון סאַמען אָנהייב, כ'בין אַ גוטע צוהערערין, בפרט איצט דיך הערן.
— איז זיי וויסן, אַז קיין מאָלער, קיין צייכענער בין איך נישט געוואָרן, ווי כ'האָב זיך געשניטן צו ווערן. אַפילו נישט קיין זונטיק־מאָלער, ווי די פראַנצויזן רופן דאָס. געוואָרן דעמאָלט פּראַקטיש. וואָס אַן אמת פון לאַנג געהאַט אויך אַ נייגונג צו וויסנשאַפט. אָבער מיין וויסנשאַפטלעכע קאַריערע איז געקומען דורך אַ צופאַל. קורץ נאָך דעם ווי דו ביסט פאַרשוווּנדן האָט זיך אָפּגעפונען אַ ווייטע קרובה. געקומען פון סאָוויעטרוסלאַנד. אַ שישקע געווען אין די הויכע פענצטער. אַ גליק האָט איר געטראָפן, געפונען עמיצן פון דער משפחה, אַ ווייטע משפחה, אָבער דאָך משפחה. אַן איינזאַמע האָט זי אויסגעשפּרייט איבער מיר מאַמעשע פליגלען. זי איז צוגעשטאַנען כ'זאָל מיך נעמען צו שטודירן. זי האָט אַליין דערליידיקט מיין אַריינטריט אין אוניווערסיטעט. אויף פיזיק. נאָך אַ יאָר געפאָרן אויף מאָסקווער אוניווערסיטעט. אַלץ דורך איר. באַקומען אַ טאָפּלטע בורס — אַ פּוילישע און סאָוויעטישע. דערצו האָט זי מיר צוגעשיקט פּעקלעך מיט גוטע זאַכן, וואָס זי האָט

געקאָנט איינקויפן אין די מאַגאַזינען „הינטער די געלע פאַרהענגלעך״. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע סטודענטן געלעבט ווי אַ פּרינץ. נאָך פינף יאָר געוואָרן אַ דיפּלאָמירטער אַטאָם־פיזיקער. אין וואַרשע ווידער געקאָנט לעבן ווי אַ פּרינץ אין פאַרגלייך, פאַרשטייט זיך, צו אַנדערע. באַקומען אַ גוטן פּאָסטן, אַ שיינע וווינונג. כאָטש אַ סך זאַכן זענען מיר דערווידער געווען, האָט מען זיך געלאָזט מיטן שטראָם פון מיין קאַטעגאָריע מענטשן. אַזוי איז געווען...

ער האָט איבערגעריסן ווי ער וואָלט צוגעקומען צו אַ קרייץ־וועג ביי וועלכן מען בלייבט שטיין נישט וויסנדיק וועלכע ריכטונג צו נעמען. הדסה האָט ווייטער געקוקט אויף אים מיט אַן אָפן מויל און אָנגעשפּיצטע אויערן. זי האָט געוואָלט הערן נאָך און נאָך, געוואָרן אומגעדולדיק.

— וואָס ווייטער ?

זיין געמיטלעך געזיכט האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואָלקנט. די צונג האָט זיך אַ רגע געפּלאָנטערט, באַלד דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן שטילער און לאַנגזאַמער :

— ס׳איז געווען די ערשטע גרויסע אויפטרייסלונג. אַן אומגליק נאָך אַזוי פיל אומגליקן. די מומע מאַריע, ווי מיר האָבן היימישלעך גערופן מיין גוטהאַרציקע קרובה, האָט זיך דאָס לעבן גענומען. זי האָט דערזען, אַז דער קעניג איז נאַקעט, אַז פון איר שיינעם אידעאַל, וועלכן זי האָט אָפּגעגעבן איר גאַנץ לעבן, לאָזט זיך אויס אַ מיאוסער זייפנבלאָז. זי האָט מער נישט געהאַט צו וואָס צו לעבן. איר טויט איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער קלאַפּ. כ׳האָב נאָך אַמאָל פאַרלוירן אַ מאַמע, נאָר אין אַנדערע אומשטענדן. ס׳האָט מיר געגעבן אַ סך צו טראַכטן. די ערד האָט מיר צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו ברענען אונטער די פיס. וווּ אָבער ווענדן די טריט און ווי אַזוי ? דערווייל האָט דער שטראָם פון לעבן ווידער אַריינגעצויגן, געלאָזט זיך מיטן שטראָם ביזן יאָר 68. ווייסט זיכער, אַז בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין ישראל זענען יידן אין פּוילן געוואָרן אַ פינפטע קאָלאָנע. מיר איז דעמאָלט קיין בייז נישט געשען אָבער אויס עמפּערונג, אויס פּראָטעסט פאַרלאָזט דאָס לאַנד. ווי גיך ס׳האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ טיר, און זי האָט זיך נישט לייכט געעפנט.

— אַליין פאַרלאָזט ?

— מיט מיין פוילישער פרוי, מיט זיבן יאָר אַ ייִנגערע פון מיר, און מיט אונדזערע צוויי ייִנגלעך. אַ צווילינג. ס'איז געקומען דער ערשטער אָפענער קאָנפליקט. כ'האָב פון לאַנג באַגערט צו פאָרן זיך באַזעצן אין ישראל. זי האָט נישט געוואָלט הערן און גערעדנקען דער־פון — זי איז נישט קיין ייִדישקע, די ייִנגלעך זענען נישט קיין ייִדישע קינדער, סתם צים זי נישט אַהין. אויב שוין יאָ אַרויספאָרן איז נאָר קיין פּאַריז. נו, זענען מיר געקומען קיין פּאַריז, אָפּגעמאַטערט זיך 6 חדשים און מיט גרויסע צרות זיך איבערגעפעקלט קיין שוועדן.

הדסה האָט געגעסן דעם מיטאָג ווי זי וואָלט געווען געצווונגען דערצו. מער געקוקט צו נאַטעקן ווי אין טעלער. נאַטעקס רייד האָבן זי איבערגעטראָגן אין אַנדערע צייטן, אין אַנדערע וועלטן.

— איך רעד און רעד און דו עסט נישט. עסן און רעדן, ווי איך טו עס, איז נישט לייכט, אָבער עסן און הערן קאָן מען.

— איך וויל בעסער טאָן איין זאַך, הערן דיך. דערצייל ווייטער. אַ יאָ, האָסט מיך געפרעגט צי מיין מאַן באַגלייט מיך קיין פּאַריז. שטעל איך דיר די זעלבע פראַגע: דיין פרוי באַגלייט דיך נישט?

— איך האָב נישט קיין פרוי. זי האָט מיך אין שטאָקהאָלם פאַר־לאָזט, אַוועק מיטן סעקרעטאַר פון דער פוילישער אַמבאַסאַדע. כ'האָב דיר געזאָגט, אַז מיר איז באַשערט צו זיין אומעטום אויף דערוויל. נאָך דעם ווי זי האָט מיך פאַרלאָזט האָב איך פאַרלאָזט שטאָקהאָלם. באַזעצט זיך אין קאָפּענהאַגן. באַקומען דאָרט אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט אויף מיין געביט.

— די קינדער?

— איין זון געבליבן מיט מיר, איינער אַוועק מיט דער מאַמען.

— ווי אַלט זענען זיי?

— אָ, זיי זענען שוין דערוואַקסענע מענטשן, אין גיכן ווערן 29 יאָר, געענדיקט פון לאַנג דעם אוניווערסיטעט, איינער אַלס מאַטע־מאַטיקער, דער צווייטער אַ פיזיקער, ווי איך.

— ער איז מיט דיר, דיין זון?

— מיט צוויי יאָר צוריק חתונה געהאַט, מיט אַ ייִדיש מיידל. אויך פון פוילן. זי האָט געמאַכט פון אים אַ הייסן ייִד. גייט אין די יום־טובים אין דער קאָפּענהאַגער סינאַגאָגע.

— דער צווייטער זון?

— מיט דער מאַמען אין וואַרשע. אַן אמתער פוילישער גוי. שמעקט אַפילו מיט פוילישן אַנטיסעמיטיזם. וואַרפט מיר נאָך היינט פאָר אין די זעלטענע ענטפערס אויף מיינע בריוו, אַז כ׳האָב געוואָלט פון אים מאַכן אַ ייד, פאַרשלעפּן קיין ישראל. „ביסט נאָך כסדר מיט איין פוס אין ישראל כאָטש שטאָקהאָלם און קאָפּענהאַגן האָבן דיך אויפגענומען ברייטהאַרציק". אַזוי האָט ער מיט אַ צייט צוריק געשריבן צו מיר. „עסט זייער ברויט און דאַנקסט זיי אָפּ מיט פרעמדקייט, ווילסט אַנט־לויפן". די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן שטענדיק געזאָגט צו די יידן, אַז זיי עסן זייער ברויט. נאָר וואָס שייך מיט איין פוס אין ישראל איז ער אפשר גערעכט. ווען נישט מיין זון, מיין שנור וואָלט איך זיך נישט געוואַקלט ווידער צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן. ס׳ווילט זיך נישט פאַרלאָזן דאָס ביסל משפחה. צי מיין זון מיטן ווייב וואָלטן מיך נישט נאָכגעטאָן? וואָלטן גערן יאָ נאָכגעטאָן, נאָר די מעשה מיטן מיהו יהודי האַלט זיי אָפּ. מיין זון האַלט זיך פאַר אַ ייד, אָבער אין ישראל וועט ער לויטן רבנישן געזעץ נישט זיין קיין ייד.ביידע מיטן ווייב, ווייסן זיי גוט וועגן די זאַכן. דורכמאַכן אַ פּראָצעדור לויט דער הלכה צו ווערן אַ ייד איז אים נישט צום האַרצן.

— וועט איר אַזוי אַרום מסתמא פאַרשפּאָרן צו וואַנדערן...

— ס׳איז נישט געזאָגט. מיין זון איז גערעטן אין מיר. ער האָט אויך נישט קיין זיצפלייש, בפרט ווען ס׳רוקט זיך אָן אַ גוטע געלעגנ־הייט. ער האָט געמאַכט אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פאַרן צענטער פון אַטאָם־פיזיק אין סאַרקליי, הינטער פּאַריז. לייגט מען אים פאָר צו קומען דאָרט אַרבעטן. ער שטעלט אַ באַדינג: באַשעפטיקן אויך דעם פאָטער דער פיזיקער. אויב מען נעמט אָן זיין באַדינג, נעמען מיר ווידער דעם וואַנדער־שטעקן. קאָפּענהאַגן איז אַ זייטיק ווינקל, אַ גרויס דאָרף. די קינדער ציט צו אַ יידישן צענטער און זיי ציען מיך מיט. ווי דו זעסט בין איך נאָך גרייט צו וואַנדערן. נו, ווייסט שוין אַלץ וועגן מיר. איצט איז דיין רייע. דערצייל.

— וואָס ווילסטו וויסן?

— שטויסט זיך מסתמא אָן; כ׳וואָלט געוואָלט וויסן אַלץ וואָס ס׳טוט זיך ביי דיר. האָסט מיר טאָקע אָפּגעטאָן אויף טערקיש, אַנטלאָפן, קיינמאָל אַפילו נישט געגעבן צו וויסן וועגן זיך, ווי מיר וואָלטן זיך פרעמדע געווען, אָבער ביסט פאַרבליבן ביי מיר... אפשר דערפאַר זיך

צונויפגעגאַנגען מיט אַ צופעליק נישט יידיש מיידל. יאָ, געווען אַ צופאַל, ס׳האָט געדאַרפט לינדערן דעם אומעט, פאַרטרעטן דאָס אָנ־געווירענע... אָבער אָנשטאָט דיר צו לאָזן רעדן, דערצייל איך אויפסניי. כ׳האָב געמיינט דו וועסט מיך נאָכטאָן, אַרויסלייגן אַלץ, ווי פאַר אַ יוגנט־פריינד.

— טאָ טו־זשע דו מיך נאָך און שטעל פראַגן. אויף פראַגן וועט לייכטער זיין צו ענטפערן.

ער האָט ערשט איצט גוט זיך איינגעקוקט אין איר, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אויסלייענען פון איר געזיכט.

— זעסט זייער גוט אויס, קיין סך זיך נישט געעלטערט, אָבער אין דיינע אויגן פאַראַן אומעט. אויגן, זאָגט מען, זענען די פענצטער פון דער נשמה; איז זאָג־זשע ווי לעבט זיך דיר ?

— ס׳האָט מיר די לעצטע צייטן כסדר געדוכט, אַז כ׳האָב מיין ביז איצטיק לעבן צעטרענצלט. הערנדיק דיך איצט, זע איך, אַז דער־אָט געפיל, וואָס נאָגט צייטנווייז אין האַרץ, איז נישט איבערגעטריבן, כאָטש עס גייט מיר זייער גוט.

— האָסט קינדער ?

— ניין. געטראַכט צו אַדאָפּטירן אַ קינד. דאָס האָט זיך מיר אויך נישט איינגעגעבן. איצט צו שפּעט.

— כ׳האָב יענע יאָרן געוווּסט, אַז דער זשורנאַליסט איז שטאַרק פאַרליבט אין דיר, לעבסטו ווייטער גליקלעך מיט דיין מאַן ?

הדסה האָט אַ ווײַלע געשוויגן, שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט זיך געיישובט וואָס צו ענטפערן. נאָך אַ ווײַלע אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן מיט דער צונג, און פּלאָנטערנדיק צוריקגעפרעגט:

— וואָס הייסט לעבן גליקלעך ? צי ווייס איך וואָס דאָס... ? מסתמא נישט ביי יעדערן דאָס זעלבע... גליק... גליקלעך... צי זענען דאָס נישט קיין פּוסטע באַגריפן ? מ׳קאָן אַפילו אַלץ האָבן וואָס נויטיק צו דעם, וואָס מ׳רופט אָן זיין גליקלעך און זיך פילן... למשל איינזאַם. מיינער אַ פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין גימנאַזיע האָט אונדז אויף אַ לעקציע געהאַט געזאָגט, אַז איינזאַמקייט איז געגליכן צו היימלאָזי־קייט. אוי, זיי מוחל, איך גיי אַראָפּ פון וועג. דו ווילסט וויסן וואָס ביי מיר פּערזענלעך און נישט קיין פּאַראַלגעמיינערונגען.

זי האָט לייכט אָפּגעזיפצט, געוואָנדן די אויגן צו די ביימער, וואָס

האָבן אַריינגעשמייכלט דורכן פענצטער. געקוקט אַ ווײַלע שווייגנדיק, אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און זיך אָנגעטראָפן מיט נאַטאַנס וואַרעמע בליקן. זי האָט דערשפּירט זיין נייגעריק וואַרטן. איז זי אים דען נישט שולדיק עפּעס מער ווי זי האָט ביז איצט געזאָגט? פאַרוואָס זאָל זי אים נישט דערציילן דעם גאַנצן אמת? זי האָט צוגעקליבן די ווערטער:

— דו ווייסט וואָס ס'איז געשען נאָר דו ווייסט נישט אַלץ. איך בין אַלט געווען זיבעצן יאָר ווען מ'האָט מיר פאַרגעלייגט צו זיין דער „גיד", די באַגלייטערין־איבערזעצערין פון אַ שווייצאַרישן זשורנאַליסט. מיין מאַמע האָט מיר איבערגעלאָזט אַ ירושה — דאָס פראַנצויזישע לשון. זי, די לערערין פון פראַנצויזיש, האָט דורכויס געוואָלט איר טאָכטער זאָל קענען פראַנצויזיש. געדענקסט אפשר ווי זי פלעגט אָפּט־מאָל רעדן מיט מיר פראַנצויזיש? נו, בין איך געוואָרן, ווי דו ווייסט, אַ „גיד". איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענע און געווען נאָך אַ קינד, אַ פאַרבלאָנקעט, היימלאָז קינד, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ היים, נאָך אייגענע. כ'האָב דיר, געדענק איך, איין מאָל געהאַט דערציילט, אַז איך שלאָף נישט ביינאַכט. כ'האָב דיר, דוכט מיר, נישט געזאָגט, אַז איך וויין ביי־נאַכט, באַווין די עלטערן, די משפחה, די גוטע היים. דאָס פּאַרוויסטעניש, וואָס כ'האָב געזען, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אויפן צעשטערטן געטאָ, האָט מיך צערודערט, קיין רו נישט געלאָזט. נאָך מער האָט מיך צערודערט דאָס פּאַרוויסטעניש, וואָס כ'האָב דערזען, ווען כ'האָב באַ־גלייט דעם שווייצאַרישן קאָרעספּאָנדענט. מיר זענען געפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, איבער יידישע שטעטלעך אָן יידן. די יידישע הייזער, הייזקעס, געוועלבלעך זענען געווען פאַרנומען דורך די פּוילישע שכנים. כ'האָב אין פּוילישע הייזער געזען יידישע חפצים. פּאָליאַקן האָבן אונדז אומעטום דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן אומגעבראַכט די יידן, דערציילט מיט פּרטים, אָנגעוויזן אויף די שחיטה־ערטער, אויף מאַסן־קברים. כ'האָב נישט געזען אין זייערע אויגן, אין זייערע רייד קיין באַדויער, קיין פונק פון טרויער. ווען מיר זענען געווען אין לובלין, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט אַריינגעוואָרפן שטיינער אין יידישן הויז. מ'האָט דאָרט מורא געהאַט די אָפּגעראַטעוועטע קינדער אַרויס־צולאָזן אַליין. אין שרודבאָראָוו, וווּ מ'האָט צונויפגעזאַמלט געראַטעוועטע קינדער, האָט מען אונדז דערציילט, אַז מ'האָט זיי געדאַרפט פירן מיט אַ פּאָליצייאישער וואַך אין דער שולע. אומעטום, וווּ מיר האָבן אָנגע־

טראָפן אויף געראַטעוועטע ייִדן, האָט מען אונדז דערציילט וועגן דער שרעק, וואָס זיי לעבן איבער טאָג און נאַכט. כ׳האָב זיך אָנגעשטעקט מיט דער שרעק. דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען איבערן לאַנד, זיך אָנגעהערט, האָט אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ פּחד. ס׳האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ שטאַרקער ווילן צו אַנטלויפן פונעם לאַנד פון די חורבות, און ווו ס׳איז נאָך פאַרבליבן אַזוי פיל שנאה צו אונדז. אַנטלויפן, אַנטלויפן, וואָס גיכער אַנטלויפן — האָב איך געשעפּטשעט צו זיך אין די שלאָפלאָזע נעכט.

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם. געמאַכט אַ פּויזע, נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע. ניין, זי האָט אים נאָך אַלץ נישט געזאָגט. מ׳דאַרף גיין ביזן סוף:

— איך בין מיטגעפאָרן מיט אים, אָבער כ׳האָב זיך נישט פאַרליבט אין אים. ער אין מיר יאָ, אָבער געווען זייער דיסקרעט. ער האָט געוווּסט, אַז איך פאָר מיט אים, ווײַל איך אַנטלויף פון די חורבות, פון דער פאַרבליבענער שנאה. ער האָט מיך געבראַכט נישט אין זײַן באַזונ־דערער ווינונג נאָר אין שטוב פון זײַנע עלטערן, וואָס האָבן מיך אויפגענומען מיט גרויס פרײַנדשאַפט. כ׳האָב זיי פריער און מער ליב באַקומען ווי אים. אים ליב באַקומען שפּעטער פאַר זײַן איידלקייט, גוטסקייט. ס׳האָט מיך אויך אימפּאָנירט זײַן וויסן, זײַן קולטור און פאַרוואָס לייקענען, געפילט אַ חוב צו אים. ער האָט מיר דאָך דער־מעגלעכט צו אַנטלויפן פונעם חורבן־לאַנד, ווו די שאָטנס פון די דערמאָרדעטע זענען מיר נאָכגעגאַנגען. איך וואָלט סײַווי דאָרט נישט פאַרבליבן. אַ צופאַל האָט געוואָלט ס׳זאָל געשען פריער, אויף אַזאַ אופן.

— פאַראַן אויך גליקלעכע צופאַלן...

זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען. אַ דיסקרעטער, אומעטיקער שמייכל האָט זיך אָנגעצייכנט צווישן די מויל־ווינקלען.

— גליקלעכע... יאָ, מיר האָבן חתונה געהאַט. איך בין נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין ניינצן יאָר, און ער נאָענטע פיר און פערציק. וואָס אַן אמת האָב איך דעמאָלט וועגן זײַנע יאָרן נישט געטראַכט. ער האָט אויסגעזען יונג, עלעגאַנט, אַ שלאַנקער, יונגער מאַן, אַן אינטערעסאַנטער מענטש. ס׳איז מיר גוט געווען מיט אים. ער איז מיר מיט אַלעמען אַנטקעגנגעקומען. גליקלעך געווען? איך ווייס נישט. אַ בענקשאַפט האָט שטענדיק געגנאָגט דאָס האַרץ. אָבער

לאַנגע יאָרן האָט דער אונטערשייד אין עלטער נישט געשטערט. היינט האָב איך פינף און פופציק יאָר און פיל מיך אַ סך יינגער פון מיין עלטער. מיין מאַן האָט אַכציק יאָר און פילט זיך אַ סך עלטער ווי אויף זיינע יאָרן. אויך צוליבן געזונט. נישט יעדער מענטש עלטערט זיך אויפן זעלבן אופן. ניין, ניין, ער פאַלט מיר נישט צו לאַסט. ער וואָלט נישט דערלאָזט דערצו. מיר האָבן אַ הויזפרוי, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַלץ, אויך מיט אים, ווען איך בין נישטאָ. ס׳פאַרלאָזט מיר אָבער נישט דער געדאַנק, אַז איך האָב אַ מאַן אויף דער עלטער מיט אַ שוואַכן געזונט צו וועלכן כ׳דאַרף זיך צופּאַסן. ער גייט נישט אַרויס אין אָוונט, ווייניק אַפילו בייטאָג. רייס איך מיך אָפּ, כאַפּ מיך אַריין אין טעאַטער, אין אַ קינאָ, אויף אַן אויסשטעלונג, עס איך מיך אָפּ די גאַל וואָס כ׳האָב אים געלאָזט אַליין. און ווייל מ׳קאַן נישט, מ׳טאָר נישט זיך דערלויבן, איז דער באַגער צו גיין ערגעץ, צו באַזוכן, רייזן גרעסער ווי אַמאָל.

— ער מאַכט דיר דען פאָרוורפן פאַרוואָס דו ?...

— חס וחלילה. איך מאַך מיר גרויסע פאָרוורפן. איך קאָן מיר שוין נישט מוחל זיין דעם איצטיקן באַזוך אויף דער אויסשטעלונג, דעם קורצן אויפהאַלט אין פּאַריז, דאָס לאָזן אים אַליין. אים קומט אַ סך מער ווי איך גיב אים.

— האָסט דאָך אים געגעבן דיין ערשטע יוגנט...

— ער האָט מיר מער געגעבן, אַנדערש, אָבער אַ סך. געגעבן אַלע מעגלעכקייטן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון מיין טאַטן דעם מאָלער.

— אַ יאָ, געהערט די ערשטע יאָרן אין פּוילן וועגן אויסקויפן בילדער.

— מיין מאַן האָט מיר געהאָלפן אָפּזוכן צעשלעפּטע בילדער, אַ טייל האָט ער אויסגעקויפט ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. ווען ער האָט געהערט פון מיר וועגן מיין טאַטנס טרוים אַרויסצוגעבן אַן אַלבום, איז ער גלייך צוגעטראָטן עס צו פאַרווירקלעכן. מיר האָבן אָפּגעזוכט בילדער אין מוזעאומס, אין פּריוואַטע קאָלעקציעס, געלאָזט מאַכן קאָלירטע רעפּראָדוקציעס. אויך רעפּראָדוקציעס אין שוואַרץ-ווייס פון צייכענונגען, גראַווורן. פאַראַן אויך אין אַלבום אַן אָפּהאַנדלונג וועגן

מיין טאַטנס מאַלעריי אין פיר שפּראַכן. מיין מאַן האָט נישט געקאָרגט קיין מי, נישט קיין קאָסטן.

— האָסט דאָך אַ סך צו פאַרדאַנקען דיין מאַן.

— דערפאַר מאַך איך מיר אַזעלכע פאָרווורפן, ווען איך לאָז אים צייטנווייז אַליין.

— ער נעמט דיר דען דאָס פאַר אומגוט ?

— ער גיט מיר דאָס נישט צו פילן. פאַרקערט. מיך איצט געיאָגט צו פאָרן זען די אויסשטעלונג. געווען פאַרויסגעזען, ווי ער האָט מיר פירגעלייגט, כ׳זאָל בלייבן אין פּאַריז אַ וואָך צייט. ס׳איז דער דריטער טאָג און ס׳יאָגט מיך שוין צוריק. כ׳ווייס, ער פילט זיך איינזאַם אָן מיר. און ער ווייסט, אַז איך מיט אים פיל מיך אויך איינזאַם־אַליין. ער באַהאַלט אויס פאַר מיר זיין איינזאַמקייט און איך באַהאַלט אויס פאַר אים מיין איינזאַמע אַליינקייט. ס׳איז אַזאַ שפּיל, אַ געהיימע, נאָר ביידע פאַרשטייען מיר זי.

— איר האָט נישט קיין משפּחה, פריינד ?

— אין משפּחה גלייכן מיר זיך כמעט אויס. ער איז געווען אַ בן יחיד. דעריבער געירשנט די גאַנצע ירושה. פאַראַן ערגעץ, אין אַנדערע שטעט, קוזינען אין זיין עלטער און עלטערע. זיי לעבן אָפּגעשלאָסן. איך האָב דאָ אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן ווי די עלטער ברענגט איינזאַמקייט. מען פאַרלירט די אייגענע, די יוגנט־פריינד. פון מיין משפּחה, ווי דו ווייסט, קיינער נישט פאַרבליבן. מיין דעמאָלטיקע היימלאָזיקייט, איינזאַמקייט געווען די סיבה וואָס כ׳בין איינגעגאַנגען...

זי האָט אָפּגעהאַקט, באַמערקט זיינעם אַ דיסקרעטן שמייכל. מסתמא טראַכט ער זיך, אַז זי פאַרענטפערט זיך כסדר פאַר איר דעמאָלטיקן שריט. זי האָט אויך נישט געוווסט ווי אַזוי צו פאַרקערעווען ס׳זאָל נישט אויסזען, אַז זי באַקלאָגט זיך. ער האָט איר אַרויסגעהאָלפן:

— יאָ, יאָ, מיר האָבן ביידע זיך געראַטעוועט פון דער איינזאַמקייט ווי אַזוי ס׳האָט זיך געלאָזט. איינזאַמקייט איז אַ חולאת, וואָס פרעסט דאָס האַרץ. מ׳כאַפּט זיך אָן אין וואָסערע ס׳זאָל נישט זיין רפואה. כ׳האָב דאָס אויך אויסגעפּרווט. ווי קומט עס אָבער וואָס איר זענט

ביידע איינזאַם? ווי געשיקט זיך וואָס איר האָט נישט קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפטן, פריינד?

— מיין מאַן איז אַלע יאָרן געווען קאָרעספּאָנדענט אין פאַרשידענע ווייטע לענדער. דאָרט פאַרבליבן באַקאַנטשאַפטן, פריינד. דאָ, אויפן אָרט, האָבן זיך פריינדשאַפטן פאַרלוירן, אָפּגעקילט. איך האָב געלעבט מיט מיין מאַנס לעבן, גיכער ביי דער זייט פון זיין לעבן. פריינד שאַפט מען זיך איין קודם אין די יונגע יאָרן. אין די עלטערע יאָרן שווער זיך צו דערווערבן פריינד. איך, ווידער, געהער כלל נישט צו די, וואָס בינדן גיך אָן אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן. האָב איך מיר ביי דער זייט פון מיין מאַן געשאַפן אַן אייגענע וועלט, אַ פאַרמאַכטע: ביכער, מוזיק, קונסט, פאַרנעמען זיך מיט מיין טאַטנס קונסט־ירושה — דאָס איז געווען מיין וועלט. כמעט אַן אָפּגעשלאָסענע. מיט אַ צען יאָר צוריק איז נאָך מיין מאַן געווען אַ שותף צו מיינע האָביס. מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען אין טעאַטער, אויף אויסשטעלונגען, געררייזט, צייטנווייז אויפגענומען געסט. זינט מיין מאַן גייט נישט אַרויס, פאַר־טראָגט נישט קיין טומל אין שטוב, בין איך איינינקע אַליין אין מיין אויספּאַנטאַזירט וועלטל. אוי, כ׳האָב דיר שוין דערציילט אַ סך מער, ווי כ׳האָב געוואָלט. ס׳איז מיר אַ ווונדער אויף מיר, אויף הדסהן דער שווייגערקע.

— מיר איז נישט קיין ווונדער אויף דיר. איך בין דאָך נישט קיין פרעמדער. זאָגסט דאָך אַליין, אַז פריינד שאַפט מען זיך איין אין די יונגע יאָרן. מ׳האָט זיך פאַרלוירן, אָבער די פריינדשאַפט איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען. כ׳האָב געמיינט, אַז זי איז פאַרבליבן איינזייטיק. כ׳וויל דיר אויסזאָגן אַ סוד מיינעם: כ׳האָב דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. וואָלט איך געקאָנט קריגן דיין אַדרעס, וואָלט איך זיך אָנגענומען מיט כוח, מיט „חוצפה" און אָנגעשריבן צו דיר טראָץ אַלץ, וואָס איז געשען. פרייט מיר איצט וואָס דו האָסט צוטרוי צו מיר און דערציילסט אויס ווי פאַר דייַנעם אַ נאָענטן יוגנט־פריינד.

***

דער מיטאָג איז געבליבן נישט דערעסן. זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז די קאַווע איז אויך קאַלט געוואָרן. הדסה האָט געמוזט באַנעצן דעם

האַלדז. זי האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך זיפּן פון טעפּל. נאָכאַן האָט אויסגעזופּט מיט איין שלונג. ער האָט זיך געאײַלט. אויפן צונג האָבן זיך געשטופּט נייַע פֿראַגן. אַ נײַער נײַגיר איז אים באַפֿאַלן:

— קאָן איך דיר שטעלן אַ דעליקאַטע פֿראַגע?

— נאָך דעם ווי כ'האָב אַוועקגעלייגט פֿאַר דיר אַזאַ לאַנגע געשיכטע קאָנסטו אַלץ פֿרעגן.

— האָסט דערציילט דײַן מאַן וועגן מיר? וועגן אונדזער נאָענטער פֿרײַנדשאַפֿט?

— דערציילט. אַלץ דערציילט.

— איצט וועסטו אים דערציילן וועגן אונדזער באַגעגעניש?

זי האָט זיך פֿאַרטראַכט. באַלד דערנאָך אָנגעהאַנגען אין אים די אומעטיקע אויגן, ווי זי וואָלט געזוכט ביי אים אַ תשובה אויף זײַן אייגענער שאלה. ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער פֿון איר גופֿא און זיך נישט דערוואַרט. ער האָט אָפּגעזוכט איר האַנט, אַרײַנגענומען זי אין זײַנע ביידע ברייטע הענט. זי האָט נישט צוריקגעצויגן. קוקנדיק אויף איר פֿאַרטראַכט פּנים האָט ער לײַכט צוגעטראָגן איר האַנט צו די ליפּן, דערנאָך שטיל געזאָגט:

— דײַן נישט ענטפֿערן איז אויך אַן ענטפֿער. איך פֿאַרשטיי דיך.

זי האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן. זאָל ער זי· שלעכט נישט פֿאַרשטיין:

— איך האָב נישט קיין סודות פֿאַר מײַן מאַן. וואָלט איך געוווּסט, אַז ס'וועט אים נישט אַרן, נישט קימערן, וואָלט איך אים דערציילט. כ'האָב אָבער מורא, אַז אין זײַן עלטער קאָן דאָס אים פֿאַרשאַפֿן גרויס עגמת נפש. כ'מיין, אַז מ'דאַרף נישט, אַז מ'טאָר צומאָל נישט אַלץ אויסזאָגן, כדי נישט אָנצוטאָן קיין האַרצקלעמעניש.

— איז ער אײַפֿערזיכטיק אויף דיר?

— מסתמא יאָ, כאָטש כ'האָב אים נישט געגעבן קיין געלעגנהייטן דערצו. אײַפֿערזיכט איז אַ נאַטירלעכע, מענטשלעכע זאַך. אין אונדזער אונטערשייד פֿון עלטער קאָן דאָס ווערן פֿאַר אים אַ פּײַנלעכע זאַך.

— איז אויב מיר וואָלטן איצט באַנײַט אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט וואָלט עס געדאַרפֿט בלײַבן אַ סוד?

— יאָ, אַ סוד.

1985

באָקס

אַ לויטערער פרילינג־פרימאָרגן. אַ יונגע זילבערדיק־שיינענדיקע זון קריכט אַרויס פון האָריזאָנט און שפּאַצירט געלאַסן איבער הימל, הויבט זיך פּאַוואָלינקע העכער און העכער. זי איז מילד און צערטלעך די זון, האָט זיך נאָך נישט צעגליט מיטן זומערדיקן גלי. אירע זילבערנע שטראַלן גלעטן, צערטלען, ווי אַ מאַמעשע וואַרעמע האַנט.

דער גרויסער סטאַדיאָן ביים ברעג טייך איז אויסגעצירט אין יונגע גראָזן, פעלד־בלימעלעך און בלומען־בייטן. אויף זייערע בלעטעלעך זע־נען נאָך אָנגעהאָנגען טראָפּנס טוי, ווי קליינע פּערעלעך. און די גראָזן שמעקן, די בלומען־קנאָספּן אויף די בייטן עפענען זיך אַט־אַט, זיי ווייזן שוין זייערע בונטע פאַרבן. דער טייך דערלעבן שמעקט מיט פריש־קייט, זיין וואַסער־שפּיגל גלאַנצט און שימערירט מיט אַלע ניואַנסן פון בלוי־גרינעם זילבער.

דער בלויער הימל און די גרינע ערד גייען אין געוועט: ווער פון זיי וועט דעם פרילינג מיט מער פּראַכט באַשענקען. שטראַלט ער, דער הימל, מיט אַן אַ שיער שטראַלן און עס בליט די ערד מיט אַלערליי בליעכצן; אין דער קריסטאַל־לויטערער לופט פלאַטערט אַרום אַ מילד ווינטל און שושקעט אַ יעדן אין אויער אַ סוד: „פאַר דיינעטוועגן דאָס שטראַלן פון הימל, פאַר דיינעטוועגן דאָס בליען פון דער ערד". און די צאַרטע, יונגע בלעטעלעך אויף די ביימער שאָקלען צו מיט די קעפּעלעך און פּלאַפּלען צו די מענטשן שטיל־שטיל.

ווערן אויך מענטשן געמיטלעכער און פריינדלעכער, זייערע הערצער ווערן לויטערער, צאַרטער.

זענען זיי געקומען געמיטלעכע אויפן גרויסן, אויסגעצירטן סטאַ־דיאָן. אין יום־טובדיקע פרילינג־קליידער, אין פרישע פריזורן, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען מיט קינדער, און אויפגעלייגטע אויסגעזעצט זיך געלאַסן אויף די פּלעצער. אַ רונדער, בונטער קראַנץ מענטשן אין העלע קליידער, קליידער־בלומען. די קאָלירן רופן זיך איבער, פלעכטן זיך צוזאַמען. די מענטשלעכע שטימען קלינגען אָפּ ווייך, פריידיק, זיי פאַרטויבן נישט דעם פלאַטער פונעם פרילינגדיקן ווינט און דאָס צוויקן

פון די פייגעלעך. פנימער יום־טובדיקע שיינען אַרויס פון מענטשן־קראַנץ. יעדעס פנים מיט זיין אייגענעם שמייכל, אָדער מיט זיין אייגענעם ערנסט.

פלוצלינג האָט דער מענטשן־קראַנץ זיך אָנגעהויבן משונהדיק צוווירבלען און דרייען; אַ בויג געטאָן זיך, ווי אַ בייזער רוח וואָלט אַ שטויס געטאָן און אויף אַ ווײַלע פאַרשטייפּט געוואָרן. אויפן רינג האָבן זיך באַוויזן צוויי באָקסער־גלאַדיאַטאָרן, יונגע, פעסטע, מוסקולירטע מיט פנימער ערנסטע און ליפּן פאַרביסענע, ווי קריגערישע מיטאָלאָגישע געטער. צוויי הערקולעסן פאַרמעסטן זיך איינער מיטן אַנדערן. נאָר יענער הערקולעס, דער מיטאָלאָגישער, האָט מיט זיינע גראָבע, שוואַרצע פויסטן געוואָלט פראַמעטעוסן באַפרייען. און אויך אַ לייבן־פעל האָט ער געטראָגן, כדי מיט זיין שטאַרקייט די ווילדע צענטאַורן צו באַצווינגען, צום האָדעס גרייכן און אויף צערבערן זיך פאַרמעסטן. זיי, דאָ אויפן רינג, וועלן אַנדערש ווייזן וואָס זיי קאָנען מיט די הערקולישע פויסטן. זיי זענען נישט ערגער פון יענע, וואָס זענען אויפגעטראָטן אויף די רוימישע אַרענעס, בעת די הערשער האָבן געמוזט דעם פעבל ברויט און פאַרוויילונגען געבן.

צוויי פעסטע, אויסגעמושטרירטע געטער־גלאַדיאַטאָרן; צוויי פּאָר גראָבע שוואַרצע פויסטן; אָט־אָט הייבן זיי זיך אויף, די פויסטן, איינע אַנטקעגן די אַנדערע. זיי וואַרטן אויף אַ צייכן פון ווייסן פּריסטער אָנצוהייבן די הייליקע עבודה. די פנימער ביי זיי ווערן נאָך ערנסטער, שפּיציקער; די ליפּן פאַרביסן, די ציין פאַרקריצט און די מוסקולירטע קערפּערס בויגן זיך געשיקט אויס אַן אָנגרייפערישן שפּרונג צו טאָן. פלינק, מיט קעציש־טיגרישער געשיקטקייט אַ שפּרונג נאָך אַ שפּרונג מיט די פויסטן קעגן פאַרטנערס לייב. אַ שפּרונג און אַ זעץ, אַ זעץ און אַ שפּרונג. דאָס פנים פאַרקרימט זיך, די אויגן צינדן זיך אָן רויט, דאָס מויל שוימט, די מוסקולן ציטערן נערוועז, דער מוח רוישט מיט פאַרביסנקייט און רוגזה — אַ שפּרונג און אַ זעץ, אַ שפּרונג אַהער, אַ שפּרונג אַהין און אַ זעץ. פיס באַוועגן זיך נערוועז, גיך־גיך, פויסטן גראָבע, שוואַרצע פליען — פיס און פויסטן: אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ, אַ קערפּער הענגט זיך אָן אין אַ קערפּער, קלאַמערט זיך איין, רייסט זיך אָפּ, שפּרינגט ווידער צו מיט גרויס שגעון. עס קנוילן זיך מוסקולירטע קערפּערס און פון די קנוילן הע שעט אַרויס. צעהיצטע בלוטן זידן,

צעשרויפטע לײדנשאַפטן קאָכן און לײבער פֿאַרשװיצטע, פֿאַרחלשטע דרײען זיך אין אַ קאַראַהאָד.

און דער מענטשן־קראַנץ?

אױס מיט דער געמיטלעכקייט און יום־טובדיקייט. מוסקולן אויף די פּנימער זענען אָנגעצויגן, אויגן ברענען מיט שלעכטע פֿייערלעך, מײַלער עפֿענען זיך ברייט, וואַרפֿן אַרויס ברומערייען, ווילדע געשרייען; פּיס טופּען, הענט זשעסטיקולירן. אַלץ באַוועגט זיך נערוועז און רוישט. אַ טופּעניש, אַ גערודער, אַ ברומעריי, אַ פּייפעריי.

דער פֿריערדיק געמיטלעך־אויפגעלייגטער מענטשן־קראַנץ איז פֿאַרשוווּנדן. אויף זיין אָרט האָט זיך באַוויזן אַ מענטשן־סטאַדע, אַ צעוויגטע, אַ צעיושעטע. יעדער שפּרונג אויפן רינג צערייצט זי. יעדער זעץ מיט דער שוואַרצער פֿויסט צעטרייסלט זי, הייבט זי אונטער פֿון אָרט. זי פֿילט שוין נישט דאָס צערטלען פֿון דער מילדער זון, זעט שוין נישט דעם בלויען הימל און די צעגרינטע, צעבליטע ערד. אויגן אויסגעגלאָצטע קוקן שאַרף, שפּיציק. די פּנימער אָנגעשטרענגטע, צעפֿלאַמטע, פֿיבערדיקע, די מײַלער אָפֿענע, גרייט צו בייסן.

פֿון רינג פֿליסט אַן עלעקטרישער שטראָם צו דער מענטשן־מאַסע. ער עלעקטריזירט זי. דער שטראָם צעטרייסלט, צעוויגט זי לויטן ריטם און טאַקט פֿון די פֿויסטן. און יעדער קלאַפּ מיט דער פֿויסט קלאַפּט אָן ערגעץ־וווּ טיף אין אַ פֿאַרבאָרגן ווינקעלע אין דער נשמה און וועקט אויף אַן אײַנגעדרימלט, דערדריקט חיהלע. און וואָס שטאַרקער דער זעץ אַלץ מער הייבט דאָס פֿאַרבאָרגענע פֿאַרזעעניש אויף דעם קאָפּ, הייבט אָן קריצן מיט די ציין, וויל צעזעצן די פֿאַרצוימונגען און אַרויסרייסן זיך אויף דער פֿריי.

אָט־אָט וועט א יעדער גרייט זיין צו וואַרפֿן זיך אויף זיין שכן, טרעטן אים מיט די פּיס, ממיתן אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרווען.

אָבער אַ הערקולעס האָט אויך אַ באַגרענעצטן כּוח און דער ספּעקטאַקל — אַ באַגרענעצטע צייט. דער פּריסטער־אַסיסטענט פֿון הייליקן דועל גיט אַ צייכן און ביידע גלאַדיאַטאָרן מוזן די פֿויסטן אַראָפּלאָזן. זיי קלעפּן זיך אָפּ איינער פֿון אַנדערן, גייען אָפּ מיט שווערע צענטאַורישע טריט, יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג, איינער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, צעהיצטן קאָפּ, דער אַנדערער — מיט אַ פֿאַרריסענעם, טריומפֿאַלן. זייערע גופֿים העשן נאָך. די צערייצטע אינסטינקטן זידן נאָך. אָבער

מאָדערנע גלאַדיאַטאָרן זענען דזשענטלמענער. דער צערעמאָניאַל פּאָדערט דזשענטעלמענערישקייט. צוויי צעביילטע, צעוויטיקטע גופים דערנענטערן זיך איינער צום אַנדערן. זייערע רויטע, פאַרשוויצטע פּנימער פאַרקרימען זיך אין אַ גרימאַסע־שמייכל און זיי בויגן איינער פאַרן אַנדערן דעם קאָפּ.

די מענטשן־מאַסע בייגט אויך מיט טריומפאַלע אויסגעשרייען די קעפּ פאַר די געטער־גלאַדיאַטאָרן.

ווער איז ער?

אַ הויכער, אַ גלייכער, אַ ברייטביינדיקער, מיט לאַנגע אַראָפּהענגיקע הענט; דאָס פּנים אַ מילדס, אַ פֿאַרשאָטנטס מיט אומעט, צייטנווייז אַ פֿאַרצויגנס מיט אַ דיסקרעטן, פֿאַרשולדיקטן שמייכל, ווי ביי אַ קינד, וואָס האָט אָפּגעטאָן נישט קיין שיינע זאַך. די אויגן, טיף אַריינגעזעצטע אין קאָפּ, קוקן זייטיק. דער בליק אַן אויסבאַהאַלטענער, אַן אַרומבלאָנ־קענדיקער. צייטנווייז לאָזן זיך די אויגן־דעקלעך אַראָפּ, ווי אויסצוהיטן די אויגן עמעצער זאָל אין זיי נישט אַריינקוקן, נישט דערגיין דעם סוד, וואָס זיי באַהאַלטן אויס. די שוואַרצע געדיכטע באָרד פֿאַרדעקט כמעט אַ העלפֿט פֿונעם אויסגעבלייכטן פּנים. דער טראָט אַ פּאַמעלעכער, אַ פֿלעגמאַטישער, אַ לייכטער, ווי דער פֿוס וואָלט נישט געוואָלט צו שטאַרק באַרירן דעם באָדן אויף וועלכן ער טרעט.

דער הולך האָט זיך אַלע מאָל מער געענדערט, אַלע מאָל מער פֿאַרערגערט, אַרעמער, אָפּגעלאָזענער געוואָרן אין לויף פֿון די יאָרן.

ווען כ׳האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען, איז זיין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, אַזאַ ווי פֿרומע פּוילישע יידן פֿלעגן אַמאָל טראָגן, נאָך געווען גאַנץ און פֿריש. דאָס רונדיקע יידיש־טראַדיציאָנעלע היטל, אין וועלכן ס׳האָט געפֿעלט דער דאַשעק, האָט נאָך געהאַט אַ בולטן שוואַרצן קאָליר. דער גאַנצער לבוש איז געווען אָפּגעהיטן, כמעט זויבער. פֿון הינטער דער לאַנגער, פֿאַרשפּיליעטער קאַפּאָטע, וואָס ער האָט געטראָגן ווינטער אין קעלטן אַן אַן אויבערמאַנטל און זומער אין היצן, האָט ביים האַלדז אַרויסגעקוקט אַ ווייס העמד. דער הולך האָט אים צוגעגעבן ערנסט, אומעט און סודותדיקייט. ער האָט צומאָל דעמאָלט אויסגעזען מאַיעסטעט־טיש. קוקנדיק אויף אים אין יענעם פֿרישן נאָך הולך האָט מען אים געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַ פֿאַרבאָרגענעם משולח, אָדער להבדיל פֿאַר עפּעס אַן אויסבאַהאַלטענעם פֿאַרצייטיקן אַפּאָסטאָל.

מיט דער צייט איז זיין שוואַרצע קאַפּאָטע אָפּגעקראָכן געוואָרן, אויסגעריבן זיך. זי האָט באַקומען דעם גרוי־גרינעם קאָליר פֿון אַלטקייט. דאָס היטל אויפֿן קאָפּ איז צעקנייטשט, אויסגעבליאַקעוועט געוואָרן. די שיך אויף די פֿיס זענען צעפּאָרן געוואָרן. צייטנווייז האָבן די פֿינגער

אַרויסגעקוקט פון די לעכער. צוזאַמען מיטן לבוש האָט זיך געענדערט זיין געשטאַלט: ער איז אַראָפּגעפאַלן פון לייב, איז מאָגערער געוואָרן. דאָס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, ס׳האָט אַרויפגענומען אויף זיך אַ קרענקלעכע בלאַסקייט. די שוואַרצע באָרד איז שיטערער געוואָרן, ס׳האָבן אָנגעהויבן באַווייזן זיך אין איר זילבערנע פעדים.

ביי די אַלע ענדערונגען האָט דאָס פּנים איינגעהאַלטן אַ גוטמוטיקייט, אַן אומעטיקע מילדקייט. דער בלאַסער שמייכל האָט זיך ווי פריער באַוויזן צווישן די פאַרשלאָסענע ליפּן. אויך די אויגן האָבן זיך נישט געענדערט. זיי האָבן ווייטער זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ זייטיקן קוק. דאָס מויל איז ווי פריער געבליבן פאַרשלאָסן.

שטופנווייז איז דער הולך דערגאַנגען צו קרוע בלוע. אויף קיין האַלענדרילע האָט ער אָבער נישט אויסגעזען. פאַרקערט, פון דער אָפּגעריסנקייט האָט מען אַרויסגעפילט מיסטעריעזקייט. ער האָט אויס־געזען אויף אַ פאַרצייטיקן, פאַרוואָרלאָזטן נזיר, אָדער אויף אַ מענטש וועמען דאָס געוויסן לאָזט נישט צו רו, ער וויל אָפּקומען פאַר עפּעס באַגאַנגענע גרויסע זינד וועגן וועלכע בלויז ער אַליין ווייסט.

ווער איז ער? פון וואַנען קומט ער? ווי אַזוי האָט ער זיך אַהער געבומען צווישן יידן אין וואַרשע? איז ער אַ ייד? אַ גוי? פון וועלכן פאָלק שטאַמט ער? קומט ער פון ווייט, פון נאָענט?

קיינער ווייסט נישט. דער און יענער פּרוּווט זיך עפּעס משער זיין. איינער פרעגט ביים אַנדערן, מען פרעגט זיך נאָך אויף אים ביי וועמען ס׳לאָזט זיך נאָר. מען קאָן זיך גאָרנישט דערוויסן. פון אים גופא קאָן מען זיך צומווייניקסטנס דערוויסן. זיין מויל איז פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. ער ענטפערט מיט אַן אומעטיקן שמייכל, מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ אָדער ניין, מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, מיט אַ הויב פון די אַקסלען.

איז ער אַ שטומער?

טייל פערזאָנען האָבן אים פאַר אַזעלכן אָנגענומען. אָבער קיין שטומער איז ער זיכער נישט. קיין טויבער אויך נישט. ס׳איז קענטיק, אַז זיין אויער כאַפּט אויף דאָס מינדסטע וואָרט, כאָטש ער רופט זיך נישט אָפּ. און ווען ס׳איז אומבאַדינגט אים נייטיק, לאָזט ער צומאָל שטילערהייט פאַלן אַ וואָרט, למשל, אין דער ביבליאָטעק, ווען זיין צוגעשטעלט צעטל מיט פאַרצייכנטע ביכער איז נישט פאַרשטענדלעך.

אָבער מער ווי אַן איינצל וואָרט פּאַר איינצלנע מענטשן גייט פון זיין מויל נישט אַרויס.

ווי אַ גילגול שפּרייזט ער איבער דער אַמאָליקער יידישער געגנט אין וואַרשע. צוממיינסטן קאָן מען אים באַגעגענען אין דריי מקומות: אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, אויף גענשער בית־עולם און אין הויף פון דער נאַזשיק־שול אויף טוואַרדע 6. אין היסטאָרישן אינסטיטוט קומט ער בעטן שטומערהייט אַ בוך, אַ ספר. ער שרייבט אויף דעם טיטל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און דערלאַנגט עס דער ביבליאָטעקאַרין. דערנאָך זיצט ער לאַנגע שעהען אין לייען־זאַל די אויגן איינגעגראָבן אינעם בוך; ס׳זעט אויס, ווי ער וואָלט געפאָרשט, שטודירט אַ שווערן ענין. וואָס זוכט ער אין די ביכער? אין די ספרים? קיינער ווייסט נישט. מ׳קאָן נישט דערגיין ביי אים.

אויף גענשער בית עולם קאָן מען אים באַגעגענען בעת אַ לוויה, אָדער מ׳קאָן אים סתם טרעפן ביי אַ קבר שטיין און שאָקלען זיך. די ליפּן שעפּטשען עפּעס שטיל־שטיל. וואָס שעפּטשען זיי? איז ער מתפלל? זאָגט ער קדיש נאָך עמעצן? שווער צו וויסן. קיין קלאַנגען קומען פון זיין מויל נישט אַרויס.

אין דער נאַזשיק־שול קאָן מען אים טרעפן בעתן אָפּריכטן אַ תפילה, אַ יום־טוב, אָדער בעת אַ וואָכעדיקן דאַווענען. ער שטייט דעמאָלט פּאַררוקט אין אַ ווינקל, פאַרזונקען אין זיך. נאָך אָפּטער באַגעגנט מען אים אין שיל־הויף.

כ׳האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אָנגעטאָן אין אַ גאַנצער, שוואַרצער קאַפּאָטע. זיין באָרד איז נאָך געווען געדיכט און שוואַרץ, דאָס פּנים האָט נאָך געהאַט דעם אויסזען פון אַ יונגן מענטש. כ׳האָב פיל מאָל געפּרוווט מיט אים פאַרפירן אַ שמועס. ס׳האָט זיך מיר קיינ־מאָל נישט איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון אים קיין איין וואָרט. אויף אַלע מיינע פראַגן האָט ער פריינדלעך געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, מיט אַ שטומען יאָ אָדער ניין, אָדער מיט אַ בלאָסן, אומעטיקן שמייכל.

בעת אַ קאַלטן ווינטער האָב איך אים, פּונקט ווי דאָס האָבן פּאַר מיר אַנדערע געטאָן, פאַרגעלייגט עטלעכע וואַרעמע מלבושים. ער האָט

אָפּגעזאָגט. אויך מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. אין דער ברייט. ער האָט מיך דערביי באַשאָנקען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. ס׳איז געווען צו דרינגען, אַז דאָס האָט ער מיר אַזוי באַדאַנקט פאַר מיין אָנבאָט.

כ׳האָב אים אייניקע מאָל, נישט בעת אַ לוויה, באַגעגנט אויף גענשער בית־עולם. ער איז יעדעס מאָל געשטאַנען פאַר אַ קבר פאַרזונקען אין זיך, ווי ער וואָלט שטומערהייט קדיש געזאָגט. צו געוויסע קברים האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע באַציִונג. צו דער יאָרצייט פון היסטאָריקער בערל מאַרק האָט ער זיך אַ סך געפּאָרעט ביי דער מצבה, זי אויסגעצירט און אַזוי אויסגעריכטעט מ׳זאָל קאָנען אַריינשטעלן אַ סך ליכט. ער האָט זיי אַליין אָנגעצונדן, די ליכט, געשטאַנען לאַנג פאַר זיי אַ שווייגנדיקער.

אַן ענלעכע באַציִונג האָט ער געהאַט צום קבר פון קונסט־קריטיקער יוסף סאַנדעל. כ׳האָב אים איין מאָל אָבסערווירט פון ווייטנס. ער איז געשטאַנען ביי סאַנדעלס מצבה און מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך געשאָקלט, ווי אַ פרומער ייד ביים דאַווענען.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך דעם מיסטעריעזן פאַרשוין געזען אָנהייב אויגוסט 1968, בעת ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויש פוילן. כ׳האָב אים געטראָפן אין הויף פון דער נאָזשיק־שיל. ס׳איז געווען אַ הייסער טאָג. ער איז געזעסן אין שאָטן אויף דער ערד, מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין וואַנט. אין זיין אַלטער קאַפּאָטע איז שוין נישט פאַרבליבן קיין סימן פון דער שוואַרצער קאָליר. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך אַן אַלטע שמאַטע, פון אויבן, פון הינטערן האַלדז, ווו די קנעפּלעך זענען געווען פונאַנדערגעשפּיליעט, האָט אַרויסגעקוקט דאָס נאַקעטע לייב. דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע היטל איז געזעסן אויפן קאָפּ מיט נאַכלעסיקייט. פון די נאַקעטע, שמוציקע פיס האָבן אַראָפּגעהאָנגען צעריסענע לייוונטענע לאַפּטשעס. דאָס פּנים האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן, אויסגעצערט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלער, וואָס איז אין וואַנדער אַוועקגעפאַלן אַ מידער הינטער אַ וואַנט. ער איז מיר אויסגעקומען ווי אַ טייל פונעם אָפּגעלאָזענעם, פאַרטרויערטן שיל־הויף, פון דעם גאַנצן אַרומיקן פּייזאַזש, וואָס האָט נאָך געטראָגן סימנים פון חורבן.

כ׳האָב זיך דעמאָלט אויף שטענדיק געזעגנט מיט פוילן, מיט וואַרשע. די באַגעגעניש מיט דעם מיסטעריעזן פאַרשוין וועלכן כ׳האָב שוין

לאַנג נישט געהאַט געזען, האָט צוגעשפּילט צו דער אַטמאָספער. כ׳האָב פלוצלינג דערפילט אַ באַגער צום לעצטן מאָל אַרויסצובאַקומען פון אים עטלעכע לעבעדיקע ווערטער. געוואָלט אויך וויסן צי ער ווייסט, צי ער גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג וואָס ס׳קומט פאַר מיט די יידן אין פּוילן. כ׳האָב אים געפרעגט דערוועגן, געזאָגט אים, אַז איך פאַרלאָז פּוילן.

זיין פּנים איז געוואָרן שטאַרק פאַרוואָלקנט. ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, קאָנווולסיוו באַוועגט מיט די ליפּן. ס׳האָט געהייסן, אַז ער ווייסט אַלץ, אַז ער נעמט זיך דאָס שטאַרק צום האַרצן. זיינע איינגעגראָבענע אויגן האָבן מער גערעדט און דערציילט, ווי זיינע באַוועגונגען. ס׳האָבן אַרויסגעקוקט פון זיי ווייטיק, אומרו און פּחד.

כ׳האָב אים געפרעגט וואָס ס׳וועט זיין מיט אים. פאַרברענגט ער דאָך צווישן יידן. איז וואָס וועט ווערן מיט אים ווען ס׳וועלן קיין יידן אין וואַרשע נישט בלייבן? ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, געהויבן שווערמוטיק מיט די אַקסלען. קיין לעבעדיק וואָרט האָט זיך מיר אָבער נישט איינ־געגעבן אַרויסצובאַקומען פון זיין מויל. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט אים דערלאַנגענדיק אים די האַנט. ער האָט פאַמעלעך אויסגעצויגן צו מיר אַ ביינערדיקע האַנט. זי האָט געציטערט, זיין האַנט. כ׳האָב דעמאָלט ערשט דערזען, אַז די אַרבל פון דער קאַפּאָטע זענען צעריסן, ס׳האָבן נאָכגע־האַנגען צוויטן.

כ׳האָב אים ווידער פאַרגעלייגט צו נעמען ביי מיר עטלעכע מלבושים. מיר פאָרן אַוועק, כ׳וועל אַלץ נישט קאָנען מיטנעמען. זאָל ער קומען נעמען וואָס ער דאַרף, זאָל ער אָנטאָן אַ העמד. ער האָט אַ ווײַלע געקוקט זייטיק, ווי ער וואָלט אַ ישוב געהאַלטן מיט זיך, באַלד געוואָנדן די אויגן צו מיר. זיי זענען פייכט געווען די אויגן זיינע, אויגן שטיקער טרויער. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. געענטפערט שטומערהייט, אַז ער דאַרף גאָרנישט. כ׳האָב צום לעצטן מאָל געמאַכט אַ פּרוּוו צו דער־גיין זיין סוד.

מענטשן האָבן געמאַכט השערות: אָדער ער איז אַ דייטש, וואָס האָט בעת דער אָקופּאַציע באַגאַנגען פאַרברעכנס לגבי יידן און דאָס געוויסן האָט זיך אויפגעוועקט ביי אים, לאָזט אים קיין רו נישט, מאַטערט אים און ער איז געוואָרן אַ פאַרשטעלטער בעל־תשובה, וויל זיך פּייניקן, כדי אָפּצוקומען פאַר די פאַרברעכנס, אָדער ער איז אַן אומגליקלעכער ייד,

וואָס איז אַרויס פון אַ געטאָ אָדער אַ לאַגער אַ געררירטער אויפן זינען. זענען דען נישט געווען אַזעלכע ? ווייניק זענען אַראָפּ פון זינען און זיך אַרומגעדרייט נאָך דער מלחמה ווי גילגולים ? אפשר גאָר איינער אַן אָפּגעראַטעוועטער פון די געבראַכטע קיין פּוילן יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אָדער פון אַן אַנדער לאַנד ? אפשר האָבן די איצטיקע געשעענישן אַנגע־קלאַפּט אין זיין מוח, עפּעס אויפגערודערט אין דער נשמה און ער וועט וועלן זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ ?

— זאָגט מיר ווער זענט איר, האָב איך שטיל געפרעגט. האָט נישט מורא פאַר מיר. אויב אירווילט וועל איך האַלטן סוד. צי איר זענט אַ ייד, צי אַ דייטש, וויל איך אייך העלפן. וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך איידער איך פאָר אַוועק ?

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איינגעקאָרטשעט זיך, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן אין זיך און געבליבן זיצן פאַרגליווערט. כ׳האָב געוואַרט, אויב נישט אויף קיין וואָרט, איז כאָטש אויף זיינע אַ באַוועגונג, אַ זשעסט. ס׳איז גאָרנישט געקומען. כ׳האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, ווען ער האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געכאַפּט אַ קוק אויף מיר מיט אויגן פול מיט צער און אומעט. ער האָט גיך צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט איך זאָל עפּעס נישט אַרויסלייענען פון זיינע אויגן, פון זיין פּנים. ס׳האָט צומאָל אויסגעזען ווי דער שטומער אומעט וואָלט אָפּגעטראָטן פאַר אַ גלייכגילטיקער פאַרגליווערטקייט. כ׳האָב נאָך אַ ווײַלע געוואַרט ער זאָל זיך אָפּרופן. ער האָט זיך אפילו מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ נישט אָפּגערופן. ער האָט אין דעם מאָמענט אויסגעזען ווי אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, פון וואַנען ער איז על פּי טעות איבער־געטראָגן געוואָרן אין דער דעמאָלטיקער צעטרייסלטער, דראַמאַטישער יידישער ווירקלעכקייט.

ווער און וואָס איז ער פאַרט געווען ? צי ווייסט ער דאָס אַליין נישט ? אָדער צי האָט ער זיך בכיוון פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער ?

ס׳איז פאַרבליבן אַ סוד.

לזכרון דער מאַלערין אסתר קאַרפּ.

דער אומבאַקאַנטער קבר פון אַ מאַלערין

קיין נעקראָלאָג איז אין דער צייטונג נישט געווען. נישט פון משפּחה און נישט פון פריינד, אָדער קאָלעגן. קיין משפּחה האָט די געשטאָרבענע נישט געהאַט. קיין נאָענטע פריינד אויך נישט. קאָלעגן האָבן אין איר נישט געדענקט. די צייטונג האָט בלויז אין געציילטע שורות מודיע געווען, אַז די באַקאַנטע מאַלערין דבורה פּלאַטעק איז מיט צוויי וואָכן צוריק געשטאָרבן אין אַ קראַנקן־אנשטאַלט.

בלומע האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געלייענט די מודעה נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. זי האָט געזוכט וואָס מער זיך צו דערוויסן פון דער קאַרגער נאָטיץ, אַרויסצולייענען עפּעס פון צווישן די שורות. זי האָט זיך מער גאָרנישט דערוווּסט, מער גאָרנישט אַרויסגעלייענט ווי די טרוקענע מודעה. זי האָט געקלונגען אין רעדאַקציע פון דער צייטונג, צו באַקאַנטע מאָלער. אין ערגעץ און ביי קיינעמען האָט זי קיין ידיעות וועגן טויט און און וועגן די לעצטע חדשים פון דער מאָלערין זיך נישט דערוווּסט. ווו איז זי געשטאָרבן? וווּ איז איר קבר? מ׳האָט איר געעצהט זיך אָנפרעגן ביים קראַנקן־אַנשטאַלט. אָבער ביי וועלכן? ווי איז זיין נאָמען?

בלומען זאָגשיין האָט זיך זעלטן ווען איינגעגעבן אַרויסצוהעלפן דבורהן אין אַן עת צרה. אַליין האָט זי מיט מאַטערניש שטענדיק געצויגן די קאַרגע חיונה פון צייכענען מאָדעלער און מאָלן זיי אויף זיידענע פרויען־שאַלן. כמעט יעדעס מאָל, ווען זי האָט באַגעגנט דבורהן אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה און מיט אַ האַרץ פול מיט קלעמעניש, איז זי פּונקט אַליין געווען אויף גרויסע צרות — אָן אַרבעט, אַ פאַרענגטע און צעקלעמטע. איר, בלומען, דוכט זיך איצט, אַז זי איז איר שולדיק אַ גרויסן חוב. דאָס, וואָס זי האָט נישט געקאָנט טאָן פאַר איר פאַרן לעבן, וואָלט זי איצט, נאָכן טויט, געדאַרפט איר אָפּגעבן — כאָטש אָפּזוכן איר קבר. אין וואָסער אַנשטאַלט האָט זי אָבער געקאָנט אָנשפּאַרן? וואָס האָט מיט איר פּאַסירט די לעצטע צייטן?

בלומע האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען די באַגעגענישן מיט דבורהן פאַרן לעצטן יאָר. געקענט האָבן זיי זיך פון לאַנגע יאָרן, אָבער באַגעגנט האָבן זיי זיך זעלטן, בלויז ביי אַ געלעגנהייט, אָדער דורך אַ צופאַל. אויך

די באַגעגעניש, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון, איז געווען אַ צופעליקע.

ס׳איז געווען אין אַ קאַלטן, האַרבסטיקן טאָג. בלומע האָט געשפּאַנט אויף די גרויסע בולוואַרן אַ פּאַריזאַרגטע. פונעם צוזאַג אויף אַרבעט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ס׳איז אַ שלעכטער סעזאָן אויף געמאַלטע שאַלן. אין קאָפּ האָבן געעגבערט צענדליקער פראַגן; אין האַרץ האָט ווי אַ וואָרעם גענאָגט די עלנטקייט; די איינזאַמקייט האָט, ווי אַן אייזערנע רייף, געפּרעסט די נשמה, ווייל ווו נאָך קאָן מען זיין אַזוי עלנט און איינזאַם ווי אין פּאַריזער טומל? אַליין אויף די פּאַריזער בולוואַרן?

זי האָט געזען אַ מחנה פאַרבייגייער, האָט אָבער נישט געזען קיין איינצלנעם מענטש. די מענטשן־מאַסע האָט איר אויסגעזען אַ ווייטע, אַ פרעמדע, אַ גלייכגילטיקע צו איר עלנטקייט. דבורהן האָט זי אויך נישט באַמערקט. זי איז אַנגעקומען אַנטקעגן, פאַרשטעלט איר דעם וועג, אויסצי־ענדיק צו איר די הענט מיט אַ בילד: אַ גרויסער לייוונט אַרומגעוויקלט מיט צעקנייטשט, צעריסן פּאַפּיר און פאַרבונדן מיט צונויפגעקניפּטע שטריקלעך.

— גוט וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן, איך זוך אַ קונה. קויף דו דאָס בילד. אַ געלונגען בילד. ס׳וואָלט מיר אַ רציחה געווען ס׳זאָל אַריינפאַלן צו אַבי וועמען אין די הענט. כ׳וואָלט נישט געמוזט, וואָלט איך עס נישט פאַרקויפט, געוואָלט עס האַלטן פאַר זיך, קויף דו עס. כ׳גיב עס אַוועק פאַר טויזנט פראַנק, ס׳איז ווערט אַ סך מער. קויף עס, כ׳בין אין גאַנצן אָן געלט.

— דבורה, ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב נישט קיין געלט. דערצו האָב איך פאַרלוירן די אַרבעט.

— האָסט נישט קיין געלט? פאַרוואָס זאָלסטו נישט...?

זי האָט אָפּגעהאַקט. איר קערפּער האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן. זי האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— זיי מוחל, כ׳רעד נאַרישקייטן, הוילע... נאַרישקייטן. דער קאָפּ איז היינט ביי מיר ערגעץ אַנדערש; כ׳האָב קאָפּווייטיק.

זי איז צוגעפאַלן צום נאַענטן געשעפט און אָנגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע אין וואַנט. דאָס בילד האָט זי אַראָפּגעלאָזט צו אירע פיס. די הענט האָבן אַראָפּגעהאָנגען אין אָנמאַכט. די דראָבנע פיגור האָט זיך צוגעקלעפּט צום וואַנט ווי זי וואָלט אין איר אַן אָנשפּאַר געזוכט. די

גאַנצע געשטאַלט האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט איינגעפאַלן, ווי אַ חורבה, וואָס זינקט איין. דאָס מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך מיידלשע פּנים מיט די רויטע בעקלעך פּינצטער־גרוי, די אויגן אי אויסגעלאָשן, אי זיי לויפן אין די אויגן־לעכער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פון דאָרט אַרויסשפּרינגען. זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף בלומען אַ שווײַגנדיקע. באַלד האָבן די פאַרטרוקנטע ליפּן ווידער אָנגעהויבן שטאַמלען:

— זיי מוחל, זיך טועה געווען, געמיינט ס׳איז עמעץ אַנדערש. נישט געדאַרפט היינט אַרויסגיין, דער קאָפּ, נאָר ס׳האָט מיך אַרויסגעיאָגט, צו פאַרקויפן דאָס בילד.

דאָס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט, די ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסהיטן דאָס מויל נישט אַרויסצוברענגען קיין איבעריקע ווערטער אָדער נישט דערלאָזן ס׳זאָל אַרויסטריפן דער צער, וואָס האָט געשטיקט אין האַלדז.

בלומע האָט פאַרשטאַנען: אין דבורה׳ס מוח האָט זיך אָקערשט עפּעס געהאַט פאַרפּלאָנטערט. איצט האַלט זי די דערשלאָגנקייט אין קלעם. ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל. נישט אומזיסט האָט זי בעת דער אָקופּאַציע זיך געקאָנט אויפהאַלטן — און אויסבאַהאַלטן — אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע. שפּעטער פלעגט זי פון צייט צו צייט באַפאַלן אַ שווערע מרה־שחורה. די דערשלאָגנקייט איז געגאַנגען געפּאָרט מיט דער נויט און איינזאַמקייט. ווען די מרה־שחורה האָט זי געהאַלטן אין קלעם פלעגט זי זיך פאַרמאַכן אין איר „שטייג״ אויף לאַנגע טעג און מאַלן ווי אַ באַנור־מענע. אין אַזעלכע טעג און וואָכן זענען געבוירן געוואָרן רירנדיקע לייוונטן. אין איינער אַזאַ אָפּגעשלאָסענער איינזאַמקייט איז אויפגעקומען אַ מערקווירדיקער לייוונט מיט צוויי טויבן, וואָס טוליען זיך צו זיך מיט אַזאַ שטאַרקער צאַרטקייט, גראַבן אַזוי איינס אין אַנדערן אין די קעפּלעך, אַז זיי בילדן איין קערפּער. איר גאַנצע מיידלשע בענקשאַפט נאָך צערט־לעכקייט, איר גאַנצן דורשט נאָך מענטשלעכער וואַרעמקייט האָט זי איבערגעגאָסן אינעם דאָזיקן בילד, וואָס זי האָט געמאָלן, ווען די עלנטקייט האָט זיך איינגעביסן אין איר גאַנץ וועזן. ווען די דערשלאָגנקייט האָט איר געפּרעסט דאָס האַרץ.

זאָל איר איצטיקער אויסזען, אירע אָקערשט צעפּלאָנטערטע רייד שטאַמען פון אַ נייעם מרה־שחורה־אָנפאַל?

בלומען איז נישט געבליבן קיין צייט אַרײַנצוטראַכטן. זי האָט

געדאַרפט אָט שוין געפינען אַ רפואה פאַר איר. און די ערשטע רפואה דאַרף זיין אַזאַ, וואָס זאָל אָפּרוקן די נויט. זי האָט אויסגעליידיקט איר בייטעלע, גענומען ביי דבורהן דאָס בילד און צוגעזאָגט צו פאַרקויפן. מיט טויזנט פראַנק וועט זיך דבורה אַ ביסל שטעלן אויף די פיס. צוזאַמען מיטן פאַרטרייבן די נויט וועט זי פאַרטרייבן די פּלאָנטערניש אין קאָפּ, די דריקעניש אין דער נשמה. פאַרוואָס זאָל זי, בלומע, נישט פאַרקויפן דאָס בילד? יאָ, זי איז גערעכט דבורה, וואָס ס׳איז איר אַ שאָד צו פאַרקויפן דעם לייוונט. אַזעלכע בילדער ווערן געבוירן אין גרויסע געבורט־ווייען, ווען דער שאָפער רייסט שטיקער פון זיין האַרץ און לייגט זיי אַריין אין זיין שאַפונג. ס׳איז אַ בילד, וואָס לאָזט נישט גלייכגילטיק. ס׳איז דאָ וואָס אָנצובאָטן. איז וועמען זאָל מען אָנבאָטן, אויב נישט אַ יידישער אינסטיטוציע?

בלומע האָט איבערגעפּאַקט דאָס בילד, — אַ פּאָרטרעט פון אַ פרוי אַ פאַרזונקענע אין טראַכטעניש — עלעגאַנט עס איינגעוויקלט אין זויבערן פּאַפּיר און זיך געלאָזט דערמיט אין דער צענטראַלער קולטור־געזעלשאַפט. ס׳האָט איר צוגעגליקט: דער גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען אויפן אָרט. זי האָט אויפגעפּאַקט דאָס בילד און עס אַוועקגעשטעלט פאַר אים. זאָל ער פריער באַוואונדערן, במילא וועט ער עס קויפן.

— איר זענט געוואָרן אַ „מאַרשאַן דע טאַבלאָ״? איר הייבט אָן צו האַנדלען מיט בילדער?

— ס׳איז צו העלפן אַ טאַלאַנטירטע מאָלערין. מיט טויזנט פראַנק וועט מען זי ממש דערהאַלטן ביים לעבן. סתם איז אַ נחת צו האָבן אויפן וואַנט אַזאַ בילד.

— כ׳בין נישט קיין מבין אויף מאָלעריי. אַ נחת צי נישט קיין נחת צו האָבן דאָס בילד אויפן וואַנט, מיר קאָנען נישט אויסגעבן קיין געלט אויף אַזעלכע זאַכן. כ׳ווייס, ווען ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ הונדערטער, אַ צווייהונדערט פראַנק, וואָלט מען אפשר אַ טראַכט געטאָן. אָבער טויזנט פראַנק אויסגעבן אויף אַ בילד! וואָס מיינט איר, גבירים זענען מיר?

בלומע איז לייכט נישט אָפּגעטראָטן:

— איר וועט האָבן אַ טאָפּלטן פאַרדינסט: אי אַרויסהעלפן אַ באַגאַב־טע קינסטלערין, אי איינשאַפן דער אָרגאַניזאַציע אַ קונסט־ווערק. צו וועמען דען זאָל מען זיך ווענדן אין אַזאַ פאַל, אויב נישט צו אייך?

אויף איר איין פראַגע האָט ער איר געענטפערט מיט עטלעכע פראַגן:

— וואָס זענען מיר אַ מוזיי, אַ קונסט־גאַלעריע זיך איינצושאַפן קונסט־ווערק ? מיר זענען דען אַ הילפּס־אָרגאַניזאַציע אַרויסצולייגן אַזאַ סומע, ווייל די מאָלערין איז אין אַ נויט ? איך בעט אייך, זאָגט מיר, פון וואַנען זאָלן מיר נעמען געלט דערויף ?

וואָס צו ענטפערן אויף זיינע פראַגן האָט זי נישט געהאַט. אפשר וועט זי מער מזל האָבן אין אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע ? אין אַרבעטער־אָרדן קען זי עטלעכע פּערזאָן פון דער פאַרוואַלטונג. זי האָט לאַנג נישט געטראַכט און געלאָזט זיך מיטן בילד אַהין זוכן מזל. ס'איז נישט ווייט, מען דאַרף אפילו נישט אויסגעבן אויף קיין מעטראָ־בילעט. האָט זי אָבער אויף צו להכעיס אַריינגעטראָפן, ווען אַלע זענען זיך גט אַ צוויי שעה געזעסן אויף אַ זיצונג. נאָר זי האָט זיך געטרייסט: אַז די זיצונג דויערט שוין צוויי שעה, וועט זי זיך מסתמא אין גיכן ענדיקן. ס'איז כדאי אַ ביסל צוצוואַרטן.

זי האָט זיך טועה געווען. זי האָט געמוזט לאַנג וואַרטן. ס'איז דווקא געווען אַ זיצונג וועגן קולטור־ענינים, האָט זי געדויערט מער ווי דריי שעה.

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, אַלע זענען אויסגעמאַטערט געווען פון דער לאַנגער זיצונג, געאיילט זיך אַהיים. בלומע האָט די עטלעכע באַקאַנטע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פאַרהאַלטן פאַר די פאַלעס. זי האָט אויף גיך אויפסניי אַרויסגעלייגט די זאַך. דער סעקרעטאַר פון דער קולטור־קאָמיסיע האָט קיין קוק נישט געכאַפּט אויפן אויפגעפּאַקטן בילד נאָר געוואָנדן די אויגן צו בלומען:

— וואָס ? מיר זאָלן אַרויסהעלפן אַ מאָלערין און קויפן אַ בילד ? איר הערט אַ מעשה ? ווען מיר וואָלטן געהאַט געלט, וואָלטן מיר אַנדערש אויסגעזען. מיר זענען איצט געזעסן דריי שעה און צוזאַמען זיך געבראָכן דעם קאָפּ מיט וואָסערע מיטלען אויסצוברייטערן די קולטור־אַרבעט.

די אַנדערע האָבן זיך נישט אָפּגערופן. בלומע האָט זיך אויך מער נישט אָפּגערופן. זי איז אַוועק און זיך אויסגעזידלט: וואָס פאַר אַ משוגע־נעם איינפאַל האָט זי געהאַט צו רעכענען אָפּצושטעקן דאָס בילד אין אַן אָרגאַניזאַציע ? ווי האָט איר אַזאַ געדאַנק געקאָנט קומען אין קאָפּ ? נישט אַנדערש נאָר זי איז פון דבורהס אויסזען צעדולט געוואָרן. פון וואַנען זאָלן טאַקע די אָרגאַניזאַציעס האָבן געלט אויף אַזעלכע זאַכן ?

אַזוי זוכנדיק אַ פאַרענטפערונג פאַר די קולטור־טוערס פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, איז זי אויף צוריקוועגס פאַרבייגע־

גאַנגען פאַרן געשעפט פונעם כלל־טוער לאַזאַר קאָהן. אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ: פאַרוואָס נישט דאָ? זי איז אַריין, ווען דאָס געשעפט האָט געהאַלטן ביים פאַרמאַכן זיך. האָט גוט אָנגעטראָפן, דער האַנדלס־הוהאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, דאָס באַלעבאַטים־פאַרפאַלק איז פריי געוואָרן. בלומע האָט דאָס מאָל די גאַנצע מעשה געמאַכט בקיצור. די באַלעבאָסטע האָט זיך צוגעהערט מיט סוחרישן נייגיר. זי האָט זיך גלייך גענומען באַקוקן דאָס בילד:

— אוי, ס׳איז אַזאַ טרויעריקס! מ׳וואָלט אפשר געקויפט עפּעס צו מאַכן פריילעכער דעם סאַלאָן, מ׳האָט אַריינגעשטעלט טונקל מעבל, ווען ס׳וואָלט געווען אַ בילד מיט בלומען, וואָלט מען...

דער מאַן, דער באַלעבאָס, איז איר אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— וואָס פאַרדרייסטו אַ קאָפּ מיט בלומען? מ׳קאָן אויסגעבן אויף אַ בילד? האָסט געוואָלט טוישן דאָס מעבל, האָט מען געטוישט.

ער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר בלומען:

— מ׳איז איצט פאַרענגט, מ׳האָט זיך אויסגעביטלט אויפן נייעם מעבל, ס׳האָט אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק.

בלומע האָט איצט געטראָטן לאַנגזאַם, איינגעבויגן ווי עפּעס וואָלט זיך איינגעבראָכן אין איר. דאָס בילד איז איר שווערער געוואָרן צו טראָגן, דער רעכטער אָרעם האָט געצויגן. ווי אַזוי צוריקגעבן דעם לייוונט דבורהן? ניין, מ׳טאָר נישט. ס׳וועט זי נאָך מער צעטרייסלען. ווען זאָל זי אָבער נאָך אָנבאָטן? זאָל זי אפשר...?

זי האָט נישט באַוויזן צו דערטראַכטן זיך ביזן סוף. דעם וועג האָט איר פאַרשטעלט דער פּרעזידענט פון סוחרים־פאַרבאַנד שלמה לערנער. לערנער האָט דריי מעלות: ער איז אַ גוטער פּרעזידענט, אַ גוטער סוחר און אַ גוטער קאָלעקציאָנער פון בילדער. בלומע האָט צומאָל באַשטאַט ביי אים אַ צייכענונג. ס׳איז איר אין גאַנצן אַרויס פון זינען, אַז מ׳קאָן זיך ווענדן צו אים, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט נישט קיין ברייטע האַנט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זי אָפּגעשטעלט, ווען ער האָט דערזען דאָס בילד אין איר האַנט.

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט?

בלומען איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. זי האָט זיך גלייך גענומען אויסצופּאַקן דאָס בילד. אין איין אָטעם האָט זי איבערגעחזרט די געשיכטע.

ער האָט ביים עלעקטרישן ליכט פון אַ שוי־פענצטער באַטראַכט דאָס בילד און אָפּגעפּסקנט:

— אַ פינפהונדערטער איז דאָס ביי מיר ווערט.

— ס'איז ווערט אַ סך מער, נעמט עס צו פּאַר...

— קיין סענט נישט מער. ווי איר ווילט. כ'האָב נישט קיין צייט, מ'וואַרט אויף מיר.

זי האָט מורא געקריגן ער זאָל נישט אַנטלויפן, האָט אויסגעשטרעקט צו אים דאָס בילד און שיער נישט צוריקגעצויגן. לערנער האָט מיט אַ ברייטן זשעסט איר דערלאַנגט פינף הונדערט פראַנק. גוט איז דאָס. דבורה דאַרף דערפון נישט וויסן. זי וועט זאָגן... זי וועט... אין קאָפּ איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: אפשר כאַפּן ביי עמעצן אַ פינפהונ־דערטער? פאַרוואָס נישט ביים מאָלער מוניע זיידלער? ער איז צוריקגע־קומען פון די פאַרייניקטע שטאַטן, פון יאַפּאַן, געהאַט דאָרט אויסשטע־לונגען.

זי האָט דעם זעלבן אָוונט אָנגעקלונגען. אַ באַרעדעוודיקער, שטענדיק אָן אויפגעלייגטער, האָט ער זי אָפּגעהאַלטן אַ שעה־צייט ביים טעלעפאָן. זיך טרעפן מיט אים? אדרבא, אדרבא, אַלצאיינס אים צוליב וואָס, זאָל זי קומען אין „סעלעקט", ער האָט אַ סך צו דערציילן.

ביי בלומען איז דאָס געמיט לייכטער געוואָרן. ביי אים וועט זי גיכער אַרויסבאַקומען די סומע ווי ביי אַ ייד אַ סוחר. איידער דער קוועקזילבער־דיקער, באַרעדעוודיקער מאָלער זיידלער האָט אָנגעהויבן איר דערציילן זיינע פריילעכע מעשיות, האָט זי, בלומע, אים דערציילט דבורהס טרוי־עריקע מעשה.

— פאַרוואָס ווענדעט מען זיך נישט צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס? אַזוי פיל אָרגאַניזאַציעס פאַראַן! מען קלייבט שטענדיק געלט, ס'קומט צו עפּעס, ווען מען דאַרף העלפן אַ קינסטלער, זענען זיי נישטאָ, מ'קומט צו מיר; נישט לאַנג צוריק געגעבן.

פון דעסטוועגן האָט ער אַרויסגענומען פינף הונדערט פראַנק און דערלאַנגט בלומען. זיין שטימונג איז אָבער אַ ביסל אַראָפּגעפאַלן. ביי בלומען האָט זיך די שטימונג געהויבן. זי האָט איצט גערן אויסגעהערט אַ צענדליק מעשיות, וואָס זיידלער האָט פאַרט דערציילט.

פון „סעלעקט" איז נישט ווייט צו דבורהן. בלומע האָט זיך געלאָזט צו איר מיט די צוויי פינפהונדערטערס אין בייטל און מיט פרייד אין

האַרץ. זי איז קיינמאָל ביי איר נישט געווען, אָבער געוווסט ווו זי וווינט.

אַן אַלטער, שמוציקער, לענגלעכער הויף. בלומע וואָלט נישט געגלויבט, אַז אויף סען זשערמען זאָל זיין אַזאַ הויף, אַזעלכע הייזער. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט אַ פּאַרטער־לאָקאַטאָרין איר אָנגעוויזן אויף אַן ערשטשטאָקיקן שטיבל, וואָס הענגט אין דער לופטן ווי אַ שטייג און וואָס איז ווי צוגעטשעפּעט צו אַן אַלטער, חרובער געביידע. דער אַרויפגאַנג פירט דורך צעפוילטע טרעפּ פון דרויסן. אין פענצטער אַן אַ פאַרהאַנג איז אַן אויסגעהאַקטע שויב פאַרטראָטן מיט אַ טעקטור.

בלומע איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער צוגעטשעפּעטער „שטייג״; זי האָט געוואָלט עפּעס דערבליקן דורכן פענצטער, אָבער מ׳קאָן גאָרנישט דערזען דורך די נאַקעטע שויבן, זיי זענען פאַרצויגן מיט אַ גרויער נעפּלדיקייט, זעען אויס ווי זיי וואָלטן לאַנג נישט געוואַשן געווען, אָדער אפשר קיינמאָל נישט געוואַשן געווען. זי האָט איבערגע־טראָגן די אויגן אויף די צעפוילטע טרעפּ; דאָ און דאָרט זענען זיי איינגעבראָכן. איז נישט קיין געפאַר דורך זיי אַרויפצוגיין? זי האָט פאַרזיכטיק אָנגעהויבן קלעטערן, אָנהאַלטנדיק זיך ביים פאַרענטש. מיט האַרצקלעמעניש אָנגעקלאַפּט אין טיר. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס קלאַפּן. קיין ענטפער איז נישט געקומען. פּלוצלינג איז דערגאַנגען צו אירע אויערן אַ שטיל דראַפּען פון דער צווייטער זייט טיר, אַ מיאַוקען ווי אַ קינד וואָלט פאַרשטיקטערהייט געוויינט. זי האָט אָנגעשפּיצט דאָס אויער: ווידער שטיל.

בלומע איז מיט אַנגסט אַראָפּ פון די טרעפּ. זי וועט ווידער אַ פרעג טאָן ביי דער לאָקאַטאָרין. זי האָט אָבער דאָס מאָל אָנגעטראָפן אויף דער אַלטער קאָנסיערזש; זי איז מסתמא בעסער אינפאָרמירט וועגן די פירעכצן פון דער מאָלערין.

— מ׳קאָן נישט וויסן צי זי איז יאָ דאָ אין שטוב, צי זי איז נישט דאָ. זי עפנט נישט, ווען זי איז פאַרטאָן אין מאָלן. ס׳מיאַוקעט דאָרט זאָגט איר? מסתמא האָט זי אַריינגענומען די קאַץ, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום אויפן הויף. צי ס׳איז אַ סימן, אַ זי איז אין שטוב? ניין, ס׳איז נישט. זי לאָזט די קאַץ ביי זיך.

זאָל זי וויטער קלאַפּן? וועט עס דען העלפן? אפשר איז זי טאַקע נישט אין שטוב. צום בעסטן וועט זיין לאָזן אַ בריוול, מודיע זיין וועגן פאַרקויפטן בילד. וואָלט איר די „שטייג״ אַזוי נישט אויפגערודערט, וואָלט

זי איר אָנגעשריבן זי זאָל קומען אָפּנעמען דאָס געלט. ס׳איז אָבער כדאי זיך מטריח זיין נאָך אַמאָל צו זען ווי ס׳זעט אויס אינעווייניק.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך בלומע ווידער געלאָזט צו דבורהן, ווידער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די דורכגעפוילטע טרעפּ. דאָס בריוול האָט געשטעקט אין שליסל־לאָך אַזוי ווי זי האָט עס נעכטן גע־לאָזט. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? איז זי נישט אַרויסגעגאַנגען, אָדער איז זי נישט צוריקגעקומען? ווער איצט דאָס קלאַפּן אין טיר מער העלפן ווי נעכטן?

פּלוצלינג האָט בלומע אַ צאַפּל געטאָן. פון דער געעפנטער טיר האָט זיך אַרויסגעשלייכט עפּעס אַ באַשעפעניש און זיך דורכגעגליטשט פאַר אירע פיס. אַ גרויסע, גרויע קאַץ איז מיט קעצישער פלינקייט געשפּרונ־גען פון די שטיגן, ווי זי וואָלט זיך געאײַלט אויסצופירן אַ שליחות פאַר איר אַפּוטרופּוסקע. ווי גיך בלומע איז אַריין, האָט דבורה צוריק פאַר־קלאַפּט און פאַרריגלט די טיר.

— דבורה וואָס איז מיט דיר? כ׳בין נעכטן דאָ געווען. פאַרוואָס עפנסטו נישט? פאַר וועמען האָסטו מורא?

— מורא? כ׳וויל נישט מ׳זאָל אַריינקומען, ווען איך מאָל. כ׳פאַרטראָג נישט, ווען מען קוקט ווי אַזוי איך אַרבעט, ס׳פּאַלט מיר דעמאָלט פון די הענט. כ׳דאַרף אויסענדיקן עטלעכע בילדער. ס׳גייט מיר שווער, כ׳מאַך כסדר איבער, קראַץ אָפּ אַ פריערדיקן פלעק און לייג אַ נייעם, קראַץ אָפּ און שמיר אויפסניי מיטן פּענדזל. עפּעס טאַרעט מיך שטאַרק אינע־ווייניק, כ׳מוז עס אַרויסלייגן אויפן לייוונט, כ׳מוז אַ סך אַרבעטן.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבורעטקע, ווי די עטלעכע זאַצן וואָלטן זי דערשעפּט. בלומע האָט זיך ערשט איצט אַרומגעקוקט אין צימער: די געקאַלכטע ווענט פאַרצויגן מיט איבערבלייבענישן פון שימל, די הילצערנע פּאָדלאָגע דאָ און דאָרט צעדראַפּעט פון אַלטקייט, דאָס שמאָלע אײַזערנע בעטל איבערגעצויגן מיט אַן אויסגעריבענער, צע־קנייטשטער קאָלדרע. אין מיטן צימער אַ מאָלגעשטעל. אויפן מאָל־געשטעל אַ לייוונט אין דער אַרבעט, אַן אָנגעצייכנטע, אויסגעבויגענע פרויען־געשטאַלט מיט צוזאַמענגענומענע פאַר זיך פאַרבראָכענע הענט. ביי די ווענט בילדער מיטן רוקן צום צימער. צווישן די פיר פאַרשימלטע ווענט שוועבט אַן אומעט. אומעטיקער פון אַלץ איז די מאָלערין גופא. ערשט איצט איז קענטיק ווי שטאַרק זי איז אָפּגעמאָגערט. די פלייצע

אויסגעבויגן, ווי זי וואָלט אויף איר אַ שווערע משא געטראָגן. די באַקן איינגעפאַלן, די אויגן גלאַנצן מיט אומהיימלעכע פונקען. אויגן שטיקער פלאַמיקער אומעט.

אַרומקוקנדיק זיך איז בלומען אין אויג ארייַנגעפאַלן אין אַ ווינקל אַ טעלערל מיט אַ ביסל פאַרבליבענער שפּייז. ס׳האָט זיך איר דערמאָנט אין דער קאַץ, וואָס האָט זי אַזוי איבערגעשראָקן.

— דבורה, דו האָדעוועסט אַ קאַץ? צו דעם רומל פעלט דיר צו אַ קאַץ?

— האָדעווע זי נישט, נישט מיין קאַץ. קיינער האָדעוועט זי נישט. אַ היימלאָזע, בלאָנקעט זיך אַרום אין הויף אַ הונגעריקע. זי האָט קיינעמען נישט ווער ס׳זאָל זיך פאַרנעמען מיט איר. איך האָב אויך קיינעמען נישט. כ׳נעם זי טיילמאָל אַריין. ס׳איז אַ רחמנות. ס׳איז אויך היימלעכער מיט איר. אַז זי מיאַוקעט צו מיר, איז פונקט ווי אַ מענטש וואָלט צו מיר גערעדט. זי טוליעט זיך צו מיר, גלעט מיך מיטן קאָפּ, מ׳איז וויינקער איינזאַם, ס׳איז פונקט אַזוי...

זי האָט זיך אין מיטן דערינען דערמאָנט אין פאַרקויפטן בילד:

— האָסט טאַקע פאַרקויפט מיין בילד? פאַר טויזנט פראַנק?

בלומע האָט איר דערלאַנגט דאָס געלט. זי האָט געקוקט דערויף מיט גלייכגילט, דערנאָך זיך אָפּגערופן:

— ס׳איז מיר אַ שאָד וואָס ס׳איז פאַרקויפט. כ׳האָב עס געוואָלט האַלטן ביי זיך. אַן איינגעגעבן בילד, נאָר איך וואָלט נאָך דאָרט עפּעס געענדערט. אַ בילד דאַרף לאַנג בלייבן אין שטוב, כ׳האָב עס צו גיך אַרויסגעטראָגן. צו פאַרקויפן געדאַרפט אַרויסטראָגן אַן אַנדערס. מיינע בעסטע בילדער אַרויסגעטראָגן צו גיך, אַלע מאָל עמעצן אַוועקגעגעבן פאַר אַ שיבוש.

— ווייז מיר דיינע אַנדערע בילדער.

— נישט איצט, נישט איצט. כ׳דאַרף פריער אַליין איבערקוקן, זען וואָס מ׳קאָן שוין ווייזן. כ׳האָב ליב אַוועקצושטעלן אַ בילד און דערנאָך זיך אומקערן, עפּעס פאַרבעסערן. וועסט קומען אין אַ דריי־פיר וואָכן אַרום. נייַן, קום נישט אַהער, כ׳האָב נישט ליב מ׳זאָל קומען. אין עטלעכע וואָכן אַרום וועל איך קומען צו דיר מיט אַ צוויי בילדער, וועסט מיר העלפן פאַרקויפן.

ס׳זענען אַוועק וואָכן. ס׳זענען אַוועק חדשים. דבורה איז נישט געקומען.

זי האָט נישט געלאָזט הערן פון זיך. בלומע איז צופיל פאַרנומען געווען מיט זיך גופא. זי האָט לאַנג געזוכט ביז זי האָט געפונען אַרבעט.

***

יענעם פרימאָרגן האָט בלומע אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳דאַרף געפינען אַ פרייע שעה זיך ווידער אַראָפּלאָזן פון וויטן פאַריזער קוואַרטאַל אויף סען זשערמען. מ׳דאַרף זיך אויסקלייבן גאַנץ פרי מ׳זאָל דבורהן טרעפן ביי זיך, אָדער זי זאָל זיך נאָך נישט האָבן גענומען צום מאָלן, זי זאָל באַוויליקן אויפצומאַכן די טיר. זי האָט זיך גענומען אַ קוק צו כאַפּן אין דער נעכטיקער יידישער צייטונג. צו די אויגן האָט איר אַ שפרונג געטאָן דער נאָמען דבורה פלאַטעק.

זי האָט לאַנג געקוקט אויף דער נאָטיץ, נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון איר. פאַר די אויגן זענען ווי אַ פילם־טאַשמע דורכגעלאָפן די לעצטע באַגעגענישן מיט דבורהן. זי האָט יענע פאַסירונגען איצט געזען, געפילט ווי זיי וואָלטן אָקערשט פאַרגעקומען. אַזוי נאָענט איז דאָס, וואָס איז געשען מיט אַ סך חדשים צוריק און אַזוי וויט שוין דאָס, וואָס האָט פאַסירט בלויז מיט אַ צוויי וואָכן צוריק. ווען און ווי אַזוי איז זי אַוועק אין קראַנקן־אַנשטאַלט? אין וועלכן? ווו איז איר קבר? האָט זיך ווער מיט איר פאַרנומען אין אירע לעצטע טעג? האָט זיך אַ פריינדלעכע האַנט אויסגעצויגן צו איר? איז געקומען פון עמעצן אַ וואַרעם וואָרט, וואָס זאָל לינדערן דאָס שווער צעטרייסלט געמיט, פאַרטרייבן אַ ביסל די דערשלאָגנקייט?

אַ שטימע האָט זיך אָפּגערופן אין איר האַרץ: „וואָס שטעלסט פראַגן אַנדערע, אָדער סתם אין דער וועלט? שטעל זיך גופא די דאָזיקע פראַגן״.

זאָל זי כאָטש איצט, נאָכן טויט, זי נישט לאָזן אויף הפקר. זי מוז זיך דערוויסן ווו זי איז באַערדיקט געוואָרן.

בלומע האָט זיך מיט אימפּעט גענומען זוכן דעם קבר פון דער מאָלערין דבורה פלאַטעק. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין לייכטערע זאַך, ווי בעת זי האָט געזוכט איר צו העלפן פאַרן לעבן.

1973

דער חוב

בערל קאַנטאָראָוויטש איז אַריין צו זיין לאַנדסמאַן, צום שרייבער יוסף לייזעראָוויטש, מיט אַ גרימאַסע אויפן פּנים, וואָס האָט קיין גוטס נישט פאַרויסגעזאָגט. אַ טבע אַזאַ ביי אים, אַז ער דאַרף אָנזאָגן אַ שלעכטע בשורה מאַלט זיך אויס אויפן געזיכט אַ גרימאַסע, וואָס איז ענלעך צו אַ ביטער שמייכעלע. סתּם האָט ער נישט ליב אָנצוזאָגן אַ שלעכטע בשורה און איידער ער זאָגט זי אָן פאַרקריכט ער אויף זייטיקע וועגן.

— אַ וועטער היינט, אַן עבירה אַ הונט אַרויסצוטרייבן. צום בעסטן היינט צו זיצן אין שטוב, ווי דו, זיך צולייגן אַ ביסל.

— ווער האָט דיך אַרויסגעטריבן פון שטוב? ווער לאָזט דיר נישט זיך צולייגן?

— עפּעס האָט מיר טאַקע נישט געלאָזט.

— וואָס פאַרא עפּעס?

— האָסט נישט געהערט די נייעס?

— וואָסערע נייעס ווידער? — האָט פאַרשלאָפענערהייט געפרעגט דער שרייבער, וואָס האָט זיך אויפן קלונג פון גלעקל אויפגעכאַפּט פון אַ נאָכמיטאָגדיקן דרימל.

— כ׳האָב דיר איבערגעריסן דעם שלאָף? וואָס?

— איבערגעריסן צי נישט איבערגעריסן, אין דער צייט קומסטו קיינמאָל נישט. ס׳איז אויך נישט דיין טאָג.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז נישט זייער גאַסטפריינדלעך און אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן:

— כמעט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. געזעסן נעכטן ביז שפּעט אָוונט מיטן באַלעבאָס פון דער דרוקעריי, גערעכנט אפשר, אפשר נאָך קאָנען אַרויסגעבן אַ בוך; ס׳ליגט דער מאַנוסקריפּט פון לאַנג שוין, געהאַט זיך אַפילו געשוואוירן צי נישט פריער דאָס. נו, איז נייע צרות, ווידער אַ העכערונג; דערצו איז ער אַ גאַנצער יחסן, ער איז דאָ איין זכר אין מאָסקווע; וואָרפט דאָס פעקל פאַרן טיר, גיט עצות: „פאַרוואָס זאָלט איר בעסער נישט אַרויסגעבן אין ישראל?״ גיי דערצייל

אים מעשיות, אַז אין ישראל גייט אַלץ אויף דאָלאַרן, און דער דאָלאַר שפּרינגט פון טאָג צו טאָג. נאָך דעם לאַנגן שמועס מיט אים, נאָך דעם חשבון, וואָס ער האָט מיר געמאַכט, אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. דוכט מיר איך מעג זיך שוין אָפּגעזעגענען פון אַרויסגעבן נאָך אַ בוך, אַפילו מיט דער צוגעזאָגטער, נעבעכדיקער הילף פון מיין סאָסיעטע.

— האָסט געוואָלט דיר אָפּנעמען דעם ביינאַכטיקן שלאָף און איך האָב דיך מיט מיין קלוגג אויפגעוועקט?

— איך בין דען געשלאָפן? כ׳האָב איינגעדרימלט אַריינקוקנדיק אין דער ציַיטונג. נו, זעץ זיך, וואָס שטייסטו, ווי דו וואָלסט געוואָלט אַנטלויפן?

— כ׳האָב טאַקע שיער נישט געוואָלט אַנטלויפן, דערזעענדיק דיך אַ פאַרשלאָפענעם, בפרט ס׳איז נישט מיין טאָג.

— איז וואָס איז געשען וואָס ביסט אַריינגעפאַלן ווי אַ יוון אין סוכה?

— דיר אָנזאָגן די נייע נייעס.

— וואָסערע נייעס? ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה?

— דערווייל נישט. וואָלט אויסגעבראָכן אַ מלחמה וואָלסטו זיך דער־ווּוסט פריער פון מיר פון דעם ראַדיאָ, פון דער טעלעוויזיע. איך הער נישט דעם ראַדיאָ אינדערפרי און ביי מיטאָג ווי דו.

— איז וואָס געשען וואָס דער ראַדיאָ גיט נישט איבער?

— איך זע, אַז דו ביסט נישט קיין היגער.

— זאָג מיר שוין די נייעס, צי נישט אַרויס די נשמה!

— די ליטוואַטשקע האָט שוין אָפּגעדאַוונט...

— וועלכע ליטוואַטשקע?

— וואָס הייסט וועלכע? ס׳זענען דען פאַראַן הי אַ סך ליטוואַטשקעס מיט וועלכע איך פיר געשעפטן צוליב דיינע ביכער? שרהלע די ליט־וואַטשקע, שרהלע פעלדמאַן.

— וואָס הייסט זי האָט אָפּגעדאַוונט?

— ווייסט נישט וואָס דאָס מיינט? זי האָט צוגעמאַכט אַן אויג און פאַרטיק.

— וואָס, זי איז געשטאָרבן?!

— הייבסט אָן צו פאַרשטיין.

— וואָס רעדסטו? ווען? ווי אַזוי? כ׳האָב זי דאָך אייערנעכטן געזען אויף דער „מאַרשע״. כ׳האָב איר געוואָלט דערמאָנען איינעם חוב,

נאָר זי האָט זיך געאײַלט, געלאָפן מיט צוויי אָנגעפּראָפּטע קוישלעך און איך האָב נאָך געדאַרפט אײַנקויפן, האָב איך איר געלאָזט לויפן.

— איך האָב זי נאָך שפּעטער געזען, אייערנעכטן אין אָוונט.

— איז וואָס געשען?

— וואָס געשען? זי איז אַרויס נעכטן אינדערפרי פון שטוב, אַראָפּגעפאָרן מיט דער ווינדע, אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט אין דרויסן, זיך אומגעקערט, געוואָלט צוריק נעמען די ווינדע, עפּעס אַ מורמל געטאָן צו דער קאָנסיערזש און אָוועקגעפאַלן. אַז די קאָנסיערזש האָט געזען ס׳איז שלעכט, האָט זי געקלונגען צום דאָקטער פון דער קאַרטיע, ער איז גלייך געקומען, נאָר ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ לייכטער טויט, ס׳האָט געדויערט מסתמא אַ סעקונדע, דאָס האַרץ האָט זיך גיך אָפּגעשטעלט און פאַרטיק. האָט די קאָנסיערזש געקלונגען אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

— אוי ווי, אַזאַ מעשה! זי האָט אויסגעזען אויף אַ געזונטע און נישט אויף קיין אַלטע.

— נאָענט צו אַ זיבעציק איז זי שוין געווען, נאָר נישט אויסגעזען.

— איז וואָס אַז נאָענט צו זיבעציק? פרוּיען לעבן היינט לאַנג, אַ סך לענגער ווי מענער. מיינע איז קראַנק געווען, לאַנג געקרענקט, אָבער די שרהלע האָט שטענדיק אויסגעזען אייזן־שטאַרק.

— גיי האָב אַ טענה צום רבונו של עולם! מיט אַן אָוונט פריער, ווען כ׳האָב זי געזען האָט זי אויסגעזען ווי שטענדיק.

— האָסט כאָטש אָפּגענומען דעם חוב?

— דאָס פאַרדריסט מיך טאַקע: נישט אָפּגענומען.

— פאַרן איינעם בוך מיט דער דעדיקאַציע פאַר איר אויך נישט?

— אויך נישט. מיינסט כ׳האָב נישט געמאָנט? אָנומלט אין אָוונט ווידער געמאָנט, געזאָגט איר, אַז אויב זי האָט נאָך נישט פאַרקויפט די 10 ביכער זאָל זי דערוויַיל באַצאָלן פאַרן איינעם, וואָס כ׳האָב איר געבראַכט מיט אַ דעדיקאַציע אַזוי, ווי זי האָט געוואָלט. „כ׳האָב פּונקט ביי זיך נישט קיין געלט". ביי איר אַרויסקריגן אַ פּאָר פראַנק איז געווען פּונקט, ווי צו צאַפּן פון אַ שטיין וואַסער. מיינסט נאָר פאַר אַ בוך? פאַר אַ בילעט אין טעאַטער, פאַר ענלעכע זאַכן דאָס זעלבע געווען.

יוסף לייזעראָוויטש האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט, דערטראַכט זיך און געוואָנדן זיך צו זיין לאַנדסמאַן:

— ווייסט וואָס ? קענסט גוט די קאָנסיערזש, זי האָט זיכער אירע שליסלען ; דערציייל איר, אַז דו האָסט ביי דער געשטאָרבענער אַ צענדליק ביכער און ווילסט זיי אַרויסנעמען.

— חכם מיינער, אויף דער זעלבער חכמה בין איך אויך געפאַלן. אָבער די פּאָליציי איז געקומען נאָך איידער מ׳האָט די געשטאָרבענע אַוועקגענומען אין מעדיצינישן אינסטיטוט, ווי ס׳פירט זיך, ווען עמעצער שטאָרבט פלוצלינג אויפן גאַס. הכלל, די פּאָליציי האָט גלייך צוגענומען די שליסלען, געלייגט אַ פּיעטשאַט אויף דער טיר און פאַרטיק. די געשטאָרבענע האָט נישט קיין משפחה, קיין יורשים, ירשנט די מלוכה, אפשר דער מאַגיסטראַט. דו מיינסט נאָר דאָס, וואָס אין שטוב ? די פּאָליציי האָט גלייך דורכגענישטערט אין די שופלאדן, געפונען אירע פּאַפּירן פון באַנק ; יענע אפּותיקו.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס ?

— די קאָנסיערזש איז געווען דערביי, זי האָט מיר געזאָגט, אַז אַ וואָזשנע אַפּותיקו, אפילו אַ צייגעניש אויף גאָלד. און די דירה אויך איר אייגענע. אַ ווילע אין ברונוא אויך פאַראַן. אַלץ געהער איצט צו דער מלוכה, אפילו דיינע צען ביכער, דיינע עטלעכע ביכער מיט די דעדיקאַציעס, נאָר די ביכער וועלן זיי מסתמא אַרויסוואַרפן ; דאָס רעכנט מען נישט אַריין אין פאַרמעגן, וואָס ווערט קאָנפיסקירט.

— פון וואַנען האָט אַזאַ ווייבל אַזאַ פאַרמעגן ?

— וואָס ווייסטו וואָס אַזעלכע מענטשן פאַרמאָגן. מיינסט זי איז די איינציקע ?

— פאַרט פון וואַנען ?

— אַ פּשוטער חשבון : אַ דייטשע פּענסיע — נומער איינס ; אַ פּענסיע פאַרן מאַן, וואָס איז פאַרבליבן אין אוישוויץ — נומער צוויי ; דעם געוועלב, וואָס דער מאַן האָט איבערגעלאָזט, האָט זי ווייטער געפירט ביז מיט אַ 4 יאָר צוריק — נומער דריי ; די דייטשע אַנטשע־דיקונג האָט זי „פלאַסירט" ווען דירות זענען געווען ביליק, נו האָט זיך אָנגעקליבן. נאָר דאָס אַרט מיר נישט, אדרבא, זאָלן יידן נישט זיין קיין קבצנים. פאַרוואָס אָבער איז פון אַזעלכער אַזוי שווער אַרויסצור־רייסן אַ פּאָר פראַנק ? און צוריקגעשמועסט, וואָס האָט זי געמיינט די שרהלע, זי וועט אייביק לעבן ? זאָל מען אָננעמען ס׳איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז זי וועט פלוצלינג באַקומען אַ האַרצשלאַג. ווי גיט עס

אַ מענטש נישט אַ טראַכט, אַז מען לעבט נישט שטענדיק? אַז מ׳האָט נישט קיין יורשים איז דען נישט קראַנטער, בכבודיקער, אַז דאָס פאַרמעגן זאָל אַריינפֿאַלן אין יידישע הענט? פֿעלן יידישע אינסטיטוציעס? מ׳קאָן דאָך אָפּשרייבן, זאָל מען אָננעמען, פֿאַר אַ יידישן עלטער־הויז, אַז אין פֿאַל... איין פֿאַרשוין פֿון דער „מערי״, דוכט מיר אַ ספּעציאַליסט אויף די זאַכן, האָט געזוכט אין אַלע שופֿלאָדן אַ טעסטאַמענט, עפּעס אַ צוואה — גאָרנישט געפֿונען. נו, געהער אַלץ דער מלוכה. דו מיינסט זי איז די איייינציקע אַזאַ?

לייזעראָוויטשן איז די טענה צו דער פֿאַרשטאָרבענער געוואָרן אַ ביסל פֿאַרדריסיק. אַ מענטש שטאַרבט אַוועק דאַרף מען אים נישט באַרעדן. ער גופֿא האָט מיט איבער צוויי יאָר צוריק געהאַט אַן אומגליק — דאָס ווייב איז אים אַוועקגעשטאָרבן. דאָס אומגליק איז נישט געקומען פּלוצלינג, זי האָט אַ שטיק צייט געקרענקט. זיינע האָט שטענדיק איינגעקאַרגט, געוועזן די פּרנסה־געבעריין. דאָס גאַנצע לעבן געהאָרעוועט ביי שניידעריי ער זאָל קאָנען זיין אַ שרייבער. פֿון זיין שרייבעריי איז שטענדיק געווען וואַסער אויף קאַשע. וואָלט ווער געזאָגט וועגן זיין ווייב אַ שלעכט וואָרט, געוואַגט צו דערמאָנען איר איינקאַרגן, וואָלט ער עס נישט פֿאַרטראָגן. נאָך איר טויט געבליבן אויפֿסניי אַ יתום. ווען נישט די דייטשע פּענסיע און זיין שטענדיקער מוכר־ספרימניק, זיין לאַנדסמאַן בערל קאַנטאָראָוויטש, ווער ווייסט וואָס פֿון אים וואָלט געוואָרן. אַז דאָס ווייב האָט נאָך געלעבט פֿלעגט ער אויך פֿון מאָל צו מאָל זיי אָפּשטאַטן אַ וויזיט, אפֿילו ווען ס׳איז נישט געווען צו פֿאַרשפּרייטן אַ בוך. אַ לאַנדסמאַן אַ שרייבער קומט אים דאָס. זינט דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן, זענען די וויזיטן געוואָרן רעגלמעסיקע — שבת אינדערפֿרי און מיטוואָך נאָך האַלבן טאָג. ס׳זענען זייערע טעג. געשעט עפּעס ביי איינעם, גיט מען זיך צו וויסן. אַז לייזעראָוויטש גיט אַרויס אַ בוך, ווערט ביי בערלען גרויס־סעזאָן. נישט נאָר ער אַליין טראָגט אַרום דאָס בוך איבער יידישע שטובן. ער האָט זיך איינגעשאַפֿט עטלעכע מיטהעלפֿערס. איינע פֿון זיי איז געווען שרהלע די ליטוואַטשקע. ווען זי האָט נאָך אָנגעפֿירט מיטן געוועלב איז זי מעשה בערלס שכנה איינגעגאַנגען ער זאָל לאָזן אַן אויפֿגעפּאַקט פּעקל ביכער אין קראָם אויף אַ טישל, ס׳זאָל זיין אָנזעעוודיק. אַ יידישן קונה האָט זי, אויב ס׳האָט זיך געלאָזט, אַריינגעשטעקט אַ בוך. זינט זי האָט ליקווידירט די קראָם,

טראַגט איר בערל אַרויף אין שטוב אַ פּעקל ביכער. אַן אַמאַליקן יידישן קונה האָט זי איינגערעדט צו נעמען אַ בוך. איי ס׳האָט געדויערט לאַנג דאָס פונאַנדערטיילן, איי בערל האָט געדאַרפט אַ סך מאָל מאָנען אַרויס־צוקריגן די פּאָר פראַנק, איז מילא, אַ יידישער שרייבער מוז אַלץ אויסשטיין.

דאָס לעצטע בוך איז אָבער געגאַנגען ביי איר מיט דער פּוטער אַראָפּ. שרהלען האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכן אַ לאַנגע נסיעה, אָדער ווי זי האָט געזאָגט אַ רייזע איבער דער וועלט. אַ מאָדע געוואָרן אַזאַ צו מאַכן רייזעס איבער דער וועלט. און ווען דען אויב נישט ווען מען גיט אויף די באַשעפטיקונגען? הכלל, שרהלע האָט אַזוי לאַנג געזוכט ביז זי האָט אָפּגעפונען דעם מאַנס אַ קרובה אין קאַנאַדע, איר אָנגעשריבן אַ בריוו, אַזוי און אַזוי און געלאָזט זיך צו איר. פאַר איין וועגס איז זי אָפּגעטראָטן צו אַ לאַנדסמאַנקע קיין ניו־יאָרק, צוריק־געקומען אַ פאַרמאַטערטע אָנהייב זומער, איבערגעזומערט אין איר ווילע אין ברינוא און דאָס פּעקל מיט צען ביכער איז געבליבן פאַרפּאַקט.

— ס׳ברענט נישט, ס׳איז נישט קיין סעזאָן־סחורה, אַ קלייד, אַ מאַנטל, וואָס גייט אַרויס פון דער מאָדע. נישט איצט וועט מען אם־ירצה־השם פאַרטיילן די ביכער אַ ביסל שפּעטער. ווי גיך ס׳וועט אונטערקומען אַ בעלן אויף אַ בוך, וועל איך מיינס טאָן, אַריינשטעקן אין האַנט צי ער קאָן יאָ צי נישט באַלד אויפן אָרט באַצאָלן. איך האָב טיילמאָל מיין סחורה אויך געגעבן אויף קרעדיט. זאָגט אייער שרייבער ער זאָל זיך נישט אָפּעסן די גאַל, די ביכער וועלן זיך ביסלעכווייז פונאַנדערגיין.

אַזוי פלעגט זי יעדעס מאָל ענטפערן בערלען, ווען ער האָט גע־קלונגען צו איר וועגן די ביכער.

בערל וואָלט נאָך איצט דערציילט און דערציילט זיין לאַנדסמאַן וועגן די צרות, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין שכנטע, די שרהלע ליט־וואַשטקע, ווען זי האָט געדאַרפט פאַרקויפן אַ פּעקל ביכער און ווי ס׳איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערים אָפּצונעמען פון איר דאָס ביסל מזומן. אָבער יוסף האָט אַ זאָג געטאָן:

— לאָז שוין געמאַך, אַ מענטש פאַלט אַזוי אַוועק און שטאַרבט אָפּ, טאָ זאָל מען זי לאָזן רוען אין קבר, זאָל איר די ערד...

— וואַרט, וואַרט, זי קומט נישט אַזוי גיך אין קבר. צי ווייסטו

וואָס דאָס איז דער מעדיצינישער אינסטיטוט ? פאַר זיי דאָרטן איז אַן אַוועקגעפּאַלענער אין דרויסן, וואָס די פּאָליציי ברענגט צו זיי, אַ גאַנצע מציאה, זיי האַלטן אים טיילמאָל אָפּ ביז אַ צוויי וואָכן און מערער צו מאַכן זייערע מעדיצינישע פאָרשונגען. אַז ס׳איז פאַראַן משפחה קאָן מען נאָך אָנפרעגן ביז ווען, מע מאַכט אַ ווענדונג אַרויס־צוגעבן דעם בר־מינן וואָס פריער צוליב דער לוויה. דאָ איז קיינער נישטאָ זיך צו פאַרנעמען מיט דער לוויה. ווייסט וואָס ס׳קאָן נאָך געשען ? מ׳וועט זי מסתמא מקבר זיין אויפן אַלגעמיינעם צמענטער פאַר אָרעמע. וואָלט זי געהאַט אַ „סאָסיעטע״, וואָלט די „סאָסיעטע״ זיך פאַרנומען. איז זי דאָך פון אַ פּיצל, פאַרוואָרפן שטעטעלע הינטער קאָוונע. כ׳האָב איר געהאַט געעצהט צו געהערן צו דער ווילנער „סאָסיעטע״, ווייסטו וואָס זי האָט געענטפערט ? „וואָס גייען מיר אָן די ווילנער און וואָס גיי איך זיי אָן ? אָבי איינצאָלן געלט !״.

— אוי ווי, וויי, ווי דער מענטש קען נישט דעם מענטשלעכן גורל, היינט איז ער אַ גאַנצער תקיף און מאָרגן אַ בר־מינן, שטויב. קוהלת איז גערעכט געווען, אַלץ הבל הבלים — האָט יוסף לייזעראָוויטש פילאָזאָפיש־מעלאַנכאָליש אויסגעזיפצט.

בערל קאַנטאָראָוויטש האָט נישט ליב צו פילאָזאָפירן, פאַרטראַגט אויך נישט ווען אַנדערע פילאָזאָפירן. ער איז אַ מענטש אַ פּראַקטישער, האַלט, אַז אַ מענטש דאַרף זיך פירן ווי אַ מענטש, דאַרף האַלטן מיט זיך אַ מענטשלעכן חשבון. ער קאָן נאָך איצט, נאָך איר טויט, נישט מוחל זיין דער שרהלען דעם חוב, וואָס זי איז אים געבליבן שולדיק פאַר איר בוך מיט דער דעדיקאַציע. יוספן גייען מער אָן די צען ביכער:

— זאָל מען בעסער געבן אַ טראַכט וואָס צו טאָן אַרויסצוקריגן דאָס פּעקל ביכער ! אפשר זאָל איך צוגיין מיט דיר אין דער מערי, אָדער פריער צו דער קאָנסיערזש זיך דערקונדיקן צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדן ?

— ווער וועט זיך איצט פאַרנעמען מיט דיין פּעקל ביכער ? מיט דער קאָנסיערזש האָב איך שוין גערעדט, זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען. צוריקגעשמועסט, וואָס גייט דיר אַזוי אין לעבן אַרויסצוקריגן די ביכער ? ס׳פעלט דיר אויס ביכער ?

— איך וויל נישט מ׳זאָל אַרויסוואַרפן מיינע ביכער, זיי זאָלן זיך וואַלגערן אויפן מיסט ! פאַרשטייסט צי נישט ? !

— פאַרשטיין פאַרשטיי איך, אַז דו ווילסט נישט, אָבער האָסט אַ ברירה? אדרבא, גיב אַן עצה וואָס צו טאָן.

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט מיין עצה: קום מיט מיר פריער צו דער קאָנסיערזשקע; ביסט אַ פּאַן־בראַט מיט איר; דערנאָך וועלן מיר גיין ווייטער, צו עמעצן אין דער מערי, אָדער אַנדערשוואו, די קאָנ־סיערזשקע וועט אונדז זאָגן פון וואַנען מ׳איז געקומען. איך וועל זיי ווייזן מיין לעגיטימאַציע פון שרייבער־פאַראיין, כ׳וועל אויך מיטנעמען מיין קאָמבאַטאַנטן־קאַרטע, ס׳איז אויך עפּעס ווערט; כ׳האָב נאָך לעגי־טימאַציעס, דאָס פעלט מיר נישט. אויף מיינע ביכער איז דאָך דייטלעך אויפגעשריבן מיין נאָמען אין פראַנצויזיש, אַ באַווייז אַז דאָס זענען מיינע. וועלן זיי נישט לאָזן אַרויסנעמען מיינע עטלעכע ביכער מיט די דעדיקאַציעס, וואָרעם ס׳איז דער געשטאָרבענערס אייגנטום — איז פאַרפאַלן. אָבער דאָס פּעקל מיט די צען ביכער וועלן זיי זיכער אַרויס־וואַרפן, ס׳וועט זיין ביי זיי די ערשטע כפרה. פאַרן אויספאַרקויף סאָר־טירן זיי אויס, וואַרפן אַרויס אַלץ, וואָס האָט נישט קיין ווערט אין זייערע אויגן; וועלן זיי זיך צאַצקען מיט אַ פּעקל יידישע ביכער? דאַרף מען באַצייטנס זען זיי אַרויסראַטעווען.

בערל האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. מ׳קאָן שוין דאָס פּעקל ביכער צורעכענען צום חוב. די קאָנסיערזשקע האָט אים געזאָגט מ׳האָט איר נישט געלאָזט אַרויסנעמען פון קיך איר פאַרטוך, וואָס זי האָט געלאָזט, ווען זי האָט ביי דער שרהלען אָפּגעפּוצט די שויבן. זאָל זיך יוספן דאַכטן, אַז די ליטוואַטשקע האָט יאָ פאַרקויפט זיינע צען ביכער און האָט נישט באַוויזן אָפּצוגעבן דאָס ביסל מזומן, פונקט ווי זי האָט נישט אָפּגעגעבן פאַר איר בוך מיט דער דעדיקאַציע. איז גיי מאָן אַ חוב ביי אַ געשטאָרבענער. פון דעסטוועגן איז בערל מיטגעגאַנגען מיט זיין לאַנדס־מאַן צו דער קאָנסיערזשקע. זי האָט ווידער געהויבן מיט די אַקסלען. וואָס וויל מען פון איר און וואָס ווייסט זי ווער ס׳איז דאָ אַלץ געווען. זי ווייסט בלויז, אַז מ׳טאָר גאָרנישט רירן, אַ סימן מ׳האָט פאַרחתמעט די וווינונג, ס׳ליגט אויף דער פאַרשלאָסענער טיר אַ גרויסע, רויטע חתימה. זיי ווילן גיין אין דער מערי, זאָלן זיי גיין, נאָר זי זאָלן זיי נישט אַריינמישן; זי ווייסט נישט צי יאָ צי נישט פאַראַן אַ פּעקל ביכער. זי קאָן נישט זיין קיין עדות.

בערל האָט זיך געבעטן ביי זיין לאַנדסמאַן ער זאָל אָפּלאָזן די

גאַנצע מעשה, זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס פּעקל ביכער; ווידער איבערגעחזרט ער זאָל זיי צורעכטנעמען צום חוב.

— גזלן איינער, ס'אַרט דיר נישט, אַז מיינע ביכער וועלן זיך ערגעץ וואַלגערן אין מיסט?

— און אַז ס'אַרט מיר יאָ, העלפט דאָס? ס'פֿאַרדריסט מיר שוין וואָס כ'בין געקומען דיר אָנזאָגן די גוטע נייעס, געדאַרפֿט דערווייל מאַכן אַ שווייג...

ער האָט אָבער דערזען יוספס צעוויייטיקט פּנים און געוואָרן נאָכגיביק:

— ווילסט דווקא, טאָ לאָמיר גיין אין דער מערי, מירן נעמען דעם אויטאָבוס, אין גאַנצן דריי סטאַציעס.

יוספן איז געוואָרן גרינגער אויפֿן האַרץ. און אַז ער האָט שוין איינס געפּועלט ביי זיין לאַנדסמאַן איז ער ווייטער צוגעשטאַנען:

— בערל, כ'בעט דיך, דו וועסט אָנהייבן, דו האָסט אַ מער גע־שליפֿענע צונג ווי איך, בפרט אין פֿראַנצויזיש.

— כ'וויס, כ'וויס, אַז דו ביסט אַ גרעסערער בריה מיט דער פּעדער ווי מיט דער צונג.

די שטימונג האָט זיך ביי ביידע געביטן, געוואָרן דערהויבענער. ס'האָט זיי צוגעגליקט, ס'איז אָנגעפֿאָרן דער אויטאָבוס. אין דער מערי אָבער זענען זיי געגאַנגען פֿון איין „סערוויס" אין אַנדערן ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ פּרוי, וואָס האָט באַוויליקט צו העלפֿן זיי אויסגעפֿינען דעם נייטיקן באַאַמטן, געפֿירט זיי דורך אַ לאַנגן, געדרייטן קאָרידאָר ווי דורך אַ לאַבירינט, צוגעפֿירט צו אַ טיר, אויפֿגעמאַכט, אַריינגעשטעקט אין דער אָפֿענער טיר דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטאָן צום יונגנמאַן פֿאַרן ביוראָטיש און פֿאַרשוווּנדן.

בערל האָט געהאַלטן וואָרט, געווען דער בעל־מדבר, דערציילט מיט פּרטים די מעשה מיט די צען ביכער פֿונעם שרייבער, וועלכן ער באַגלייט דאָ. יוסף האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געכאַפּט זיך צו דער בוזעם־קעשענע אַרויסציען אַלע זיינע לעגיטימאַציעס. בערל האָט דעם שווייגנדיקן באַאַמטן ווידער מודיע געווען, אַז די ביכער זענען נישט קיין באַצאָלטע, דער מחבר נייטיקט זיך אין זיי און בעט גנעדיק מ'זאָל אים דערלויבן זיינע ביכער אַרויסנעמען; אויב נישט די טעג, איז זאָל מען אים זאָגן ווען ער קאָן קומען נאָך זיי.

דער באַאַמטער האָט גערולדיק אויסגעהערט און פאַרווונדערט געפרעגט:

— וועגן וואָסערע ביכער האַנדלט זיך?

— וועגן אַ פּעקל יידישע ביכער, וואָס זענען פאַרבליבן ביי דער געשטאָרבענער.

— וועמענס זענען זיי, די ביכער?

— דעם־אָ שרייבערס ביכער, אָט זענען זיינע לעגיטימאַציעס...

— זיינע ביכער? ווי קומען זיינע ביכער צו אַ פרעמדער פרוי?

יוסף האָט געעפנט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר בערל איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— איך האָב געלאָזט די ביכער ביי פרוי פעלדמאַן זי זאָל זיי פאַרקויפן, נאָר זי האָט נישט פּאַספּעיעט זיי צו פאַרקויפן...

— די געשטאָרבענע האָט דען געהאַט אַ בוכהאַנדלונג? און איר, וואָס זענט איר, אַ בוכהענדלער?

— ניין, נישט איך בין אַ בוכהענדלער, נישט די פעלדמאַן איז געווען אַ בוכהענדלערין, נאָר יידישע ביכער פאַרקויפן זיך אַזוי... דורך באַקאַנטשאַפטן.

— איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָס מיינט, נאָר סיווי טאָר מען גאָרנישט רירן פון דער פאַרחתמעטער וווינונג ביז מ׳וועט מאַכן דעם אינווענטאַר.

— ווי לאַנג קאָן דאָס דויערן?

— איך ווייס נישט, מסתמא אַ צוויי חדשים. מעסיע, ס׳וועט שפּעט, די מערי שליסט מען אין אַ צען מינוט אַרום, קומט אין אַ צוויי חדשים אַרום וועט איר די זאַך אויפקלערן דעם, וואָס וועט זיך דירעקט פאַרנעמען מיט דער ליקווידאַציע.

בערל האָט צוגעזאָגט זיין לאַנדסמאַן צוצוהיטן די זאַך און געהאַלטן וואָרט. אַרויפגעכאַפּט זיך פון צייט צו צייט אין שכנותדיקן הויז אַ קוק כאַפּן אויף דער פאַרחתמעטער טיר. צו וואָס זאָל ער אָבער קריכן אַהין יעדן טאָג? דער באַאַמטער האָט געהייסן וואַרטן, וועט מען נאָך אַ ביסל צווואַרטן. צו צוויי חדשים איז נאָך ווייט. איז אָט אומגעריכטער־הייט, אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג, פאַרבייגייענדיק דאָס הויז, האָט אים די קאָנסיערזשקע אַ רוף געטאָן:

— מעסיע, מעסיע, היינט אין דער פרי, אַרויסטראָגנדיק די

„פובעלס״, איז איינע געווען אָנגעפּולט מיט פאַרשידענע שמאַכטעס, געווען דאָרט אויך ביכער אין עפּעס אַ מאָדנער שפּראַך, כ׳האָב אַפילו געוואָלט אַרויסנעמען פון צווישן די שמאַכטעס אַ בוך, נאָר דער קאַמיאָן מיט די „עבוער״ זענען שוין געשטאַנען פאַרן טויער, האָב איך געמוזט אַפּלאָזן.

— וואָס, מ׳האָט שוין אויסגעליידיקט די דירה?

— אויסגעליידיקט נעכטן אינדערפרי, אַרויסגעוואָרפן די שמאַכטעס, ס׳האָט זיי מסתמא נישט געלוינט מיטצונעמען; דאָס איבעריקע, דאָס מעבל, קליידער, אַפילו דאָס געפּעס אָנגעלאָדן אויף אַ גרויסן לאַסטוואָגן און אַוועק דערמיט, מסתמא אין ליציטאַציע־הויז. אַזוי, אַזוי, אַז מ׳האָט נישט קיין יורשים, אַפילו באַקאַנטע קאָנען פאַר אַן אָנדענק גאָרנישט באַקומען.

בערל האָט אויסגעהערט די מעשה אַ צעדולטער. ער האָט פאַר־שפּעטיקט. אויב זיי וואָלטן אים די ביכער נישט אָפּגעגעבן, וואָלט ער זיי פון מיסט אַרויסגענומען. ס׳איז געשען דאָס, וואָס זיין לאַנדסמאַן האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אויסמיידן. זאָל ער אים איצט דערציילן דערוועגן? אפשר גאָר מאַכן אַ שוויג? וועט ער אָבער אים כסדר דורן אַ קאָפּ צו גיין זיך דערוויסן ווען מ׳עפנט די פאַרחתמעטע דירה. שוין בעסער איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון דער גאַנצער מעשה. ער דאַרף אים דען דערציילן דעם גאַנצן אמת? יענעם נישט אָנצוטאָן קיין האַרץ־קלעמעניש מעג מען זאָגן אַ האַלבן אמת, כאָטש אַ האַלבער אמת איז אַ ליגנט. זאָגט מען דען נישט אַ ליגנט אויסצומיידן אַ מענטשן גרויס עגמת־נפש?

ער האָט זיין לאַנדסמאַן געטראָפן אַ פאַרשמייעטן. האָט אים אָפּגעע־ריסן פון שרייבטיש, ווו ס׳זענען געלעגן פריש פאַרשריבענע בלעטלעך.

— כ׳זע גרייטסט ווידער עפּעס אַ נייע זאַך? ביסט פאַרטאָן אין שרייבן.

— וואָס דען זאָל איך טאָן אויב נישט שרייבן? מיינסט, ווייל די ליטוואַטשקע האָט אָפּגעהאַלטן די ביכער ביז זי איז אַוועקגעשטאָרבן, וועל איך אויפהערן שרייבן? מ׳שרייבט ווייל מ׳מוז שרייבן, עפּעס דער־גייט פאָרט צו מענטשן. נו, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער פאַרחתמעטער דירה?

— זי איז שוין אויסגעליידיקט.

— אויסגעליידיקט? אַלץ צוגענומען? די ביכער אויך?

לילי בערגער

— ווער ווייסט זיי ?... מ'האָט זיי עפּעס געקאָנט קאָנטראָלירן ? געקומען ווען ס'האָט זיי געגלוסט און אַלץ פֿאַרנומען. זיי האָבן ביי שרהלען נישט אָנגעפרעגט ווען אויסצוליידיקן איר דירה. כ'האָב דיר פֿאָרויסגעזאָגט, אַז דו קאָנסט דאָס פּעקל ביכער צורעכענען צום חוב...

1983

אַ ייד וויל האָבן אַ ביכל

אַ פעסטער, אַ ברייטפּלייציקער זיצט ער אַנגעבויגן פאַר מיר מיט אַ נייעם מאַנוסקריפּט איןביידע הענט. זיין פול געפּאַקט פּנים כמעט אָן קנייטשן, מיט ענערגישע שטריכן, זאָגט נישט אויס די עלטער. ער האַלט דאָס בינטל פאַרשריבענע בלעטלעך אין ביידע הענט אין דער לופטן ווי ער וואָלט אויסגעפּרוווט זייער וואָג. אַט הענגט ער אָן אַ רגע די בליקן אויפן מאַנוסקריפּט, רייסט זיי באַלד אָפּ, ווענדעט די אויגן צו מיר און רעדט וויטער אַריין אין מיר:

— איר׳ט מיר גלייבן, צי איר׳ט מיר נישט גלייבן, כ׳האָב דאָ אַריינגעלייגט 15 יאָר און אפשר מיט אַ סמיטשיק. צומערשט אַוועקגע־פּטרט אַלע וויקענדן. ווי גיך כ׳האָב פאַרמאַכט דאָס געשעפט האָב איך געכאַפּט די וואַטיר און היידאַ אין מיין „מעזאָן דע קאַמפּאַן״, אַמאָל אין איין מעזאָן, אַמאָל אין דער אַנדערער. כ׳האָב צוויי. געהאַט אפילו גע־קויפט אַ דריטע מעזאָן דע קאַמפּאַן, צו פּלאַסירן נאָך אַ ביסל געלט, נאָר די דריטע האָב איך אָפּגעגעבן דעם עלטערן זון. דעם ייִנגערן האָב איך אויך געוואָלט אָפּגעבן אַ מעזאָן דע קאַמפּאַן. צו וואָס טויגן מיר צוויי? וויל ער נאָך נישט זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ דערמיט. ער האָט נישט ליב צו זיצן אויף אָן אָרט, אַ פליי־קאָפּ, פאָרט דאָ, פאָרט דאָרט מיטן וואָטיר; נישט געראָטן אין טאַטן. דער עלטערער איז אַ סטאַטעק, פירט מיר אַלע געשעפטן; כ׳קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אים. כ׳בין מיט אַ רויִקן קאָפּ געגאַנגען אויף „רעטרעט״. נאָר איך האָב אייך געוואָלט דערציילן וועגן מיין שרייבן. נו יאָ, ס׳זענען מיר געבליבן ביידע מעזאָן דע קאַמפּאַן. האָב איך אין די וויקענדן געשריבן אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט. מיין ווייב איז דאָס געפעלן. איידער צו זיצן ביי אַ דערדל מיט יידן אין אַ קאַפע איז גלייכער צו זיצן ביי זיך און פאַרשרייבן וואָס מ׳האָט אין קאָפּ. נו, בין איך אַזוי אָפּגעזעסן אַ קיימא לן ווי אַ 15 יאָר, פריער בלויז צו ביסלעך, דערנאָך, זינט כ׳האָב גענומען מיין רעטרעט, האָב איך שוין אַריינגעלייגט דעם גאַנצן חוש אין דעם. מיין ווייב האָט מיך אַנקוראַזשירט. אַ שאָד וואָס איר קענט נישט מיין ווייב, זי האָט זיך אירע ווערטלעך. זי זאָגט, אַז אַ מאַנספערשוין איז ענלעך צו אַ פערד

להבדיל: אַ פערד אַז ער איז נישט אין שפּאַן בריקעוועט ער אַרום. דערפאַר דאַרף אַ מאַנסביל, ווען ער גייט אויף רעטרעט האָבן ביי וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען. איצט וויל זי מיר זאָלן מאַכן וואַיאַזשן, ווי אַנדערע פון אונדזער ס׳גאַל. ס׳איז היינט אין דער מאָדע צו וואַיאַזשירן. זי וויל, זאָגט זי, מיר זאָלן כאַפּן אַ קוק אויף דער וועלט. צוריקגעשמועסט, ווען דען אויב נישט איצט? ווען מען שפּריינט אַריבער אַ שטיק נאָך די זיבעציקער? יאָ, יאָ, ווי איר קוקט מיך אָן זיצן מיר שוין אויפן קאַרק אַ קיימא לן פון 75 יאָר. האָט זיך מיין ווייב אַרומגעזען, אַז מירן נאָך גאָרנישט געזען און זי טענהט צו מיר: אויף ווען ווילסטו נאָך אָפּלייגן זיך אַרויסצולאָזן אַ ביסל איבער דער וועלט? האָב איך זיך געזאָגט: איך פאַרענדיק דאָס שרייבן און פּטור אָן עסק. סיידוי דאַרף איך אָנקומען צו אַ שרייבער דאָס אַלץ צו אַראַנזשירן ס׳זאָל ווערן דערפון אַ לייטיש בוך. איך האָב נאָך צוצושרייבן עטלעכע זאַכן, נאָר דער קאָפּ איז מיר שוין נישט דערצו; מיר זענען פאָרן וואַיאַזש קיין שוועדן; אויף אַ צוויי חדשים; איך וועל אייך דערציילן וועט איר אַליין צושרייבן; איר וועט עס צושטיקעווען ווו ס׳וועט זיך אַריינפּאַסן. וועגן מיין לעצטן וואַיאַזש קיין ישראל האָב איך יאָ פאַרשריבן, נאָר ס׳איז מיר נישט געגאַנגען גלאַטיק. כ׳האָב עס געמאַכט, ווי זאָגט מען עס, אויף איין פוס, אין איילעניש. וועט איר דאַרפן עס איבערמאַכן, כ׳מיין באַשרייבן אַ ביסל מער.

— ווו זענט איר געוועז אין ישראל?

— פרעגט בעסער ווו איך בין נישט געוועזן.

— וואָס האָט איר געזען?

— וואָס האָב איך דען נישט געזען?

— וואָס ווילט איר כ׳זאָל צושרייבן?

— איר וועט איבערלייענען וועט איר אַליין זען וואָס; איר זענט דאָך נישט איין מאָל געוועזן אין ישראל; איר ווייסט בעסער פון מיר ווי אַזוי צו באַשרייבן.

— איך וועל פאַר אייך נישט שרייבן קיין בוך...

— וואָס הייסט איר וועט פאַר מיר נישט...? איך וויל דען איר זאָלט פאַר מיר שרייבן דאָס בוך? אָט האָט איר דאָ נאָך 250 זייטלעך, פריער האָב איך אייך געגעבן איבער 300, איז דאָס צוזאַמען אַזוי גוט ווי 550, ריין, לייטיש איבערגעשריבן אויף אַ שרייב־מאַשין, אַזוי ווי

איר האָט פאַרלאַנגט. ביי מיר איז דאָס צוזאַמען געווען מערער, מער ווי 600 זייטלעך, פון דער מאַשין איז אויסגעקומען ווינציקער. ווייס איך נישט ציי דער מענטש, וואָס האָט געקלאַפּט אויף דער מאַשין האָט אַדורכגעלאָזט שטיקער ציי נישט, ער זאָגט, אַז ער האָט עס אַ ביסל אין אַ פּאָר ערטער... ווי האָט ער געזאָגט? יאָ, צוזאַמענגעפּרעסט; ווייס איך נישט ציי ס׳איז בעסער ציי ס׳איז ערגער, איר וועט אַליין זען. כ׳האָב פאַרן איבערשרייבן אויף דער מאַשין באַצאָלט אַ זשמעניע געלט, ער האָט זיך געקרעקט דער מאַשינען־שרייבער — נישט דייטלעך, נישט געפּאַסט, נישט לויטן היינטיקן אויסלייגעכץ. דערפאַר לייגט אים צו נאָך און נאָך. נאָר וועגן געלט גייט מיר נישט, אַבי ס׳איז שוין איבערגעשריבן אַזוי ווי איר האָט פאַרלאַנגט און ס׳ווערט דערפון אַ בוך.

— אַז איבערגעשריבן אויף דער מאַשין הייסט נאָך נישט, אַז ס׳ווערט דערפון אַ בוך.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, איצט דאַרפט איר עס אַריינגעמען אין אייערע הענט; איך האָב צוטרוי צו אייך. מ׳האָט מיר געזאָגט איר זענט אַ גוטער בעל־מלאכה, דער מאַשינען־שרייבער האָט אייך אויך גערימט. ער האָט געזאָגט, אַז איך פאַל אַריין אין גוטע הענט. כ׳האָב געקויפט ביי אים אייער לעצט בוך, כ׳האָב נאָך נישט אויסגעלייענט אין גאַנצן; צו אַזאַ גראָב בוך דאַרף מען האָבן געדולד; און די אויגן, נישט פאַר אייך געדאַכט, דינען שוין נישט ווי אַמאָל; שרייבן איז מיר לייכטער ווי לייענען, נאָר מען דאַרף דען אַלץ לייענען צו וויסן ציי ס׳איז גוט? מיר געפעלט אייער שרייבן. דערפאַר דינג איך מיך נישט מיט אייך, כאָטש כ׳האָב געמיינט איר וועט אַ ביסל אַראָפּלאָזן. ס׳איז אַ פעטער פּרייז. אַז איר רעכנט לויט די זייטלעך וועט עס מיר אויסמאַכן אַ קיימא לן... דער דרוקער איז היינט אויך אַ גרויסער יחסן; כ׳האָב שוין גערעדט מיט אים; ס׳איז מיט גאָלד אויף דער וואָג, ער זאָגט ס׳ווערט יעדן טאָג טייערער; ביים דרוקער וועט עס אַריינכאַפּן יענע זשמעניע. נאָר פאַרפאַלן, אַז מע וויל עפּעס דערגרייכן דאַרף מען זיך לאָזן קאָסטן. צוריקגעשמועסט, איך קאָן באַצאָלן, ס׳פעלט מיר נישט קיין געלט, אַבי ס׳זאָל אַרויסקומען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. מיין ווייב זאָגט אַפילו, אַז איך דאַרף זיך נישט וואַרפן מיט געלט, כ׳נעם צופיל אַראָפּ פון דער ירושה, זאָגט זי.

— פון וואָסער ירושה?

— וואָס הייסט פון וואָסער ? פון מיינעביידע זינס. אין דעם עלטער איז דאָס שוין זייער ירושה ; וואָס מער איך גיב אויס, אַלץ ווייניקער וועט בלייבן פאַר זיי ; ווער ווייסט אין וויפל ס׳וועט אַריינטרייבן. נאָר פאַרפאַלן, אַז איר ווילט נישט ביליקער מסתמא קאָנט איר נישט.

— ס׳וועט אייך טאַקע אַריינטרייבן אין זייער גרויסע קאָסטן. אפשר וועט איר זיך באַטראַכטן און נישט אַראָפּנעמען פון דער ירושה ?

— הערט אַ מעשה ! אַז כ׳האָב שוין אָנגעשריבן וויל איך דאָך האָבן אַ ביכל. ביידע זאַכן קאָן מען נישט האָבן, ווי זאָגט מען דאָס ? אַלץ אין איינעם איז נישטאָ ביי קיינעם ; אי נישט אָנרירן פון דער ירושה, אי אויף דער עלטער אַרויסגעבן אַ ביכל פאַרט זיך נישט.

— צו וואָס טויג אייך אַרויסגעבן אַ ביכל ?

— וואָס הייסט צו וואָס טויג מיר ? אַ מאָדנע שאלה. צו וואָס האָב איך געהאָרעוועט אַ קיימא לן 15 יאָר ? צוריקגעשמועסט, איך קאָן מיר נישט דערלויבן ? אָפּגעטירחהט אַ גאַנץ לעבן, געאַרבעט אַמאָל גאַנצע שעהען אין טאָג, זאָל איך איצט מיר נישט דערלויבן . . . ? נאָר צו וואָס די אַלע רייד, איך דינג מיך דען מיט אייך ? אַבי ס׳זאָל אַרויסגיין אַ גוט ביכל.

— זייט זשע מוחל, אַ גוט ביכל דאַרף מען קענען אַליין אָנשרייבן, כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, ס׳איז נישט . . .

— הערט אַ מעשה, אַז איך זאָל קענען אַליין גוט אָנשרייבן וואָלט איך דאָך צו אייך נישט געקומען מיר מאַכן דאָס בוך. אַז מען קען נישט שרייבן אַקוראַטנע ווי אַ שרייבער גיט מען נישט אַרויס קיין ביכל ? איך קען אייך אויסרעכענען יידן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ביכער און קענען נישט בעסער פון מיר שרייבן. נעמט אַ שטייגער פנחס רובינשטיין, ער קען אַליין אָנשרייבן אַ ביכל ? מיין קוזין איז זיינס אַ גוטער־ברודער ; האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פאַר אים פון האַרץ די צרות וואָס ער האָט געהאַט. ביי זיין ביכל האָבן געהאָרעוועט אַזש דריי שרייבערס ביז זיי האָבן געמאַכט דערפון אַ לייט. דער ערשטער האָט איבערגעמאַכט אין גאַנצן דאָס אויסלייגעכץ, ווי מע רופט דאָס, די גראַמאַטיקע און אָפּגערוימט דאָס גאַנצע פסלות און ס׳האָט אַלץ נישט געטויגט. האָט אַ צווייטער שרייבער אויפסניי עס גענומען אין דער אַרבעט. ערשט נאָך אים האָט אַ דריטער בעל־מלאכה עס געמוזט צופּוצן ס׳זאָל האָבן אַ שענער פּנים און די פּאַסירונגען זאָלן זיך סטיסעווען. איצט איז רובינשטיינס

ביכל אַ גאַנצע מציאה און ער איז געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער, אַ שרייַ־בער, ער וועט שיקן, זאָגט ער, דאָס ביכל אין אַ זשורי אויף אַ פּרעמיע, ווייל מ׳זעצט עס שוין איבער אין פראַנצויזיש. איך וויל נישט ווערן קיין שרייבער. מיט מיין ביכל וועט איר זיך אַליין אַן עצה געבן; נאָך איך וועט מען עס נישט דאַרפן צופוצן ווי רובינשטיינס.

— איר פאַרשטייט, רובינשטיין איז געווען אין אַ געטאָ, אַנטלאָפן פון אַ לאַגער, געווען דערנאָך אין אַן אַנדער לאַגער, ס׳איז וויכטיק אַזעל־כע זאַכן זאָלן זיין פאַרשריבן.

— און אַז כ׳בין נישט געווען אין געטאָ, אין אַ לאַגער, טאָר איך נישט פאַרשרייבן וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט מיר אונטער די דייטשן ימח שמם און אַנדערע פּאַסירונגען? איך דאַרף אייך נישט אויפקלערן, אַז נאָך אַזוי פיל איבערלעבענישן, אויב מע קאָן זיך דערלויבן וויל מען האָבן אַ ביכל. נאָר וואַרטס, איך בעט אייך, זאָגט מיר, איר האָט כאָטש איבערגעלייענט? איר ווייסט וואָס ס׳פעלט מיר אין? איר האָט מסתמא נישט איבערגעלייענט די 300 זייטלעך, כאָטש זיי זענען געווען איבער־געשריבן אויף דער מאַשין. יאָ געלייענט? יאָ, יאָ, איך דערמאָן מיך, דורכן טעלעפאָן האָט איר מיר געזאָגט, אַז איר האָט יאָ איבערגעלייענט. אָבער דאָס, וואָס איך ברענג אייך איצטער האָט איר זיכער נישט געלייענט. מיינט נישט, אַז דאָס איז שוין אַלץ, כ׳האָב אייך פריער גע־זאָגט, אַז כ׳האָב נאָך צוגעגעבן וויכטיקע זאַכן, וואָס האָבן מיט מיר פּאַסירט און מיט אַנדערע יידן. איז צו וואָס זאָלט איר שוין באַצייטנס זאָגן אַז ס׳איז נישט? פאַרוואָס זאָלט איר כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ? נאָר אפשר לוינט אייך נישט? אפשר האָט איר בעסערע געשעפטן? איך דינג זיך נישט מיט אייך; וויפל איר וועט פאָדערן, וועל איך סילוקן. אויב איר וועט וועלן מיט אַ טשעק, איז מיט אַ טשעק, אויב איר וועט פאַרלאַנגען מזומן, וועט זיין מזומן, ביי מיר פועלט איר אַלץ, נאָר אויב איר ווילט נישט, וועל איך אייך נישט צווינגען. נישט איז נישט. ס׳פעלן נישט קיין אַנדערע שרייבערס, הלוואי וואָלט איך געקאָנט אַזוי פיל ביכלעך אָנשרייבן, ווי איך וואָלט געהאַט ווער ס׳זאָל זיי אַראַנזשירן. יעדער שרייבער זוכט היינט אַזאַ דזשאָב, צו כאַפּן אַ גוט פאַרדינסטל. אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַר אַ שיינעם פאַרדינסט ס׳וועט אַ שרייבער אַריינכאַפּן ביי מיין ביכל. דער דרוקער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען די גאַנצע זאַך איז שוין גוט אין דער אַרבעט, איידער ס׳ווערט אין גאַנצן

פאַרטיק, מוז נאָך אַ שרייבער עטלעכע מאָל נאָכקוקן, ווייל דער זעצער מאַכט גרייזן; מילא, איר ווייסט דאָך בעסער פון מיר. נו, וועט איך ווידער אַריינפאַלן אַ פאַרדינסטל. איך בין נישט קיין קאַרגער. איך ווייס, אַז אַ שרייבער דאַרף אויך לעבן. פון וואָס דען זאָל ער לעבן אויב נישט פון אַראָנזשירן פאַר עמעצן אַ ביכל? פון זיינע אייגענע ביכלעך קאָן ער אפשר מאַכן אַ לעבן? איר מיינט איך ווייס נישט? ער זאָל דאַרפן פון זיי לעבן וואָלט ער געלייגט די ציין אויף די פאָליצעס. און אַז מען שטעקט שוין יאָ אַפּ אַ ביסל ביכלעך איז דאָס וואָסער אויף קאַשע. נו, איז יעדער שרייבער זשאָנדנע צו האָבן אַ זייטיקע פּרנסה. וואָס אפשר נישט אַזוי? איך וועל גאָט צו דאַנקען נישט דאַרפן אויסקוקן אויף קונים. איך טראַכט אפילו נישט זיך אַ ביסל אויסצושלאָגן הוצאות; וויפל כ׳וועל אַריינבראָקן אין דעם געשעפט וועט זיין אַריינגעבראָקט. מיר גייט נאָר ס׳זאָל אַרויסגיין אַ גוט ביכל. איז וואָס שווייגט איר? איך זע, אַז איר זענט קאַלט צו דער גאַנצער זאַך. טאָ זאָגט־זשע אָפן, ס׳איז יאָ אָדער נישט? טאָ גיט מיר צוריק דאָס פריערדיקע פּעקל בלעטלעך, פאַרלוירן מיט אייך אַזוי פיל צייט. כ׳בין זיכער, אַז איר האָט מיינע פריערדיקע בלעטלעך נישט געלייענט, אַנישט וואָלט איר אַזאַ פאַרדינסט נישט אַרויסגעלאָזט פון אייערע הענט. יאָ געלייענט, זאָגט איר? אָבער נישט מיט קאָפּ. יאָ מיט קאָפּ, זאָגט איר? איז ווידער דאָס אייגענע: נישט איז נישט. עס פעלן נישט קיין שרייבערס. דער, ווי הייסט ער? ער קוקט אויס מיט ליכט מ׳זאָל אים ברענגען צו אַראָנזשירן אַ ביכל. ער רייסט נישט אַזוי די הויט, מ׳קומט לייכט דורך מיט אים. כ׳האָב שוין גערעדט מיט אים, נאָר כ׳האָב שוין געהאָט געשטעקט ביי אייך מיט די 300 בלעטלעך. וואָס? אייער עצה איז כ׳זאָל נישט... אַ דאַנק פאַר דער עצה; כ׳בין נישט געקומען צו אייך איר זאָלט מיר געבן עצות, נאָר איר זאָלט מיר אַראָנזשירן דאָס ביכל און אַז נישט איז נישט; איך וועל צו אייך קיין טענות נישט האָבן, איר האָט זיך מסתמא אייער אויסרעכענונג. גיט־זשע מיר אַהער דאָס פריערדיקע פּעקל בלעטלעך און אַ גוטן טאָג!

די איילעניש

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען צעזעצט צו ווערן. רוטע איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, ס׳האָט נישט געהאָלפן די טאָפּלטע פּאָרציע שלאָף־געטראַנק. נאָך מיטאָג איז זי איינגעשלאָפן ווי אַ בער אין ווינטער. איר דינער שלאָף, וואָס רייסט זיך ביי יעדן שאָרך, ווי אַן אויסגעריבענער פאָדעם, האָט זי געהאַלטן אין אייזערנעם קלעם. ס׳האָט זיך איר אין שלאָף געדוכט, אַז עס שרייט אַרויס מיט אַ ריטשעריי פון דער טעלע־וויזיע, פונקט אַזוי ווי יעדן אָוונט, ווען מען רעכנט זיך אָפּ מיט די „צוויניסטן״ אין פוילן. זי האָט זיך מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון די שלאָף־צוואַנגען און געכאַפּט דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— איך קלינג שוין דאָס צווייטע מאָל. כ׳האָב שוין אויך געקלונגען צו לעאָנען. האָט ער מיר געזאָגט ביסט אין שטוב און שוין. בין איך ווידער ביים טעלעפאָן, כ׳האָב דיר מסתמא איבערגעריסן אַ געשמאַקן שלאָף; נו שוין, אַבי דו האָסט שוין גענומען דאָס טרייבל.

— ווער רעדט ?

— שלאָפסט נאָך ? דערקענסט נישט מיין שטימע ? ס׳איז סאַמעק.

— ווער ? !

—— סאַלאָמאָן שיינער, וואָס איז מיט דיר ? ווער שלאָפט עס אַזוי היינט ?

— קלינגסט פון שטשעטשין ?

— פון וואַרשע, פון אַ פּאָסט, איך מוז זיך טרעפן מיט דיר, אין אַ קאַוויאַרניע, אין וועלכער דו ווילסט.

— ווילסט זיך טרעפן, קום־זשע אַרויף. לעאָן האָט דיר מסתמא געזאָגט, אַז כ׳בין נישט מיט אַלעמען. זאָל מען דאָס בעסער אָפּלייגן אויף מאָרגן.

— ניין, היינט, היינט, איך קום שוין.

דער מאָלער סאַלאָמאָן שיינער האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט. ער איילט זיך נישט נישט ביים מאָלן און נישט צווישן מענטשן. ער האָט זיך צומאָל נישט געאיילט חתונה צו האָבן צום צווייטן מאָל, כאָטש ער האָט שטאַרק חשק געהאַט דערצו. מ׳האָט זיך דערציילט, אַז ווען ער פלעגט זיך אָפּרעדן מיט אַ פרוי, האָט ער זיך שטענדיק

פּאַרשפּעקטיקט. ווען ער איז געקומען אַ פּאַרשפּעקטיקטער, האָט ער שוין קיינעמען נישט געטראָפן. האָט מען אַמאָל געזאָגט ער זאָל זיך צואיילן, האָט ער געענטפערט, אַז פון אייליעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אַ גוטן באַוויז דערויף האָט ער געהאַט. וואָלט ער זיך אַמאָל געהאַט געאיילט, וואָלט ער צווישן די לעבעדיקע נישט געווען.

מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק זענען עטלעכע משפחות געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער־בונקער אונטער אַן איינזאַמען שייער הינטער קראָקע. דעם גוטהאַרציקן פּויער האָט מען צוגעטראָגן, אַז מ׳האָט אים אָפּגעמסרט. ער איז אין דער פינצטערניש פונעם האַרבסטיקן אָוונט געקומען צו לויפן אין שייער, אויפגעמאַכט די געהיימע „קלאַפּע״ און מיט אַ שטילער, דערשראָקענער שטימע צווויסן געגעבן: „מ׳גייט, מאַכט פּליטה״! ס׳איז געוואָרן אַ מהומה, אַ שטופּעניש, אַן אייליעניש. סאַלאָמאָנס יונגע ווייב האָט מסתמא אין דער סומאַטאָכע פאַרגעסן אין אים, אָדער אים פאַרלוירן פון אויג. ער איינער, דער 26־יאָריקער מאַלער האָט זיך נישט געשטופּט, נישט געאיילט. דער פּויער האָט דערווייל אין צעטומלעניש פאַרקלאַפּט די קלאַפּע, אַרויפגעוואָרפן אויף איר שטויסן שטרוי און גיך אַוועק. אויפן צווייטן טאָג ערשט האָט דער פאַרבליבענער דערהערט דעם פּויער זיך פּאָרן אין שייער און אָנגעהויבן צו געבן שטילע צייכנס מיט די פויסטן. ווען דער דער־שראָקענער פּויער האָט אויפגעמאַכט די קלאַפּע, האָט ער עטלעכע מאָל זיך איבערגעצלמט, אָנגענומען די גאַנצע מעשה פאַר אַ גאָט־זאַך און אים ווייטער אויסבאַהאַלטן. די אַנדערע זענען אַנטלאָפן מיטן דאָרפישן וועג. מער האָט מען פון זיי קיינמאָל נישט געהערט.

* *
*

פון צייט צו צייט קומט סאַלאָמאָן שיינער קיין וואַרשע און זיצט דאָ אָפּ גוטע עטלעכע טעג. ער איילט זיך נישט צוריקצופאָרן, פונקט ווי ער האָט זיך נישט געאיילט צו קומען. ער ברענגט מיט יעדעס מאָל אַ בילד, אָדער עטלעכע צייכענונגען, פאַרמסחרט זיי ווי ס׳לאָזט זיך אין אַ יידישער אינסטיטוציע ס׳זאָל זיין צוזשטיקעווען צו דער סובסידיע פון „דזשאָינט״. אַז מען פרעגט אים פאַרוואָס ער קלייבט זיך נישט אַריבער קיין וואַרשע, ווו ער וואָלט געהאַט אַ שטיקל אייגענע סביבה, ענטפערט ער: „כ׳האָב שוין לאַנג געטראַכט דערוועגן, נאָר וואָס איז דאָס אייליעניש? און אַז איך וועל מיך שוין איבערקלייבן,

איז וואָס וועט זיין די פּעולה דערפון? ווען איך וועל ווינען אין וואַרשע, וועט נישט זיין ווהין זיך אַראָפּצוכאַפּן, אַזוי קום איך זיך אָפּפרישן אין כרך. איי, אַ סביבה? כ׳וועל זיך נאָך אַרומזען. כ׳האָב נישט ליב זיך צו איילן״. אין דער אמתן טרוימט ער צו לעבן אין וואַרשע. די בענקעניש צו אַ היימישער סביבה נאָגט שטענדיק אין האַרץ, ער הערט נישט אויף זיך צו סטאַרעווען וועגן אַ דירהלע אין דער הויפּטשטאָט. נאָר אַנשטאָט זיך צו נעמען אין די הענט, דערפירן דעם גאַנצן עסק ביזן סוף, איילט ער זיך נישט און בלייבט זיצן אויפן אָרט.

די איצטיקע איילעניש האָט רוטען קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. סאַלאָמאָן האָט איר דורכן טעלעפאָן צווויסן געגעבן, אַז ער וועט „כאַפּן״ אַ טאַקסוווקע, אַבי צו זיין וואָס פריער ביי איר. ס׳האָט אים צוגעגליקט, ער איז נאָך געוועןביים וואָקזאַל, ס׳איז לייכטער צו קריגן אַ „טאַקסוווקע״. צוואַנציק מינוט שפּעטער איז ער געווען ביי רוטען. ער האָט אויסגעזען, ווי בייזע רוחות וואָלטן אים באַפאַלן און ער, דער געלאַסענער, פלעגמאַטישער סאַלאָמאָן שיינער האָט זיך אַרויס־געריסן פון זיי און געאיילט זיך זיי צו אַנטרינען.

— וואָס איז געשען? — האָט אים רוטע געפרעגט.

— דערווייל נאָך גאָרנישט... אַ מאָדנע געשיכטע, אַפילו אויף היינטיקע צייטן מאָדנע; כ׳וויל רעדן מיט דיר.

— טאָ רעד־זשע.

— נישט דאָ. קום אַראָפּ מיט מיר. איידער ס׳פאַלט צו דער אָוונט. מ׳וועט זיך איבערשפּאַצירן, היינט שיין אין דרויסן...

— מירן פריער טרינקען טיי.

— ניין, כ׳בעט דיך, קום, לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט.

— סאַמעק, דו הייבסט זיך אָן צו איילן, ס׳איז גאָרנישט ענלעך צו דיר.

— נישט ענלעך צי יאָ ענלעך צו מיר, וואָס פאַר נפקא מינא, כ׳דאַרף מיט דיר רעדן, טו מיר אַ טובה, קום אַראָפּ.

זיי האָבן לאַנגזאַם שפּאַצירט לענגאויס דעם דערנעבנדיקן פּאַרק. סאַמעק האָט רוטען גענומען אונטערן אָרעם און שטיל איר אַריינגערעדט אין אויער:

— מ׳זאָגט, אַז די טעלעפאָנען ווערן שטאַרק אונטערגעהערט. מ׳זאָגט,

אַז ביי אַזעלכע ווי איר, פֿאַרלייגן זיי קליינטשיקע קיילעכלעך, וואָס רעגיסטרירן. מ׳זאָל אַלץ הערן וואָס מ׳זאָגט קאָן מען משוגע ווערן, נאָר איך וויל בעסער זיין פּאָרזיכטיק. דו ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך אויף דער פּראָווינץ. יידן גייען אַרום ווי נישט דערשראָכטענע עופות. גייען אַרום איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט, זיי זיצן אין געהאַקטע צרות אין שטוב. אויב מען מוז נישט, שטעקט מען נישט אַרויס דעם קאָפּ.

— צוליב דעם האָסטו זיך אַזוי געאײַלט? וואָלסט מאָרגן דאָס זעלבע נישט געקאָנט דערציילן? ס׳וועט נאָך זיין אַקטועל מאָרגן און איבערמאָרגן און ווער ווייסט...

ער האָט זיך צוגעאײַלט און איר איבערגעריסן:

— איצט גייט וועגן מיר. כ׳האָב דאָרט נישט פֿאַר וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. כ׳האָב געטראַכט מיט וועמען מ׳קאָן זיך דאָ שואל עצה זיין און געזאָגט זיך, אַז מ׳דאַרף זיך מיט דיר דורכרעדן. האָסט מיר נישט איין מאָל געזאָגט זאַכן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ריכטיק.

— סאַמעק, צעלייג נישט די מעשה אויף טעלערלעך, זאָג אין וואָס ס׳גייט. מ׳דאַרף זיך היינט אויף קיין שום זאַך נישט וווּנדערן, אַלץ איז ביי זיי מעגלעך, אַפֿילו אַ בלוט־בילבול.

— וואָלט געווען אַ בלוט־בילבול, וואָלסטו שוין געוווּסט. דאָס איז אַ שטילע מעשה. און די געשיכטע פֿון דער מעשה איז אַזאַ: מיט אַ צוויי־דריי חדשים פֿאַר דער „יידישער מלחמה" האָב איך אָנגעגעבן אויף אַ פּאַספּאָרט צו פֿאָרן קיין בעלגיע. אַן אַלטע מומע, וואָס איך געדענק זי קוים, האָט געענטפֿערט אויף מיינעם אַ בריוו און דערנאָך, נאָך עטלעכע מיינע ווענדונגען באַוויליקט מיר צו שיקן אַן איינלאַדונג מיט די פֿאַר פֿראַנק, וואָס מען דאַרף איינצאָלן פֿאַרן בילעט. כ׳בין געווען אין זיבעטן הימל, כאָטש איין מאָל כאַפּן אַ קוק אויף דער וועלט. איז וואָס טוט גאָט? ס׳קומט אונטער נאָך דער ישראלדיקער „אַגרעסיע" די גאַנצע שוואַרץ־חתונה און מ׳זאָגט מיר אָפּ דעם פּאַספּאָרט. כ׳האָב אָפּגעוואַרט אַ ביסל און נאָך אַמאָל אָנגעגעבן. ווידער אַן אָפּזאָג. און שוין, מער האָב איך דערוועגן נישט געטראַכט. וועמען פֿון אונדז ליגט היינט אין זינען אַ טוריסטישע רייזע? פּלוצלינג קומט זיך אַריין צו מיר מיט דריי טעג צוריק אַ פֿאַרשוין און זאָגט מיר ער וויל זיך באַקענען מיט מיין מאַלעריי. אדרבא, זאָג איך אים, און שוין. אָבער די מעשה האָט מיר באַלד אָנגעהויבן נישט צו געפֿעלן. די פֿאַרשוינען האָבן עפּעס אין די אויגן, אין די מויל־

ווינקלען. אַ קינסטלער זעט דורך אַזעלכע אויגן די פינצטערע נשמה. בין איך צופרידן געווען, ווען איך בין פון אים פטור געוואָרן. אויף צומאָרגנס, ער איז ווידער דאָ, ער פילט זיך שוין גאָר היימיש ביי מיר. מיט אַמאָל גיט ער מיר אַ פרעג: „איר האָט געוואָלט פאָרן קיין בעלגיע, נישט אמת? פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאָרן קיין פראַנקרייך? פאַר אַ מאָלער איז פראַנקרייך אינטערעסאַנטער, יעדער מאָלער דאַרף אַ ביסל אונטערזיצן אין פראַנקרייך". טראַכט איך מיר, וואָס ס'האָט מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט זאָל אויסגיין צו דיין קאָפּ. און שוין. דערנאָך בין איך מיר מישב, וואָס האָב איך איינצושטעלן, אַז ער ווייסט סיווי, און גיב אַ זאָג, אַז כ'האָב טאַקע גערעכנט זיך אַראָפּצוכאַפּן קיין פּאַריז אויך, נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז מ'האָט מיר שוין צוויי מאָל אָפּגעזאָגט דעם פּאַספּאָרט. קוקט ער מיר גלייך אין די אויגן און ענטפערט: „איר קאָנט באַקומען אַ פּאַספּאָרט קיין פּאַריז. מיר ווילן אייך נאָר בעטן אַ קלייניקייט. פאַראַן אין פּאַריז אַ סך יידן, יידישע אינסטיטוציעס. אַ קינסטלער אינטערעסירט דאָך אַלץ. מיר אינטערעסירט דאָס אויך. איר וועט קאָנען בלייבן לענגער, איר וועט זיך פאַרשטענדיקן מיט אונדזער אַמבאַסאַדע, זי העלפט אונדזערע קינסטלער. איר וועט קאָנען באַקומען אַ צימער אין פוילישן הויז פאַר אינטעלעקטועלע. פון אייך פאָדערט מען נישט קיין סך, איר וועט דאַרפן בלויז זיך אינפאָרמירן".

סאַלאָמאָן האָט אָנגעהויבן גיין פאַמעלעכער, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרלענגערן דעם שפּאַציר. ער האָט נאָך געהאַט אַ סך צו דערציילן. אויפן צונג האָבן זיך אים געשטופּט ווערטער, נאָר ער האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל פריער דערציילן. רוטע האָט געוואַרט אויפן סוף פון דער מעשה. זי האָט אים אונטערגעיאָגט:

— און וואָס ווייטער?

— כ'האָב זיך פון פאַרשווין נישט געקאָנט אָפּטשעפּען. האָב איך אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע און אים געזאָגט, אַז איך טויג נישט צו דעם. איך קען דאָרט קיינעמען נישט, איך ווייס נישט וואָס אויסצופרעגן, איך בין נישט קיין בעל־מדבר, כ'האָב כלל נישט קיין שום חוש פאַר אַזעלכע זאַכן. מיינסטו כ'האָב אים אָפּגעשראָקן? ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שפּיציק געלעכטערל, געקלאַפּט מיר גוטברודעריש אין פּלייצע און פאַרזיכערט, אַז דווקא אַזעלכע שטילע מענטשן, וואָס רעדן ווייניק, הערן צום בעסטן, וואָס אַנדערע רעדן. ער פאָדערט נישט קיין סך פון מיר,

בלויז איבערגעבן וואָס מ׳רעדט צווישן יידן. אַ פּאַספּאָרט קאָן איך באַקומען אין עטלעכע טעג; כ׳וועל זיכער וועלן מיטנעמען אַ ביסל בילדער, מ׳וועט מיר נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן. כ׳האָב עטלעכע טעג זיך צו באַטראַכטן, אָדער איך פֿאָר איצט און וועל קאָנען ווידער פֿאָרן, ווען איך וועל וועלן, אָדער כ׳וועל קיינמאָל נישט פֿאָרן.

סאַלאָמאָן שיינער האָט איצט דערציילט אין איילעניש, פֿאַרענדיקט, אָפּגעסאָפּעט און געפֿרעגט:

— וואָס זאָגסטו דערצו? וואָס טוט מען? זיי ווילן מיך אַריינכאַפּן אין זייערע ברודיקע לאַפּעס. הערסט? איך זאָל אויספֿירן פֿאַר זיי דאָס מיאוסע שטיקל אַרבעט. ווען נישט די שוואַרץ־חתונה, וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט, וואָלט איך אים גלייך געזאָגט וואָס איך טראַכט דערוועגן. היינט דאַרף מען זיך אָבער היטן מיט די ביינער, האַלטן די צונג צווישן די ציין. וואָס טוט מען? זאָל איך אויסגעפֿינען אַ תירוץ און זאָגן, אַז איך קאָן איצט נישט פֿאָרן? ס׳וועט נישט העלפֿן, זיי וועלן מיך כסדר שיקאַנירן, פּונקט ווי זיי שיקאַנירן אַנדערע. כ׳האָב שוין געהערט וועגן עטלעכע אַזעלכע מעשיות. צו מיר האָבן זיי ביז איצט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו טשעפּען. אין דער פּאַרטיי קיינמאָל נישט געווען, אויף קיין פּאָסטן קיינמאָל נישט געזעסן, קיין אויסלאַנד נישט געפֿאָרן, שטענדיק געזעסן שטיל אין מיין נאָרע. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס העלפֿט איצט אויך נישט. זיי שטעלן מיך צווישן האַמער און קאָוואַדלע. אָדער, אָדער. אָדער גיי טראָג זיי צו, אָדער בלייב אויף שיקאַנעס. דאָס ערשטע וויל איך נישט, דאָס צווייטע שמעקט מיר אויך נישט, ווו נעמט מען אַ דריטן אויסוועג? אדרבא, גיב אַן עצה.

— ווען צוויי וועגן זענען שלעכטע, מוז מען זוכן אַ דריטן.

— אדרבא, וואָסער דריטן? צוליב דעם האָב איך זיך דאָך אַזוי געאיילט צו דיר. וואָס צוויי קעפּ איז נישט איינער. נעמען דעם פּאַספּאָרט, אָדער נישט נעמען?

— היינטיקע צייטן, אַז מען גיט אַ יידן אַ פּאַספּאָרט, נעמט מען און מען ווייסט וואָס מ׳האָט שפּעטער צו טאָן. וועסט דען בענקען נאָכן „פֿאָטערלאַנד״? נאָך די שיינע פֿאַרשווינען? נאָך דער שוואַרץ־חתונה?

— אָט, אָט אויף דעם האָב איך געוואַרט זאָלסט מיר זאָגן. וואָס צוויי קעפּ איז נישט איין קאָפּ. ס׳איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק צו מאַכן ויברח. נאָר פֿאָרט האָב איך מורא פֿאַר פּאַריז. אַ שטאָט אַ כרך.

כ׳האָב דאָרט בלויז איין באַקאַנטן. איבערנעכטיקן עטלעכע נעכט מסתמא יאָ. און פאַראַן נאָך אַן אַנדערע צרה. מען מוז דאָך אָנגעבן וועמען מ׳האָט אין פּאַריז, דעם אַדרעס אויך. דער טייוול ווייסט זיי וועמען זיי קאָנען דאָרט אונטערשיקן. זאָל איך אפשר אויפן וועג.... ?

— סאַמעק, האָסט בלויז גוטע איינפאַלן. ביסט אַזוי לאַנג נישט געווען אין פּאַריז, וועסטו נאָך אַ ביסל צוואַרטן.

— ווי מיינסטו, אין בריסל קאָנען זיי נישט האַלטן קיין אויג אויף מיר ? דו ווייסט דאָך יאָ מיט וועמען מ׳האָט צו טאָן ?

— איך וואָלט געוווּסט וואָס צו טאָן אין בריסל. קיינער בינדט דאָרט קיינעם נישט צו מיט קיין שטריקל.

— ווי מיינסטו, דער ישראלדיקער קאָנסולאַט.... ?

זיי האָבן דערהערט טריט הינטער זיך. רוטע האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן זיין מאָלעריי. איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט דער מענטש פון הינטן זיי איבערגעיאָגט. סאַלאָמאָן איז צוריק־געקומען צו זיינס:

— נו, גוט, זאָל מען זאָגן איך נעם דעם פּאַספּאָרט כדי זיך אַרויס־צודרייען פון זייערע לאַפּעס. וואָס ווייטער ?

— ווייטער וועסטו זיך ווייטער איילן. האָסט זיך דאָך אויסגעלערנט צו איילן, מסתמא דאָס ערשטע מאָל, וועסטו זיך איילן, אי דאָ, אי אין בריסל.

— אויב אַזוי, קאָן גרייליך מעגלעך זיין, אַז איך וועל אין גיכן קומען זיך געזעגענען מיט דיר, כאָטש... כאָטש ס׳איז אפשר פּאַרזיכ־טיקער מער נישט צו קומען צו דיר.

— סאַמעק, ווערסט אַ לייט, הייבסט אָן צו קריגן פליגן אין נאָז.

— נו, גוט, זאָל זיין כ׳ווער אַ לייט, אָבער סיידוי ווייס איך נישט צי ס׳וועט עפּעס אַרויסקומען פון דעם אַלעמען. נאָר אויב גיבן זיי מיר נישט דעם פּאַספּאָרט, קום איך קיין וואַרשע, כ׳קאָן דאָרט מער נישט אויסהאַלטן. כ׳וועל דיר געבן צו וויסן.

סאַלאָמאָן שיינער האָט מער נישט געגעבן צו וויסן וועגן זיך. געזעגענען זיך מיט רוטען און לעאָנען איז ער אויך נישט געקומען. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַזוי נישט געאיילט ווי אין פרילינג 1968.

1974

די געזעגענונג

זיי זענען געזעסן זאַלבע פינף: מינע, אַדעלע, לאה, זעליג און ליאָווע. פאַרבעטן האָט מינע. ס'איז זיי געווען אַ חידוש. זי האָט צומאָל דערלאַנגט טיי מיט צובייסעכץ. מיט אַן ערך אַ חודש צוריק האָט זי געהאַט אַראָפּגעשלונגען אַ היפּשע פּאַרציע שלאָף־פּילן. מ'האָט איר אָבער באַצייטנס איבערגעריסן דעם שלאָף. איצט זעט עס אויס, אַז זינט זי האָט געפּרוּווט זיך נעמען דאָס לעבן, איז איר דאָס לעבן ליבער געוואָרן. זעליג זאָגט אונטער אירע אויגן, אַז נאָך דעם ווי זי האָט זיך געזעגנט מיטן מלאך המוות, ווען זי איז מיט איין פוס געווען אויפן עולם האמת, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז נישטאָ וואָס זיך אַהין צו איילן.

ער איז געקומען זיך געזעגענען, זעליג. מיטן רעפּאַטריאירן זיך האָט ער שיעור נישט פאַרשפּעטיקט, געקומען כמעט דער לעצטער. דאָס מאָל האָט ער זיך צוגעאײַלט, ער וויל זיין פון די ערשטע זיך אָפּצוגעזעגענען אויף שטענדיק מיטן לאַנד. געגאַנגען איז אים ווי געשמירט. בלויז נאָך דריי וואָכן וואַרטן האָט ער געקריגן דאָס רייזע־קאַרטל, וואָס האָט אים אויך געגעבן צו וויסן, אַז מ'האָט ביי אים, ווי ביי אַלע אַרויספאָרנדיקע, אָפּגענומען די פּוילישע בירגערשאַפט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע איילעניש, אַ יאָגעניש; מער ווי צוויי־דריי וואָכן טאָר מען נישט פאַרבלייבן אין לאַנד. דער קליינ־וווּקסיקער, דראָבנער ליאָווע, זיין יוגנט־פריינד, דער עלטסטער פון דער חברותא, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט דער יינגסטער געווען, העלפט אים ליקווידירן דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט, איינפּאַקן זיך. ער גייט אים נאָך אומעטום ווי אַ שאָטן. ער איז אים מקנא. ביי אים זיצט שוין אַ זעכציקער אויף די פּלייצעס. און איין שטוב ליגט אַן אַכציק יאָריקער טאַטע אין בעט. דאָס ווייב פּאַכעט אויך מיט דער נשמה, און אַליין איז ער אויסגעדאַרט, אויסגעסקוואַרט, זעט אויס ווי אַן אַלט אויסגעמאָגערט יינגל. ווי קאָן ער זיך לאָזן אין דער וועלט? שלעפּן זיי אויף זיינע פּלייצעס? פאַרפאַלן, זיי וועלן דאָ פאַרענדיקן דאָס ביסל יאָרן. די פּענסיעס וועלן זיי אפשר נישט צונעמען, וועלן

זיי דאָך נישט לאָזן שטאַרבן פון הונגער. ווען מ׳האָט אים מיט אַ צענדליק יאָר צוריק אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט אין דער דרוקעריי פון דער פּאַרטייאישער צייטונג, האָט מען אים פּאַרט געגעבן אַ פּענסיע. דער משוגעת וועט זיי סוף כל סוף דורכגיין.

איצט דערמאָנט ער פּאַר זיינע פריינד אַ נייע טריסט: ס׳וועט פאַרבלייבן אַזוי ווייניק יידן, אַז זיי וועלן נישט האָבן צו וועמען אויסצולאָזן זייער כעס, אויף וועמען אַרויפצוואַרפן די שולד וואָס אין לאַנד גייט אַלץ מיט דער פוטער אַראָפּ. זעליג פאַרטראַגט אָבער נישט אַזאַ טרייסט:

— אויב אַלע אַפילו וועלן אַוועקפאָרן, וועלן זיי פון אונטער דער ערד אויסזוכן עטלעכע יידן. יידן אויף אַ רפואה וועלן זיי שטענדיק געפינען, ס׳וועט זיין אַ לאַנד אָן יידן, נאָר מיט אַנטיסעמיטיזם.

אָפּגערופן האָט זיך מינע. זי, מינע, רעדט ווייניק זינט יענער געשעעניש, געוואָרן אַ שווייגערקע. מיט זיך אָבער פירט זי אַ כסדרדיקן דיאַלאָג. בלייבט זי אויף פיר אויגן מיט אַדעלען, רעדט זי זיך אַראָפּ פון האַרץ. זי איז מיט איר, מיט אַדעלען, געלעגן אין אוישוויץ אויף איין נאַרע; זינט דעמאָלט איז זי איר געוואָרן די איינציק־נאָענטע אויף דער וועלט. זי רעדט מיט איר, ווי זי וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון זיך פאַר אַדעלען, און דאָס נישט צום ערשטן מאָל, אַזאַ פעקל פראַגן: „וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס גאַנצע לעבן? צו וואָס טויג דאָס אַלץ? און פאַרוואָס זענען מענטשן אַזוי שלעכט? צי וויסן זיי נישט, אַז מיט יעדן טאָג, מיט יעדן חודש דערנענטערן זיי זיך צום טויט? אַז זיי טראָגן שטענדיק דעם טויט אין זיך? איז פאַרוואָס דערגייען נאָך איינע די אַנדערע די יאָרן?" אַזעלכע שאלות זענען געוואָרן ביי איר אַ מאָנאָלאָג, וואָס זי האַלט פאַר איר נאָענטסטער און עלטערער פריינדין. איצט איז זי צוגעשטאַנען צו זעליגן מיט אַ שטילער טענה, וואָס האָט אַלע פאַרוואונדערט:

— אפשר וועסטו אונדז נישט שיטן קיין זאַלץ אויף די וווּנדן.

זעליג לאָזט קיינמאָל קיינעמען נישט אָן קיין ענטפער, ער האָט מינען, ווי זיין שטייגער, פאַרזיכערט:

— האָסט אַ טעות, מיין קעצעלע, איך שיט אייך נישט קיין זאַלץ אויף די וווּנדן, פאַרקערט, ס׳איז אַזאַ רפואה, וואָס זאָל שטאַרקן

דעם גוף און די נשמה. די, וואָס בלייבן, דאַרפן וויסן, אַז אַ חזיר, אויב מען וועט אים אַפילו אָנטאָן אַ שטריימל, וועט ער קיין צדיק נישט ווערן. זאָלן זיי זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם, ווען זיי נישט אָנהייבן זיך טרייסלען, ווען דער חזיר וועט פון צייט צו צייט געבן אַ כרוקע, אַ קוויטש, אָדער אַריינשטעקן די מאָרדע אין זייער גערטנדל און אַלץ צעגראָבן. מען דאַרף זיין צוגעוווינט צו די צרות און קאָנען לעבן מיט זיי אין נחת.

— פאַרוואָס אַנטלויפסטו, אויב מ׳קאָן זיך צוגעוווינען צו די צרות און לעבן מיט זיי אין נחת?

ליאָווא, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט אים ווייטער געפרעגט:

— דיך האָט מען דאָך גוט צוגעוווינט צו די צרות, נו, לעבסטו מיט זיי אין נחת?

— איך האָב מיין פאַרציע „נחת" שוין אויפגעגעסן. כ׳בין אָנגעזעטיקט. ניינצן יאָר געווען אויף מלוכישע קעסט אין דער ווייסער סאַנאַטאָריע, גענוג פאַר מיר, כאָטש כ׳בין שוין געווען צוגעוווינט. דאָ האָט מען זיך נאָך נישט צוגעוווינט. דער „סאָציאַליזם" אין פוילן איז אַ יונגער, ער האָט נאָך נישט געהאַט גענוג צייט צו געבן צו פאַרזוכן יענעם טעם, וואָס איך האָב שוין פון לאַנג דאָרט פאַרזוכט. כ׳האָב נעכטן, פאַרבייגייענדיק, געזען דעם אָראָפּגענומענעם דירעקטאָר סטאַשינסקי ווער זילבערשטיין, ווי די ציטונג שרייבט. ער האָט אַן אויסזען! אַ געשלאָגענער הונט. אַזאַ אויסזען באַקומט מען, ווען מען כאַפּט אַריין די ערשטע קלעפּ.

אָדעלע האָט געקוקט אויף אים מיט בייזלעכע אויגן. זי האָט אויפגעהערט צו פאַרטראָגן זיינע בייסיקע רייד. זעליג האָט זיך אָנגעשטויסן פון אירע בליקן.

— קוקסט אויף מיר, ווי דו וואָלסט געוואָלט מיך אויפעסן.

זי האָט געצוווּנגען זיך צו זיין וויציק:

— האָב נישט מורא, כ׳וועל דיך נישט אויפעסן, כ׳האָב אַ מאָגן־געשוויר, ס׳איז מיר פאַרבאָטן צו עסן ביטערע און זויערע זאַכן.

— איך בין דען ביטער און זויער?

— ביסט אַ שטיקל ציניקער.

— ווען איך וואָלט נישט געווען אַ שטיקל ציניקער, וואָלט איך

איצט מיט אייך נישט געטרונקען קיין טיי. ס׳וואָלט שוין פון לאַנג אויף מיר גראָז געוואַקסן. ווילסט אוודאי איך זאָל אייך דערציילן אַנגענעמע, פריילעכע מעשיות, האַ? כ׳האָב נישט געהאַט ווו זיי זיך אויסצולערנען, „דאָרט״ האָט מען זיך דערציילט בלויז אַזעלכע מעשיות.

לאה, אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרמאַכטע היינט אין זיך, האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און צוגעוואָרפן:

— מ׳האָט זיך מסתמא דאָרט נישט געוויצלט איבער קיין סטאַ־שינסקיס־זילבערשטיינס.

ליאָווע האָט זיך דערמאָנט אין אַן אַלטער, פריקרער מעשה, וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן יידישן דירעקטאָר, און געענטפערט פאַר זעליגן:

— וואָס שייך סטאַשינסקין, איז דער הונט ווערט דעם שטעקן.

מיגע איז פּלוצלינג געוואָרן באַרעדעוודיק, ווי אַמאָל. זי האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך די ווערטער אין איין אָטעם, ווי זיי וואָלטן איר געוואָרגן און זי מוז זיך באַפרייען פון זיי:

— אַן אומרעכט אַזוי צו רעדן! אויך אַן אומזין! אַ געשלאָגענעם שלאָגט מען נישט. געפונען אַ צייט צו מאַכן חשבונות. איך קאָן דאָס נישט הערן. לויט יענע לייט זענען מיר היינט אַלע ווערט דעם שטעקן, מיר זענען אַלע געשלאָגענע הינט. זיי קלייבן נישט איבער. דעם און יענעם שלאָגט מען נישט פאַר זיינע באַגאַנגענע זינד, נאָר ווייל ער איז אַ ייד. און... ווייל זיי ווייסן, אַז מיר זענען צוגעווינט אַראָפּצובויגן דעם קאָפּ.

זי האָט זיך געוואָנדן צו זעליגן:

— האָסט נישט דערפונדן קיין שום נייעס. מיר געוווינען זיך שטענדיק צו צו די צרות און זאָגן זיך, אַז מ׳קאָן לעבן מיט זיי אין נחת. ס׳איז שטענדיק דאָס זעלבע. מ׳גיט אונדז אַ פולן בעכער ביטערניש אויסצוטרינקען, מיר פאַרקרימען זיך אַ ביסל, טרינקען אויס, און ס׳געפינען זיך שטענדיק אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזוי ביטער, מ׳קאָן בלייבן לעבן.

איר שטימע איז געווען איינגעלאָשן, פאַרשטיקט, אָבער אויף די ליפּן איז אַרויסגעטראָטן ווייסער שוים. די אויגן האָבן געברענט ביי איר, דאָס פּנים האָט געפלאַמט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה, וואָס איז גרייט מיט די לעצטע כוחות צו וואַרפן זיך אויפן יעגער. לאה האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען. ליאָווע האָט

באַדויערט וואָס ער האָט זיך אַריינגעמישט. אַדעלע האָט זיך זייטיק־געהיים איבערגעקוקט מיט די אַנדערע. בלויז זעליג האָט רויִק ווייטער געצויגן דעם שמועס:

— מינע, גאָלדענע ווערטער! הלוואי וואָלטן מיר אַלע געקומען צו דעם שכל אַ סך פריער. גאָלדענע ווערטער. קיינער וועט אונדז נישט העלפן אויב מיר וועלן זיך אַליין נישט העלפן. דער רבונו של עולם גופא וויל אונדז נישט העלפן צוליב אונדזער נאָכגיביקייט און אונטער־טעניקייט.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, נישט געוווּסט צי זעליג רעדט ערנסט, צי ער שפּאַסט. מינע האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעקילט, געזעסן אַן אומעטיקע מיט די אויגן איינגעגראָבן אין טיש. ליאָוואַ האָט דערזופּט די גלאָז טיי, לסוף צוגעשטאַנען צו זעליגן:

— ס'איז אונדז גענוג אָנגעזאָלצן אויפן האַרץ, קומסטו נאָך אַרויס מיט אַזעלכע מעשיות. דערציייל עפּעס אַן אינטערעסאַנטע מעשה, אַזוי ווי דו קענסט.

— ווילסט אַן אינטערעסאַנטע מעשה? מ'האָט מיר מיט עטלעכע טעג צוריק דערציילט אַזאַ מעשה. אַ נייע. אפשר קענט איר זי נאָך נישט. אַ שיינע און דערצו אַן אמתע, וועגן אַרישן ווייב פון זאַגורסקין, איר ווייסט, דער וויצע־מיניסטער, וועגן וועלכן מ'האָט אין דער פּרעסע געשריבן זאַגורסקי וועל הירשביין. איר ווייסט אפשר נישט, אַז זיין ווייב איז אַ ריינע אַריערין. הכלל, דאָס אַרישע ווייב האָט געשיקט צו גאָמולקאָן אַ בריוו מיט אַ בקשה אַרויסצולאָזן פון תפיסה איר זון, וואָס מ'האָט אַרעסטירט בשעת די ערשטע סטודענטן־מאַניפעסטאַציעס. איז וואָסער זכות־אבות מיינט איר האָט זי אויסגעפינען פאַר איר אַרעסטירטן זון? זי האָט זיך פאַרן ראש המלכות מתוודה געווען, אַז דער אַרעסטירטער זון איז נישט קיין געזעצלעך קינד געווען און איז נישט זאַגורסקי־הירשביינס זון. זי האָט געהאַט אַ געליבטן. אַ פּאָליאַק און נישט קיין ייִד. פון דער געהיימער ליבע איז געקומען אַ קינד. הכלל, דער אמתער טאַטע פון איר זון איז אַ ריינער אַריער, אַזוי, אַז דער אַרעסטירטער בחור איז אפילו נישט קיין האַלבער ייִד, פאַר־מאָגט אין זיך נישט קיין טראָפּן ייִדיש בלוט.

אַדעלע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגעשריען:

— אידיאָטקע! אַ פינצטערע אָבסקוראַנטקע! פינצטערער אָבס־קוראַנטיזם!

ביי מינען האָט זיך ווידער די צונג אויפגעבונדן:

— דער אָבסקוראַנטיזם שטאַמט דען פון דער אידיאָטקע? ער קומט פון די צו וועלכע מען שרייבט אַזאַ בריוו. אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן, אַז מ׳האָט אין דער פּאַרטייאישער שולע אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט אַ יידישע לעקטאָרין דערפאַר וואָס זי האָט נישט געננוג הויך אויפגעהויבן די האַנט, ווען מ׳האָט אָפּגעשטימט די רעזאָ־לוציע קעגן דער ציוניסטישער „אַגרעסיע״, אָדער אַז מ׳האָט אַרויס־געוואָרפן אַ זשורנאַליסט פון דער אַרבעט ווייל מ׳זאָל האָבן געזען אין זיינע אויגן „אַ בליק פון פרייד״, ווען ס׳איז אָנגעקומען, בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, די ידיעה וועגן ישראלס נצחון? וויפל נאָך אַזעלכע בלימעלעך קאָן מען אויסרעכענען! מ׳וואָלט געדאַרפט זיי פאַרצייכענען.

ליאָוואַ האָט מורא געקריגן זי זאָל נישט אָנהויבן אויסרעכענען. ער האָט זיך שוין געננוג אָנגעהערט מיט אַזעלכע מעשיות, ער האָט זיך ווידער געבעטן ביי זעליגן:

— האָסט דאָך געזאָלט דערציילן אַ פריילעכע מעשה. גיב אַהער עפּעס אַ פיינע זאַך, עפּעס שיינס וועגן יידן, זיי קענען דאָך אויך עפּעס אויפטאָן.

— אַ שאלה צי זיי קענען עפּעס אויפטאָן! אָט הערט אַ מעשה: צו מיין שכנטע ברענגט יעדע וואָך אַ פויערטע קאַלב־פלייש. אַזאַ היימישער, דאָרפישער, שוואַרצער מאַרק. איז די פויערטע געקומען אַ צעשראָקענע און געצאַנקט קעגן די פוילישע הערשער. „וואָס ווילן זיי פון אונדז מיטן טומל קעגן יידן?! זייערע רבנים אין אויסלאַנד וועלן נאָך וואַרפן אויף אונדז אַ קללה און די בהמות און עופות וועלן אונדז אויספגרן. ווייניק אונדז צרות, דאַרף מען נאָך זיך איינרייסן מיט די יידן זיי זאָלן אונדז פאַרשעלטן״. אָט וואָס יידן קענען! איר זעט, ווי מ׳האָט מורא פאַר אונדז!

ליאָוואַ איז ווייטער נישט צופרידן געווען:

— געננוג, זעליג, מיט היינטיקע מעשיות. געזעגנסט זיך מיט אונדז, לאָז אונדז איבער אַ גוטן לעצט־געלט, לייג איצט אַרויס אַ פיינע מעשה וועגן יידן, וואָס זיי קענען אויפטאָן.

— אײן קלײניקײט, װאָס ייִדן קענען אַלץ אויפטאָן! אַ ייִד האָט אַפּילו אַרײַנגעפירט לעניִנען אין ייִדישן גן־עדן. איר װילט אפשר װיסן װי אַזוי?

— אָט דערצײל־זשע, דערצײל, האָט ליאָװאַ אים אונטערגעיאָגט.

זעליג האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. װער װײסט װען און װוּ ער װעט נאָך האָבן אַזעלכע בעלנים אויף אויסצוהערן זײַנע מעשׂיות. ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן ערנסטע מינע:

— אַז לעניִן איז געשטאָרבן האָט ער גענומען נאָכטראַכטן װעגן זײַן אַפּשטאַם און פּלוצלינג זיך דערמאָנט, אַז ער שטאַמט גאָר פֿון ייִדן. נו, האָט זיך אים פֿאַרגלוסט צו זײַן מיט ייִדן אויפֿן עולם האמת. איז װוּ זאָל ער גײן אויב נישט אין ייִדישן גן־עדן? װאָס, ס׳קומט אים נישט? קומט ער צו צום טויער פֿון גן־עדן, מען לאָזט אים נישט אַרײַן. אַז מאַרקס איז געװען אַ ייִד, װײסט מען דאָרט. װעגן לעניִנס ייִדישער אָפּשטאַמונג װײסט מען נישט. גײט לעניִן אַרום פֿאַרזאָרגט, קראַצט זיך אין דער פּאַטיליצע און װײסט נישט װאָס צו טאָן. אין דעם קומט אים אַן אַנטקעגן אַ ייִד און גיט אים אַ פֿרעג: ר׳ לעניִן, װאָס אַזוי פֿאַרזאָרגט? דערצײלט ער די גאַנצע מעשׂה, אַזוי און אַזוי, כאָטש ער איז פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג לאָזט מען אים נישט אַרײַן אין ייִדישן גן־עדן. טראַכט דער ייִד נישט קײן סך, ברענגט צו טראָגן אַ װאַליזקע און זאָגט צו אים ייִדישלעך: אַרײַן אין דער װאַליזקע! װוּנדערט זיך לעניִן: װאָס װעט די װאַליזקע העלפֿן? שמײכלט דער ייִד און מורמלט אונטער: אַ ייִדישער קאָפּ און פֿאַרשטײט נישט. פֿאָלגט לעניִן, לײגט זיך אַרײַן אין דער װאַליזקע; דער ייִד טראָגט זי צו צום טויער פֿון גן־עדן און שרײַט דאָרט אַרײַן: עפֿנט, כ׳האָב געבראַכט דעם פּראָצענט פֿונעם קאַפּיטאַל פֿון יענעם באַרימטן ייִד מיט דער ברײטער באָרד. אַזוי װי מ׳איז דאָרט געװאָרן שטאַרק נײַגעריק צו װיסן װאָס פֿאַר אַ ירושה פֿון מאַרקס מ׳האָט געבראַכט און געעפֿנט דעם טויער, האָט דער ייִד אויף גיך געגעבן אַ רוק אַרײַן די װאַליזקע. אַזוי אַרום האָט זיך לעניִן אַרײַנבאַקומען אין ייִדישן גן־עדן.

ליאָװאַ האָט זיך קוים דערװאַרט דעם סוף פֿון דער מעשׂה און געפֿרעגט:

— לעניִן איז דען געװען פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג?

— װאָס דען פֿון גױיִשער? מ׳האָט אויסבאַהאַלטן, אַז ער קומט

אַרויס פון אחינו בני ישראל, ווי אַ שטייגער מ׳האָט אויסבאַהאַלטן אין פוילן יידישע נעמען, ווען מ׳האָט געדאַרפט האָבן די יידן צום בויען דעם סאָציאַליזם.

די שטימונג איז געוואָרן אַ הייטערע. ליאָווא האָט שעלמיש גע־מוסרט זעליגן:

— לויט דיר קומט אויס, אַז אַלע די, וואָס האָבן געוואָלט אויסלייזן די וועלט, זענען געווען יידן. ס׳שמעקט מיטן ערגסטן נאַציאָנאַליזם. נישט אומזיסט האָט מען דיך געהאַלטן ניינצן יאָר אין דער ווייסער סאַנאַטאָריע. מ׳האָט דיך דאָרט אויך נישט אויסגעהיילט. אַ נס וואָס דו טראָגסט זיך אָפּ. די מאָטשאַרס זאָגן, אַז מיר האָבן געמאַכט פון זעקס מיליאָן היטלעריסטישע קרבנות יידן, וואָלטן זיי אונטערגעהערט זעליגן, וואָלטן זיי געזאָגט, אַז מיר מאַכן פון אַלע וועלט־אויסלייזערס יידן.

מינע האָט זיך אויפסנייי אויפגעריסן:

— דאָס איז אונדזער אומגליק; מיר האָבן געהאַט צופיל וועלט־אויסלייזערס. מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק איז געקומען פון אונדז אַ דערלייזער און דערנאָך האָבן די, וואָס האָבן געדרשנט אין זיין נאָמען, אונדז געוואָרפן אויף די שייטערהויפנס. מיט אַ הונדערט פופציק יאָר צוריק האָט אַן אַנדערער אונדזערער אַ דערלייזער אויפגערודערט די וועלט און די, וואָס פוצן זיך אין זיינע פעדערן פלאַגן און יאָגן אונדז היינט. אַזוי גייט עס כסדר.

צוממיינסטן האָט זי צוגעטראָפן אַדעלען. זי האָט שוין אַזעלכע אויספירן געהאַט געמאַכט, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט די ערשטע רעפּאַטריאַנטן פון מזרח. זי האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל ווייטער געצויגן מינעס געדאַנק:

— מ׳זאָגט יידן זענען אַ קלוג פאָלק. נישט אמת. דאָס נאַרישסטע פאָלק, די נאַרישסטע מענטשן. מען זייט און מען פלאַנצט שטענדיק אויף פרעמדע פעלדער. ווען עס קומט צום שניט, ווייזט מען זיי אין בעסטן פאַל די טיר.

לאה האָט נערוועז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט אַ קוק געכאַפּט אויפן האַנט־זייגערל און זיך אויפגעהויבן. אין דער אמתן זענען איר אַלע געריידערייען נישט געקראָכן אין קאָפּ. זי האָט היינט אַנדערע דאגות. זי קאָן זיך נישט דערוואַרטן אויפן רייזע־קאַרטל. דאָס אָפּהאַלטן

זיי אַזוי לאַנג קאָן זיין נישט קיין גוטער סימן. דער אומרו און אומגעדולד לאָזן איר נישט איינזיצן אויף אַן אָרט.

זעליג האָט זיך אויך אויפגעהויבן. ער האָט אָנגעהויבן זיך געזעגענען. דאָס לשון איז אים דאָס מאָל ווי אָפּגענומען געוואָרן. די אויגן זענען ביי אים פייכט געוואָרן. דאָס מויל האָט געשמייכלט און געשעפּטשעט געזעגענונגס־ווערטער. ער האָט פאַרלאָזט די שטוב מיט אַן אומעטיקן שמייכל אויפן פּנים. ליאָוואַ איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

1973

אַנקעןׅ צום אייביקן אָנדענק

(צו דער צוויי און פּערציקסטער יאָרצייט פון יאַנוש קאָרטשאַק)

— מיר גייען אויף קראָכמאַלנע. אייל דיך צו מיר זאָלן נאָך האָבן אַ זיצפּלאַץ. דאָס ערשטע מאָל פיר איך דיך, דערנאָך וועסטו אַליין גיין. אַז וועסט איין מאָל זען, וועסטו אַליין יעדן שבת אינדערפרי גיין אויף קראָכמאַלנע.

קראָכמאַלנע האָט פאַר אַנקען, אַפילו פאַר די ייִנגערע פון איר, באַדייט זייער אַ סך, אַ סך מער ווי אַ ייִדישע גאַס מיט איר אָרעמשאַפט און עקזאָטיק. קראָכמאַלנע האָט באַדייט דאָס גרויסע, ווייסע הויז, די וואַרעמע, ליכטיקע היים פאַר פאַרוואָרלאָזטע ייִדישע קינדער. קראָכ־מאַלנע האָט דער עיקר באַדייט דאָקטער יאַנוש קאָרטשאַק. פאַר אַנקען און אירס גלייכן האָט קראָכמאַלנע אויך באַדייט אַן אוניווערסיטעט, אַן אָרט, וווּ מ'האָט זיך דערוואָרבן דערפאַרונגען, ווען מ'האָט זיך געגרייט צום באַרוף, וואָס קאָרטשאַק האָט אינספּירירט. איין מיין דמיון פון אַ פּראָווינצער, קליינשטעטלדיקער גימנאַזיסטקע האָט זיך דאָס אַלץ צונויפגעמישט אי מיט אַ קומענדיקן באַרוף, אי מיט טרוימען וועגן יושר און גערעכטיקייט, מיט שיינע יוגנט־אידעאַלן.

— איך מוז דיך פאָרשטעלן פאַר אים. אפשר וועלן מיר נאָך אָנקומען איידער ס'הייבט זיך אָן, אויב נישט וועט עס זיין דערנאָך.

אַנקע האָט מיך אַרויסגעריסן פון אייזערן, האַרטן בעטל, פון שבתדיקן שלאָף, ווען כ'האָב צוגעשלאָפן די נישט אויסגעשלאָפענע, וואָכעדיקע נעכט און מיך אונטערגעיאָגט.

כ'האָב מיך אַ פאַרשלאָפענע געאײלט. שוין פון לאַנג געהאָט געוואָרט אויף יענעם שבת אינדערפרי, געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן אַלץ, וואָס אַנקע האָט מיר דערציילט, געוואָלט אָנקוקן דעם מחבר פון די ווונדערבאַרע ביכער, דעם גרויסן קינדער־פריינד, באַגערט שטענדיק צו זען דעם מענטש בעצמו. ווי זעט ער באמת אויס ? איין מיין דמיון, ווען כ'האָב געלייענט זיינע ביכער, אָדער ווען אַנקע האָט מיר דערציילט וועגן זיינע אויפטוען, האָט ער אויסגעזען ווי עפּעס

אַ ריז, צייטנווייז ווי אַ מיטאָלאָגישער גאָט, צומיינסטן ווי אַן אַמאָליקער נביא אונדזערער, אָדער גאָר ווי אַ דערלייזער פון קינדער. ס'איז מיר אַ ביסל נישט געפעלן געווען וואָס ער גיט אָפּ זיין גאַנצע צייט און וויסן בלויז קינדער, וואָס ער מישט זיך נישט צו דער אומגערעכטער וועלט פון דערוואַקסענע און מיט אַנקען געפירט דערוועגן וויכוחים. אָבער אַלע מאָל פאַרבויגן מיין טענה. קאָרטשאַק האָט אונדז פּאַסצי־נירט, צעפלאַקערט אונדזער יוגנטלעכע פאַנטאַזיע, אויפגעהויבן אויף פליגלען, געלערנט פליען הויך.

בין איך גליקלעך געווען וואָס איך גיי אין זיין הויז מיט אַנקען. אַנקע, מיין געטרייע, עלטערע פריינדין איז דאָרט געווען מיט אַלץ און אַלעמען „אויסגעקאָכט״. איך שטעל דאָרט צום ערשטן מאָל אַריין אַ פוס. דער פּוילישער, גאָלדענער האַרבסט־פרימאָרגן איז אַ מילדער, כמעט וואַרעמער, אַ באַשיינטער מיט זוניקייט. די לופט שמעקט כמעט מיט פרילינג. די וואַרשעווער יידישע גאַסן און געסלעך זענען איינגע־טונקען אין שבתדיקייט. מיר שניידן דורך קראַשינסקיס גאָרטן. יונגע יידישע מאַמעס פירן אין וועגעלעך אָדער ביי די הענטלעך זייער קליינוואַרג שפּאַצירן. יידן מיט לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס און שבת־דיקע אויסגעקעמטע בערד, שפּאַנען איבער די טראָטואַרן, איילן זיך צו די בתי־מדרשים. אויף די יידישע גאַסן איז דער שבת אַנזעעוודיק; די פאַרשפּעטיקטע, צעשטראַלטע זון טראָגט צו איר חלק צו דער יום־טובדיקייט.

איך בין געגאַנגען מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. איין קלייניקייט, איך גיי צו קאָרטשאַקן. אַנקע האָט ווי געוויינלעך מיך געהאַלטן פאַר דער האַנט, ווי זי וואָלט געפירט אַ יינגערע שוועסטער צו ווייזן איר די וווּנדער פון דער וועלט. זי האָט דערציילט, געשילדערט, אויפגעקלערט. איך האָב מיט גרויס נייגיר זיך איינגעהערט. דערציילנדיק האָט זי, ווי שטענדיק, געשפּאַסט, הילכיק געלאַכט. די אומעטיקסטע זאַכן האָט זי געקאָנט דערציילן מיט הומאָר, מיט אַ וויץ, דערביי האָט זיך באַ־קומען אַ פּלאַסטיש בילד.

— אוי, איז ער געווען פאַרלייזיקט! די צעשויבערטע האָר האָבן זיך אַזש געהויבן אויפן קאָפּ. און פון נאָז האָבן אַרויסגעשטעקט צוויי גראָבע ליכטלעך, וואָס ער האָט רעגולירט מיט דער צונג. בשום אופן נישט געוואָלט גיין מיט מיר, געריסן זיך פון מיר, שיער מיר נישט

אַ ביס געגעבן אין האַנט, מיר האָבן אים אַרומגעוואַשן, אויסגעבאָדן זאַלבע צווייט, איינע וואָלט זיך קיין עצה נישט געגעבן — האָט זי מיט אַ הילכיקן געלעכטער דערציילט פּרטים וועגן אַ קיילעכדיקן יתום, וואָס איז פאַרבליבן ביי אַן אָרעמער, קראַנקער באָבע, געוואָרן אַ בעטלער־וואַגאַבאָנד און וואָס איז אין וויסן הויז אויף קראָכמאַלנע געוואָרן אַ סטאַטעטשנע, גוט ייִנגל.

אַנקע איז אויך געווען מיין גוטער מלאך, אויסגעשפּרייט איבער מיר באַשיצערישע פליגלען. אין וואַרשע האָב איך מיך געפילט ווי פאַרוואָרפן העט ווייט הינטער די הרי־החושך. די מאַנסאַרדע־קאַמער האָט מיר אויסגעזען ווי אַ פויגלשע שטייג, אַן אַנגעשטאָפּטע מיט אַזעלכע קליינשטעטלדיקע, דאָרפישע גימנאַזיסטקעס, ווי איך. אויך די גרויסע שטאָט האָב איך נישט ליב געהאַט מיט איר געפילדער. אַלץ האָט מיר אויסגעזען משונהדיק און פרעמד. כ׳האָב געבענקט צום וואַלד, צום טייך, צום פעלד. כ׳בין געווען אין קנויל בענקשאַפט. און כ׳האָב מיך געשעמט מיט מיין בענקשאַפט. האָב איך זיך דאָך געהאַלטן פאַר אַ דערוואַקסענע, פאַר אַ... אַ... כ׳האָב דאָך געוואָלט איבערמאַכן, פּשוט איבערדרייען די וועלט. אַנקע האָט מיין אויסבאַהאַלטענע בענקשאַפט געפילט, זי געמילדערט, היימישער געמאַכט מיר די פרעמדע וועלט, פאַרזיסט מיר אַלע ביטערנישן, זאַט געמאַכט, ווען איך בין הונגעריק געווען.

אַנקע האָט געהאַט ניינצן יאָר און אַ באַלעבאַטישע, גוט איינגע־פונדעוועטע היים, געפילט זיך אין איר געבוירן־שטאָט, ווי אַ פיש אין וואַסער. איך האָב געהאַט קאַרגע 16 יאָר, אַ ווייטע, כמעט דאָרפישע היים, און געפילט זיך אין דער פרעמד. די דריי־פיר יאָר אונטערשייד אין אונדזער עלטער זענען פאַרווישט געוואָרן דורך אַ נאָענטער פריינד־שאַפט. אַנקע אַ סטודענטין אי פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אי פון קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגישע קורסן, האָט שוין פון דער נאָענט זיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס טוט זיך אין קאָרטשאַקס יתומים־הויז. איך האָב נאָך געהאַט צוויי יאָר צו דער מאַטורע און פון דער ווייטנס, צומ־מיינסטן דורך אַנקען, באַקומען קוים ברעקלעך פון קאָרטשאַקס דער־ציונגס־סיסטעם. אַנקע איז געווען רייכער פון מיר אין יאָרן און וויסן, איך אָבער — אין לעבנס־דערפאַרונגען.ביידע זענען מיר באַגייסטערט געווען פון קאָרטשאַקס אויפטוען לטובת דעם פאַריתומטן קינד, און

באַגערט מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם צוצולייגן אַ האַנט דערצו.

אַנקע האָט געהאַט גרויסע, שוואַרץ־סאַמעטענע אויגן, געדיכטע, שוואַרצע, געלאָקטע האָר, אַ שטענדיקן שמייכל אויפן מאַטן, חנעוודיקן פּנים, אַ ברילִיאַנטן האַרץ און אַן אומבאַגרענעצטן גלויבן אין איר באַרוף. בעסער און שענער מאַכן דאָס לעבן ? דערצו דאַרף מען בעסער מאַכן דעם מענטש, צוגרייטן דאָס קינד פאַר אַ נאָבעלן מענטש. האָט דען קאַרטשאַק נישט געגלויבט, אַז דורך דערציונג קאָן מען רעפאָר־מירן, אויסבעסערן דאָס לעבן ?

איך, דאָס 16־15־יאָריקע מיידל אונטער דער ווירקונג פון קאַרטשאַקן, דירעקט פון אַנקען, האָב אויך געגלויבט אין דער כּישוף־קראַפט פון דערציונג און באַגערט פונקט, ווי אַנקע צוצולייגן אַ האַנט דערצו. כ׳האָב אָבער געזען מער שלעכטס, ווי זי. פון קינדוויז אָן געזען אין מיין געגנט, ווי פּויערים שלאָגן זייערע ווייבער און קינדער, זיך צוגעקוקט צו שוואַרצער נויט, צו דער יידישער קליינ־שטעטלדיקער אָרעמשאַפט. זאָל מען וואַרטן ביז מ׳וועט פון קינדער דערציען ערלעכע, גוטע מענטשן ? אוי, צו לאַנג צו וואַרטן ! סתם בין איך שוין דעמאָלט געווען געכאַפּט אין דער מעשה און געברענט מיט אומגעדולד מ׳זאָל איבערמאַכן די וועלט. זענען צווישן מיר און אַנקען פאָרגעקומען לאַנגע וויכוחים :

— שטעלסט זיך פאָר ווי לאַנג ס׳וועט דויערן ביז... ביז מ׳וועט פון אַלע קינדער מאַכן.... דערווייל וועלן די באָרוועסע גיין באָרוועס, די הונגעריקע וועלן אויסגיין פון הונגער, די שטאַרקע וועלן שלאָגן די שוואַכע, מאַנסבילן וועלן קאַטעווען זייערע ווייבער און קינדער, און דו, און מיר וועלן וואַרטן ביז מיר וועלן צוגרייטן, דערציען גוטע, יושרדיקע מענטשן.

איך האָב גערעדט פלאַם־פייערדיק. אַנקע האָט איין מאָל זיך אין עפּעס דערמאָנט, צעלאַכט זיך, געוויצלט זיך :

— נו, לאָמיר כאַפּן עמערס קאַלט וואַסער ! לאָמיר אַרויסלאָזן אַלע ווילדע פערד פון די שטאַלן ! כאַ, כאַ, כאַ, כאַ !

אַנקע האָט געלאַכט אַזוי הילכיק און מעלאָדיש ווי זי האָט געזונגען. זי פלעגט זיך שיטן פון געלעכטער און מיר מיט איר. זי פלעגט אונדז מיטרייסן מיט איר געזאַנג. ס׳איז נישט מעגלעך געווען נישט מיטצולאַכן אָדער מיטצוזינגען מיט איר. טיילמאָל פלעגן מיר ביידע זיצן אַליין

אין איר צימער, זיך עפּעס דערציילן און געשאָטן זיך פון געלעכטער. די גרויס־שטאָטישע אַנקע האָט ליב געהאַט איך זאָל איר דערציילן מעשיות פון מיין שטעטל, פון דאָרף. צוממיינסטן איז איר געפעלן געווען די מעשה מיטן עמער וואַסער און די אַרויסגעלאָזענע פערד.

— ווי איז דאָס געווען? דערצייל, דערצייל נאָך אַמאָל, פלעגט זי זיך בעטן, פאַרויס געלאַכט און איך האָב יעדעס מאָל דערציילט אין אַן אַנדער ווערסיע.

די מעשה מיטן עמער וואַסער איז געווען אַזאַ: צוויי פּופּצן־זעכצן יאָריקע בחורים האָט זיך פאַרגלוסט אין אַ סוף זומערדיקן, שבתדיקן נאָכמיטאָג אין זייערע עלטערנס בשותפותדיקן הינטער שטעטלדיקן סעדל, ווען די פּירות אויף דיביימער ווערן רייף, צו גיין אויף אַ דועל, און דווקא אין דער אַנוועזנקייט פון דער 14־יאָריקער פריילין, וואָס איך בין געווען. פון אָנהייב איז דאָס געווען אַ שפּאַס, אַט אַזוי זיך, צו זען ווער שטאַרקער. דער שפּאַס איז אָבער איבערגעגאַנגען אין אַן ערנסטן געשלעג. כ'האָב זיי נישט געקאָנט צעררייסן; ביידע חברה־לייט האָבן זיך געוואַלגערט איינער איבערן אַנדערן אויפן גראָז. פון זייערע נעזער האָט שוין געקאַפּעט בלוט. כ'האָב געבעטן, אַפּעלירט, געשריען צו זיי. אומזיסט. האָב איך געבראַכט צו שלעפּן אַן עמער קאַלט וואַסער און מיט איין טראַסק אַרויפגעגאָסן אויף זיי. זיי זענען אויפגעשפּרונגען ווי נאַסע קעץ. די צעהיצטע קעפּ האָבן זיך אָפּגעקילט. איך האָב דערנאָך דערפון געמאַכט אַ גאַנצע טעאָריע. ווי גיך כ'בין געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה, האָב איך געהאַט אַן איבעריקן באַווייז, אַז מיט בלויזע ווערטער ווען מען נישט אָפּשאַפן דאָס שלעכטס, מ'דאַרף רעוואָלוציאָנערע מעשים...

די געשיכטע מיט די פערד איז געווען איין עפּיזאָד פון אַ סך. שלאָגן דאָס ווייב, די קינדער, איז ביי אונדזערע גוייִשע שכנים, נעבעטרע, ווייטערע, געווען אַ נאָרמאַלע זאַך. ביי יידן איז דאָס געווען זעלטן, אָבער ס'פלעגט טרעפן, נאָר אַן רציחה. פּייפּקע באַלעגאָלע האָט געשלאָגן, ווי אַ גוי. פּייפּקע איז געווען אַ פעסטער יונג, געהאַט צוויי שיינע, ווילדע פערד מיט אַ לאָשאַקל, אַ פּאָר ידים פאַר וועלכע אַלע ווילע יונגען האָבן געציטערט, און אַ שלימזלדיק ווייב. מיט זיינע פערד איז ער זיך באַגאַנגען גאָר איידל, זעלטן צוגערירט צו זיי די בייטש. אַ זעלטענע איידלקייט און ליבשאַפט צו פערד. מיטן ווייב

פֿאַרקערט: פֿאַר אַ יאָ און אַ ניין געשלאָגן. מענטשן פֿלעגן זאָגן, אַז אַ נס וואָס פּייפּקע איז די גאַנצע וואָך אין וועג און קאָן נישט שלאָגן יעדן טאָג. אָבער קיינעמס דאגה איז דאָס נישט געווען, בפֿרט ער האָט געוווינט, ווי מיר, צווישן דער גוייִשער באַפֿעלקערונג. קיינער האָט זיך נישט געמישט, אויסער... מיר. ס'איז מיר געגאַנגען אין לעבן אָפּצו־געוווינען פּייפּקען צו שלאָגן דאָס ווייב, ווער שמועסט נאָך, ווען ער האָט געשלאָגן אַ קינד.

ויהי היום. אַ פֿריזומערדיקן שבת נאָכמיטאָג האָבן זיך פֿון פּייפּקעס הייזקע געטראָגן האַרצרייסנדיקע געשרייען פֿונעם ווייב, אַ געוויין פֿון די קינדער. ווי אַ פֿייל פֿון בויגן האָב איך מיך איבערגעטראָגן צום באַלעגאָלעס הייזקע, געשטעלט זיך הינטערן פֿאַרמאַכטן פֿענצטער פֿון דער כאַטע, געקלאַפּט אין שויב, געדראָט, אַז כ'וועל אַריינוואַרפֿן שטיי־נער. פּייפּקע האָט זיך דאָס מאָל אַפֿילו נישט אומגעקוקט און ווייטער געטאָן זיינס. דעמאָלט בין איך צו צום שטאָל, מיט מי און מאַטערניש אַרויסגעצויגן דעם גרויסן ריגל און אַרויסגעלאָזט די נישט געפּענ־טעטע פֿערד מיטן לאָשאַקל. דער דריילינג איז, אַ סברה, גאָר צופֿרידן געווען פֿון מיין אויפֿטו און געלאָזט זיך הענדעם־פֿענדעם מיט אַ היר־זשעריי צו די גוייִשע גאָרטנוואַרגן. פּייפּקע, דערהערנדיק דאָס הירזשע־ריי, האָט אָפּגעלאָזט דאָס ווייב און אַרויס צו די פֿערד, לאַנג זיך געיאָגט נאָך זיי ביז ער האָט זיי צוריק געבראַכט און דערנאָך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פֿאַר די שאָדנס, וואָס די פֿערד האָבן אָנגעמאַכט.

אַנקע האָט געקוועלט פֿון מיין מעשה און איך האָב געהאַט אין וואָס אַנצושפּאַרן אונדזער פּלוגתא:

— נו, ווי אַזוי וועסטו מיט שיינע רייד אָפּגעוווינען פּייפּקען פֿון שלאָגן דאָס ווייב און די קינדער? ווי אַזוי וועסטו אים דערציִען?

— מיר ווילן דאָך זיינע קינדער דערציִען, מיר ווילן...

— און דערווייל זאָלן מיר לאָזן אים זיי קאַטעווען? דערווייל זאָל מען די אָרעמע...?

— ווער זאָגט דען? דו מישט אַלץ אויס, קאַשע מיט מאָן. כאַ, כאַ, כאַ! דאַרפֿסט זיך נענטער באַקענען. קאַרטשאַק האָט שוין פֿון לאַנג געפֿאָדערט אַ געזעץ צו פֿאַרבאָטן שלאָגן אַ קינד, קאַרטשאַק טרעט אַרויס קעגן... קאַרטשאַק פֿאָדערט...

אין איין אָטעם האָט זי אַרויסגעלייגט פֿאַר מיר אַ באַרג מיט

הומאַניטאַרע מיטלען, געצוימט מיט זיי אַ ביסל מיין בונטאַרישע רעוואָלוציאָנערישקייט. קאַרטשאַק האָט עלעקטריזירט, פאַסצינירט. דער נאָמען גופא האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ מאַגישן כוח. קיין שום זאַך האָב איך אַנקען אַזוי נישט מקנא געווען ווי דאָס, וואָס זי איז קאַרטשאַקס אַ סטודענטין, וואָס זי קען אים פון דער נאָענט, קומט אויף קראָכמאַלנע.

איז אַט פירט זי מיך אויף קראָכמאַלנע צו קאַרטשאַקן. שבת אינדערפרי קאָן מען קומען הערן אים פאַרלייענען פאַר אַלע קינדער, אויך פאַר די דערוואַקסענע.

אַנקע גייט גיך, איך האַלט איר טריט. מיר פאַלן אַריין אין אַ גרויסן, ווייסן צימער. מיר האָבן אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. דער זאַל איז פול באַזעצט. אויבנאָן שטייט ביי אַ קליין טישל אַ מיטלוואָקסיקער מאַן מיט אַ גאָלן קאָפּ, אַ בלאָנד בערדל, וואָס גרייכט ביז די זייטיקע באַקן; אָנגעטאָן איז ער אין עפּעס אַ גרינעם אַרבעטס־כאַלאַט. ער לייענט פאַר, לייענט דייטלעך, אַקצענטירט. אַרום זענען קינדער, גרעסערע, קלענערע, יוגנטלעכע און אויך דערוואַקסענע. עס קומט אַלע מאָל אַריין אַ נייער באַזוכער. די טיר איז פאַר אַלעמען אָפן. איינע זיצן, אַנדערע שטייען. עס פעלן אויס זיצפּלעצער. אַלעמענס אויגן זענען געוואָנדן צום פירלייענער. דאָ און דאָרט באַוועגט זיך אַ קינד, אָבער אויפן זאַל איז שטיל. ס'הערט זיך בלויז די שטימע פון פירלייענער. פּלוצלינג רייסט זיך פון דער נאָענט אָפּ אַ ייִנגל פון אָרט, גייט צו צו קאַרטשאַקן, טוליעט זיך צו צו אים, קלאַמערט זיך אײַן מיט די הענטלעך. קאַרטשאַק, נישט איבעררייסנדיק דאָס לייענען, גיט אים אַ גלעט איבערן קעפּל און טשעפּעט אים אָפּ פון זיך. דאָס ייִנגעלע זעצט זיך אַוועק ביי זיין זייט און קוקט מיט אומעטיקע אויגן אַרום זיך. לעבן מיר דרייט זיך אַ מיידעלע אויף איר שטול, עפּנט עפּעס אַ העפטל און קוקט אַריין. קיינעם גייט עס נישט אָן. ווער עס וויל נישט, הערט נישט, אַבי ער שטערט נישט און ווייסט, אַז מ'טאָר נישט שטערן.

— אַן אינטערעסאַנטע מעשה, האַ? — שושקעט מיר אַנקע אין אויער.

איך שאָקל דיסקרעט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אָבער ס'איז אַ ליגן. איך הער דאָך נישט די ווערטער, דעם אינהאַלט, איך הער נאָר דעם קלאַנג, דאָס אַקצענטירן. איך בין אין גאַנצן חוש הראיה, וואָס שלינגט

אין דעם חוש השמיעה. איך אָבסערוויר. איך טראָג איבער די אויגן דאָ און דאָרט איבערן זאַל, איבער די קינדער און העגג ווידער אָן די בליקן אין קאָרטשאַקן. איך קוק און קוק צו אים, כ׳וואָלט געוואָלט עפּעס דערקענען פון דעם, וואָס האָט געלעבט אין מיין דמיון. איז ער דאָך אַזוי אַנדערש, ווי כ׳האָב זיך אים פאָרגעשטעלט, ווען כ׳האָב געלייענט זיינע ביכער, אָדער ווען אַנקע האָט מיר דערציילט וועגן זיינע אויפטוען. אַזאַ פּשוטע געשטאַלט, זעט נישט אויס אויף אַ געלערנטן, אויף אַ שרייבער, אויף אַן אַנפירער פון מחנות קינדער. און דאָך קאָן איך נישט אָפּרייסן די אויגן פון זיין פּנים. אוי, וואָס פאַר אַ מילד־רויִק פּנים! וואָס פאַר אַ בלויע, קלוגע, גוטע אויגן! אַנקע רייסט אָפּ מיינע בליקן פון אים. זי באַרירט מיין אַקסל. ווייזט אָן מיט די אויגן אויף אַ 11־12־יאָריק ייִנגל מיט אַ קאָפּ, וואָס זעט אויס, ווי אַ גלאַטיק אָפּגעקאָסעטע לאָנקע. ער זיצט נישט ווייט פון אונדז מיט אַנגעשפּיצטע אויערן, מיט אַן אָפן מויל, קענטיק ער הערט זיך צו צום פירלייענער. אַנקע שושקעט מיר ווידער אַריין אין אויער:

— דאָס איז ער.

— ווער? — שושקע איך צוריק אָפּ.

— דער פאַרלייזיקטער, וואָס האָט געוואָלט מיך בייסן.

דאָס ייִנגל האָט דערפילט מיינע בליקן, זיך אומגעקוקט, דערזען אַנקען און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דאָס פירלייענען פאַרענדיקט זיך. אַנקע דערנענטערט זיך צו אים, לייגט אים גוטברודעריש אַרויף די האַנט אויפן אַקסל, פרעגט אים צי עס געפעלט אים די פירגעלייענטע מעשה.

— יאָ, אַ שיינע מעשה — און זיין פּנים צעשמייכלט זיך.

קאָרטשאַק איז שוין אַרויס פון הינטערן טישל. מען רינגלט אים אַרום; אַנקע ציט מיך פאַר דער האַנט; זי וועט מיך פאָרשטעלן. ביי מיר קלאַפּט דאָס האַרץ שטאַרקער און שטאַרקער.

— גוט מאָרגן הער דאָקטער, כ׳האָב מיטגעבראַכט אַ צוקונפטיקע פּעדאַגאָגין, זי אַרבעט שוין, ווי אַ דערציערין עטלעכע שעה אין טאָג. אויף אַ „קאָנדיציע״* הערוויל. זי האָט שוין איבערגעלייענט כמעט אַלע אייערע ביכער, זי האָט שוין...

---

* אַ דערציערין ביי קינדער אין אַ פּריוואַט הויז.

קאָרטשאַק מעסט מיך אָפּ מיט זיינע בלויע, קלוגע אויגן, ווי איך וואָלט געוועזן צו קליין צו אַזאַן אחריות. איך פיל ווי איך ווער רויט. ס׳ווערט מיר אָפּגענומען דאָס לשון, ענטפער נישט אויף זיינע ווערטער:

— מ׳דאַרף אַ סך לערנען, מ׳דאַרף ליב האָבן קינדער צו אַרבעטן מיט זיי.

ער ווענדעט זיך אָבער באַלד צו אַנקען:

— און איר וואָס רעכנט צו טאָן, וואָסער וועג אויסצוקלייבן נאָכן פאַרענדיקן דאָס שטודירן?

— כ׳האָב שוין אויסגעקליבן, הער דאָקטער, איך וועל גיין מיט אייער וועג.

אויף יאָרן שפּעטער איז אַנקע, צוזאַמען מיט איר טעכטערל, אַוועק ווי איר לערער יאַנוש קאָרטשאַק, מיטן זעלבן וועג, קיין טרעבלינקע.

ליטעראַרישע עסייען

שמואל שמעון פרוג

(צו זיין זיבעציקסטער יאָרצייט)

אין 1960 איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט ס׳איז געבוירן געוואָרן שמואל שמעון פרוג. כ׳בין אין יענעם יאָר געווען אין אַ נסיעה, באַגעגנט זיך מיט שרייבער, זשורנאַליסטן און אַ פרעג געטאָן אַ הויפּט־רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג פאַרוואָס ס׳איז נישט אָפּ־געמערקט געוואָרן די הונדערט־יאָריקע דאַטע פון פרוגן. דער שרייבער־רעדאַקטאָר האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און געענטפערט: ס׳האָט זיך פשוט פאַרגעסן, מ׳האָט נישט געטראַכט דערוועגן, מ׳האָט פאַרזען.

דער עפּיזאָד האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון וואָרעם דאָס איז נישט קיין איינצל פאַל. ביי אונדז יידן געשעט אָפט, אַז מען פאַרגעסט, פאַרזעט, הגם מיר זענען אַ פאָלק מיט אַ לאַנגן זכרון; אין אונדזער געדעכעניש ווערן איינגעהיט אַ סך אַלטע און אויך נייע פאָלקס־געשעענישן, פאַרגעסן מיר זייער אָפט צו דערמאָנען, אויפ־צופרישן דאַטעס און אויפצולעבן גרויסע געשטאַלטן, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו אונדזער נאַציאָנאַלן, גייסטיקן אוצר.

ביי אַלע קולטור־פעלקער נוצט מען אויס יעטוועדע געלעגנהייט אויפצולעבן אַ שאַפער, דאָס ווערק פון אַ פריערדיקן דור, אָדער פון ווייטע דורות. לאָמיר זיך צוקוקן אין דעם פּרט צו פראַנקרייך: וויפל האָט זיך געטומלט אַרום די הונדערט יאָר פון פּרוסט, פון זשאָרזש סאַנד, שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס מען גיט סייווי אַרויס זייערע ווערק אין נייע אויפלאַגעס. וואָס פאַראַ צוגרייטונגען האָט מען דאָס געמאַכט צו דער הונדערטסטער יאָרצייט פון וויקטאָר הוגאָ, וויפל נייע ביכער עס זענען דערשינען וועגן אים חוץ זיינע אַלע ווערק אין נייע אויפלאַגעס. און די דריי ציטירטע זיינען נישט קיין אויסנאַם.

אוודאי קאָנען מיר זיך נישט פאַרגלייכן אין דעם פּרט צו אַנדערע פעלקער. מיר האָבן נישט זייערע מעגלעכקייטן. אָבער מיר פלעגן פאַרט אַמאָל אויך פאַרשידענע מעגלעכע אופנים איינהיטן אין אונדזער זכרון אונדזערע גייסטיקע מנהיגים און שאַפער פון אַלע מינים. די

לעצטע צענדליקער יאָרן האָט זיך לײדער אײנגעשטעלט אַ קורצינקער לוח — מען מערקט אָפּ בײ אַ קײלעכדיקער דאַטע פֿון אַ געבוירן־יאָר, אַ יאָרצײט, מענדעלען, פּרצן, שלום עליכמען, טײלמאָל אברהם רײזענען, ביאַליקן, אפשר נאָך עמיצן, דאַקעגן אַזעלכע װי לינעצקי, דינעזאָן, נאָמבערג, דוד פֿרישמאַן, ספּעקטאָר, און פּיל, פּיל אַנדערע דערמאָנט מען בײ קײן שום קײלעכדיקער דאַטע, נישט פֿון געבוירן װערן, נישט פֿון קײן יאָרצײט. צו די באַװוסטע — און מיר באַװוסטן דערמיט אונדז גופֿא, — הכּלל צו די באַװוסטע געהערט אויך פֿאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן שמואל שמעון פֿרוג. אגב איז דאָס יאָר 1985 געװאָרן 125 יאָר זינט זײן געבוירן װערן. איז לאָמיר זיך באַצײטנס דערמאָנען, אַז דאָס יאָר 1986, איז דאָס יאָר פֿון זײן זיבעציקסטער יאָרצײט.

***

װעגן שמואל שמעון פֿרוגן האָט מען אַמאָל בײ אונדז נישט װײניק געשריבן. אונדזערע אָנגעזעענסטע קריטיקערס און דיכטערס האָבן זיך מטפּל געװען מיט זײן שאַפֿונג. מ׳האָט אָבער געפּרוּװט דורכצופֿירן איבער אים כּמעט „אַנאַטאָמישע סעקציעס״, אויב זיך באַנוצן מיטן אויסדרוק פֿון פֿראַנצויזישן קריטיקער סענט־בעװ. אויב מען האָט זײן דיכטונג אַמאָל באַשאָנקען מיט אָן אַ שיעור שבחים, האָט מען שפּעטער, דער עיקר אין אונדזערע צײטן, אָנגעהויבן זי מעסטן מיט אַ הײנטצײטיקער ליטעראַרישער מאָס, און בדרך כּלל האָט זיך אײנגעשטעלט לגבי פֿרוגן אַ פֿאַרגלײכונגס־קלישע; מ׳האָט זײן ײדישע שאַפֿונג פֿאַרגליכן צו זײן רוסישער דיכטונג און אין פֿאַרגלײך איז זי מערסטנטײל אַרויסגעקומען בלאַסער. זעלטן װען זענען אויך װעגן דער שאַפֿונג פֿון אַ דיכטער אַרויסגעזאָגט געװאָרן אַזעלכע קעגנזעצלעכע מײנונגען (למשל, בעל מחשבות, ניגער און דובנאָװ).

שמואל פֿרוג האָט סײ באַלד פֿון אָנהויב, סײ אין די שפּעטער־דיקע צײטן געצויגן די אויפֿמערקזאַמקײט פֿון דער קריטיק. איך האָב געפּרוּװט זיך באַקענען מיט איר, אָנגעצײלט בײ אַ 150 אָפּהאַנדלונגען, גרעסערע און קלענערע, און דאָס איז נישט אַלץ. פֿרוג איז געװען אַ פּרוכטיקער דיכטער. מ׳קאָן װעגן אים זאָגן, אַז ער האָט אַ סך געשריבן.

* * *

שמואל פרוג איז אַ באַזונדערע דערשיינונג אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור־געשיכטע. ס'זענען באַקאַנט ביי אונדז נישט ווייניק פאַלן, ווען יידישע שרייבערס, אָדער יידן שרייבערס, זענען באַלד ביי זייער אָנהייב, אָדער שפּעטער, אַוועק אין דער פרעמד. ס'זאָל עמיצער קומען, אָדער צוריקקומען פון דער פרעמד, פון אַן אַנדער־שפּראַכיקער ליטעראַטור, בפרט ווען דער עמיצער האָט זיך דאָרט דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען, איז מיט ליכט צו זוכן, אויב נישט רעכענען דוד עדעל־שטאַט, אָבער ער, עדעלשטאַט, האָט בלויז געמאַכט דעם אָנהייב אין רוסיש.

ווי באַקאַנט איז פרוג געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער רייכער רוסישער דיכטונג. געקומען פון אָנהייב מיט דריי בענד לידער אין רוסיש, וואָס האָבן זיך געהאַט איינגעשאַפט גרויס אָנזען און חשיבות, דערנאָך מיט נאָך דריי בענד. און דאָ ווילט זיך דערמאָנען בערדיטשעווסקין: מיכה בערדיטשעווסקי האָט, שרייבנדיק וועגן פרוגן, געלאָזט פאַלן אַזעלכע ווערטער: „וואָס פרוג האָט געמאַכט אויף רוסיש ווייס איך נישט, אָבער וועגן זיינע יידישע שירים ווייס איך גראָד..." אָט די ווערטער האָבן מיר אונטערגעזאָגט, אַז מ'קאָן שרייבן וועגן פרוגן, הגם כ'האָב זיינע רוסישע לידער געלייענט בלויז אין אַ קליינער צאָל איבערזעצונגען און וועגן די איבעריקע רוסישע שאַפונגען ווייס איך בלויז דאָס, וואָס אַנדערע האָבן וועגן זיי געשריבן.

* * *

דער דערמאָנטער באַקאַנטער פראַנצויזישער קריטיקער פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט, סענט־בעוו, האָט געשריבן, אַז כדי צו באַנעמען דאָס ליטעראַרישע ווערק פון אַ שאַפער איז נויטיק „...אין באַטראַכט צו נעמען דעם אַלגעמיינעם מצב פון דער ליטעראַטור אינעם מאָמענט, ווען דער שרייבער האָט דעביוטירט, די אַלגעמיינע דערציונג, וואָס דער שרייבער האָט באַקומען און זיין אייגענעם טאַלאַנט מיט וועלכן די נאַטור האָט אים באַשאָנקען...".

זשאַן פּאָל סאַרטר האָט אין זיין לעצטן בוך „סיטואַציעס", אין שייכות מיט זיין ווערק וועגן פלאָבערן „דער אידיאָט פון דער משפחה" זיך אויסגעדריקט בזה הלשון: „איך האַלט, אַז ס'איז אומ־מעגלעך צו רעדן אַפילו וועגן אַ קינד אָדער וועגן אַ יונגן מענטש

(ס׳מיינט וועגן פלאָבערן — ל. ב.) אָן אים צו סיטויִרן אין זיין עפּאָכע״. אומקערנדיק זיך צו סענט-בעוון האָט ער צו זיינע אויבן ציטירטע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען צוגעגעבן, אַז „די קריטיק ריזי־קירט צו ווערן אונטער אונדזער פעדער אַ לייכטע אַנאַטאָמישע סעקציע״, אויב מען האַלט זיך שטייף ביי געוויסע פּרינציפּן און מען פאַרזעט דעם מענטש גופא אינעם שרייבער, דעם מענטש מיט זיינע פּסיכישע אויפטרייסלונגען, מיט זיינע איבערלעבענישן. זעלטן ווען איז אַ שאַפע־רישע פּערזענלעכקייט אויסגעגאָסן פון איין גוס.

פרוג איז אויך נישט געווען אויסגעגאָסן פון איין גוס. מ׳האָט אים נישט איין מאָל פאָרגעוואָרפן זיינע אינערלעכע סתירות. און סתירות זענען פאַראַן נישט זעלטן ביי שאַפערישע מענטשן, דער עיקר אין באַשטימטע צייט-אָפּשניטן.

שמואל פרוג האָט זיך באַוויזן אויף דער ליטעראַרישער אַרענע אין אַ צייט פון פּרשת דרכים אין דער גייסטיקער יידישער וועלט. ס׳איז געווען דער שייד-וועג צווישן דער השכלה און די פרימאָרגן־שטראַלן פון אַ נייעם יידישן רענעסאַנס. אַ שייד-וועג איז קיינמאָל נישט קיין לייכטער וועג. איין עפּאָכע טרעט נישט לייכט אָפּ פאַר אַן אַנדערער. ס׳טרעפט אָפט, אַז אין די טרעגערס פון נייע ווערטן (ספּי־ריטועלע אָדער פּאָליטישע) טליען נאָך טיף פונקען פון צאַנקענדיקע פלאַמען, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פריערדיקער עפּאָכע. מ׳וואָלט געקאָנט ברענגען פיל און פאַרשידנאַרטיקע ביישפּילן, לאָמיר זיך אָבער באַגרענעצן צו מענדעלען. ער, וואָס האָט געעפנט אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, איז געווען דער פאָטער פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. ער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי געלייטערט קינסטלעריש וואָרט, נייע ווערטן, איז איינצייטיק נאָך געווען דורכגעדרונגען מיטן משכילישן מוסר-השכל, מיט האַר־בער שטראָפערישקייט. אויף פרוגן, דעם ווייניקער שטאַרקע פּערזענ־לעכקייט, ווי דער זיידע, האָט דער שייד-וועג נישט ווייניקער זיך אויסגעווירקט.

פרוגן איז אויך באַשערט געווען אויפצוקומען אַלס דיכטער נישט נאָר אין אַ צייט פון יידישער רעכטלאָזיקייט, נאָר אויך פון גרויסע רדיפות און פּאָגראָמען. אין די צייטן פון שייטערהויפנס אין שפּאַניע און בעת די גירושים אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער האָבן יידן

זיך געניטיקט אין קינות־דיכטערס. נאָך דער קרעמאַטאָריע־עפּאָכע האָבן מיר געהאַט אַנדערע דיכטערס באַזינגערס־באַוויינערס. בעת די צאַרישע פּאָגראָמען, אין אַנבליק פון יידישער אַנמעכטיקייט, איז דאָס געווען שמואל פרוג. זיכער איז די עפּאָכע נישט אָן איין־איינציקער „מאַטאָר״, פרוגס צאַרטע און דיכטערישע נאַטור, זיין דערציונג, זיין אייגענע און פרעמדע סביבה, זיין גרויסע פּערזענלעכע דראַמע וועגן וועלכער מען דערציילט וויניק, אָדער מען דערציילט מיט רמזים, האָבן אָן ספק געלייגט אַ שטאַרקן חותם אויף זיין שאַפונג.

***

פרוגס וועג צו ווערן אַ רוסישער דיכטער איז אויך נישט געגאַנגען דורך גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. דאָס איז אפשר כדאי אונטער־צושטרייכן. זיין סביבה ביז 15 יאָר איז געווען די דאָרפישע היים, ווו ער האָט באַקומען זיין ערשטע דערציונג. זיין ערשטע שולע איז געווען דער דאָרפישער חדר. ווי באַקאַנט, איז דער דיכטער געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ דאָרף אין דער כערסאָנער גובערניע, אין אוקראַינע, צווישן יידישע ישובניקעס, וואָס האָבן געהערט צו די ערשטע יידישע ערד־אַרבעטערס אין רוסלאַנד. דורך אגב, איז דאָס דעמאָלטיקע יידישע דאָרף בעת די „האַניק־חדשים״ פונעם יידישן לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד געוואָרן אַ יידישער ראַיאָן און געטוישט זיין נאָמען פון באַבראָווי־קוט אויף קאַלינין. פרוג האָט פון קינדווייז אָן זיך אַנטציקט מיט דער נאַטור, מיטן וואַלד און פעלד, אויפגענומען דעם קלאַנג פון ווינט, דעם מורמל פון טייך און דאָס געזאַנג פון די פייגל. זיין ליבשאַפט צו דער נאַטור, צו דער דאָרפישער סביבה האָט ער חוץ אין זיינע דיכטערישע שאַפונגען אַרויסגעבראַכט אין זיין צויבערנדיקער דערציילונג „דאָס שטויסל״. אַפילו זיין רבי, רב הערש, האָט געהאַט „אויגן בלאָע און ליכטיקע ווי דער הימל איבער די פעלדער...״ און פאַר זיין בעסטן רבין האָט ער שפּעטער באַטראַכט די נאַטור גופא. „די גאַנצע נאַטור איז מיין רבי געווען״ — פאַרטרויט ער זיך אין זיינעם אַ ליד.

קיין סך אַנדערע רבי׳ס און לערערס האָט ער נישט געהאַט. בלויז פיר יאָר געלערנט אין דער דאָרפישער רוסישער שול; אַליין וייטער

איינגעביסן זיך אין דער רוסישער שפּראַך, פּונקט ווי ער האָט געקנעלט דיקדוק און מיט ליבשאַפט צוגעגוויגט דאָס אויער צום תנ״ך, ווי ער האָט ווי אין דער נאַטור אַנטדעקט אַ צויבער־וועלט. צו 15 יאָר האָט ער געמוזט ווערן דער שפּייזער פון דער משפּחה, ווייל דער פאָטער, דער דאָרפס־ייִד, איז געווען אַ שווער קראַנקער. אין זכות פון זיין שיינער האַנטשריפט איז ער אין כערסאָן אָנגעקומען אַלס „שרייבער״ צום קאַזיאָנער ראַבינער, ביי וועלכן ער האָט מיט אַ געטאַקטער שריפט „געפירט די ביכער״. אין שטאָט האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט דער שוואַרצער ייִדישער נויט, מיט ייִדישע צרות, דערפילט מיט אַלע חושים, אַז ער געהערט צו אַ פאַרפאָלגט פאָלק און איז געוואָרן זיין שליח ציבור, לכתחילה ווי אַ רוסישער דיכטער, דערנאָך ווי אַ ייִדישער.

זיין רום איז געקומען באַלד ביים אָנהייב. שוין די ערשטע לידער אין רוסיש, געדרוקטע אין 1880 אין פּעטערסבורגער „ראַזוויעט״, האָבן דעם 20־יאָריקן דיכטער געבראַכט אַזאַ אָנזען, אַז די צייטונג האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין פּעטערסבורג און כדי אים איינצושאַפן „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ״ האָט מען אים צוגעשריבן אַלס לאַקיי ביי דעם אַדוואָקאַט מאַרק וואַרשאַווסקי. זיין שטערן האָט זיך צעלויכטן אַלע מאָל מער, דער עיקר צווישן דער אַסימילירטער ייִדישער אינטעליגענץ. דאָס האָט אים אָבער נישט פאַרהיטן פון דחקות, פון אַנדערע קלעמענישן. שמעון דובנאָוו, דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור־קריטיקער, הגם ער האָט געהאַלטן, אַז די גרויסע שבחים פון דער קריטיק זענען מסוגל גיכער זיך אויסצווירקן אומגינסטיק אויפן יונגן דיכטער, האָט גלייכ־צייטיק געשריבן, אַז ער איז „... געווען אַן עדות פון דעם ווי אין דער נשמה פון פּאָעט, וואָס איז פאַרזונקען אין די זאָרגן פון דער הבלדיקער וועלט, האָט זיך צעפלאַקערט דאָס פייער פון השתפכות הנפש, ווי אויף די ברוקשטיינער פון דער קרוין־שטאָט בענקט ער נאָך די היימישע פעלדער״. אַ סברה, אַז ס׳איז געווען אַ בענקשאַפט נישט בלויז צו די היימישע פעלדער. ער האָט שטענדיק געלעבט מיטן לעבן פון זיין פאָלק און געוויטיקט מיט זיינע ווייטיקן. ער האָט זיך קיינמאָל פון זיין פאָלק נישט דערווייטערט. ווי ס׳איז שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, איז זיין רוסישע דיכטונג געווען רוסיש בלויז שפּראַכלעך, איר אינהאַלט איז דורכויס ייִדיש — מאָטיוון פון תנ״ך, פון ייִדישע לעגענדעס, ביטערער ייִדישער שיקזאַל. איינע פון

זיינע באַקאַנטע לידער, וואָס מיר האָבן מיט ענטוזיאַזם געזונגען און רעציטירט אין אונדזער פריער יוגנט. „דער כוס", איז דאָך געשריבן געוועז אין רוסיש און זיין יידישן לבוש האָט אים געגעבן י. ל. פרץ. אגב האָט ביאַליק, פרוגס גרויסער פאַרערער, געהאַלטן, אַז אויך זיין שפּראַך איז אין יידישן גייסט. „פאַר מיר — לייענען מיר צווישן אַנדערן ביי ביאַליקן — האָט פרוג געשריבן נישט אויף רוסיש. לייענענדיק זיינע רוסישע לידער, האָב איך אין יעדן וואָרט דערפילט די שפּראַך פון אונדזערע אָבות". ביים סוף פון זיין לעבן האָט פרוג טאַקע אָנגעהויבן שרייבן אויך אין העברעיש.

***

אויף יידיש האָט פרוג אָנגעהויבן דרוקן אין 1888, ווען ער איז שוין זינט 8 יאָר געווען אַ באַקאַנטער רוסישער דיכטער. דער „יידישער פאָלקסבלאַט", אין וועלכן ס'זענען אָפּגעדרוקט געווען זיינע ערשטע יידישע לידער, האָט געמאַכט אַזאַ אַריינפיר צו זיי: „די רעדאַקציע פרייט זיך צו זען, אַז דער ווייט און ברייט באַקאַנטער רוסישער דיכטער פרוג ווידמעט זיין פעדער אויך דער פאָלקסשפּראַך". אַלע אַנדערע יידישע צייטשריפטן האָבן זיך נישט ווייניקער געגרויסט מיט זיין מיטאַרבעט. הכלל, ער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ „ווייט און ברייט באַקאַנטער רוסישער דיכטער". און דאָך זענען די שפּעטערדיקע קריטיקערס, וואָס ווייזן אָן, אַז פרוגס דיכטונג אין יידיש, איבערהויפּט אין זיין ערשטן פּעריאָד, איז בלאַסער אין פאַרגלייך מיט זיינע רוסישע לידער, אַ סברה נישט אומגערעכט. אויב אָבער מען זאָל דאָס אָננעמען, מוז מען אין באַטראַכט נעמען דעם ניוואָ פוןביידע ליטעראַטורן.

ווען פרוג איז געקומען אין דער רוסישער דיכטונג, האָט זי, די רוסישע דיכטונג, שוין פאַרמאָגט אַ פּושקין, אַ קרילאָוו, אַ לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו. לאָמיר זיך דערמאָנען אין די אויבן ציטירטע ווערטער פון סענט-בעוון, צו נעמען אין באַטראַכט דעם מצב פון דער ליטעראַטור אין וועלכער אַ שרייבער דעביוטירט. פרוג האָט צעשפּרייט די דיכטעריש יונגע פליגלען אין אַ הויך קינסטלערישן רוים.

אַנדערש איז דאָס געוועזן, ווען פרוג איז געקומען אין 1888 אין

דער יידישער דיכטונג. זי האָט אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט, און דאָס אויף גאָר נישט קיין לייכטן באָדן. דאָס יידישע לשון, בפרט דאָס פּאָעטישע לשון, איז נאָך דעמאָלט געווען אין כמעט אַ רויען צושטאַנד, נאָך נישט פאַרמאָגט די וויכקייט, בייגעוודיקייט, דעם נויטיקן קלאַנג און פאַרב. זאָלן מיר זיך וווּנדערן וואָס די יידישע פּאָעזיע האָט פרוגן דעמאָלט אויסגעזען, ווי ער שרייבט דאָס אין זיינע פערזן, ווי אַן

„אַלטע יתומה, אָן טאַטן, אָן מאַמען
וואָס שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ טאָרבע מיט גראַמען".

אים, דעם סובטעלן ליריקער, דעם געקומענעם פון דיכטערישן פּאַרנאַס, איז זיכער נישט לייכט געווען פון אָנהייב אויסצווזינגען זיין איינגעבוירענעם פּאָעטישן ניגון דורך אַ נאָך נישט־קולטיווירטן שפּראַך־אינסטרומענט. און פּאַרט: דאָס, וואָס מ׳האָט דעמאָלט גלייך דערפילט אין זיין ליד, דאָס, וואָס מיר פילן נאָך היינט, איז די רייפקייט, די פרישקייט, די נייקייט — נייקייט צו יענער צייט. איז דאָס מסתמא נישט געווען קיין איבערטרייבונג, אַז ער האָט געמוזט מיט די ציין זיך איינבייסן אין אַ רוי־ערד פון אַ פּאָעטיש לשון, ווי מיר לייענען דאָס אין זיין ליד „עפּיטאַפיע":

„מיט אַלע כוחות, מיטן לעצטן צאָן
געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן
געקייט די ליבע שפּראַך פון אונדזער מאַמען
געפעפערט מיט צעזור, געזאַלצן מיט גראַמען
צו מאַכן כאָטש אַ ביסעלע ווייך
און צו פאַרדושן יענעם ליבן ריח
פון ווילנער מאַרק..."

אַט די און נישט־וויניק ענלעכע פערזן, דאָס אָנרופן דאָס יידישע לשון זשאַרגאָן, האָבן געוויסע היינטצייטיקע קריטיקערס אָנגענומען פאַר ביטול, אין בעסטן פאַל פאַר ווייַנען איבערן יידישן לשון. איז קודם כל ווידער אַ מאָל נויטיק צו דערמאָנען, אַז פרוג איז אויפגעשטיגן אין אַ צייט, ווען עס האָט נאָך געווירקט די השכלה, הגם אירע הויכע

כוואַליעס האָבן שוין געהאַט אָפּגעפּלאַסן. פרוג איז געקומען מיט זיין דיכטערישער מוזע פון דער הויכער רוסישער דיכטונג, אָבער די אייגענע סביבה, איר גייסטיקער קלימאַט ווירקן. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס אויך ביי אים, פרוגן, דעם געקומענעם מיט אַ גרייטן קינסטלערישן אַרסענאַל, מיט אַ פּאָעטישער אַרכיטעקטאָניק, זענען פּאַראַן, ווי ביי די משכילים, לידער אין וועלכע דער מוסר השכל, די דידאַקטישקייט, האַמעווען דאָס קינסטלערישע וואָרט.

די משכילים זענען געקומען מיט האַרבע שטראָף־רייד צום פּאָלק און מיט גרויס פּאַראַכטונג צום „זשאַרגאָן״. ווען שלום עליכם האָט איינגעלאַדן יהודה לייב גאָרדאָנען מיטצואַרבעטן אין זיין „יידישע פּאָלקס־ביבליאָטעק״, האָט דער העברעיִשער דיכטער, וועלכער האָט שפּעטער אויך געשריבן אין יידיש, אָפּגעזאָגט כדי נישט מיטצוהעלפן דעם „זשאַרגאָן״. פרוג, פאַרקערט, ער האָט „מיטן לעצטן צאָן געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן״, געפּיילט און געשליפן דאָס רויע נאָך יידישע וואָרט. אויב ס׳זאָל פון אָנהויב האָבן געווען אַ געוויסער ביטול — גיכער איז דאָס געווען אַ רחמנות־געפיל — האָט ער זיך אָבער גלייכצייטיק באַצויגן מיט גרויס חשיבות צום יידישן לשון. „לעבן און בליען און וואַקסן און קלינגען זאָל דאָס אָרעמע, עלנטע יידישע ליד״! — האָט ער געשריבן.

אמת איז, אַז פרוג האָט געוויינט און געקלאָגט איבערן יידישן קולטור־מצב און דעמאָלטיקן מיטלאַלטערלעכן לעבנסשטייגער. און ווען ער האָט געשפּאָט און איראָניזירט, איז דאָס אויך געווען מיט אַ טרער און מיט ווייטיק. פרוג איז געווען דורכגעוועבט מיט לייד און פּיין. האָט ער דאָך ווי זעלטן וועלכער דיכטער מיט אַזוי פיל האַרצווייטיק אויסגעזונגען דעם יידישן צער, דעם שווערן יידישן שיקזאַל, די יידישע פּיינען. ער האָט אויך נישט אויסגעמיטן צו לאָזן פאַלן אַ טרער איבערן גורל פונעם יידישן דיכטער, ווי מיר קאָנען דאָס לייענען, למשל, אינעם ליד „אַ בלעטל ווידוי״, געשריבן אין 1890, ובכן, צוויי יאָר נאָך דעם ווי ער איז אַריין אין דער יידישער דיכטונג:

„...די גאַנצע נאַטור איז מיין רבי געווען
זי האָט מיך געלערנט אי זינגען, אי שפּילן,
זי האָט מיך געלערנט אי דענקען, אי פילן

זי האָט מיר געוויזן וואָס מיאוס און שיין
דאָס האַרץ זאָל זיין פריש, און דער קאָפּ זאָל זיין ניכטער
צו אַלץ זאָל איך האָבן אַ וואָג און אַ מאָס
און איך בין געוואָרן צו מזל... אַ וואָס ?
אַ דיכטער, רבותים, אַ יידישער דיכטער,
איר ווייסט וואָס דאָס איז, וואָס דאָס האָט פאַר אַ ווערט ?
פון וואַנען דאָס נעמט זיך ?... אַך, לאָזט מיך צופרידן,
פאַרשאָלטן איז דער וועמען ג-אָט האָט באַשערט
צו זיין אַ משורר... ביי יידן...״

אויך אַזעלכע קלאָג-אַקאָרדן, סאַטירישע אַקאָרדן, וואָס חזרן זיך איבער אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, האָט נישט איינער פון אונדזערע היינטצייטיקע קריטיקערס דעם דיכטער גענומען פאַר אומגוט. ס'האָט ביי זיי באַדייט, אַז פרוג שאַצט אונטער דעם יידישן עולם, דעם יידישן לייענער. נאָך מער: שייך, ווי קאָן אַן אָנגעזעענער דיכטער, אַ נאַציאָנאַלער דיכטער זיך באַטראַכטן פאַר פאַרשאָלטן ?

ווילט זיך דערויף ענטפערן, אָדער דערמאָנען, אַז אַזעלכע אַקאָרדן קאָן מען געפינען ביי נישט איינעם פון אונדזערע גרויסע דיכטערס און נישט בלויז ביי אונדז יידן האָבן גרויסע שאַפערס צייטנווייז געפילט זיך ווי פאַרשאָלטן, דער עיקר טאַקע אין דער צווייטער העלפט און ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט. באָדלער, רעמבאָ, ווערלען, און אויך גרויסע מאָלערס ווי סיסליי, וואַן גאָג, אויב זיך בלויז באַגרענעצן צו זיי, צומאָל נעענטערע צו אונדז יידישע מייסטערס, ווי מאָדיליאַני, פּאַסקין, וועלכער האָט צו 40 יאָר מיט איבערגעשניטענע אָדערן זיך אויפגעהאָנגען, האָבן זיך נישט זעלטן געפילט ווי אַ קללה וואָלט איבער זיי געהאָנגען. ס'איז אַ צו קאָמפּליצירטע טעמע. עס פּאַסן זיך אפשר דאָ פרוגס פערזן, וואָס רעדן וועגן דעם ווי שווער ס'איז צו פאַרשטיין וואָס ס'טוט זיך אין דיכטערס האַרץ —

„...ווי גרויס, ווי שווער, ווי שרעקלעך איז זיין טרויער,
ווי טיף און ברענענד איז זיין שמערץ.״

וואָס שייך דעם ביטערן גורל פון זיין אַ דיכטער ביי יידן האָט

זיך דען אונדזער גרויסער י. ל. פרץ נישט געקלאָגט אויף אים? האָט ער דען נישט געשריבן: „אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען ווען איך וואָלט פאַר גויים גוייִש געזונגען" ? (ציטיר פון זכרון — ל.ב.) און האָט ער זיך דען נישט געקלאָגט אויפן דעמאָלטיקן יידישן לשון, וואָס „האָט נישט קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן" ? אויך אַ סך שפּעטער, שוין אין אונדזערע צייטן, האָט דער טאַלאַנטפולער דיכטער מאַני לייב אין זיינעם אַ סאָנעט אויסגעדיכטעט זיין צער פון אַ יידישן דיכטער אין אַזעלכע ווערטער

„...אַז וויל און וויל איז דיר, דו גוייִשער פּאָעט!
דו זיץ נאָר ווי דער דראָסל אויף דיין צווייג און צוויטער
...און דאָ בין איך אַ נישט געדאַרפטער, אַ פּאָעט ביי יידן..."

נייַן, פרוג איז נישט געווען דער איינציקער פון אונדזערע גרויסע דיכטערס, וואָס האָבן געוויינט אויפן גורל פון אַ יידישן דיכטער. זיכער, ער איז אויך נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געלעבט אין דחקות, אין איינזאַמקייט. זיין איינזאַמקייט אָבער האָט ער, אַ סברה, אָפּגעפילט ווי אַ פאַרשטויסנקייט. אגב האָט נישט איין קריטיקער אים פאַרגעוואָרפן דאָס, וואָס ער האָט זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן מיט זיין קריסטלעכער פרוי, נאָך דעם וואָס אַזאַ קריטיקער איז מסוגל געווען צו קוקן אויף אים מיט אַ קרום אויג צוליבן פאַקט גופא וואָס ער האָט געלעבט מיט אַ קריסטלעכע פרוי. מיר פאַרמאָגן נישט גענוג דאָקומענטן וועגן פרוגס פערזענלעכער דראַמע. אָבער פון דעם וואָס מיר ווייסן יאָ איז נישט שווער אַרויסצודרינגען, אַז דער דיכטער האָט זיך נישט געפילט פריי נישט אין דער יידישער סביבה און נישט אין דער רוסישער. דאָס איידעלע רוסישע מיידל האָט צוליב די דעמאָלטיקע געזעצן אין צאַרישן רוסלאַנד נישט געקאָנט זיך מגייר זיין. און זיין האַרץ איז געווען צעקלעמט וואָס אויך זי, זיין הייס געליבטע, האָט זיך געפילט פאַרשטויסן. זיין איינציק טעכטערל, וואָס איז געשטאָרבן צו 13 יאָר, האָט דער נאַציאָנאַלער דיכטער בשום אופן נישט געקאָנט מקבר זיין אויפן יידישן בית־עולם, וואָס האָט פאַרטאָפּלט די פיין פון פאָטער, אונטערגעגראָבן פולשטענדיק דעם דיכטערס געזונט און אַפּנים דערפירט צו אַ פריצייטיקן טויט אין עלטער פון 56 יאָר.

יאָ, פרוג האָט אויך געהאַט גענוג פּערזענלעכע סיבות אויסצווויינען זיין געזאַנג. אָבער ער האָט זיין פּערזענלעכן ווייטיק נישט פונאַנדערגע־שפּרייט אין זיין דיכטונג, קיינמאָל נישט אָפּגעדעקט די טיפע ווונד, וואָס ער האָט געטראָגן אין האַרץ. ס'האָבן זיך אָבער געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אים אויך דאָס גענומען פאַר אומגוט. גייט ווייסט וואָס פאַר אַ פּגימות אַ קריטיקער קאָן אויסגעפינען ביי אַ שאַפער. קאָראָלניק, למשל, שרייבנדיק וועגן פרוגן, האָט געשטעלט צווישן אַנדערע האַרבע שאלות אָט אַזעלכע: „...קאָנט איר זיך אויסמאָלן אַ דיכטער, וואָס זאָל תמיד שרייבן איבער פאָלקס־שמערצן, פאָלקס־האָפענונגען און קיינמאָל נישט איבער זיינע אייגענע? קיינמאָל נישט איבער זיין פּערזענלעך לעבן? ווי קאָן מען זיין אַזאַ נסתר? ווי קאָן ער אַזוי פאַרבאָרגן זיין פּערזענ־לעכקייט? אָפּגעבן זיך אויסשליסלעך מיט זיין פאָלקס־זאַך?"

איז ראשית כל, אויב אַ דיכטער זינגט אויס אַ פאָלקס־זאַך מיט זיין אייגענער מעלאָדיע, ווי דאָס האָט געטאָן פרוג, שפּיגלט ער שוין במילא אָפּ זיין פּערזענלעכקייט. דער צאַרטפילִיקער לייענער דערפילט אין אַלגעמיינעם געזאַנג־געוויין דעם דיכטערס פּערזענלעכן גורל. והשנית, האָט פרוג נישט־ווייניק לירישע לידער אין וועלכע מיר דערזעען דעם דיכטער דירעקט. אָט לאָמיר נעמען, למשל, אַזעלכע פערזן:

„...און שוואַך און טונקל זענען מיינע אויגן,
מיין קאָפּ געבויגן שוואַך און גרוי
און אויף מיין האַרץ אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן
פאַלט שוין דער קאַלטער אָוונט־טוי..."

עס גייט אָבער נישט בלויז אין דעם. פרוג איז אַן עכט קינד פון זיין עפּאָכע.

***

שמואל פרוג איז אויפגעשטיגן אין דער דיכטונג אין אַ צייט, ווען פּאָעזיע — און ליטעראַטור בכלל — איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַן אמתע שליחות. סיי אין דער רוסישער, סיי אין דער יידישער שאַפונגס־ספערע. גענוג צו דערמאָנען די רוסישע פאָרגייערס, דעם דיכטער נעקראַסאָוו,

די גרויסע שרייבערס און קריטיקערס הערצען, ביעלינסקי. פון דער יידישער דעמאָלטיקער ליטעראַרישער וועלט וואָלט מען געקאָנט ציען אַ לאַנגע רשימה. אַ קאָרג יאָר נאָך זיין קומען אין דער יידישער דיכטונג האָט פרוג אין זיין לאַנגן ליד „צום נייעם יאָר 1889" אַזוי אויסגעדיכטעט זיין פּאָעטישן אני מאמין:

„רבונו של עולם! פאַרנעם פון דער הויך
מיין ביטערן קלאָג און מיין ברומען;
טו נייגן דיין אויער צו מיר, ווייל איך בין
צו דיר אין שליחות געקומען.

געשיקט האָט מיך, גאָטעניו, צו דיר
דיין זון, דיין בן יחיד ישראליק,
מיט וועלכן דו לערנסט שוין צוויי טויזנט יאָר
פירושים אויף סדרה בלק..."

צוגעבן דאַרף מען, אַז דער דיכטער גופא האָט אויף זיין אייגענעם אופן, מיט גרויס רחמנות און ווייטיק, אָבער אויך מיט דער הילף פון סאַטירע, געפּרוּווט צייטנווייז לערנען בלק מיט ישראליקן. אין דעם פּרט געהערט ער צו די שרייבערס ביי וועלכע די גרויסע ליבשאַפט צום פאָלק גייט האַנט ביי האַנט מיטן אָפּדעקן און אויסלאַכן די הויקערס פונעם פאָלקס־אָרגאַניזם. עס ווילט זיך דאָ דערמאָנען פרוגס אַ כאַראַקטעריסטישע דערציילונג אין דעם פּרט — „די קאָפּיקע" — אין וועלכער ער שילדערט די יידישע שוואַרצע נויט, אָבער צוליב די אַרומרייסעניש פון קהל אַרום איין־איינציקער קאָפּיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעפונען אין דער יידישער עדה, איז משיח נישט געקומען. אין זיין דיכטונג האָט פרוג אויסגעזונגען און אויסגעוויינט די כלערליי יידישע צרות, די גרויסע ליידן און קליינע פריידן, די שטענדיקע אַנגסט און שרעק, דאָס טאָגטעגלעכע און יום־טובדיקע, וואָס רופט זיך איבער מיט תנכישע געשטאַלטן און געשעענישן. ער האָט ווי זעלטן וועלכער דיכטער פון יענער צייט אַריינגעדרונגען אין יידישן געמיט און מיט דעם האָט ער זיך גלייך פון אָנהויב קונה שם געווען ביים יידישן עולם. איינצייטיק אָבער האָט ער ווי אַ פאָלקס־דיכטער זיך געהאַלטן

פֿאַר באַרופֿן אָפּצודעקן אויך די גרויקייט אינעם יידישן לעבן, דאָס לעכערלעכע און מיאוסע.

אויב מ׳זאָל אין קורצע ווערטער דעפֿינירן פֿרוגס דיכטערישע נאַטור, דאַרף מען קודם כל אָנווייזן, אַז דער דיכטער און אויך זיין גאַנצער פּאָעטישער מהות איז דורכגעדרונגען מיט גרויס מיטלייד צום ליידנדיקן מענטש, מיט טיפֿער צוגעבונדנקייט און מיט ליבשאַפֿט צו זיין געדודפֿט פֿאָלק און מיט ברענענדיקן דראַנג צו דערלייזונג, צו נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג. אפֿנים דערפֿאַר איז אים נישט גענוג געווען צו זיין אַ רוסישער דיכטער, דער וואָרטזאָגער פֿון דער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ. אים האָט געצויגן צו דער געדיכטעניש פֿון פֿאָלק, צום פּשוטן מענטש און געזען האָט ער זיין דערלייזונג אין דער דערלייזונג פֿון גאַנצן פֿאָלק. אויך די סאָציאַלע מאָטיוון זענען געבונדן ביי אים מיט נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג. אויב מ׳קאָן זאָגן אויף זיינע לידער, אַז זיי זענען אמתע תּפֿילות, זענען דאָס ראשית כל זיינע פֿרייהייטס־לידער —

„צו דיר, אָ פֿרייהייט! ריינער קוואַל\
פֿון פֿרייד ליכטיקער און שטילער,\
פֿליט אונדזער ליד פֿון טרערן מיד,\
פֿאַר דיר צעגיסט זיך אונדזער תּפֿילה...״ (די תּפֿילה)

פֿרוג האָט אין זיינע לידער אויסגעדיכטעט דעם טרוים פֿון דורות זיך אומצוקערן אין דעם לאַנד פֿון די אָבות. דעם דורותדיקן ציון־טרוים האָט ער געשפּינט דער עיקר אין זיין ציקל ציון־לידער, אָנגע־זאַפּטע מיט טרערן און אויך מיט האָפֿענונג און גרויס ליבשאַפֿט צום יידישן פֿאָלק. הגם די ציון־לידער געהערן מסתמא נישט צו די אַמ־מיינסטן שלימותדיקע, ווי דאָס זענען די נאַטור־שילדערונגען, די אַרבעטס־און פֿרייהייט־לידער, ווי „די פֿאָן״, געוויסע באַלאַדעס, ווי „דעם שמשס טאָכטער״, האָבן זיי אָפֿנים אויסגעפֿירט אַ נאַציאָנאַלע שליחות. און ס׳איז זיך משער צו זיין, אַז פֿרוג וואָלט אין זיין שווערן לעבן געווען גליקלעך, אויב ער וואָלט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, אַז זיין מצבה וועט אַמאָל איבערגעפֿירט ווערן אין דער היסטאָרישער יידישער היים, ווי דאָס איז געשען. מיט רעכט האָט דובנאָוו געהאָט געשריבן, אַז

פרוג איז געווען אַ ציוניסט איידער דער ציוניזם איז אויפגעקומען ווי אַ באַוועגונג. שמעון דובנאָוו האָט אויך פאַרגליכן פרוגן אין דער יידישער פּאָעזיע צו די ערשטע מייסטער אין דער יידישער פּראָזע.

* * *

פרוגס פילצאָליקע און פאַרשידנאַרטיקע שאַפונגען זענען נישט פון זעלבן ווערט. ער האָט געשריבן אין פאַרשידענע זשאַנערן — לידער עפּישע, עלעגישע, אידילישע, באַלאַדעס, פאַבלען און אויך דערציילונגען, פעליעטאָנען. און ער האָט געשריבן ספּאָנטאַניש, מיט אויסערגעוויינלעכער לייכטקייט. טיילמאָל האָט די לייכטקייט אים פאַרפירט. טיילמאָל האָט די דידאַקטישקייט און דער פּרימיטיווער רעאַליזם צו באַרירן אַ פּראָבלעם דערפירט צו פּשוטן ווערבאַליזם. דער דערמאָנטער שוין מיכה יוסף בערדיטשעווסקי האָט מיט דער גוזמא פון אַ קריטיקער וועגן פרוגס שאַפונגען געשריבן בזה הלשון: „זיי וואָלטן געמאַכט דעם אמתן גרויסן רושם, ווען זיי וואָלטן באַשטאַנען פון אַ פערטל פון דעם וואָס ס׳איז דאָ... אַז מען לייענט מער און מער קומט שוין אויס, אַז דאָס זענען פיוטים פון אַ מחזור. שירים זענען דאָס נישט, אָבער תפילות זענען זיי... און איידער אַ פּראָסטער ייד זאָל זאָגן ברכות און זיי נישט פאַרשטיין, וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ער זאָל דאַווענען און זאָגן פרוגן...״.

לסוף גיט דער שטרענגער קריטיקער צו: „און ווען פרוג וואָלט נאָר דאָס אַליין אויפגעטאָן, איז אויך ווערט, אַז יהי זכרו ברוך!״.

שמואל פרוג האָט אָבער נישט בלויז דאָס אויפגעטאָן. ביי יעדן שאַפער זענען פאַראַן שטאַרקערע און שוואַכערע שאַפונגען. אַ כלל איז, אַז מען שאַצט אַ שאַפער לויט זיינע שפּיצן, לויט די בעסטע שאַפונגען. אויך לויט דעם וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט נייעס.

חוץ דעם וואָס פרוגס דיכטונג איז אַ פאַרטרעטער יידישער הימל, אויף וועלכן עס באַווייזט זיך אַ פאַרביקער רעגנבויגן פון האָפענונגען, חוץ דעם וואָס זי איז אַ שפּיגל פון אַ יידישער עפּאָכע, האָט ער, פרוג, אַריינגעהויכט אין דער יידישער דעמאָלטיקער פּאָעזיע אַ נייעם אָטעם. ער האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג די בילדערישקייט, דעם אימאַזש, דעם קאָלאָריט פון אַרום, די מעלאָדישקייט

און מוזיקאַלישקייט, די דורכזיכטיקייט פון פערז און פרישקייט. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער ייִדישער דיכטונג די נאַטור, און זיינע נאַטור־לידער געהערן אפשר צו די אָממיינסטן שלימותדיקע.

איך וועל זיך נישט שפּאַרן מיט אַזאַ אויטאָריטעט ווי ס׳איז געווען ניגער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז אַנדערע דיכטערס, דער עיקר ליעסין, האָבן די נאַטור בעסער געשילדערט. זיי זענען אָבער געקומען שפּעטער. פרוג איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער ייִדישער דיכטונג דעם הימל און די שטערן, דעם וואַלד און פעלד, די סימפאָניע פון אוניווערס. ער איז דעריבער געווען אַן אָנהייבער פון אַ נייער ייִדישער דיכטונג. און מינקאָוו איז זיך, אַ סברה, נישט טועה געווען, ווען ער האָט געשריבן אַז שמואל שמעון פרוג האָט אין דער ייִדישער דיכטונג אויפגעטאָן דאָס זעלבע, וואָס דער זיידע מענדעלע אין דער ייִדישער פּראָזע־בעלעטריסטיק.

משה שולשטיין

מיט דער פלוצלינגער פּטירה פון משה שולשטיין האָט די יידישע ליטעראַטור, די יידישע דיכטונג געליטן אַ שווערע אבדה. ס'איז אין אָקטאָבער 1981 פריצייטיק אַוועק אין דער אייביקייט אַ פּראָמינענטער דיכטער, וואָס האָט געשפּרודלט מיט שאַפערישקייט. זיין טויט איז אַ באַזונדערע אבדה פאַר דער יידיש־שאַפונג אין פראַנקרייך פון וועלכער ער איז געווען דער אָנגעזעענסטער פאָרשטייער. און ס'איז נאָך שווער צו שרייבן וועגן אַ שאַפער, וואָס דער טויט האָט פּלוצלינג דאָ נישט לאַנג אַוועקגעריסן פון אונדז, בפרט ווען מ'איז מיט דעם שאַפער געבונדן געווען אַ גאַנץ לעבן מיט אַ נאָענטער פריינדשאַפט.

*****

משה שולשטיין האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנצע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ לאַנגע תקופה פון אויפשטייג און אויך פון פאַרצערונג און פאַרלענדונג פון אירע שאַפער. ער גופא האָט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט אויסגעדיכטעט יידיש לעבן, יידישע גורלדיקייט, אויסגעזונגען דעם מענטש און דעם גאַנצן באַשאַף און באַוויינט אַלע יידישע אומגליקן און פאַרטיליקונגען. נישט פאַראַן קיין איין געשעעניש אינעם יידישן לעבן דער דיכטער זאָל נישט האָבן אַרויסגעבראַכט אין ליד אָדער אין פּראָזע פון זיינע 18 ווערטיקע ספרים.

ער איז געקומען פון דער טיפער יידישער אָרעמשאַפט, פון דער קעלער־שטוב. געבוירן סעפּטעמבער 1911 אינעם יידישן שטעטל קאָריוו, לעבן לובלין, האָט משה שולשטיין פון קינדוויז אָן איינגעזאַפּט אין זיך דעם טעם פון שווערער האָרעוואַניע, פון ביטערער נויט; דער ניגון פון טאַטנס ניי־מאַשין, ווי עס הייסט זיינס אַ פאָעמע, דער מאַמעס ניגון ביי דער וויגל, איר פריצייטיק פאַרוועלקט פנים, האָבן אים באַגלייט אַ גאַנץ לעבן און באַקומען אַן אָפּגעשפּיגלונג אין זיינע לידער. אין גאַנץ יונגן עלטער האָט ער מיט זיינע צען פינגער ביים טאַטנס שניידערישער מלאכה געמוזט צוטראָגן צו דער בידנער חיונה אין

שטוב וואָס האָט אים נישט איין מאָל אָפּגעריסן פון חדר, פון דער ישיבה, שפּעטער פון דער יידישער שול. זיין בילדונג האָט ער, ווי אַ יונגער אַרבעטער און שוין אויך ווי אַ דיכטער דערגאַנצט אויף אָוונט־קורסן אין וואַרשע. אין דער זעלבער צייט, ווי ער האָט ווי אַ יונג יינגל מיט זיין אַרבעט צוגעטראָגן אין שטוב צו דער אויסקומעניש, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט פולע קעשענעס פּאַפּירלעך אויף וועלכע ער האָט פאַרשריבן זיינע ערשטע יינגלישע פּערזן. אין וואַרשע, ווו ער האָט זיך מיט דער משפחה איבערגעטראָגן, האָבן זיינע יינגלישע לידער דורך אַ שכן אַריינגעטראָפן צו י. מ. ווייסענבערגן. „דאָס יינגל ווייזט אַרויס סימנים פון טאַלאַנט" — האָט ווייסענבערג געשריבן צו שול־שטיינס שכן־פּראָטעקטאָר און אין אַ צייט אַרום אָפּגעדרוקט אין זיין צייטונג „אינזער האָפענינג" (אויך די גאַנצע צייטונג איז געשריבן גע־ווען מיט ווייסענבערגס אויסלייג) אַ בינטל לידער פון 15־16 יאָריקן יינגל. אַזוי האָט משה שולשטיין אין גאָר פריען עלטער באַקומען ליטע־ראַרישע סמיכה פון י. מ. ווייסענבערגן, וואָס האָט אים דערמוטיקט צו לייענען, לערנען און ווייטער צו שרייבן.

אין זיין באַנד עסייען „אַ רינג אין אַ רינג" איז פאַראַן אַן עסיי אונטערן טיטל „מיין רייזע אַרום דער לבנה" אין וועלכן משה דערציילט אַזאַן עפּיזאָד פון זיין גאָר פריער יוגנט: „אין מיינע יינגל־יאָרן אין וואַרשע האָבן מיינע עלטערן געוווינט אין אַ קליינעם, ענגן צימער, חצי קעלער. איך האָב נישט געהאַט ווהין צו טאָן זיך מיט מיינע באַליבטע ביכער, נישט געהאַט ווו צו לייענען. אַחוץ דעם איז אויך די שיין פון פאַרקאָפּטשעטן נאַפטלאָמפּ געווען טונקל און אומהיימלעך. דערצו האָט דער טאַטע געמיינט, אַז איך, מיט מיין לייענען, צי אַרויס דעם גאַנצן נאַפט פונעם לאָמפּ...

„איז מיר איינגעפאַלן אויסצונוצן דאָס לבנה־ליכט אויף דער גאַס, אָוועקזעצנדיק זיך לייענען ביי איר שיין אויף די טרעפּ און אויף די שוועלן פון די געוועלבער. די לבנה איז געווען העל, מילכיק, ריין און נישט פאַרקאָפּטשעט, ווי דאָס גלעזל פונעם נאַפטלאָמפּ, סיידן אַז אַ קויטיק וואָלקנדל האָט זי אַמאָל אויף אַ ווײַלע צוגעדעקט. דעמאָלט האָב איך בלויז בעל־כרחו געמאַכט אַ קליינע הפסקה אין לייענען. דער לבנה איז גאָרנישט אָפּגעקומען פון דעם וואָס אַ דאַנק איר ליכט זיצט אַ יינגל אויף די טרעפּ און לייענט מיט התמדה און טיילמאָל שרייבט

ער אויך עפּעס אַריין אין אַ קליינעם העפטל — זיינע ערשטע פּערזן...״
אָט אין אַזעלכע באַדינגונגען און אין אַזאַ פריען עלטער האָט משה שולשטיין אָנגעהויבן זיין דיכטערישן באַרוף, אַריינשרייבנדיק ביי דער שיין פון דער לבנה זיינע ערשטע פּערזן אין אַ קליינעם העפטל. זינט דעמאָלט איז ער שטופּנווייז געשטיגן אַלע מאָל העכער און העכער אויפן לייטער פון דיכטונג, פון אַלזייטיקער שאַפערישקייט. און נישט דורך קיין צופאַל האָט דער יונגער דיכטער אַריינגעטראָפן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די אַרעמשאַפט פון וואַנען ער האָט געשטאַמט, אויך דער גייסטיק־געזעלשאַפטלעכער קלימאַט האָבן אים דירעקט געפירט אַהין. משה שולשטיין, ווי אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט האָט מיט האָפענונג אין האַרץ געהאַט געוואָנדן די אויגן צום מזרח פון וואַנען ס׳האָט געזאָלט קומען די ישועה. אין וואַרשע האָט ער געהערט צו דער לינקער גרופּירונג, וואָס האָט זיך אויספאָרמירט אויף דער באַרימטער טלאָמאַצקע 13, וואָס ער האָט שפּעטער, נאָכן חורבן, מיט אַזוי פיל האַרץ באַזונגען אין זיין ליד און אויך געשילדערט אין פּראָזע. סיי דער באָדן פון וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן, סיי די שפּעטערדיקע סביבה האָבן זיך אויסגעווירקט אויף זיין יוגנט־דיכטונג, וואָס האָט פאַרמאָגט שטאַרקע סאָציאַלע אַקצענטן. דער אַרבעטס־מענטש, זיינע גרויסע ליידן און קליינע פריידן, זיינע אַספּיראַציעס און האָפענונגען זענען געווען די הויפּט־טעמעס פון זיינע ערשטע לידער.
אַ שטאַרקער איבערבראָך איז געקומען אין דער ערשטער העלפט פופציקער יאָרן. ס׳איז געווען ביי אים, ווי ביי אַ סך אַנדערע, אַ פולשטענדיקער און ווייטיקלעכער איבערבראָך צוזאַמען מיט אַ שטאַרקן חשבון־הנפש. האָט ער דאָך אין זיין באַנד לידער און פּאָעמעס „בלומען פון באַדויער״, געשריבן „אין שיין פון קדושים״ און „... געהייליקט דעם אָנדענק פון די יידישע שרייבערס און קינסטלערס אין ראַטנפאַרבאַנד, אומגעבראַכטע דעם 12טן אויגוסט 1952, און פון די וועמענס טאָג פון אומקום איז נישט באַקאַנט״, אויסגעשריען און אויסגעוויינט זיין ווייטיק אין אויפטרייסלענדיקע פּערזן:

„... פון סטעפּעס רוסישע, פון רחבותדיקע שטחים,
אַ שנירל בלוט מיין גוף האָט דורכגעבראָכן.
... אַ שנירל בלוט האָט ביז מיין שוועל געצויגן
צו זיין די שריפט אויף מיין כתב־יד, מיין בויגן.״

און ווען ער דיכטעט אויס אין זיין לאַנגער פּאָעמע דעם גרויל פון דער געקוילעטער מוזע אין אַ ליד אונטערן זעלבן טיטל, דערפילט מען נאָך שטאַרקער דעם פּיינלעכן חשבון־הנפש, וואָס דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט:

„... די געקוילעטע מוזע, אַ קלאָר־ווייסע טויב —
האָט ביינאַכט זיך אַ שליידער געטאָן צו מיין שויב.
... זי כאַפּט אָן און פאַרהאַלט אין די פינגער מיין פען:
— דו פּאָעט, ס׳איז דיין פען אויך מיין חלף געווען.
... איך וועל קומען צו דיר יעדע נאַכט אין דיין שלאָף,
בלויז פאַרשווינדן וועל איך פון דיין שלאָף אָן אַ סוף...״

צוזאַמען מיטן איבערבראָך, מיטן חשבון־הנפש האָט זיך אויך זיין טעמאַטיק אַ סך געענדערט. זי האָט זיך פילפאַכיק אויסגעברייטערט. ביי דער זייט פון מענטש פון אַרבעט און נויט האָט זיך געשטעלט דער מענטש בכלל, דער מענטש־ייד, דער עיקר דאָס יידישע פאָלק, וואָס דער דיכטער באַזינגט אַזוי ליריש זיינע פריידן און באַוויינט זיינע אומגליקן. נעבן דער אַלטער היים האָט באַקומען אַ ברייט אָרט די נייע פאַריזער היים. רירנד זענען די לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ די פאַריזער גאַסן און געסלעך, די פאַריזער בריקן, דעם פּראָווינציישן פּייזאַזש מיט זיינע מענטשן.

אין שולשטיינס דיכטונג איז צוגעקומען אַ באַזונדער ברייטע, נייע טעמאַטיק — די ישראלדיקע. אין דיכטערס האַרץ זענען אַלע מאָל טיף פאַרשטעקט געווען נאַציאָנאַלע געפילן. דאָס אויפקומען פון מדינת ישראל האָט אויפגעלויכטן פאַר אים ווי אַ העלער שטערן. נאָכן שווערן איבערבראָך האָבן זיך זיינע נאַציאָנאַלע געפילן צעוואַרעמט, צעגליט. ער האָט זיינע בליקן געוואַנדן צו דער יידישער מדינה. מיט גרויס נייגיר, מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט ער פיל מאָל באַזוכט דאָס לאַנד, ס׳איז געווען אַן אמתער עולה רגל זיין צו דער אַלט־נייער היים; ער האָט אויסגעמאָסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט און געשטאַלטיקט קינסטלעריש אין פילצאָליקע לידער יעדן שפּאַן ערד, באַזונגען די נאַטור־שיינקייטן צוזאַמען מיט די ישראלדיקע

בויער און קעמפער. זיין האַרץ האָט געצאַפּלט פון פרייד ביי ישראלס יעטוועדער דערגרייכונג. „כ׳גיי שטיל אַרום אויף דער ערד״ איז דער טיטל פון איינעם פון די פיל צענדליקער לידער געווידמעט ישראל:

„...אַזוי ווי אַ בעכער אויף שמחות — מיט פרייד
פאַרפולט איז דאָס האַרץ מיינס איבער די ברעגן,
נאָר ס׳דוכט זיך מיר אָפט, אַז מיר קומט נישט די פרייד
און אויסהיטן כ׳דאַרף זי פאַר דעם, וואָס כ׳באַגעגן.

פאַרשטעל איך זי אויף מיין געזיכט מיט די הענט —
נישט זען אין דער שיין פון מיין בליק זאָל זי קיינער
און פלוצים כ׳דערפיל אומגעריכט ווי זי בלענדט —
זי שפּאַרט אויך אַרויס דורך מיין הויט, דורך די ביינער...״

***

משה שולשטיינס דיכטערישע וואָרצלען, ווי פון אַ סך יידישע שרייבערס, האָבן געשטעקט אין דער אַלטער היים, אין פוילן. דאָרט האָט זיך אַנטפּלעקט זיין דיכטערישער באַרוף, דאָרט איז אויפגעגאַנגען זיין מוזע. ער איז דאָרט געקומען אין דער דיכטונג מיט אַן אייגענעם פּנים. נישט געקומען זינגענדיק אין אַ כאָר, הגם ער איז געווען אַ קינד פון זיין דור, פון אַ באַשטימטער סביבה. אָבער אָנגעהויבן זיין געזאַנג האָט ער מיט אַן אייגענעם ניגון. און אויסגעזונגען האָט ער שטענדיק זיין געזאַנג אַזוי נאַטירלעך, ווי נאַטירלעך ס׳איז פאַרן מענטש צו אָטעמען, ווי מיר לייענען דאָס אין זיינס אַ ליד:

„איך זינג, איך זינג,
ווייל איך אָטעם,
איך אָטעם —
ווייל איך זינג.
...קלינג אויף
מיין געזאַנג, מיין געזאַנג

מיטן גאַנצן כוח
גיב אַ קלונג!
אַז איך זינג —
דאָס מיינט אַז איך לעב.
אַז איך לעב,
דאָס מיינט אַז איך זינג.״

אַזוי איז דאָס געווען ביי אים פון אָנהייב אָן. פון אָנהייב אָן האָט ער זיך אידענטיפיצירט מיט זיין געזאַנג. אָבער אויסגערייפט, אויסגעצייטיקט זיך, האָט ער אין דער נייער היים, אין פּאַריז.

אין 1937 איז משה שולשטיין אָנגעקומען אין דער שטאָט פון ליכט. נישט לייכט איז געווען דאָס איבערפלאַנצן זיך אין דעם האַרטן באָדן פון שיינעם פּאַריז, בפרט פאַר אַ שרייבער. ער איז געקומען מיט צוויי ביכלעך לידער — „ברויט און בליי״ און „דאָס פּייפל אין די בערג״, וואָס זענען דערשינען אין פּוילן אין די יאָרן 1934-36. דאָס איז געווען נישט נאָר זיין ליטעראַריש פּאַרמעג, נאָר זיין גאַנצער פּאַרמעג בכלל. ס׳איז געווען נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר פאַר דער מלחמה. קוים ווי דער שרייבער־אימיגראַנט האָט זיך איינגעביסן אין דער נייער, האַרטער ווירקלעכקייט, אָנכאַפּנדיק זיך אין וואָס ס׳איז אונטערגעקומען זיך מפרנס צו זיין, קוים ווי ער האָט זיך איינגעשאַפּט אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ, ווי מ׳האָט דעם דאַך גדאַרפט פאַרלאָזן און זוכן אַ באַהעלטעניש. בעת דער מלחמה און אָקופּאַציע האָט שולשטיינען נישט אויסגעמיטן די צרות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געשאָטן אויף יידישע קעפּ. צוויי מאָל איז ער אַרעסטירט געווען, געזעסן אין דער באַרימטער תפיסה „לאַ סאַנטע״, אָפּגעקומען אַ שטיקל צייט אין דראַנסי־לאַגער, וואָס איז דעמאָלט געווען דאָס פאַרהויז פון אוישוויץ, דערנאָך אַנטלאָפן אין דער פרייער זאָנע קיין דרום פראַנקרייך. די דייטשע אָקופּאַנטן זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג. כמעט אין דער זעלבער צייט, ווי ער האָט זיך געראַטעוועט, ווי אַ סך יידן, קיין ניצע, איז די שטאָט פאַרנומען געוואָרן פון די נאַצישע האָרדעס און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע יאַגד אויף יידן. אין דערמאָנטן בוך עסייען „אַ רינג אין אַ רינג״ איז פאַראַן אַן עסיי אונטערן טיטל „זכרונות פון אַ ליכטיקער שטאָט אין אַ פינצטערער צייט״, וואָס שילדערט זיין

געראַנגל אין יענער ליכטיקער שטאָט מיטן דייטשן מלאך המוות און אויך אין יענע פינצטערע צייטן האָט שולשטיין נישט אַרויסגעלאָזט די פען פון האַנט; ווי גיך ער האָט געפונען אַ שטיקל מקום מקלט, האָט ער אויסגעדיכטעט זיין ליד. אַפילו אין דער פּאַריזער תפיסה „לאַ סאַנטע״, האָט ער, ווי ער האָט מיר דערציילט, נישט האָבנדיק מיט וואָס צו שרייבן, מיט אַ שפּילקעלע אויסגעקריצט יידישע אותיות אויף די ראַנדן פון אַלטע צייטונגען און פּאַליציאַישע ראָמאַנען און אַזוי אַרום אויסגעדיכטעט דאָס יידישע ליד.

עס דערמאָנט זיך אַ געשעעניש פון יענע פינצטערע צייטן. ס׳איז געווען שפּעטער פרילינג 1942, אַ חודש צייט פאַר דער גרויסער יאַגד אויף די פּאַריזער יידן. די צוגרייטונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער געלער לאַטע. ס׳איז געווען אויף צומאָרגנס, ווען יידן אין אָקופּירטן פראַנקרייך האָבן געמוזט אָנטאָן דעם שאַנד־צייכן. מיין ווייניקייט איז שוין אָנגעגאַנגען פאַר אַן אַרישע, געפירט אַן אומלעגאַל לעבן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. בין איך מיר געגאַנגען אויפן גאַס מיט די פאַלשע אַרישע פּאַפּירן אין טאַש און מיט צאָרן אין האַרץ צוזעענדיק ווי דאָ און דאָרט שלייכט זיך ווער דורך מיט דער געלער לאַטע און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פּלוצלינג האָב איך פון דער וייטנס דערזען אָנקומען שולשטיינען. פון דער לינקער זייט פון זיין ברוסט האָט אַפּירגעקוקט די פרישע, געלע לאַטע. אונדז ווידער־שטענדלער איז פאַרבאָטן געווען זיך אָפּצושטעלן, זיך צו באַגריסן אויפן גאַס. מיר האָבן ביידע פאַרלאַנגזאַמט די טריט. משה איז פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם, שטאָלצן קאָפּ, מיט אַ דיסקרעטן שמייכל און גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן שטומערהייט גערעדט צו מיר, געמונטערט: „נישט געזאָרגט, מיר וועלן דערלעבן זייער מפלה״. מיט אַן ענלעכער מונטערקייט און גלויבן האָט ער אי־בערגעטראָגן די שווערע תפיסה, דעם דראַנסי־לאַגער און ווי לאַנג ער איז געווען אויף דער דעמאָלסטיקער פריי, מיטבאַטייליקט זיך אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

***

ער איז ווי אַ געלייטערטער אַרויס פון אַלע פייערן. ס׳האָט

אויסגעזען, ווי די שטורעמס, די ראַנגלעניש װאָלטן אים געשטאַרקט שאַפעריש, ווי זיי וואָלטן אים געגעבן נייע שאַפערישע אימפּולסן. ער האָט זיך באַרייכערט מיט אַ נייעם, אויפגייענדיקן געזאַנג, מיט נייע מעלאָדיעס. זיין פּערז, וואָס איז פון אָנהייב אָן געווען קלאָר ווי קרישטאָל, פּריש ווי דער מאָרגנטוי, איז געוואָרן דורכזיכטיקער, קרעפטיקער, שלאָגעוודיקער. ער האָט זיך צוגעאייגנט נייע טעמעס, דער עיקר די חורבן־טעמע, די טעמע פון ווידערשטאַנד, פון יידישער גבורה. אין תוך אָבער איז דער דיכטער געבליבן שטעקן מיט די וואָרצלען אין זעלבן באָדן, געטריי געבליבן זיין דרך. ער איז געווען ווי דער יונגער בוים, וואָס האָט זיך צעוואַקסן, צעשפּרייט זיינע צווייגן, באַדעקט זיך מיט אומצאָליקע בלעטער, אָבער די וואָרצלען האָבן געצויגן די יניקה פון זעלבן באָדן, נישט מער די וואָרצלען האָבן זיך פונאַנדער־געוואַקסן און געצויגן די יניקה שטאַרקער, פון ברייטערע שטחים פונעם באָדן. און דער באָדן דאָס איז דאָס לעבן, דער מענטש, דער יידישער מענטש, דאָס פאָלק, זיין יידיש פאָלק פון װעמען און פאַר וועמען ער האָט געדיכטעט:

„פאַר מיין פאָלק, פאַר מיין אייביקן שטאַם,
פאַר זיין שם, וואָס פאַרגייט נישט אין פלאַם,
פאַרן האַרץ, וואָס איז ריין אָן אַ פגם —
וועל איך זינגען און זינגען —"

שולשטיינס ליד האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פשטות, מיט קלאָרקייט, קאָנקרעטקייט. דער דיכטער האָט נישט פאַרטראָגן קיין טונקלקייט, פאַרהוילנקייט. זיינע טעמעס האָט ער גענומען פון אונדזער רעאַליטעט. ער איז מיט אַלע פעדים פון זיין האַרץ געבונדן געווען מיטן לעבעדיקן לעבן, מיט דער ווירקלעכקייט אין אַלע אירע פאַזן און אומוואַנדלונגען. די סיפור־המעשה פון זיין ליד איז שטענדיק אַזעלכע, וואָס פאַרכאַפּט אונדז, וואָס רעגט אָן צו טראַכטן, צו טרוימען. זיין דיכטונג איז אי אַ טיף־פערזענלעכע, אי אַן אָפּשפּיגלונג פון אַרום, פונעם כלל, ווו אַלץ איז הן רעאַליטעט, הן סימבאָל. דערביי איז משה שולשטיין אַ לירישער דיכטער פון טיפע, שטאַרקע אַקאָרדן. זיין ליד איז אויסגעטראָגן פון טיפער עמאָציע,

אָבער אויך פון מחשבה. עמאָציע און מחשבה זענען פאַרשפּינט ביי אים. זיין דיכטונג פאַרמאָגט אַ ברייטע גאַמע פון קאָלירן, קלאַנגען, טענער, האַלב־טענער. זיין שפּראַך איז פּשוט, פאָלקסטימלעך, אָבער רייך. אין זיין לשון־עשירות ווייסט דער דיכטער צו מאַכן דעם אויסוואַל אָפּצוקלייבן דאָס פּאַסיקע וואָרט, זיך אַראָפּצולאָזן אין די טיפענישן פון שפּראַך־אוצר און אויסגעפינען דאָס נייטיקע פאַרן פּאָעטישן, ריטמישן קלאַנג, פאַרן דיכטערישן בילד, דעם קינסטלערישן אימאַזש. זיין ליד קלאַפּט אָן אין אונדזער אויער ווי אַן אינטימע, האַרציקע מוזיק. פאַראַן אַ קאָמפּליצירטע מוזיק, וואָס מען דאַרף פיל מאָל הערן, כדי זי צו פאַרהיימישן, זיך צוצוגעוווינען. און פאַראַן אויך אַ מוזיק, וואָס טרעפט צו אונדז דירעקט, רירט אָן באַלדיק די סטרונעס פון אונדזער האַרץ. אַזאַ מוזיק איז שולשטיינס דיכטונג.

מ׳האָט אַ סך מאָל געפרעגט, געאַמפּערט זיך איבער דער רעטעניש וואָס דאָס איז אַזעלכעס פּאָעזיע? וואָס איז ער אַזעלכער דער פּאָעט? וויקטאָר הוגאָ האָט געהאַט דערויף געענטפערט קורץ און שאַרף: דער פּאָעט דאָס איז איין מענטש אין וועלכן עס נעסטעט אַ וועלט אַ גאַנצע, וועלטן גאַנצע. די־אָט באַצייכענונג פּאַסט זיך צו משה שולשטיינען. זיין דיכטונג איז אַ גאַנצער אוניווערס. און אין דעם אוניווערס זיינעם האָט ער אַריינגעלייגט זיין גאַנץ יידיש האַרץ; זיין ליד איז פאַרוועבט מיט אַלע דינסטע פעדים פון זיין האַרץ, ווי ער דיכטעט עס אַליין אויס אין זיין ליד „האַרץ מיינס״:

„אוי, האַרץ מיינס, ווי אַזוי זאָל איך דיר דאַנקען
וואָס דו האָסט מיין ליד אין דיינע פעדעמלעך פאַרוועבט;
וואָס האָסט עס, ווי אַ טאַרבע מיט די טייערסטע געשאַנקען
דורך אַלע שטורעמס דורכגעטראָגן, דורכגעשלעפּט.

... ווען שעקספּיר וואָלט דיך פון מיין גוף אַרויסגעשניטן
(ווי ס׳האָט געדאַרפט דאָס טאָן פאַר אים דער ייד)
קאָן זיין, פאַרגיסן ס׳בלוט מיינס וואָלט עס נישט פאַרמיטן,
נאָר ס׳וואָלט דאָס מעסער נישט פאַרשטומט אין דיר מיין ליד.״

***

פונקט ווי אַלזייטיק, ברייט ס׳איז די טעמאַטיק, אַזוי אויך זענען

די זשאַנערן. בדרך כלל איז שולשטיינס דיכטונג, דער פּערז, די ווערסיפיקאַציע כמעט אַלע מאָל אַ קלאַסישע. דער דיכטער האָט זיך קיינמאָל נישט געשפּילט אין די פאַרשידענע מאָדערניזמען, וואָס האָבן דורך און צוליב אַ וואָרט־אַקראָבאַטיק פאַרלוירן נישט נאָר דעם ריטם, די מוזיקאַלישקייט, נאָר אויך טיילמאָל יעטוועדן אינהאַלט.

שולשטיין, וואָלט איך געזאָגט, איז מאָדערן־קלאַסיש און פאַרשידנאַרטיק. צווישן די פאַרשידנאַרטיקע פּאָעמעס זענען פאַראַן ביי אים סאָנעטן, באַלאַדן, משלים, די דראַמאַטישע פּאָעמע. פאַראַן ביי אים טראַגיזם און הומאָר, דראַמאַטיזם און דינע איראָניע, ערנסטע, דראַמאַטישע טענער און לייכט־שפּילעוודיקע. באַזונדער שפּילעוודיק און הומאָרפול זענען זיינע פילצאָליקע משלים, וואָס זענען פול מיט חן און אינהאַלט. אין זיין באַנד משלים און לידער אונטערן טיטל „גאָלד און פייער" איז פאַראַן אַזאַ מאָטאָ :

„איך האָב מיט מענטשיש לשון רעדן אָפּט געלאָזט
זאַכן, צמחים, חיות — שטומע צינגער,
וואָס ווייסן נישט פון חכמות — זענען אָפן, פּשוט, פּראָסט —
ס׳זאָלן פון די שטומע צינגער לערנען רעדנדיקע בייזע צינגער
און ס׳זאָל אַ קאַפּיטשקע דערפון אונדז ווערן אויפן האַרצן גרינגער".

נישט נאָר די משלים, יעדעס ליד איז פול מיט אינהאַלט, מיט יידישער חכמה, מיט פילאָזאָפישן געדאַנק. אָט לאָמיר נעמען אַזאַ פּשוט ליד ווי „דער שטאַם און די בלעטער".

„אַ צער איז צו זען ווי סוף זומער אין פּאַרק
דאָס בלעטערוואַרג וואַלגערט זיך אונטן, ביים שטאַם;
געפאַלענע — טוליען זיך אַלע צוזאַם
מיט לעצט ביסל חיות מען קלאַמערט זיך שטאַרק,
מען נעמט אים אַרום מיט געבעט, מיט געוויין —
מען וויל נישט פאַרגיין,
מען וויל נישט פאַרגיין,
נישט ווערן פון ווינטן געפּאַטשט און געטריבן,
פון זויל און פון בעזעם פאַרקערט און צעריבן.

... עס איז אייער קלאָגן זיך בלעטער אומזיסט —
די שטים פונעם בוים איז געלאָסן, באַזאָכט —
נישט איך האָב דעם סדר העולם געמאַכט,
עס איז פון קדמונים אַזוי, מיינע בלעטער,
ווען ס׳קומט אָן דער ווינט מיט געשמיץ און געשמעטער.
געפאַלענע — זייט נישט געפאַלן ביי זיך!
אַ צייט איז פאַראַנען
פאַר בלי און פאַר וויאַנען
דאָס האָט שוין געזאָגט עמעץ אַנדערש, נישט איך.

באַלד אָנקלאַפּן וועט אין מיין קאָרע, מיך וועקן
אַפּריל — און אויפסניי מיך מיט בלעטער באַדעקן.
אַזוי איז פון שטענדיק: בלאָט הולך — בלאָט באָ
אין יענער באַשערטער אומגליקלעכער שעה,
ווען איר פון דער ליכטיקער וועלט שיידט זיך אָפּ
און ס׳פליקט אייך דער האַרבסט־ווינט — די קרוין פון מיין קאָפּ —
און וואַרפט מיך און שליידערט און רייסט פון מיר שטיקער —
באַוווסט זאָל אייך ווערן: דער שטאַם איז דער עיקר,
דער שטאַם איז דער עיקר.״

***

משה שולשטיין האָט אין זיין גאַנצער דיכטונג (אויך אין זיין פּראָזע) נאָכגעפאָלגט אַן אַלטע איינשטעלונג אין דער יידישער ליטעראַרישער שאַפונג: מיט הויכע קינסטלערישע מיטלען אַרויסברענגען הויכן הומאַניטאַריזם. מיט באַזונדערער קראַפט און הויכע קינסטלערישע מיטלען האָט דער דיכטער פאַראייביקט דעם יידישן חורבן פון די היטלעריסטישע צייטן און אויך — ווי דערמאָנט שוין — דאָס פאַרטיליקן די יידישע שאַפער דורכן סטאַלין־רעזשים. „כ׳האָב געזען אַ באַרג״, „די ליאַלקע אין אויש־וויץ״, „ביים פּנקס פון לובלין״, אויך „בלומען פון באַדויער״ און ענלעכע שאַפונגען וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן הייליקע מאָנומענטן, וואָס וועלן דערמאָנען און מאָנען. דער גרויסער וויי־געשריי אין דעם דראַמאַטישן חזיון אין אַ קופּע אַש פון „ביים פּנקס פון לובלין״ וועט שטענדיק וועקן מיט זיינע פלאַמיקע ווערטער:

„שערי־רחמים, עפנט זיך מיט גנאָד,
טאָוולען־טויערן פון אונדזער ספר,
טאָוולען־טויערן פון אונדזער מוטערשטאָט...

... מען הערט נישט קיין קלאַנג מער פון יידישע מיילער
די ווינט־מאַכער, טומלער, די לויפער און איילער...

... קיין קידוש, קיין קדיש, קיין תפילה, קיין ברכה,
קיין קלאַפּ און קיין טראַסקעניש פון בעל־מלאכה.
... ווו איז אונדזער שטאָט, אונדזער ציבור און קהל?
ווו איז אונדזער היים — אונדזער אם בישראל...?"

***

משה שולשטיין איז געווען אַן אַלזייטיקער שאַפער. דער טאַלאַנטירטער דיכטער איז אויך געווען אַ פּראָזאַיקער, אַ דערציילער, אַן עסייאיסט, אַן עמפּינדלעכער ליטעראַטור־קריטיקער און אַ געניטער איבערזעצער פון דיכטונג פון פרעמדע שפּראַכן. אין זיין לעצטן דיקן באַנד לידער „דער אָרעם פון ליבשאַפט" איז פאַראַן אַן אָפּטייל פון איבערזעצונגען פון דער פראַנצויזישער, פּוילישער און דייטשער פּאָעזיע. די פּאָעמעס פון וויקטאָר הוגאָ, אַפּאָלינער, טווים, בראָניעווסקי, היינע, רילקע, די פּאָעזיע פון ענלעכע באַרימטע פרעמדשפּראַכיקע דיכטער האָבן דורך שולשטיינען באַקומען אַן עכט פּאָעטישן קלאַנג אין אַ יידישן לבוש. דאָס זענען נישט קיין געוויינלעכע איבערזעצונגען, נייערט איבערדיכטונגען. „ווי נאָר די איבערזעצונג, אָדער איבערדיכטונג איז רייף און פאַרטיק, מוז זי קומען אויף דער וועלט, פּונקט ווי אַ ניי לעבן, מיט אַן אייגענעם געשריי און אָנהייבן צו לעבן מיט אַן אייגן לעבן" — האָט שולשטיין געשריבן וועגן איבערזעצונג פון דיכטונג.

משה שולשטיין האָט שטענדיק מיט גרויסן קינסטלערישן נייגיר, מיטן נייגיר פון אַן עכטן הומאַניסט, וואָס אים גייט אַן אַלץ, געקוקט אַרום זיך. זיין קינסטלעריש אויג האָט אויפגעכאַפּט אַלע צאַפּלעדיקע פונעם לעבן, פון דער רעאַליטעט, סיי פון דער געגנוואַרט, סיי פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס דערשיינען ביי אים אָפּטמאָל פאַרקייטלט, אָדער וואָס ווינקען זיך איבער, ווי אין דער גרויסער היסטאָרישער, דראַמאַטישער פּאָעמע „יהודה המכבי". זיינע אָבסערוואַציעס, זיין מיטלעבן און

מיטפילן מיט אַלץ און אַלעמען האָט אויך באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג אין אַ סך צענדליקער עסייען, רייזע־באַשרייבונגען, אין ליטעראַרישער עסיי־איסטיק. אין זיין אויבן דערמאָנטן באַנד עסייען „אַ רינג אין אַ רינג" איז פאַראַן אַן אָפּטייל, וואָס הייסט „דער שפּיגל פון אונדזער צייט". די קרוב פּערציק גרעסערע עסייען און אַלע אַנדערע שאַפונגען אין זייער פאַרשידנאַרטיקייט זענען אַן אמתער שפּיגל פון אונדזער צייט, פון פאַר־גאַנגענע צייטן און אויך פון דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט, וואָס ער האָט פיל מאָל מיט ליבשאַפט אַרויסגעבראַכט. לייענענדיק די און אַנדערע עסייען, אָדער גאָר די רייזע־שילדערונגען אויף די חורבות פון אונדזערע אַלטע היימען אינעם באַנד „צווישן רויִנען און רושטאָוואַניעס" שוועבן דורך פאַר די אויגן גורלדיקע געשעענישן, דראַמעס און גורלות פון מענטשן, פון יידישן יחיד און פון יידישן כלל. דערביי איז דער אינהאַלט שטענדיק פאַרטיפט און דאָס וואָרט געשליפן. אויך אין זיין באַנד דערציילונגען „איבער די דעכער פון פּאַריז" איז די טעמע אַלע מאָל — און געוויסע טעמעס דערשיטערן אונדז ווי אין דער דערציילונג „דאָס טישטעך", אָדער „טראַנספּוזיע" — דער חורבן און נאָכחורבן צוזאַמען מיטן היינטיקן פולסירנדיקן לעבן, איבערגעגאָסן אין אימאַזשן, וואָס אָטעמען מיט גאַרונג און לעכצונג נאָך יושר, נאָך גערעכטיקייט.

דער טאָפּלטער לייט־מאָטיוו פון קינסטלערישן הויך און טיפן הומאַני־טאַריזם וויקלט זיך אויך דורך אין זיינע פילצאָליקע ליטעראַרישע עסייען, ווי מ׳קאָן דאָס בעיקר זען אין דעם באַנד „געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן", אין וועלכן ער האָט באַוויינט און באַזונגען פופצן אומגעקומענע און אין בעט געשטאָרבענע פּען־קאָלעגן. משה שולשטיין האָט געפילט אַ טיפע נאָענטשאַפט צו פּען־קאָלעגן (און צום מענטש בכלל) אַפילו ווען ער האָט זיי פּערזענלעך נישט געקענט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פאַראייביקן די דורך רציחה אומגעקומענע און אויך אין בעט געשטאָרבענע און זיי פאַרהיטן פון פאַרגעסנקייט. אַזוי האָט ער אין זיינע פילצאָליקע ליטעראַרישע עסייען פאַראייביקט צענדליקער און צענדליקער שרייבער ווי איציק מאַנגער, הערץ בערגנער, אלחנן וואָגלער, די קדושים יצחק קאַצענעלסאָן, אַלטער קאַציזנע, יאָסל צוקער, אַנאַ פראַנק, איזי כאַריק, פרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין און פיל, פיל אַנדערע.

אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר איז שולשטיין, טראָץ די קאַפּריזן פון זיין האַרץ, געווען זייער אַקטיוו שאַפעריש. ער האָט צוגעגרייט צום דרוק

זיין בוך זכרונות „דאָרט וווּ מיין וויג איז געשטאַנען״, וואָס האָט געזאָלט אָט שוין אַוועק אין דרוקעריי. דאָס אומקערן זיך צו זיין שטעטל, צו די דאָרטיקע יידן און זייער שטייגער האָט ער באַטראַכט פאַר זיינעם אַ חוב, וואָס ער איז שולדיק די פאַרשוווּנדענע. ער האָט איבערגעמאַכט זיין גרויסע דראַמאַטישע פּאָעמע פון קרוב הונדערט פופציק זייטן „יהודה המכבי״ אין אַ דראַמע פאַרן טעאַטער, אָדער פאַר אַ פילם; ער האָט צוגעגרייט אַ גרויסן אָפּקלייב פון זיין דיכטונג פאַר אַ פראַנצויזישער אויסגאַבע. און אין יעדער איבערזעצונג האָט ער נאָכן איבערזעצער אויפסנייַ אַריינגעטריפט זיין קינסטלערישן הויך. נאָך צוויי טעג פאַרן פלוצלינגן אָפּשטעלן זיך פון זיין האַרץ, האָט ער געאַרבעט איבער אַן עסיי וועגן אַ ליטעראַרישן פּראָבלעם. ער האָט געהאַט אַן אַ שיער שאַפערישע פּלענער. ער פלעגט אָפט זיך פאַרקלאָגן פאַר מיר, אַז ער קומט נישט אויס מיט דער צייט; ער האָט זיך געאיילט, ווי ער וואָלט געאַנט, אַז זיין צייט קאָן פאַרקירצט ווערן. מיט וויפל הומאָר האָט ער דאָס אויסגעדריקט אין זיין ליד „מיין בקשה צום באַשעפער״:

„היום קצר והמלאכה מרובה.
ווי ווייל ס׳איז אַלט דער פּסוק פון די פּרקי־אָבות
איז ער נאָך וואַרהאַפטיק עד היום, אַן קאַטאַוועס.
די צייט איז קורץ און אַרבעט אויף מיין קאָפּ ביז העט אַריבער.
צי וואָלט דען דאָס, באַשעפער, שאַטן דיר געקאָנט
ווען דו וואָלסט מיר דערלייגט נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָר?

... ווילסט וויסן אפשר וואָס איך דאַרף אַזוי פיל צייט?
איך האָב צו שאַפן נאָך אַ וועלט, די אַרבעט ממש ברענט.
כ׳זאָל זיין פון אייזן וועל איך דען דאָס אַלץ באַוויזן?
כ׳וואָלט נישט די צייט צעטרענצלט און אויף גאַרנישט זי פאַרשווענדט.
דו האָסט דאָך מיך אַליין געבענטשט, באַשעפער, זאָגן לייטן,
מיט אַ ניצוץ פון דיין געטלעכן טאַלענט.
נו, בעט איך דיך, זאָלסט אים נישט צונעמען ביי מיר באַצייטנס...״

באַצייטנס, פריצייטיק האָט זיך אויסגעלאָשן אַ שאַפעריש לעבן, וואָס איז געווען פול מיט שאַפונגס־ענערגיע, מיט שאַפונגס־ווילן. פאַרבליבן איז די רייכע ירושה פון 18 ביכער.

יאַנואַר, 1982

בנימין שלעווין, דער שילדערער פון יידישן פּאַריז

(צו די שלושים)

שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז בנימין שלעווין איז שוין נישטאָ. ער, וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען אויפן שטאַרקסטן, צוממיינסטן געזונטן, געמיטלעכסטן פון די פּאַריזער יידישע שרייבער איז פּלוצלינג פאַרשניטן געוואָרן. ס׳איז אַזוי ווי ס׳וואָלט אויסגעהאַקט געוואָרן דער שטאַרקסטער בוים פון אַ באַשיידענעם גאָרטן.

שלעווין האָט כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט מיטגעמאַכט און מיטגעפּיבערט ביים אויספאָרמירן זיך פונעם פראַנצויזיש־יידישן ישוב מיט אַלע זיינע אויפטרייסלעכישן און ווידעראַנאַנדן. ער איז אַזוי ענג געבונדן געווען מיט אַלץ וואָס איז דאָ פאַרגעקומען אין יידישן לעבן, אַז ער איז געוואָרן אומאָפּצוטיילן פון פּאַריזער יידישן פּייזאַזש.

עס דערמאָנען זיך איצט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט אויפן האָרטן, נאָך רויען פּאַריזער באָדן, וואָס האָט מיט גרויסע שוועריקייטן אָנגעהויבן אַרויסגעבן ליטעראַרישע שפּראָצן. אין זכרון האָבן זיך צווישן אַנדערע זכרונות פאַרקריצט עטלעכע באַגעגענישן, שמועסן. ס׳איז געווען מסתמא אין יאָר 1937. דער יונגער שלעווין איז געקומען קיין פּאַריז מיט צוויי ביכער דערציילונגען, געקוקט מיט צעעפּנטע אויגן, מיט שרייבערישן נייגיר אויפן נייעם אַרום, אויפן פאַרפרעמדטן, צעפּלאָסענעם לעבן פון די אָנגעלאָפענע יידישע אימיגראַנטן. איך בין דעמאָלט געווען נאָך אַ מער „גרינע" ווי ער. אָבער אַ שרייבער דאַרף מען שטעלן פראַגן, פאָדערן פון אים.

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט אָנשרייבן אַ ראָמאַן וועגן דעם אַלע־מען ? וועגן די אימיגראַנטן ?

ער האָט געשמייכלט מיט זיין יונגן שמייכל, וואָס איז אים אויך שפּעטער פאַרבליבן :

— איך טראַכט, איך טראַכט דערוועגן, נאָר ס׳איז נישט אַזוי לייכט, ווי דו מיינסט : ס׳איז אַ צעטומלעניש, אַ צעמישעניש. ליטע־ראַטור דאַרף האָבן אויסגעשטאַנענקייט, שטייגער, פאַרשטייסט ? אויף אַזאַ פעלד איז שווער עפּעס צו פאַרזייען, בפרט אַ ראָמאַן.

ער האָט דאָס פעלד באַפרוכטיקט מיט זיין טאַלאַנטירטער פעדער. וואַרטנדיק אויף אַ היגן שפּראַץ, האָט ער דערווייל אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן זיין ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק". ס'איז געווען אַ יאָר פאַר דער מלחמה. די מלחמה האָט שלעווינען אָפּגעריסן אויף 5 יאָר פון זיין שרייב־טיש. ער איז אַוועק זיך שלאָגן קעגן די דייטשישע פאַשיסטן. ער האָט אָבער, אַ סברה, אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט געטראַכט און פאַרטראַכט וואָס צו נעמען אויפן שרייב־טיש. נאָך דער מלחמה, ווען ער איז צוריקגעקומען פון געפאַנגענשאַפט, זענען מיר געזעסן אין אַ קאַפע, ביי אַ „שוואַרצער" און שלעווין האָט, ווי זיין שטייגער, שטיל זיך פאַרטרויט:

— כ'האָב אַ סך שרייבערישע פלענער, נאָר מ'דאַרף אויך האָבן פרנסה. אַ יידישער שרייבער דאַרף האָבן אַ זייטיקע פרנסה, אַ זייטיק פאַך. דו קאָנסט מיר העלפן, אַרבעטסט אין אַ צייטונג, כ'וויל מיך אויסלערנען צו ווערן אַ זעצער.

— ס'וועט דיר אַוועקנעמען דעם גאַנצן טאָג. ווען וועסטו שרייבן?

— כ'וועל שרייבן, כ'וועל שרייבן. ס'וועט אַראָפּ דער עול־פרנסה פון קאָפּ. זאָל איך מיך נאָר אויסלערנען דאָס פאַך.

ער האָט זיך זייער גיך אויסגעלערנט די זעצער־מלאכה און סיי בעתן לערנען זיך זעצעריי און סיי שפּעטער, בעתן אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג ביי דעם פאַרמאַטערנדיקן פאַך, אויף קיין איין טאָג נישט אויפגעגעבן זיינע שרייבערישע באַשעפטיקונגען. פאַרקערט, דווקא אין די נאָך מלחמה־יאָרן, ווען ער איז אין שטויב און רויש פון די מאַשינען געזעסן אַ גאַנצן טאָג ביים לינאָטיפּ, האָט זיך זיין טאַלאַנט צעוואַקסן, ער איז געוואָרן דער אַממיינסטן פרוכטיקער צווישן די היגע שרייבער. אין 1948 איז דערשינען זיין ראָמאַן „די יידן פון בעלוויל", מ'קאָן זאָגן דער ערשטער אַרומנעמענדיקער ראָמאַן וועגן יידישן אימיגראַנטישן לעבן אין פּאַריז. די אַנדערע ראָמאַנען און בענדער דערציילונגען האָבן איינע נאָך די אַנדערע נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג ביים לינאָטיפּ און אַרויסגעבן רעגלמעסיק ביכער, וואָס זייער צאָל רעזומירט זיך היינט צו אַ צוויי צענדליק ראָמאַנען און זאַמלונגען דערציילונגען, געשטיצט צום גרעסטן טייל אויף דאָקומענטאַציע, איז נישט נאָר אַ סימן פון אַרבעטזאַמקייט נאָר פון עכטער שאַפערישער געניטקייט, שאַפערישער אינטויציע און קודם כל פון איינגעבוירענעם

טאַלאַנט, וואָרעם דער עכטער שרייבער, שאַפער, שאַפט, שרייבט נישט נאָר ווען ער האָט אַ געלעגנהייט, אַ מעגלעכקייט, נאָר אין אַלע באַדינגונ־גען, ווייל ער מוז שרייבן, ווייל אַנדערש קאָן ער נישט.

אין אָנהייב זעכציקער יאָרן האָט שלעווין מיך באַזוכט, ביי מיר אין שטוב אין וואַרשע. ער האָט מיטגעבראַכט אַ מתנה: דעם וואָגיקן ראָמאַן „די גאָלדענע אילוזיע". דער טיטל האָט מיר אַ שפרונג געטאָן צו די אויגן. אונדזער אַלעמענס גאָלדענע אילוזיע איז פון לאַנג שוין געלעגן אַ צעשטויבטע, אַ צעשמעטערטע. כ'האָב געכאַפּט אַ קוק אין דער הקדמה און געלייענט: „...איך ברענג דאָס דאָזיקע בוך פון יידישער צעטומלטקייט, פון יידישע בלאָנדזשעניש אָנשטאָט אַ באַשיידן בינטל בלומען אויף די פאַרשוועכטע, אומבאַקאַנטע קברים פון דער עליטע און פון אַ דור יידישע אַרבעטער־טוער, יידישע שרייבער, יידישע שוישפּילער, יידישע קולטור־שאַפער, אומגעבראַכטע אין לאַנד פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע". דאָס איז עס? האָב איך שלע־ווינען אַ פרעג געטאָן.

— ס'איז דאָס, ס'איז דער עיקר דאָס, און אויך יידיש פּאַריז און אַלץ אַרום.

ביי שלעווינען איז יעדער ראָמאַן געווען דאָס יידישע פּאַריז, די יידישע אילוזיעס און אַלץ אַרום.

שלעווינען איז באַשערט געווען צו ווערן דער קינסטלערישער געשטאַלטיקער פון יידישן פראַנקרייך. מ'קאָן זאָגן, אַז ביז אים האָט דאָס יידישע פראַנקרייך, ריכטיקער, דאָס יידישע פּאַריז, נישט געהאַט באַקומען אַזאַ קינסטלערישן תיקון, הגם ס'איז אָפּגעשפּיגלט אין דער דיכטונג, קודם כל ביי משה שולשטיינען, אין פיל דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן, אָבער צו געשטאַלטיקן פולבלוטיק קינסטלעריש אַ לעבן פון אַ כלל איז צוממיינסטן באַרופן דער ראָמאַן. אפשר דערפאַר ווערט אָפטמאָל דער ראָמאַן באַטראַכט ווי דער רוקן־בייך פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

אין פּאַריז האָבן לאַנגע יאָרן געלעבט גרויסע יידישע ראָמאַנען־שרייבערס: שלום אַש, זלמן שניאור, אַ געוויסע צייט עוזר וואַרשאַווסקי און אַנדערע. דאָך איז דורך זיי פון פּאַריזער באָדן נישט אַרויסגעוואַקסן קיין איין ראָמאַן, חוץ שניאורס פּרווון אַרויסצוברענגען דעם יידישן מאַנפּאַרנאַס. ס'איז מעגלעך, אַז צוליב די סיבות וועגן וועלכע שלעווין

האָט געהאַט דערמאָנט פאַר מיר. שלעווינען איז געלונגען שטופנווייז איבער־צוגיסן אין אַ קינסטלערישער פאָרעם דאָס נאָך רויע, פליסיקע פאַריזער יידישע לעבן, עס אויפצוכאַפּן אין זיינע שווערע און משונהדיקע פאַר־מירונגס־פּראָצעסן אין זיין קינסטלערישער קאַמערע. זיין ראָמאַן ציט די יניקה פון היגן, האַרטן באָדן. כמעט יעדער ראָמאַן, יעטוועדע דער־ציילונג איז קודם כל אַ קינסטלערישע געשטאַלטיקונג פון יידישער גורלדיקייט אין אימיגראַנטישן קלימאַט. ווי אַ געניטער באַאָבאַכטער האָט ער מיט זיין שאַרף קינסטלעריש אויג אויפגעכאַפּט אַלע פּרטים פון די דראַמאַטישע געראַנגלען מיט זייערע קאָמישע און טראַגישע זייטן. און דאָס אויך דערפאַר ווייל ער איז שטענדיק מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה, פון זיין האַרץ געווען געבונדן מיטן ישוב, מיט דער פאָלקס־מאַסע.

שלעווין האָט נאָכגעפאָלגט די בעסטע טראַדיציעס פון אונדזערע גרויסע רעאַליסטישע מייסטערס אין דער ליטעראַטור. ער האָט נישט פאַרגלעט, נישט פאַרפּוצט די רעאַליטעט. געוויזן זי אַזוי ווי זי איז, אַרויסברענגענדיק צאַפּלדיק לעבן אין זיין היסטאָרישן פּראָצעס. באַלזאַק האָט וועגן זיך געהאַט געזאָגט, אַז ער איז „דער כראָניקער פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט". דאָס איז אין דעם זין ריכטיק וואָס דער ראָמאַן גיט אונדז נישט נאָר עמאָציאָנעלע און קינסטלערישע איבער־לעבונג, נאָר אויך אַ קינסטלערישן קווערשניט פון דער צייט. שלעווין איז אין דעם זין געוואָרן דער כראָניקער פון אַן עפּאָכע פונעם יידישן לעבן אין פראַנקרייך. אין יעדן ראָמאַן שפּרייט זיך אויס אַ געשיכט־לעכע פּאַנאָראַמע, וואָס אָטעמט מיט דעם היינט.

אַריינוואַרפנדיק זיך אין פאַריזער יידישן קאָכקעסל האָט זיך אָבער שלעווין קיינמאָל נישט אָפּגעריסן פון דער אַלטער היים. דאָס פּוילישע יידנטום איז אים טיף איינגעבאַקן געווען אין האַרצן און פאַרבליבן דער אורקוואַל פון זיין שאַפונג. ווייזנדיק דאָס יידישע לעבן אין פראַנקרייך, טראָגט ער אונדז כסדר איבער אין די אַלטע היימען אויף דער פּוילישער ערד, ביז עס דערשיינט פאַר אונדז דער לעצטער פּוילישער ייד — פון דער דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען — וואָס אַנטלויפט אַן איינזאַמער פון דער נייער אַנטיסעמיטישער מגיפה. און לסוף טראָגט ער אונדז איבער אין דער ניי־דעראָבערטער, היסטאָרישער היים. דאַניעל — פון ראָמאַן „ווהין גייסטו דאַניעל ?" — אין זיינע זוכענישן און

פלאַנטערנישן לאָזט זיך שוין נישט ערגעץ אַנדערש נאָר קיין מדינת ישראל. מענטשלעכע און יידישע גורלות פאַרקניפּן זיך דאָ און דאָרט און קניפּן זיך אויף אין נייע היימען. אומעטום ביי שלעווינען טראָגן זיך איבער אַלע וועגן און צו אַלע ברעגן יידישע צעטומלטקייט, אויס־געוואָרצלטקייט, און פאַראַנקערן זיך אין ניי־אויפגעשטעלטע היימען, אין דער נייער, אייגענער היים. אַזוי אַרום גיט אונדז שלעווין אַ קינסט־לערישן צוזאַמענשמעלץ פון צוויי אָדער מערערע יידישע וועלטן, ווי דאָס דערשיינט אַזוי אויסדרוקפול און קינסטלעריש אין „די גאָלדענע אילוזיע״, אין זיין ראָמאַן „וווהין גייסטו דאַניעל״, און אין די מערערע אַנדערע ראָמאַנען, דערציילונגען אין וועלכע עס שוועבט פאַר אונדזערע אויגן, נעבן דעם געשטאַלטיקטן היגן יידישן לעבן, די וויזיע פון פוילישן יידנטום, פון זיין דורות־לאַנגן איינגעוואָרצלטן שטאַם און זיין גרויליקן אומקום.

שלעווין איז אַוועק פון אונדז אין סאַמען אויפבלי פון זיין שאַפע־רישקייט. ער האָט נישט באַוויזן צו זען זיין לעצט בוך, וואָס גייט איצט אַרויס פון דרוק. זיין ליטעראַרישע ירושה, אַלץ, וואָס ער לאָזט אונדז, וועט אַריין אין אוצר פון יידישער שאַפערישקייט.

„בעל-שם-טוב מאַטיוון און אַנדערע דערציילונגען"
פון אברהם ווייץ*

ס'האָט מיר געהאַט געזאָגט אַ קלוגער, פרומער ייד, אַז ביי אונדז יידן אויב מען וויל אויפטאָן ממשותדיקע גרויסע זאַכן, מוז מען גלויבן אין נסים. ער האָט צוגעגעבן, אַז מ'דאַרף זיין עקשנים, וועלן גלויבן אין נסים. ווי אַזוי פּאַרט זיך דאָס ממשותדיקע אויפטוען און נסים? זעט אָבער אויס, אַז אין געוויסע אומשטענדן פּאַרט זיך דאָס ביי אונדז יאָ.

אָט נעמט, אַ שטייגער, די מערכה פונעם יידישן שרייבער און דאָס אַרויסגעבן היינט אַ יידיש בוך. צי מיט אַ קאַלטער אויסרעכע־נונג, מיט אַ קלאָרער אָפּשאַצונג פון דער איצטיקערווירקלעכקייט, וואָלט אַ יידישער שרייבער געוואָגט זיך צו פאַרמעסטן אַרויסצוגעבן זיינס אַ ווערק? מ'דאַרף דערביי בפירוש גלויבן אין נסים און דער עיקר זיין אַן איינגעשפּאַרטער עקשן.

צום גליק זענען פאַראַן ביי אונדז גלויביקע און איינגעשפּאַרטע עקשנים. אַן פאַרלאַגן (חוץ ישראל), אַן אויסזיכטן אויף אַ פאַרשפּרייט, אַן די מינדסטע מעגלעכקייטן דערשיינען אומעטום אין דער יידישער וועלט און אויך ביי אונדז אין פאַריז אומאויפהערלעך יידישע ביכער. דאַרף מען דעריבער איבער יעדן ניי דערשינענעם בוך, וואָס איז ווערט געלייענט צו ווערן, ממש מאַכן אַ ברכה — יעדנפאַלס באַגריסן עס פון גאַנצן האַרצן.

טו איך דאָס איצט נאָכן איבערלייענען אברהם ווייצס ניי־דער־שינענעם בוך „בעל־שם־טוב־מאַטיוון און אַנדערע דערציילונגען".

פאָרשטעלן אברהם ווייצן פאַרן לייענער איז נישט שייך. ער איז נישט קיין פנים חדשות נישט אין דער ליטעראַטור און נישט אין היגע יידישע קרייזן. ער זעט מיר פשוט אויס ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון פאַריזער יידישן פייזאַזש. זיינע ביכער זענען אויך דערגאַנגען אין

---

* די אָפּהאַנדלונג איז דערשינען קורץ פאַר דער פלוצלינגער פטירה פון אברהם ווייץ אין יוני 1981.

דער ווייטער יידישער וועלט. זיינע דערציילונגען דרוקן זיך אין צייטונגען און צייטשריפטן.

דער איצטיק דערשינענער באַנד, ווי עס ווייזט שוין אָן דער טיטל, איז אַ זאַמלונג נאָוועלן און דערציילונגען. די נאָוועלע, די דערציילונג איז אברהם ווייצס צוממיינסטן, אייגנטימלעכער זשאַנער, הגם ער האָט שוין אויך פאַרפאַסט ראָמאַנען. און ווען ס׳ווערט געזאָגט „הגם שוין אויך פאַרפאַסט ראָמאַנען", מיינט דאָס נישט חס וחלילה, אַז דער נאָוועלע־זשאַנער איז פון אַ קלענערער מדרגה. די דערציילונג, די נאָוועלע פאָדערט פונקט אַזוי פיל קינסטלערישע אינטויִציע, עמפינדלעכקייט, וויזיע, קינסטלערישן הויך ווי דער ראָמאַן. דערצו נויטיקט זיך אויך גרויסע שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט, צמצום. די פוילישע באַקאַנטע שרייבערין און יידן־פריינדין עליזאַ אָזשעשקאָוואַ, שרייבנדיק וועגן די אָט צוויי ליטעראַרישע זשאַנערן, האָט געזאָגט, אַז אין ראָמאַן ווערט באַלויכטן אַ ברייטער שטח פונעם לעבן, דאַקעגן אין דער נאָוועלע ווערט מיטן זעלבן ליכט באַלויכטן אַ פראַגמענט פונעם לעבנס־שטח, אָבער סיי דאָס ליכט, וואָס באַלייכט, סיי דער באַלויכטענער ווינקל מוזן אָטעמען מיטן זעלבן כוח.

אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן די גרעסטע ראָמאַנען־מייסטערס, געפּאָרעט זיך אויך מיט דער נאָוועלע אָדער זיך איר פולשטענדיק געווידמעט, ווי טשעכאָוו, מאָפּאַסאַן. אונדזער יידישע ליטעראַטור האָט אַ טיפע טראַדיציע פון דער נאָוועלע, דער דערציילונג. אַלע אונדזערע גרויסע שרייבער, אַזוי גוט די ראשונים, ווי די אחרונים האָבן זיך צוגעאייגנט ווי זייערס אַ זשאַנער אָדער דעם ראָמאַן און די דערציילונג, אָדער דורכויס די דערציילונג. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס די יידישע ווירקלעכקייט איז אַלע מאָל געווען אַזאַ, אַז מ׳האָט געמוזט באַלדיק אויפכאַפּן פראַגמענטנווייז דאָס אימפּעטיקע לעבן, רעאַגירן באַלדיק אויף פּאַסירונגען. פאַרשטייט זיך, אַז נישט נאָר אָביעקטיווע באַדינגונגען ווירקן; יעדער קינסטלער האָט דאָך זיין אייגענעם אויסדרוק־מיטל. אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין, איז פאַר אונדזער ליטעראַטור דער זשאַנער פון דער נאָוועלע, פון דער דערציילונג פון שטענדיק אָן געווען אַן אייגנטימלעכער.

אין די פוסטריט פון דער־אָט טראַדיציע גייט אברהם ווייץ. זיין קינסטלערישע קאַמערע כאַפּט אויף צאַפּלדיקע פראַגמענטן פון אונדזער

לעבן, גיסט זיי איבער אין אימאַזשן, געמעלן. דערביי איז אברהם ווייך אַ גאָט־געבענטשטער דערציילער, ער פֿאַרמאָגט דאָס שפּרודל־דיקע לשון פֿון אַן עכטן דערציילער, הגם דאָס מאָל איז זיין קוואַליק לשון ערטערווייז נישט צוגעהיט.

דער ניי־דערשינענער באַנד פֿון 240 זייטן, אונטערן טיטל „בעל־שם־טוב־מאָטיוון און אַנדערע דערציילונגען" נעמט אַרום 21 דערציי־לונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ גאַנץ ברייטע גאַמע פֿון טעמאַ־טיק. די צוויי ערשטע און גרעסטע דערציילונגען זענען געבויט אי אויף בעל־שם־טוב־מאָטיוון, אויף רעליגיעזן פֿאָלקלאָר, אי סתם אויף פֿאָלקלאָר און לעגענדע. דאָס פֿאַנטאַסטישע, אויסטערליש־אומרעאַלע פֿאַרפלעכט זיך געשיקט מיטן רעאַלן. דאָס וואָס וואַרפט זיך אונדז גלייך אין די אויגן איז דער באַזונדערער דערצייל־נוסח. דאָס איז דער נוסח־מעשה, אַ נוסח פֿון אַן עכט אַלט־יידישער מעשה. און יעדע מעשה, איבערהויפּט די ערשטע, איז פֿאַרכאַפּנדיק, זי האַלט אונדז אין שפּאַנונג. אין זיין ברייטער הקדמה, וואָס רופֿט זיך „אַ וואָרט פֿריער", ווייזט דער מחבר אָן פֿון וואַנען ער האָט גענומען די טעמע צו דער דערציילונג „דעם קעניגס ווייסער פֿערד". ער דערציילט אויך וועגן גרויסן אוצר פֿון אונדזער פֿאָלקלאָר, תּלמודישן, חסידישן, רבנישן און דערמאָנט גלייכצייטיק וואָס פֿאַר אַ יניקה דאָס איז פֿאַר אַ קינסטלער פֿון וועלכער ער קאָן שעפּן מיט פֿולע הייפֿנס פֿאַר זיין שאַפֿונג. ווען מיר זיך נישט אָפּשטעלן דערויף, כדי נישט איבער־צוחזרן דעם מחברס אויפֿקלערונגען. צוגעבן ווילט זיך בלויז, אַז יעדער קינסטלער שלייפֿט אויס פֿון זעלבן „רוי־שטאָף" אַן אַנדער צירונג, לויט זיין אייגענעם קינסטלערישן וואַרשטאַט. אברהם ווייך שפּינט אויס פֿון דער לעגענדע אַ מעשה־דערציילונג. און מיר הערן זיך צו צו דער אויסטערלישער מעשה פּונקט אַזוי, ווי בעת מיר זענען קינדער געווען האָבן מיר זיך צוגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אַן אָפֿן מויל, ווען די באָבע האָט דערציילט אַ מעשה. און וויסן דאַרפֿט איר, אַז דער באָבעס מעשיות בלייבן איינגעקריצט אין זכרון אויפֿן גאַנצן לעבן. פּושקין האָט זיך קינסטלעריש געשפּייזט מיט זיין ניאַניעס מעשיות. נישט יעדערער איז אַ פּושקין, אָבער אַ פֿאַרכאַפּנדיקע מעשה מיט אויסטערליש־פֿאַנטאַסטישע פּאַסירונגען וועקט ביי יעדערן פֿון אונדז די פֿאַנטאַזיע.

צו אַלע מעלות טובות פון ווייצס מעשיות קומט נאָך צו דער פאַקט וואָס דער מחבר איז אַ גרויסער בקי אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, ווי מיר זעען דאָס אין דער ערשטער גרויסער דערציילונג.

* * *

אינעם אינהאַלט, וואָס ביים סוף פונעם בוך, זענען די דערציי־לונגען איינגעטיילט אין צוויי טיילן: פאָלקלאָריסטיק און פּאַריזער דערציילונגען. איך וואָלט זיי טעמאַטיש אַנדערש איינגעטיילט, ווייל די טעמאַטיק איז אַ ברייטערע. קודם וואָלט איך צו פאָלקלאָריסטיק פאַררעכנט בלויז די צוויי ערשטע גרויסע דערציילונגען. פאַראַן אינעם באַנד אויך אַ היפּשער טייל דערציילונגען אויף חורבן־טעמאַטיק. דאָס זענען קליינטשיקע פראַגמענטן, שפּליטערן פון יענע גרויליקע צייטן, ווי „בלוט", „אין אַ ליידיקער שטאָט", „דאָס קעלבל" און אַנדערע, איינצל־נע, זייטיקע עפּיזאָדן, וואָס פאַרמאָגן אָבער דעם פלאַמיקן כוח אויפ־צורודערן אונדזער געמיט. אברהם ווייץ האָט אַליין, ווי אַ דעפּאָרטירטער, דורכגעמאַכט יענע גרוילן, געשריבן וועגן זיי און יעדעס מאָל וואָס ער קערט זיך אום צו זיי דעקט ער אָפּ עפּעס אַ ניי אומבאַקאַנט ווינקעלע פון יענעם שאול תחתיה.

פאַראַן צוויי טעמעס פון וועלכע אַ יידישער שרייבער קאָן זיך נישט באַפרייען, ער קערט זיך כסדר אום צו זיי. דאָס זענען דער חורבן און די אַלטע היים, דאָס פאַרשניטענע שטעטל. און ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין? אברהם ווייץ איז נישט קיין אויסנאַם. וואָס שייך דער אַלטער היים לעבט מען זי צום גרעסטן טייל אויף אין אונדזער ליטעראַטור מיט אַ סך נאָסטאַלגיע, ס׳געשעט צומאָל, אַז מ׳מאַכט פון איר אַן אידיליע. ביי אברהם ווייצן איז אויך פאַראַן נאָסטאַלגיע, דאָס דערהויבענע, ווי מיר זעען דאָס אין דער דערציילונג „מיין זיידנס ברכות", אָבער גלייכצייטיק דעקט ער אויך אויף טונקעלע ווינקלען פון יענערווירקלעכקייט. אין דער דערציילונג „דעם מלמדס טאָכטער" האָבן מיר שוין פאַר זיך אַ יידענע אַ מרשעת, דעם מלמדס ווייב, וואָס דערגייט די יאָרן דעם אָרעמען יונג, דעם יתום און אויך אַן אויסערסט דראַמאַטישע מעשה מיט זיין טאָכטער, וואָס פּיוויש פאַר־לאָזט נאָך דער חופּה, נאָך דעם ווי ער דערוויסט זיך, אַז דאָס קינד,

וואָס זי טראָגט אין זיך איז פונעם שגץ וואַצעק. ס׳ווילט זיך נאָר פרעגן צו וואָס האָט חיה בינה אויסגעזאָגט דווקא אין דער חופּה־נאַכט פּיוווישן דעם סוד, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן. אָבער ווי זאָגט מען דאָס? אויף קיין מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא.

רירנד זענען די פּאַריזער דערציילונגען. ווי געזאָגט שוין, האָט אברהם ווייץ אַ שאַרף אויג אויפצוכאַפּן פּאַסירונגען אין זייערע צאַפּלענישן, אין זייער דראַמאַטיזם. דערביי צייכנט ער זיינע פּער־סאָנאַזשן אי מיט קאַרגע שטריכן, אי רעליעפמעסיק. דער דראַמאַטיזם און צומאָל דער טראַגיזם, אָדער גאָר די ביטערניש פון אונדזער לעבן איז אַלע מאָל אַ ביסל „פּאַרזיסט" מיט אַ דינעם הומאָר.

דאָס, וואָס האָט מיך צוממיינסטן געריירט אין די פּאַריזער דערציילונגען איז די אַרויסגעבראַכטע איינזאַמקייט, וואָס פרעסט דאָס מענטשלעכע האַרץ, די עלנטקייט פונעם מענטש. און פאַרוואָס נישט זאָגן דאָס, וואָס מען פילט בפירוש? — די עלנטקייט פון מחבר גופא. „די איינזאַמקייט פּייניקט אָפּט מער ווי דער הונגער" — זאָגט זיין העלד, דער מאָלער הענריק פלאַצקער. און דווקא, ווען ס׳איז פריילעך און יום־טובדיק, בעת אַ פסח, אַ ניי־יאָר, איז דער איינזאַמער מענטש נאָך איינזאַמער. און אין דער איינזאַמקייט קומען אויף טראַכ־טענישן, פילאָזאָפישע געדאַנקען וועגן לעבן און טויט. „דער מענטש ווערט סיווי יעדן טאָג אָפּגעבונדן פון לעבן און צוגעבונדן צום טויט"...

דערמאָנען ווילט זיך נאָך דעם מחברס ליבשאַפט צו קונסט, זיין עמפּינדלעכקייט צו נאַטור־שיינקייטן. זיינע נאַטור־שילדערונגען ברענ־גען אַריין אַ סך פּאָעטישקייט, ליריזם אין זיין פּראָזע.

אין סך־הכל: אַ בוך, וואָס אויב איר וועט עס אָנהייבן לייענען, וועט איר וועלן לייענען ווייטער און ווייטער און איר וועט דערגיין ביזן סוף. דאָס איז די גרעסטע מעלה פון יעדן בוך.

דעריבער איז אַ גרויסער שאָד וואָס אין געוויסע ערטער איז דאָס שפּרודלדיקע לשון נישט גענוג קאָנטראָלירט. דאָ און דאָרט אַ נישט ריכטיק וואָרט, אַן אויסדרוק. איך שטרייך דאָס אונטער ווי אַ חוב, ווען מען באַהאַנדלט אַ בוך. מילא, אַז אין די יידישע דרוקערייען בראָקט מען אונדז אַריין וואָס ס׳לאָזט זיך, זענען מיר הילפלאָז — דווקא אין דעם פאַל מיט אַ סך חסד. כ׳האָב אָבער דעם איינדרוק,

אַז די איצטיקע נישט צוגעהיטקייט איז ביים מחבר פשוט אַ פאַרזען.
זאָלן נאָך לסוף דערמאָנט ווערן דוד טושינסקיס חנעוודיקע, גע־ראָטענע מיניאַטורן־אילוסטראַציעס, וואָס באַשיינען דאָס בוך, און בענס מיט אַ סך קינסטלערישער אַריינדרינגלעכקייט געצייכנטער פּאָרטרעט פון מחבר.

וויקטאָר הוגאָ נאָך הונדערט יאָר

(צום אָפּמערקן די הונדערטסטע יאָרצייט)

ווען וויקטאָר הוגאָ איז דעם 22טן מאַי 1885 געשטאָרבן און דאָס פֿאָלק פֿון פּאַריז האָט צוויי טעג געשטראָמט צום „אַרק דע טריאָמף״, ווו ס׳איז געווען אויף אַ קאַטאַפֿאַלק אויסגעשטעלט דער ארון מיטן געשטאָרבענעם, דערנאָך ווען איבער אַ מיליאָן מענטשן האָבן באַגלייט די לוויה צום פּאַנטעאָן, האָט זיך פֿון דאָ און דאָרט פֿונעם עולם געהערט אויסרופֿן: „זאָל לעבן וויקטאָר הוגאָ״! ס׳האָט געקלונגען סימבאָליש, ווי דאָס פֿאָלק וואָלט זיין געשטאָרבענעם גרויסן שרייבער געקרוינט פֿאַר אַן אומשטערבלעכן. און אומשטערבלעך איז וויקטאָר הוגאָ פֿאַרבליבן וואָרעם אומשטערבלעך איז פֿאַרבליבן זיין גרויס ווערק.

ליטעראַטור־פֿאָרשער, קריטיקער האָבן נישט איין מאָל באַטראַכט דעם ענין אַקטועלקייט פֿון שאַפֿונגען פֿון פֿאַרגאַנגענע צייטן, וועגן באַדייטונג, אויסדרוק זייערן אין דער היינטיקייט, מיט איין וואָרט אויף וויפֿל די צייט האָט אַ שליטה געהאַט אויף אַ ווערק. זעט אָבער אויס, אַז אַ ווערק, וואָס איז געווען אין שאַפֿערס צייט גרויס און ווירקנדיק, איז אויך גרויס און ווירקנדיק אין אונדזער היינטצייטיקייט, אַ סברה אין אַלע צייטן. וויקטאָר הוגאָס רייד, פּילפֿאַרביק ווערק רירט נאָך היינט אָן די סטרונעס פֿון אונדזער האַרץ.

נישט קיין ווונדער וואָס פֿראַנקרייך, און אויך די ליטעראַרישע וועלט מחוץ פֿראַנקרייך, מערקט אָפּ די הונדערטסטע יאָרצייט פֿון וויקטאָר הוגאָ אין אַזאַ רירנדיקן און ברייטן פֿאַרנעם. לאַנג פֿאָרן פּראָקלאַמירטן יאָר 1985 אַלס וויקטאָר הוגאָ־יאָר האָט דער נאַציאָ־נאַלער הוגאָ־קאָמיטעט געמאַכט אַן אַ שיער צוגרייטונגען און נעמט ווייטער אונטער נייע איניציאַטיוון. שוין פֿאַרגאַנגענעם יאָר זענען דערשינען מערערע ביכער מיט פֿאַרטיפֿטע אָפּהאַנדלונגען וועגן הוגאָס שטורמישן לעבן און שאַפֿן. אין עטלעכע פֿאַרלאַגן זענען דערשינען אין נייע אויפֿלאַגעס אַלע ווערק פֿון וויקטאָר הוגאָ.

חוץ די פֿילצאָליקע אויסגאַבעס ווערן זיינע דראַמעס געשפּילט אין מערערע טעאַטערן אין פּאַריז און אויף דער פּראָווינץ. העכער

אַ האַלבן טוץ וויקטאָר הוגאָ־אויסשטעלונגען קומען פאָר בלויז אין פּאַריז. באַזונדער אימפּאָזאַנט איז די אויסשטעלונג אין דעם „גרויסער פּאַלאַץ״, וווּ מען זעט ווי צענדליקער און צענדליקער פּלאַסטישע קינסטלערס, סקולפּטאָרן, מאָלערס, האָבן זיך אינספּירירט מיט וויקטאָר הוגאָס ווערק, מיט זיינע באַקאַנטע פּערסאָנאַזשן ווי אויך מיט דער פּערזאָן פונעם שרייבער גופא. דער גרעסטער פראַנצויזישער סקולפּטאָר פון 19טן יאָרהונדערט, אויגוסט ראָדען, האָט איבער אַ צענדליק מאָל אויסגעפורעמט אין פאַרשידענע פּאָזן די געשטאַלט פון וויקטאָר הוגאָ. זיינע פּערסאָנאַזשן ווי זשאַן וואַלזשאַן, קאַזימאָדאָ, עסמעראַלדאָ און פיל אַנדערע, אָדער גאָר די אידעע פון גרויסן דיכטערישן ווערק „די לעגענדע פון דורות״ האָבן גערעגט די קינסטלערישע פאַנטאַזיע פון מאָלערס. און נישט בלויז פּלאַסטישע קינסטלערס האָט וויקטאָר הוגאָ אינספּירירט. ער האָט אויך משפּיע געווען פיל קאָמפּאָזיטאָרן און צווישן זיי מוזיקער פון אַזאַ אַנגעזען ווי בערליאָז, לישט, מוסאָרגסקי, ווערדי.

* * *

ס׳איז פּאַסיק היינט צו דערמאָנען וויקטאָר הוגאָס ווערטער פון זיין רעדע צו דער הונדערטסטער יאָרצייט פון אַ צווייטן פראַנצויזישן, גרויסן גייסט־מענטש, פון וואָלטערן: „ס׳ווערט הונדערט יאָר ווי אַ מענטש איז געשטאָרבן. ער איז געשטאָרבן אַן אומשטערבלעכער. ער איז אַוועק באַלאָדן מיט יאָרן און ווערק... ער איז געווען מער ווי איין מענטש. ער איז געווען אַ יאָרהונדערט. ער האָט גענומען אויף זיך אַ פונקציע און האָט אויסגעפירט אַ מיסיע...״

וויקטאָר הוגאָ האָט דאָס פאָלק, ווי דערמאָנט, באַלד נאָך זיין טויט געקרוינט פאַר אַן אומשטערבלעכן. אויך ער איז געווען מער ווי איין שאַפערישער מענטש. ער איז אויך געווען אַ גאַנצער יאָרהונדערט. איז געבוירן געוואָרן, ווען דער 19טער יאָרהונדערט איז אַלט געווען צוויי יאָר, דורכגעגאַנגען כמעט דעם גאַנצן יאָרהונדערט, געווירקט אומאויפהערלעך און באַווירקט אַנדערע. במשך פון זיין לאַנג לעבן גענומען אויף זיך אַ שליחות און זי אויסגעפירט. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ שליח ציבור הן אין זיין אַלזייטיקן ווערק, הן אין זיין טאָגטעגלעכער אַקטיוויטעט.

וויקטאָר הוגאָ האָט מען פאַר זיין לעבן קודם באַטראַכט פאַרן גרעסטן פראַנצויזישן דיכטער. ער איז אָבער אויך גרויס געווען ווי אַ ראָמאַנען־שרייבער, ווי אַ דראַמאַטורג, אַ פּאַמפלעטיסט, אַ פּאָלעמיסט און ווען ער האָט אויס פאַרערונג צו שעקספירן אָנגעשריבן אַ ליטע־ראַטור־קריטיש ווערק אונטערן טיטל „וויליאַם שעקספּיר", האָט ער נישט ווייניקער אַרויסגעוויזן טאַלאַנט אַלס קריטיקער־פילאָזאָף. דער־ביי איז ער געווען אַ טיטאַן פון שעפערישקייט. דעם ראָמאַן „דער לעצטער טאָג פון אַ פאַרמישפּטן", למשל, האָט ער אָנגעשריבן אין צוויי און אַ האַלבן חודש. געוויסע דראַמעס זענען אַרויס פון אונטער זיין פען נאָך עטלעכע וואָכן. איינציייטיק איז ער געווען אַ שאַרפזיניקער באַאָבאַכטער פונעם לעבן, געווען מיט אַלע געוועבן פון זיין האַרץ געבונדן מיטן לעבעדיקן לעבן.

און דער שאַפער איז אויך פון צייט צו צייט געווען אַ מלוכה־מאַן; זינט 1848 דעפּוטאַט, גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון דער פראַנצוי־זישער אַקאַדעמיע, פרעזידענט פון פראַנצויזישן שרייבער־פאַרבאַנד, פאַרטרעטנדיק באַלזאַקן; יאָרן שפּעטער סענאַטאָר, אַ טריבון, וואָס האָט מיט זיינע שטורמישע אַרויסטריטן זיך איינגעשאַפן אי שונאים אי פריינד־אָנהענגער. ס'איז זעלטן צו געפינען אַ שאַפער, וואָס זאָל קאָנען צונויפפּאָרן אַזוי פיל אַקטיוויטעטן און פאַרבינדן דעם שטראָם פון זיין שאַפונג מיטן שטראָם פון עפנטלעכן לעבן, רעאַגירנדיק אויף געשעענישן סיי מיט דער פען, סיי מיטן לעבעדיקן וואָרט. זיינע אַרויסטריטן אין פּאַרלאַמענט קעגן דער נויט פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, קעגן טויטשטראָף פלעגן אַרויסרופן ציין־קריצעניש פון די רעכטע דעפּוטאַטן. פּונקט ווי ער איז געווען פאַרשידנאַרטיק אין זיין ליטעראַרישער שאַפונג, אַזוי אַלזייטיק־פאַרשידנאַרטיק איז ער אויך געווען אין זיינע אַקטיוויטעטן אַלס קעמפער פאַר גערעכטיקייט, אַלס פלאַמיקער פאַרטיידיקער פון דער רעפּובליק. ביי דעם אַלעמען איז ער געווען אַ ליטעראַטור־טעאָרעטיקער, געשאַפן אַ נייע ליטע־ראַרישע שיטה. ער, דער זון פון אַ נאַפּאָלעאָנישן גענעראַל, אַ דער־צויגענער פון אַ פרומער, קאַטוילישער מוטער, אַן אָנהענגערין פון דער מאָנאַרכיע, זייענדיק נאָך אַליין, אין דער פריער יוגנט, אירער אַן אָנהענגער, איז שוין געווען אַ בונטאַר. ער איז געווען אַ רעוואָ־לוציאָנער, ווען ער האָט נאָך אַליין נישט געוווסט דערפון. פון דער

פריער יוגנט איז זיין דראַנג געווען צו ענדערן, רעוואָלוציאָנירן אַלץ, וואָס איז פאַרעלטערט, פאַרשימלט, וואָס איז קעגן יושר און שכל הישר. זיין בונטאַרישקייט איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט זיין ליטעראַרישן באַרוף, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין גאַר פריעם עלטער. אין עלטער פון 16 יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ ראָמאַן, וואָס איז געווען קעגן קאָלאָניאַליזם און ראַסיזם.

זיין ערשטער, אָפענער בונט איז געקומען צום אויסדרוק אויפן ליטעראַרישן געביט: באַפרייען די ליטעראַטור פון אַלטע קאָנווענצן. אין זיין דריטן ראָמאַן „דער לעצטער טאָג פון אַ פאַרמישפּטן״ שטרייכט ער אונטער דאָס געמיינזאַמע פון ליטעראַרישער פרייהייט און פּאָליטישער פרייהייט. „זינט דאָס פאַלן פון דער באַסטיליע קאָן מען כאַטש אַלץ שרייבן״ — באַמערקט ער. אָבער אַלטע ליטעראַרישע פאָרמען, הערשנדיקע שטייפע קאָנווענצן ביי וועלכע מ'האַלט זיך שטרענג, איז געווען דאָס זעלבע פאַר אים, ווי אַלטע, אָפּגעלעבטע פאָרמען פון הערשאַפט. האָט ער זיין ערשטע שלאַכט אונטערגענומען און דורכגעפירט אויפן ליטעראַרישן שטח און געוווּנען אַ סך פאַר־בינדעטע.

***

ווען דער יונגער וויקטאָר הוגאָ האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דער עפנטלעכקייט אַלס גאָט־געבענטשטער דיכטער האָבן זיך אין פראַנק־רייך געקרייצט אַלטע און נייע ליטעראַרישע ריכטונגען. וויקטאָר הוגאָ איז אַרויסגעשוווּמען מיטן ראָמאַנטיזם, הגם זיינע ערשטע דיכ־טונגען זענען געווען אין קלאַסישן סטיל. דער ראָמאַנטיזם אין פראַנק־רייך איז נישט געווען קיין איינהייטלעכער. ס'איז אויפגעקומען אַ ראָמאַנטישע שיטה, וואָס איז אין איר מהות געווען קאָנסערוואַטיוו, געטראָגן אין זיך בענקשאַפטן צו פאַרגאַנגענע צייטן און לעבנס־סטילן, מיט אַכטונג זיך באַצויגן צום אַמאָליקן ריטערטום. אַ סברה געקומען ווי אַ רעאַקציע קעגן די אידעאַלן פון 18טן יאָרהונדערט, וואָס האָבן גייסטיק און מאָראַליש צוגעגרייט די פראַנצויזישע רעוואָ־לוציע (אגב איינער פון אירע פילאָזאָפן, זשאַן זשאַק רוסאָ, איז געווען אויב נישט דירעקט דער פאָטער פון ראָמאַנטיזם איז ער געווען

זיין פֿאַרגייער). אָבער דער ערשטער פערטל פֿון 19טן יאָרהונדערט איז שוין געווען די צייט פֿון ירידה, אַנטוישונגען, דער רעוואָלוציאָ־נערער פּאַטאָס איז געהאַט אָפּגעשוואַכט. שרייבער האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפֿן פֿון דער געגנוואַרט. ווענדן די אויגן צום ווייטן עבר, זוכנדיק אין אים שטאָף פֿאַר זייערע שאַפֿונגען, מוסטערן פֿאַר זייערע העלדן; מ'האָט אַרויסגעהויבן דאָס עקזאָטישע, באַזונגען אַלטע ציוויי־ליזאַציעס. די היסטאָרישע פּאָעמע, די דראַמע, דער עיקר דער היס־טאָרישער ראָמאַן האָבן זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין אַזעלכע ראָמען.
דער קאָנסערוואַטיווער ראָמאַנטיזם איז אויסגעוואַקסן צו אַן אָנגעזעע־נער ליטעראַרישער שיטה ווען ס'איז געווען דער פּאָרשטייער ווען ס'איז געווען דער דעמאָלט באַקאַנטער שרייבער פֿראַנסואַ רענע דע שאַטאָבריאַן (1768־1848), וועלכער האָט יונג פֿאַרלוירן זיין מיליטערישע קאַריערע בעת דער רעוואָלוציע, אַוועק אויף עמיגראַציע, ווי די פֿון זיינס גלייכן, אָ סך געררייזט און אומקערנדיק זיך קיין פֿראַנקרייך זיך געווידמעט בלויז דער ליטעראַטור. שאַטאָבריאַן האָט געווירקט הן מיט זיינע ליטעראַרישע איינשטעלונגען, הן מיט זיינע ווערק. זיין נאָוועלע, למשל, „רענע", אין וועלכער ער ברענגט אַרויס אַ יונגן, פֿאַרלוירענעם, געפּלאָגטן מענטש, וואָס אַנטלויפֿט ערגעץ אין די אורוועלדער צווישן פּרימיטיווע שבטים, האָט נישט ווייניק באַאיינפֿלוסט געוויסע קרייזן פֿון די דעמאָלטיקע שרייבער. זיין אָנזען איז געווען אַזאַ, אַז דער 14־יאָריקער וויקטאָר הוגאָ, טרוימענדיק צו ווערן אַ גרויסער שריי־בער, האָט געהאַט געזאָגט: „איך וויל זיין אַ שאַטאָבריאַן אָדער גאָרנישט".

דעם דאָזיקן ראָמאַנטיזם, וואָס אַנטלויפֿט פֿון דער ווירקלעכקייט, האָט וויקטאָר הוגאָ שפּעטער דערקלערט אַן אמתע מלחמה און גלייכ־צייטיק געלייגט די טעאָרעטישע פֿונדאַמענטן פֿון אַ נייעם ראָמאַנטיזם.

קעמפֿנדיק קעגן קאָנסערוואַטיוון ראָמאַנטיזם האָט וויקטאָר הוגאָ אומדירעקט באַקעמפֿט אויך דעם קלאַסיציזם, וואָס האָט צו יענער צייט פֿולשטענדיק באַהערשט די בינע. אין דער „פֿראַנצויזישע קאָמעדיע", למשל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1680, האָט מען, ווי אין אַ הויפּט־טעאַטער, נישט צוגעלאָזט קיין אַנדערע פּיעסן חוץ קלאַסישע. אַ סברה אויך דערפֿאַר האָט דער יונגער הוגאָ, וועלכער

האָט שוין געהאַט פאַרטראַכט מאָנומענטאַלע ראָמאַנען, זיך קודם גענומען צו דראַמאַטורגיע.

זיין ערשטע דראַמע „קראָמוועל", וואָס איז דערשינען אין 1827, גרענעצט זיך אָפּ פון דער קלאַסישער דראַמאַטורגיע. חוץ לזה האָט דער פינף און צוואַנציק־יאָריקער שרייבער אין אַ ברייטן אַריינפיר צו דער דראַמע אויספירלעך באַגרינדעט דעם נייעם ראָמאַנטיזם און די הקדמה צו „קראָמוועל" איז געוואָרן דער מאַניפעסט פון דער נייער ליטעראַרישער ריכטונג. אין אייניקע גאַנץ קורצע שטריכן לאָזט זיך דאָס אַזוי פאָרמולירן: די הויפּט־אויפגאַבע פון דער דראַמאַטורגיע, אַזוי גוט ווי פון דער גאַנצער ליטעראַטור, איז אַרויסצוברענגען דאָס סאַמע וועזנטלעכע פון דער רעאַליטעט וועמענס הויפּטשטריך באַשטייט אין דעם וואָס דאָס דערהויבענע און גראָטעסקע געפינען זיך אין שכינות. און מיטן טערמין גראָטעסק נעמט הוגאָ אַרום פאַרשידענע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, אָנהייבנדיק פון פיזישער העסלעכקייט ביז מאָראַלישער פאַרקריפּלונג, טיפּשות און רציחה. און אויב די קלאַסישע דראַמע האָט געוויזן דעם „אייביקן מענטש", טיילמאָל אָן אַ באַשטימטן לאַנד, קלימאַט, אָן קלאָרע ווארצלען, קאָן מען דעם מענטש, לויט הוגאָס איינשטעלונג, פאַרשטיין נאָר אין קאָנקרעטע באַדינגונגען. דער עיקר: די ליטעראַטור דאַרף אויסדרייען דאָס פּנים, וואָס איז פאַרקוקט אין דעם עבר, צו דער געגנוואַרט און צוקונפט.

שוין פון די קאָרגע, אָנגעוואָרפענע שטריכן איז לייכט זיך פאָר־צושטעלן, אַז הוגאָ איז געווען אַ שטורמער, אַ רעוואָלוציאָנער אין דער ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעבראַכט אין ראָמאַנטיזם שעפערישן אומ־רו, אַ נייעם, פרייען אויסדרוק און דער עיקר טיפן הומאַניטאַריזם, מענטשן־ליבע, פאַרברידערונג, רעוואָלט קעגן אַלדאָס בייזן מיט וואָס ס'זענען דורכגעדרונגען אַלע זיינע ווערק. שוין אין זיין ערשטן ראָמאַן, „ביג־זשאַרגאַל", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין דער עלטער פון זעכצן יאָר, שפּעטער באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן אין 1826, אַ ראָמאַן, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם אויפשטאַנד פון די נעגערישע שקלאַפן אין סאַן דאָמינגאָ אין 1791 און ווו ס'קומט צום אויסדרוק הוגאָס אַנטיקאָלאָ־ניאַליזם און אַנטיראַסיזם, דערזעען מיר דעם מין ראָמאַנטיזם אין וועלכן עס שטויסן זיך צוזאַמען דאָס גראָטעסקע און נאָבעלע: דער מענטשלעכער מאָנסטער האַביבראַ, וואָס חוץ זיין רישעות איז ער אויך

אויסערלעך אַ מאָנסטער און דער נאָבעלער, ווונדערלעכער נעגער־פירער ביג־זשאַרגאַל, וועלכע הערט נישט אויף צו פּרעדיקן פאַר־ברידערונג צווישן מענטשן פון פאַרשידענע ראַסן און קומט אום ווי אַ ווירדיקער קעמפער.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז שוין אין אָט דעם יוגנט־ראָמאַן האָט הוגאָ, חוץ זיין אידעיִשן אינהאַלט, אַריינגעפירט אַ נייעס אין דער פאָרם. איינער פון די פערסאָנאַזשן, דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן לעאָפּאָלד ד׳אַווערניי דערציילט די געשעענישן און זיינע שילדערונגען בילדן דעם ראָמאַן. דאָס איז געווען צו יענער צייט אַ ליטעראַרישע נייעס.

אַ צווייטער ראָמאַן, דער דריטער לויט דער ריי, „דער לעצטער טאָג פון אַ פאַרמישפּטן״, וואָס איז דערשינען אין 1829, איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַן אינערלעכן מאָנאָלאָג פון אַ פאַרמישפּטן, דערוואַרטנדיק געקעפּט צו ווערן דורך דער גילאָטינע. ער האָט נישט צו וועמען צו רעדן גיסט ער אויס זיינע געפילן, געדאַנקען, איבער־לעבונגען אויפן פּאַפּיר. דאָס איז אַ ראָמאַן אַ פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז מיט אַלע אַנגסטיקע צאַפּלענישן פון דער מענטשלעכער נשמה, אַ מאָנאָלאָג אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך דער שוידער פון טויטשטראָף. „דאָס איז אַ ראָמאַן״ ? — האָט אין אַ לענגערער קריטיק געפרעגט דער דעמאָלסטיקער קריטיקער נאָדיע, פּונקט ווי עס פרעגן היינט געוויסע קריטיקער, ווען עס באַווייזט זיך אַ ראָמאַן אין אַ נייער פאָרם, נישט לויט אַ קאָנווענציאָנעלן שאַבלאָן. היינט ווייזן אָן קריטיקער, אַז אויב מ׳זוכט אַ דאַטע פונעם אָנהויב פון היינטיקן, מאָדערנעם ראָמאַן, דאַרף מען גרייכן צו הוגאָס „דער לעצטער טאָג פון אַ פאַרמישפּטן״. דער ראָמאַן האָט אגב אין 1832 געהאַט אַ צווייטע אויפלאַגע און דעמאָלט האָט וויקטאָר הוגאָ, לויט זיין שטייגער, אין אַן אויספירלעכן אַריינפיר, געמאַכט דעם פּראָצעס פון טויטשטראָף. צווישן אַנדערן האָט ער געשריבן: „די איינציקע זאַך וואָס די רעוואָ־לוציעס ברענגען נישט אונטער דאָס איז די תליה״. יאָרן שפּעטער, ווען זיין זון שאַרל איז געשטאַנען פאַרן געריכט אַלס באַשולדיקטער פאַרן שרייבן קעגן טויטשטראָף און דער גילאָטינע, האָט וויקטאָר הוגאָ אים פאַרטיידיקט פאַר די ריכטער מיט אַזעלכע ווערטער: „איך בין דאָס פאַרברעכן באַגאַנגען אַ סך פריער, אַ סך שטאַרקער ווי מיין

זון. מישפּט מיך און נישט אים". די ריכטער האָבן פּאַרט נישט אים נאָר דעם זון פאַרמישפּט צו זעקס חדשים תּפיסה.

***

וויקטאָר הוגאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז כּדי דורכצופירן זיין נייע אויפפאַסונג אין דער ליטעראַטור, אַריינצופירן צווישן עולם דעם באַנייטן ראָמאַנטיזם און כּדי צו ווירקן ווי אַ שליח ציבור, דאַרף מען אויך רעדן פון דער בינע. גרייטנדיק זיינע גרויסע ראָמאַנען, זיינע ברייטע ציקלען דיכטונג, האָט ער זיך גענומען צו דראַמאַטורגיע. און אין דער דראַמע האָט ער אַריינגעבלאָזן אַ נייעם גייסט. זי, די דראַמע דאַרף זיין, לויט אים, אַ שטרייט צווישן שלעכטס און גוטס, זי דאַרף אַרויסברענגען די קאָנטראַסטן צווישן קאָמישן און טראַגישן; דאָס גראָטעסקע און סובלימירטע דאַרפן זיך צוזאַמענשטויסן. דער מין דראַמאַטורגיע איז וויל געפעלן דעם יונגן דור שאַפערס און אויך דעם העסערן טעאַטער־עולם, וואָס זענען געווען איבערגעזעטיקט מיט דער קלאַסישער און נעאָ־קלאַסישער טראַגעדיע.

דריי יאָר נאָכן דערשיינען פון „קראָמוועל" מיטן מאַניפעסט איז הוגאָ אַריינגעדרונגען אין דער „פראַנצויזישע קאָמעדיע". ס'איז אויפגעפירט געוואָרן זיין נייע דראַמע „הערנאַני" (אגב איז „הערנאַני" דאָס יאָר אויפגעפירט געוואָרן אין אַ פּאַריזער טעאַטער) אַרום וועלכער ס'איז אָנגעגאַנגען אַן אמתע שלאַכט צווישן הוגאָס פאַרביסענע קעג־נער און זיינע פּילע, געטרייע אָנהענגער, וועלכע זענען געקומען צו דער פאָרשטעלונג ווי אַ שטורעם־אָפּטיילונג.

די אויפפירונג פון „הערנאַני" איז אין 1830 געווען נישט נאָר אַ טריומף פון אַ פּיעסע נאָר אויך אַ טריומף פון אַ ליטעראַרישער שיטה. נישט אומזיסט האָט דעמאָלט די אָפיציעלע פּרעסע פאָרגע־וואָרפן הוגאָן, אַז ער האָט דורכגעפירט אין דער פּיעסע זיין פּאָליטישע שטעלונג. אין „הערנאַני" האָט מען דערפילט די קעגנערשאַפט צו אַליינהערשאַפט, צו ברוטאַליטעט, די קעגנערשאַפט פון באַגרענעצן די פרייהייט, במילא אויך די פרייהייט אין דער ליטעראַטור.

אין די מערערע אַנדערע דראַמעס דעמאַסקירט טאַקע וויקטאָר הוגאָ די אַליינהערשאַפט, ווייזט די לעכערלעכקייט פון די אַלטע

אינסטיטוציעס, די פּוסטקייט און רישעות פון די הערשער, ס׳קומט צום אויסדרוק דער ווײ־געשריי פון די באַעוולטע, אונטערדריקטע און דערנידעריקטע. אין דער דראַמע „דער קעניג ווײַלט זיך", למשל, ברענגט דער שרײַבער אַרויס מיט קראַפט די אויסגעלאַסנקייט, די געמיינקייט פון יונגן קעניג, וואָס דערפירט צום טראַגישן טויט פון דער יונגער, אײַנציקער טאָכטער פון אומגליקלעכן אוּנטערטאַן־לץ. דער פאַרצווייפלטער פאָטער, דער דערנידעריקטער מענטש דערשײַנט דאָ ווי דער מאָראַלישער שופט. די פּיעסע איז גיך פאַרבאָטן געוואָרן. דעם זעלבן גורל האָבן געהאַט עטלעכע אַנדערע הוגאָס דראַמעס.

מיט יאָרן שפּעטער זענען נישט נאָר זײַנע דראַמעס נאָר וויקטאָר הוגאָ גופא געוואָרן געפערלעך פאַר די הערשער. אין 1851, ווען ער האָט געהאַט דעם מוט עפנטלעך אַרויסצוטרעטן קעגן דעם מלוכה־אַטענטאַט, דורכגעפירט פון לואי באָנאַפּאַרט, איז געקומען אַ פאַר־אָרדענונג צו אַרעסטירן דעם גרעסטן פראַנצויזישן דיכטער. וויקטאָר הוגאָ האָט זיך געראַטעוועט קיין בריסל אָבער ווײַטער נישט גערוט. אין אַ בליץ־שנעלער צײַט אָנגעשריבן „די געשיכטע פון אַ פאַרברעכן" און באַלד דערנאָך דאָס באַרימטע פּאַמפלעט־בוך „נאַפּאָלעאָן דער קליינער". „וואָס, אויב מיר האָבן געהאַט אַ נאַפּאָלעאָן דער גרויסער מוזן מיר אויך האָבן אַ נאַפּאָלעאָן דער קליינער?", האָט ער סאַרקאַס־טיש געפרעגט. הוגאָ האָט זיך דעמאָלט דערהויבן הויך אַלס פאָרשטייער פון פאָלק, אַלס פלאַמיקער פאַרטיידיקער פון דער רעפּובליק; ער האָט אין זײַן פּאַמפלעט־בוך אימפּראָוויזירט אַן אַרויסטריט אין סטיל פון אַ ציצעראָ, פון אַ טאַציט אָדער גאָר ווי אַן אַלטער שטראָפנדיקער נביא.

דער פאַרבאָטענער פּאַמפלעט איז אומלעגאַלערהייט אַרײַנגעדרונ־גען קיין פראַנקרײַך, געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אין די אויגן פון די פראַנצויזן איז הוגאָ אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן פאָלקס־טריבון.

נאָך צוויי יאָר האָט ער זיך איבערגעקליבן אויפן ענגלישן אינדזל דזשערסיי. אײַנצייטיק מיט זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ער נאָכגעפאָלגט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין זײַן לאַנד, אויף דער וועלט. לאָזט פון דער ווײַטנס הערן זײַן שטימע, רופט די פראַנצויזן צו ווידערשטאַנד. ס׳איז געבוירן געוואָרן זײַן זאַמלונג סאַטירישע דיכטונג „באַשטראָפונגען", וואָס האָבן מיט זייער מעכטיקן, דיכטערישן און

מאָראַלישן פּאַטאָס, דערהויבן דעם דיכטער צו אַ פאָלקס־פירער, צו אַ מענטש וואָס טראָגט די אחריות פאַר זיין פאָלק, פאַר פעלקער. אין גאַנצן קיין נייעס איז דאָס נישט געווען. וויקטאָר הוגאָ האָט אין זיינע פריערדיקע ווערק און אויך אין זיינע אַקטיוויטעטן גענומען אויף זיך די גרויסע זאָרג פאַר זיין פאָלק, פאַרן מענטש, ווו ער זאָל זיך נישט געפונען. פון וועלכן ווינקל פון דער וועלט ס׳איז דערגאַנגען אַן אָפּקלאַנג פון אומרעכט, פאַרברעכן האָט ער רעאַגירט שריפטלעך, אינטערוועניִרט פּערזענלעך. ער האָט געהאַט באַרבעסן אַרויסגעריסן מיט זיינע אינטערווענצן פון די נעגל פון טויט, אויסגעפּועלט פאַר אים באַגנעדיקונג. ער האָט בכתב און מיטן לעבעדיקן וואָרט גע־קעמפט קעגן טויטשטראָף, קעגן די דעמאָלטיקע קאַטאָרגעס, אינטער־וועניִרט אין פיל אייראָפּעיִשע לענדער לטובת פאַרמישפּטע. זייענ־דיק אויפן אינדזל דזשערסיי האָט ער אויפגערודערט די וועלט מיט זיינע פּראָטעסטן און אינטערווענצן קעגן דעם טויט־אורטייל קעגן אַמעריקאַנער נעגער דזשאָן בראַון; ער האָט פּראָטעסטירט קעגן פּאָ־גראָמען אויף יידן, קעגן דער שקלאַפערישער באַהאַנדלונג פון די קאָלאָ־ניאַלע פעלקער. ער האָט דאָס אַלץ פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דעס־פּאָטיזם.

* * *

כמעט צוואַנציק יאָר איז וויקטאָר הוגאָ געווען אויף פאַרטרייבונג. פון בעלגיע האָט ער געמוזט אויסוואַנדערן אויפן אינדזל דזשערסיי, פון שיינעם, גרינעם דזשערסיי געצוווּנגען געווען זיך איבערצוטראָגן אויפן פעלדזיקן אינדזל גערנעסיי. ער האָט געקאָנט אין יענער צייט צוריקקומען קיין פראַנקרייך. אין 1859 האָט לואי באָנאַפּאַרט דער־קלערט אַן אַמנעסטיע; הוגאָ האָט אָפּגעזאָגט אַזאַ באַגנעדיקונג. ער האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „... ווען די פרייהייט וועט צוריקקומען אין מיין לאַנד, דעמאָלט וועל איך אויך צוריקקומען“. און במשך פון די קאַרגע צוואַנציק יאָר אויף פאַרטרייבונג איז וויקטאָר הוגאָ מער ווי פריער געווען דאָס, וואָס דער פראַנצויזישער דעמאָלט באַרימטער היסטאָריקער מישלע, האָט געשריבן וועגן אים: „ער איז אַ ווולקאַן, אַ ריזיקער מאַגיק, וואָס שמידט דאָס אייזן אין מעכטיקע שמידערייען

אין די טיפענישן פון די איינגעווײדן פון דער ערד״. ער האָט אַ פּאָרטריבענער פון זײַן לאַנד, פונאַנדערגעבויט זײַן אַלזײַטיק ווערק, געשאַפן זײַנע גרויסע ראָמאַנען, ווי „די מיזעראַבעלע״, אָדער לויט דער יידישער איבערזעצונג „דער גיבור אין קייטן״, „די ים־אַרבע־טער״, „דער מענטש, וואָס לאַכט״, דאָס פֿילאָזאָפֿיש־קריטישע ווערק „וויליאַם שעקספּיר״, די מערקווירדיקע דיכטערישע ציקלען און צווישן זיי דאָס גרויסע פּאָעטישע ווערק „די לעגענדע פון דורות״. ער האָט זיך אויך אומגעקערט צו דראַמאַטורגיע.

***

ווי דערמאָנט האָט וויקטאָר הוגאָ לעבן און שאַפן געצויגן זיך כמעט איבערן גאַנצן 19טן יאָרהונדערט אויף וועלכן ער האָט געלייגט אַ שטאַרקן חותם, אָבער איינצייטיק איז ער געווען אַ קינד פון זײַן יאָרהונדערט. אין יענעם יאָרהונדערט איז אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פאָרגעקומען אַ גרויסער אויפשטייג פון ראָמאַן, אַ ראָמאַן אין וועלכן דאָס לעבן פון די פערסאָנאַזשן, די מענטשלעכע קאָנפליקטן און גורלות האָבן זיך מערסטנטייל אָפּגעשפּילט אויפן פאָן פון צייט־געשעענישן, סאָציאַלע אָדער פּאָליטישע. די גרויסע פראַנצויזישע ראָ־מאַנען־שרייבער ווי אויזשען סי, דימאַ פאָטער און זון, זשאָרזש סאַנד, פלאָבער, באַלזאַק, דער ייִנגערער פון זיי זאָלאַ האָבן געצייכנט נישט נאָר די געפילן און געדאַנקען פון זייערע פערסאָנאַזשן נאָר אויך אַרויסגעבראַכט דעם הערשנדיקן גייסט, דעם קאָלאָריט פון צייט און אָרט. דער ראָמאַן האָט געאָטעמט מיט דער דעמאָלסטיקער הייַנט־צײַטיקייט. טראָץ דעם וואָס אין דער ליטעראַטור האָבן זיך געקרייצט פאַרשידענע שיטות, ווי דער קאָנסערוואַטיווער ראָמאַנטיזם מיט שאַטאָ־בריאַן בראש, דער קריטישער רעאַליזם, אויסגעדריקט צום שטאַרקסטן דורך באַלזאַקן, דער נאַטוראַליזם וועמענס עכסטער פאָרשטייער ס׳איז געווען זאָלאַ, איז געווען אַ בולטער געמיינזאַמער שטריך: דאָס מאָלן עפּישע לייוונטן אויפן פאָן פונעם לעבן פון פאָלק און צייט־געשעענישן.

וויקטאָר הוגאָ איז פון אָנהייב ביזן סוף געגאַנגען מיט זײַן אייגענעם וועג, לויט זײַן באַגרינדעטן נײַעם ראָמאַנטיזם. ער איז אָבער מיט אַלע פיברען פון זײַן האַרץ געווען געבונדן מיט זײַן יאָרהונדערט,

מיט אַלע געשעענישן און אויפטרייסלונגען פון זיין צייט, וואָס האָבן באַקומען אַ תּיקון אין זיין ווערק. און ווען ער האָט זיך אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען אָדער היסטאָרישע דראַמעס געוואָנדן צום עבר, איז דאָס שטענדיק געווען מיטן אויסקוק אויף דער געגנוואַרט.

***

וויקטאָר הוגאָ איז, ווי דערמאָנט, אין זיין צייט באַטראַכט געווען קודם ווי דער גרויסער דיכטער. אָבער אַממיינסטן באַקאַנט געוואָרן, סיי אין פראַנקרייך, סיי אויף דער וועלט, איז ער דורך זיינע ראָמאַנען. ס'איז נישט שייך צו אורטיילן ווען ער איז וואָגיקער, צי אַלס דיכטער, צי אַלס ראָמאַנען־שרייבער, ער האָט זיך אויףביידע געביטן קינסט־לעריש דערהויבן גאָר הויך. אַ פאַקט איז אָבער אַז זיין רום, זיין אָנזען, דער עיקר דאָס באַקאַנט ווערן, איז געקומען דורך די ראָמאַנען. בלויז דער ראָמאַן דער „גיבור אין קייטן" האָט געהאַט אָן אַ שיעור אויפלאַגעס, איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע קולטור־שפּראַכן און געמאַכט האָט מען פון אים אַזש זיבעצן פילמען.

דער אָט גרויסער ראָמאַן, צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע, „די פּאַריזער קאַטעדראַלע" („נאָטרע־דאַם דע פּאַרי") און דער ראָמאַן „די ים־אַרבעטער" בילדן אַ מין סינטעזע, ווי הוגאָ האָט זיך אַליין געהאַט אויסגעדריקט, פון זיין שרייבערישן אני מאמין, פון זיינע אַספּיראַציעס און שטרעבונגען, וואָס מ'קאָן אויסדריקן מיט איין וואָרט: מענטשן־דערלייזונג. און לייענען מיר היינט די דריי ווערק, איבערהויפּט די צוויי ערשטע, — און אויך אַנדערע — קומען מיר צו דער מסקנא, אַז זייער אַקטועלקייט האָט ווייניק וואָס פאַרלוירן.

די דריי ראָמאַנען זענען דערשינען אין פאַרשידענע צייטן. „די פּאַריזער קאַטעדראַלע" אין 1831, ווען דער שרייבער איז אַלט געווען בלויז 29 יאָר. ס'איז געווען הוגאָס ערשטער, פאַרנעמיקער, היס־טאָרישער ראָמאַן און שטעלט פאָר מיט זיך די גרויסע פּלאָג פון פאַנאַטיזם, פאָראורטיילן, אָבסקוראַנטיזם פון וועלכער מ'דאַרף דעם מענטש באַפרייען. „דער גיבור אין קייטן" האָט געהאַט אַ לאַנגן געבורט: דרייסיק יאָר האָט דער שרייבער געטראָגן אין זיך די טעמע, אָבסער־ווירט און געפאָרשט און אָנגעשריבן דאָס ווערק אויפן אינדזל גער־

נעסיי, דערשינען איז דער ראָמאַן אין 1862 און זיין קווינטעסענץ איז די אָרעמקייט, די שוואַרצע נויט, די אונטערדריקונג, וואָס דערנידעריקן דעם מענטש, דעגראַדירן די פרוי, מאַכן אַ הפקרדיק באַשעפעניש פון אָרעמען קינד. דער ראָמאַן „די ים־אַרבעטער" איז געבוירן געוואָרן אויך אויפן אינדזל גערנעסיי. ער דריקט אויס דעם פאַרמעסט פונעם מענטש מיט די רויע, ווילדע נאַטור־כוחות און ווייזט, אַז נישטאָ אַזאַ ברוטאַלע נאַטור־קראַפט דער מענטשלעכער גייסט זאָל נישט קאָנען בייקומען.

וויקטאָר הוגאָ איז געווען אַ שרייבער אַ וויזיאָנער. „די פאַריזער קאַטעדראַלע", וואָס שטעלט פאָר דאָס מיטלאַלטערלעכע פאַריז פון 15טן יאָרהונדערט איז אומפאַרגלייכלעך פון שטאַנדפונקט היסטאָרישער וויזיע. מיטלאַלטערלעכער גלאַנץ און פינצטערניש, אָבסקוראַנטיזם גייען צוזאַמען. דער שרייבער איז דאָ דערגאַנגען צום אַפּאָטעאָז אין זיין איינשטעלונג פון גראָטעסקן און דערהויבענעם, צוזאַמען מיטן טראַגיזם פון די צוויי העלדן, דעם קריפּל קאַזימאָדאָ און דער שיינער, יונגער וואַגאַבאָנד־זינגערין עסמעראַלדאָ. דערביי פילן מיר דעם שרייבערס שטורמישן פּראָטעסט קעגן פאַנאַטיזם, וואָס איז שטענדיק באַגלייט מיט גרויס אכזריות.

און צי האָט „די קאַטעדראַלע פון פאַריז" נישט קיין רעזאָנאַנס אויך היינט? צי איז דער מיטלאַלטערלעכער פאַנאַטיזם אין אַן אַנדע־רער געשטאַלט, אין אַנדערע פאָרמען נישט געוואָרן היינטצייטיק? די ווייטיקן איבער וועלכע הוגאָ האָט געווייטיקט און געקעמפט קעגן זיי זענען אויך היינטצייטיקע חולאתן. האָט זיך דען נישט ווי אַ מגיפה פונאַנדערגעשפּרייט אין פאַרשידענע ווינקלען פון דער וועלט דער רעלי־גיעזער פאַנאַטיזם, ווי למשל אין איראַן, אין אַנדערע לענדער פון יענעם וועלט־ווינקל? ער מיידט דאָ און דאָרט אויך נישט אויס אונדזער יידישע וועלט. צווינגען די פאַרצווייפלטע עטיאָפּישע יידן צו גיור, דערקלערן דורך דעם לובאוויטשער רבין, אַז דאָס אומברענגען דורך היטלערן זעקס מיליאָן יידן, צווישן זיי אַנדערהאַלבן מיליאָן קינדער, איז געווען לויטן רצון פון בורא „צו אַמפּוטירן דעם פאַרסמטן אבר פון יידישן פאָלק", אויפקלערן דורכן סאַטמאַרער רבין טייטלבוים, אַז די היטלעריסטישע שחיטה קעגן יידישן פאָלק „איז די שטראָף פון רבונו של עולם פאַרן שאַפן אַ יידישע מדינה און נישט וואַרטן אויפן

קומען פון משיחן" — איז דאָס אַלץ נישט מיטלאַלטערלעכער פֿאַנאַ־טיזם געכפּלט מיט רישעות? יאָ, וויקטאָר הוגאָ איז אויך אַ היינט־צייטיקער שרייבער.

לאָמיר נאָר אויפֿסניי אַריינקוקן אין באַרימטן סאָציאַלן ראָמאַן „דער גיבור אין קייטן". סאָציאַלע ראָמאַנען אין פֿראַנקרייך זענען שוין אין יענע צייטן געווען געשריבן פון אַזעלכע שרייבערס ווי אויזשען סי, מיט זיין באַרימטן דעמאָלט ווערק „די מיסטעריעס פון פּאַריז", ווי זשאָרזש סאַנד. דאָס ערשטע מאָל האָט אָבער אַ שרייבער אַזוי טיף זיך אַרפּגעלאָזט אין אָפּגרונט פון מענטשלעכער נויט, גרייכנדיק צו אירע וואָרצלען. שוין ווען וויקטאָר הוגאָ איז געווען דעפּוטאַט, זינט 1848, האָט ער אין אַ פלאַמיקער רעדע אויף אַ דעפּוטאַטן־סעסיע געשילדערט די שוואַרצע נויט פון מענטשן פון פֿאָלק און אָנגערופן די שולדיקע, וואָס האָט אַרויסגערופן גרימצאָרן ביי דער מערהייט פֿאַר־זאַמלטע. אין „גיבור אין קייטן", וואָס איז אַ קווערשניט פון אַן עפּאָכע, אַן אַלזייטיקע פֿאָלקס־עפּאָפּייע באַגלייט מיט דער רעוואָלוציע פון 1830, איז קודם כל אַן עפּאָפּייע פון מענטשלעכעליידן, וואָס די שוואַרצע נויט איז גורם. איז דאָך דער געוועזענער קאַטאָרזשניק זשאַן וואַלזשאַן פֿאַרמישפּט געוואָרן צו יאָרן תפיסה פֿאַר גנבענען אַ לעבל ברויט פֿאַר הונגעריקע קינדער און צו קאַטאָרגע פֿאַרן פּרוּוו צו אַנט־לויפֿן. האָט דאָך די גוטמוטיקע, ערלעכע פֿאַנטין זיך דערנידעריקט צו קאָנען שפּייזן איר קינד, די קליינע קאָזעט, אויב בלויז זיי דערמאָנען. אָרעמשאַפֿט, הונגער, נויט, דערנידערונג פונעם מענטש, דעגראַדאַציע פון דער אָרעמער פרוי, הפקרות פון אָרעמען קינד, אונטערדריקונג — אָט זענען די הויפּט־פּראָבלעמען וואָס וויקטאָר הוגאָ האָט אַרויסגע־רוקט אין דער ערשטער ריי.

צי זענען די פּראָבלעמען שוין היינט נישט אַקטועל? צי איז דען שוין הונגער און נויט אומעטום אָפּגעשאַפֿט געוואָרן?

אין „גיבור אין קייטן" האָט וויקטאָר הוגאָ מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿאַראורטיילט קאַטאָרגע. ער האָט גרייטנדיק זיין ווערק באַזוכט דעמאָלט די קאַטאָרגע אין טולאָן. צי איז שוין היינט אומעטום אָפּגעשאַפֿט קאַ־טאָרגע? בכן, הונדערט יאָר נאָך זיין טויט זענען וויקטאָר הוגאָס ווערק אַקטועל. נאָכן דערשיינען פון „גיבור אין קייטן" האָט הוגאָ צווישן אַנדערן געשריבן: „... אַזוי לאַנג ווי אין געוויסע געגנטן אויף דער

וועלט וועט מעגלעך זיין די פאַרסמענדיקע אונטערדריקונג, אַזוי לאַנג ווי אויף דער ערד וועט זיין איגנאָראַנץ און נויט, וועלן ביכער פון אַזאַ כאַראַקטער ווי דאָס איצטיקע נישט זיין אומנוצלעך״.

הוגאָ האָט אָבער געגלויבט, אַז מ׳קאָן אונטערדריקונג, פאַנאַטיזם, איגנאָראַנץ און נויט אָפּשאַפן, ווייל ער האָט געגלויבט אין מענטש, אין זיין מאָראַלישער און גייסטיקער שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס וועלן גובר זיין אַלע סאָציאַלע פּלאָגן.

מיט אַזאַ גלויבן אין מענטש, אין זיינע גייסטיקע און מאָראַלישע מעגלעכקייטן איז אויך באַהויכט דער דריטער ראָמאַן פון די אויבן דערמאָנטע, דער ראָמאַן „די ים־אַרבעטער״. וויקטאָר הוגאָ, בעת ער האָט קאַרגע צוואַנציק יאָר געלעבט ביי די ברעגן פון ים, האָט אָב־סערווירט די ווילדע נאַטור־עלעמענטן. ווייזט ער אונדז ווי דער פּשוט־טער פישער זשיליאַט האָט מיט זיין געזונטן שכל און שטאַרקן ווילן — הגם מיט פרימיטיווע מיטלען — גובר געווען די צעווילדעטע כוואַליעס און די ים־מאָנסטערן. הוגאָ, זעט אויס, האָט פאַרויסגעזען, אַז דער מענטש וועט אימשטאַנד זיין צו באַצווינגען די גאַנצע נאַטור, אויך דעם קאָסמאָס. זשיליאַט האָט אָבער אויך באַצוווּנגען זיך גופא אַ דאַנק זיין הויכער מאָראַל; ער האָט געבראַכט פאַר אַ קרבן זיין אייגן גליק פאַרן מיידל, וואָס ער האָט ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן. יאָ, וויקטאָר הוגאָ דערהויבט הויך זיינע פאָלקס־העלדן, זיי האָבן וואַרעמע הערצער און שיינע נשמות. דער הויפּט־העלד פון „גיבור אין קייטן״ זשאַן וואַלזשאַן לאָזט צומאָל פריי בעת די גאַסן־שלאַכטן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע דעם פּאָליצייאישן מנוול זשאַווער, וועלכער האָט אים דאָס גאַנצע לעבן פאַרפאָלגט.

***

אַ מין סאָרט אַקומולאַציע פון אַלע אויבן דערמאָנטע מאָמענטן — קינסטלערישע, ליטעראַרישע, אידעיִשע, עטישע, סאָציאַלע, פּאָלי־טישע שטעלט מיט זיך פאָר דער היסטאָרישער ראָמאַן „דער מענטש וואָס לאַכט״, פאַרטראַכט און געשריבן אין גערנעסיי. הוגאָס ראָמאַנ־טיזם מיט זיינע קאָנטראַסטן פון נאָבלקייט און פאַרדאָרבנקייט איז דאָ געקומען צום פולן אויסדרוק, דער עיקר דער פּראָטעסט קעגן ברוטאַ־

לער הערשאַפט, עוולות און קעגן דעגראַדירן דעם מענטש האָט אָנגע־נומען די שאַרפסטע פאָרם.

אויף די ענגלישע אינדזלען האָט הוגאָ געהאַט די געלעגנהייט צו דאָקומענטירן זיך וועגן דער געשיכטע פון ענגלאַנד אין סוף 17טן און 18טן יאָרהונדערט. ער האָט געפונען אַ ברייטע היסטאָרישע פּאַנאָראַמע אויף וועלכער זיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע האָט געקאָנט פריי זיך באַוועגן. די בלוטיקע הערשאַפט אין יענע צייטן אין ענגלאַנד האָבן אים אָנגערעגט צו שאַפן אַ היסטאָרישן ראָמאַן מיטן אויסבליק אויפן שרייבערס צייט. דער ברייטער היסטאָרישער פרעסק מיט זיינע קאָש־מאַרע געמעלן, פאַרשידנאַרטיקע טיפּאַזשן, מיט די אוממענטשלעכע האַנדלונגען און דערהויבענע מעשים פון די פאָלקס־העלדן איז געמאָלן אין ליכט פון דעם שרייבערס געגנוואַרט און מיטן אויסבליק אויף אויף דער צוקונפט. און ווידער אַמאָל קאָן מען זאָגן, אַז דער הויפּט־העלד גווינפּליין, דער אַלטער צירקוואַנדערער, דאָס יונגע, בלינדע מיידל זענען מיט זייער גוטסקייט, קלוגשאַפט, מיט אַלע אַנדערע מאָ־ראַלישע אייגנשאַפטן אידעאַליזירט, נישט רעאַל. אָבער גווינפּליין, וועלכן דער קעניג האָט צוליב אַ פּאָליטישער אויסרעכענונג פאַרקויפט אַלס צוויי־יאָריק קינד צו קינדער־הענדלער, וואָס האָבן דערנאָך דורכ־געפירט איבער זיין פּנים אַן אָפּעראַציע, כדי ער זאָל מיט דער גרימאַסע פון שטענדיקן לאַכן פאַרווילן, איז אַ סימבאָל, ווי ער זאָגט דאָס אַליין, אַ סימבאָל פון מענטשנס אַלע באַרויבטע רעכט. ווען די טראַגעדיע פון זיין לעבן האָט זיך אויפגעקלערט, זאָגט ער צו די מיטגלידער פון לאָרדן־הויז: „... איך בין אַ סימבאָל... קעגן גאַנצן מענטשלעכן מין איז מען באַגאַנגען די זעלבע פאַרברעכנס ווי קעגן מיר...״

וויקטאָר הוגאָ דער בונטאַר, דער שטראָפער, דער שטרענגער שופט האָט גלייכצייטיק געגלויבט מיט אַ טיפן גלויבן, אַז דאָס שלעכטס וועט פאַרשווינדן, זיין צוקונפט־וויזיע איז געווען אַ ליכטיקע. ער האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון זיין הויפּט־פּערסאָנאַזש גווינפּליין צווישן אַנדערע אַזעלכע ווערטער: „די היינטיקע געזעלשאַפט איז אַ שלעכטע, אַ פאַלשע. ס׳וועט קומען אַ טאָג פון אַ בעסערער מענטשלעכער גע־זעלשאַפט. און דעמאָלט וועלן נישט זיין קיין הויכגעשטעלטע הערן, ס׳וועלן זיין פרייע, אַקטיווע מענטשן. ס׳וועט מער נישט זיין קיין

חיהשקייט, דערנידערונג פון מענטש, קיין פינצטערניש... ס'וועט אויפ־גיין אַ העל ליכט!"

צי זענען דאָס אויך נישט קיין היינטיקע אַספּיראַציעס ?...

***

אין 1870 האָט זיך וויקטאָר הוגאָ, נאָך קאַרגע צוואַנציק יאָר, אומגעקערט קיין פּאַריז. דאָס פּאַריזער פאָלק האָט אים געמאַכט אַן ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע. אויף די שטורמישע אָוואַציעס האָט ער געענטפערט: „איין שעה אייערע פאַרגיטיקט די צוואַנציק יאָר פאַר־טרייבונג".

אין זיין פאַרגעשריטענעם עלטער האָט ער ווייטער פאַראייניקט זיין ליטעראַרישע שעפערישקייט מיט פּאָליטישע אַקטיוויטעטן, פּאַרלאַ־מענטאַרישע און אַנדערע. אין 1876 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סענאַטאָר. זיין ערשטער אַרויסטריט איז געווען געווידמעט דער פאַר־טיידיקונג פון די קאָמונאַרן, געפאָדערט אַ פולשטענדיקע אַמנעסטיע פאַר זיי. פון יענע יאָרן איז פאַראַן זיינע אַזאַ פאַרצייכענונג: „מיין קערפּער ווערט אַלע מאָל שוואַכער און מיין געדאַנק שטאַרקער. אונ־טער דער זיקנה גייען אויף נייע שפּראָצונגען". נייע שפּראָצונגען זע־נען געווען נייע שאַפונגען. נעבן אַנדערע שאַפונגען האָט ער דעמאָלט אָנגעשריבן זיין לעצטן היסטאָרישן ראָמאַן, „דאָס יאָר 93", וואָס איז דערשינען אין 1878. דער שרייבער האָט דאָס מאָל געוואַנדן די אויגן צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, צו די יאָרן פון גרויסן טעראָר, צום אויפשטאַנד אין וואַנדע.

***

וויקטאָר הוגאָ האָט אָפּגעשאַצט די גרויסע באַדייטונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער האָט אָבער פאַראורטיילט דעם טעראָר, די אַנטיהומאַניטאַרע מעטאָדן. אין „דאָס יאָר 93" קומט צו אַ טראַגישן צוזאַמענשטויס צווישן צוויי נאָענטע פריינד, דעם פופציק־יאָריקן פאַראַנט־וואָרטלעכן פאַר דער עקספּעדיציע קעגן די אויפשטענדלער אין וואַנדע סי־מורדען און דעם יונגן קאָמאַנדיר גאָווען, וועלכער זאָגט: „דאָס יאָר 93

וועט פאַרבלייבן אַ בלוטיקע דאַטע". סימורדען וויל זיין תלמיד און ליבלינג איבערצייגן מיט אַזעלכע ווערטער: „ס'וועט קומען אַ טאָג ווען מען וועט דער רעוואָלוציע גערעכט געבן פאַרן טעראָר". דערויף ענטפערט גאָווען: „כ'האָב מורא, אַז דער טעראָר זאָל נישט בלייבן די שאַנדע פון דער רעוואָלוציע". ס'איז קענטיק, אַז וויקטאָר הוגאָ איז אויף דער זייט פון גאָווען. ער איז אויך אויף דער זייט פון גאָווען, ווי ס'איז לייכט זיך משער צו זיין, ווען דער יונגער קאָמאַנדיר באַפרייט דעם אַרעסטירטן מאַרקיז לאַנטענאַק אַלס באַלוינונג וואָס ער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן און געראַטעוועט פון פייער דריי אָרעמע קינדער. סימורדען האָט ליב גאָווענען ווי זיינעם אַ זון, דאָס שטערט אים אָבער נישט זיין ליבלינג צו פאַרמישפּטן צום טויט. אָט אַזוי ווייזט אונדז הוגאָ דאָס טראַגישע און אוממענטשלעכע פון דער רעוואָלוציע.

* * *

ווי געזאָגט שוין איז וויקטאָר הוגאָ געווען אַ גאָט־געבענטשטער דיכטער, הגם אין זיינע אָנהייב רייפע יאָרן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מער דער דראַמאַטורגיע און אין רייפן פּעריאָד פון זיין לעבן האָט דאָמינירט ביי אים דער ראָמאַן. אָבער די דיכטונג האָט ער קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן מיט דיכטונג און כמעט פאַרענדיקט מיט דיכטונג. אין 1883, קנאַפּע צוויי יאָר פאַרן טויט, האָט ער נאָך פאַרענדיקט דאָס דריטע בוך פון זיין גרויסן ציקל דיכטונג „די לעגענדע פון דורות". ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע נייע פּאָעטישע פאָרמען. אין זיין דיכטונג איז הוגאָ געווען — ליריקער, עפּיקער, סאַטיריקער, רעוואָלוציאָנערער דיכטער און נאַציאָנאַלער דיכטער. פּונקט ווי אין זיין בעלעטריסטיק האָט דער דיכטער אונדז איבערגעטראָגן אין ווייטן נעכטן, צו פאַרגאַנגענע דורות און טיף געשטעקט אין ברויזנדיקן היינט מיט אַלע צאַפּלענישן און אויפטרייסלונגען. באַזונדער רייך און פילפאַרביק איז זיין טעמאַטיק.

וויקטאָר הוגאָס דיכטונג, וואָס ווערט דאָ באַרירט (גיכער נאָר דערמאָנט) בלויז פאַרבייגייענדיק, וואָרעם זי פאָדערט אַ באַזונדערע, גרעסערע אָפּהאַנדלונג — בכן זיין דיכטונג איז פּונקט ווי זיין בעלעטריסטיש און דראַמאַטורגיש ווערק דורכגעדרונגען מיט טיפן הומאַניזם, אָבער זיין וויזיאָ־

נערישקייט, זיין פילאָזאָפישער געדאַנק איז דאָ רעליעפער. אָפטמאָל איז הוגאָ אין זיינע דיכטערישע שאַפונגען אַ דענקער, אַ פאָרשער; אין גע־וויסע שאַפונגען פילט מען ווי דער דיכטער האָט געפאָרשט פאַרשידענע קולטור־דערשיינונגען און ציוויליזאַציעס, וואָס ער גיט איבער אין פּלאַס־טישע אימאַזשן און פּאָעטישע וויזיעס. אַזעלכעס איז קודם כל דאָס מערק־ווירדיקע פּאָעטישע ווערק אין דריי ביכער „די לעגענדע פון דורות" („לאַ לעזשאַנד דע סיעקל") איבער וועלכן דער דיכטער האָט געאַרבעט צוויי און צוואַנציק יאָר און אין וועלכן די פּערזן ברויזן מיט דינאַמיק, מיט פּלאַס־טישע בילדער, וואָס שטעלן פאָר דעם געשיכטלעכן גאַנג פון עטישע ווערטן, אָנהייבנדיק פון די עלטסטע צייטן ביז זיין צייט, ווי אַ גאַנג פאָרויס צו ליכט.

* * *

לסוף איז נויטיק צו דערמאָנען כאָטש קורץ וויקטאָר הוגאָס רעאַ־גירונגען קעגן רדיפות אויף יידן. פּונקט ווי ער האָט רעאַגירט אויף יעדן בייז, אויף פאַרברעכנס אַזוי איז ער אויך מיט זיין גאַנצער קעמפע־רישער ענערגיע אַרויסגעטראָטן קעגן פּאָגראָמען אויף יידן.

ווען ס'איז אין רוסלאַנד, אין 1881, אויסגעבראָכן די כוואַליע פּאָגראָמען, איז וויקטאָר הוגאָ געוואָרן פאָרזיצער פון אַ קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פּאַריז צו טראָגן הילף די יידישע קרבנות. ער האָט אָבער אויך געלאָזט הערן זיין פּלאָמיקע פּראָטעסט־שטימע בכתב. אין דער צייטשריפט „לע ראַפּעל", וואָס איז געהאַט געגרינדעט געווען פון זיינע צוויי זין פראַנסואַ וויקטאָר און שאַרל, וועלכע האָבן שוין צו יענער צייט זינט איבער אַ צענדליק יאָר נישט געלעבט, ובכן, אין דעם זשורנאַל „לע ראַפּעל" האָט ער אין פרילינג 1882 פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגן, שטור־מישן פּראָטעסט־אויפרוף אין וועלכן מיר לייענען צווישן אַנדערן: „... דאָס וואָס געשעט היינט (אין רוסלאַנד — ל.ב.) איז נישט נאָר אַ פאַרברעכן, ס'איז אַ מאָנסטראָזיטעט... פון איין זייט גייט דער מענטש מיט פּאַמעלעכע און זיכערע טריט פאָרויס צו אַן אַלץ מער ליכטיקן האָריזאָנט... פון דער אַנדערער זייט גייט דער מענטש צוריק, דער האָריזאָנט ווערט אַלץ מער שוואַרץ. די מאַסן בלאָנקען אין דער פינצטער. די אַלטע רעליגיעס פאַר־מאַטערטע דורך די צוויי טויזנט יאָר האָבן גאָרנישט מער ווי זייערע מע־שיות... דאָס קריסטנטום פּייניקט דאָס יידנטום..."

„דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אין רוסלאַנד רופט אַרויס אַ שוידער. אַן אומגעהויערע פאַרברעכן ווערט דאָרטן באַגאַנגען. ס'איז נאָך ערגער דערמיט וואָס די רישעותדיקע באַפעלקערונג האָט צומאָל נישט דעם באַוווסטזיין, אַז זי באַגייט אַ פאַרברעכן; זי איז נישט אויף דער הויך צו פאַרשטיין אירע פאַרברעכערישע טאַטן. זייערע גלויבנס האָבן זיי אַראָפּ־געגנידערט צו בעסטיאַלישקייט. זיי האָבן די גרויליקע אומשולד פון טי־גערס... פון איין זייט געפינט זיך דאָס פאָלק, פון דער אַנדערער דער המון. פון איין זייט דאָס ליכט, פון דער אַנדערער דאָס פינצטערניש. מענטש קלייב אויס!".

דאָס וואָס וויקטאָר הוגאָ האָט געזען די סיבה פון די פּאָגראָמען אין דער רעליגיע און נישט אין צאַרישן רעזשים איז אַ זאַך פאַר זיך. ס'איז, אַ סברה, געווען אין איינקלאַנג מיט זיין פילאָזאָפיש־אַטעיִסטישער איינ־שטעלונג. די ראָל פון דער רעליגיע, פון פאַנאַטיזם, אָבסקוראַנטיזם האָט אים אַ סך באַשעפטיקט. ער האָט צוויי יאָר פריער (1880) אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן טיטל „רעליגיעס און רעליגיע". בכן, נישט זיין אויפקלערן די סיבה פון די פּאָגראָמען איז וויכטיק. וויכטיק און פון גרויס באַדייטונג איז געווען זיין מעכטיקער פּראָטעסט, דאָס אויפשטורעמען מיט זיין רוף די עפנטלעכקייט נישט נאָר אין פראַנקרייך וואָרעם דער טעקסט איז דער־שינען אין גאָר אַ סך לענדער.

אין זעלבן יאָר, ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין אויפרוף, האָט וויקטאָר הוגאָ אויך געלאָזט אָפּדרוקן זיינע אַ דראַמע אונטערן טיטל „טאָרקוועמאַ־דע". די פּיעסע האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אויף פאַרטרייבונג אין גער־נעסיי, אין 1869, און ווי ס'פלעגט געשען ביי אים, געלאָזט דערווייל צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן. דערשיטערט פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָט ער די דראַמע דערגאַנצט און פאַרעפנטלעכט. דעם לייענערס (אָדער צושויערס) אויפמערקזאַם ווערט באַזונדער ציען אַן אויפטרייסלענדיקע סצענע אין דריטן אַקט, וווּ מיר זעען ווי דער „גראַן ראַבען" ברענגט צו פירן צום קעניגלעכן פּאָרל אַ געזעמל יידן, מענער, פרויען, קינדער, אָנגעטאָן אין צעפליקטע שמאַטעס, מיט צייכנס אויף זייערע לייבער פון די אינקוויזיציע־אויספאָר־שונגען. דער רב פאַלט פערנאַנדן און איזאַבעלען צו די פיס, בעטנדיק רחמים און פאָר אַ היפּשער סומע געלד קויפט ער אויס די אומגליקלעכע פון ווייטערדיקע פייניקונגען. נישט אויס רחמנות קומט דאָס קעניגלעכע פּאָרל אַנטקעגן דעם רבס בקשה, זיי לאָקערט דאָס געלט, וואָס איז זיי

נייטיק צו די דעמאָלטיקע אונטערגעגומענע עקספּעדיציעס. אָבער טאָרק־וועמאַדע וואַכט איבער די קרבנות, צייגט איבער פּערנאַנדן און איזאַבעלען, אַז זיי נעמען אויף זיך אַ גרויסע זינד, באַפרייענדיק די יידן. און ס'נעמט נישט קיין סך צייט ווי עס דערהערן זיך פון דער ווייטנס די ווײ־געשרייען פון די מאַרטירער.

אוודאי איז אונדז היינט נישט צום האַרצן דעם רבס פאַלן צו די פיס פון די ברוטאַלע הערשער. אָבער דאָס איז דאָך געשען סוף 15טן יאָרהונדערט. דעמאָלט איז דאָס געווען נאָרמאַל. וואָס שייך דאָס וועקן רחמנות איז עס אויך אין הוגאָס צייטן געווען אין גייסט פון דער עפּאָכע. אויף אַ יידן האָט מען קודם געדאַרפט רחמנות האָבן, הגם ס'איז שוין געווען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און איר דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט. דאָס פאַרמינערט אָבער אויף קיין האָר נישט, אַז די דראַמע „טאָרקוועמאַדע" זאָל זיין אַ פלאַמיקער פּראָטעסט קעגן רדיפות און גגישות אויף יידן און גאָר באַזונדער קעגן דער אינקוויזיציע מיט אירע שייטערהויפנס. די שילדערונג פון דער אויטאָדאַפע, ווי אַזוי די פלאַמען פאַרצוקן לעבעדיקע מענטשן רופט טאַקע אַרויס גרויס רחמנות צו די קרבנות, אָבער איינציייטיק אַנטבלויזט עס די חיהשע רציחה, די רישעות און טרייסלט אויף דאָס מענטשלעכע געוויסן. כ'האָב קיינמאָל די דראַמע „טאָרקוועמאדע" אויף די טעאַטער־ברעטער נישט געזען (דוכט מיר, אַז מ'האָט זי אויפגעפירט בלויז אין 1936), אָבער לייענענדיק זי האָב איך געפילט ווי זי דעקט אָפּ די גרעסטע אכזריות און אויך מענטשלעכע חרפה, וואָס רופט אַרויס רעוואָלט, איז מסוגל צו דערוועקן אַפילו אַן איינגעדרימלט געוויסן, כדי אָפּצושאַפן דאָס פאַרברעכן. און צו דעם האָט וויקטאָר הוגאָ געצילט, ווי יעדעס מאָל, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן דירעקט מיטן לעבע־דיקן וואָרט אָדער אין זיינע ווערק קעגן אונטערדריקונג, פאַנאַטיזם און פאַרברעכנס.

אויגוסט־סעפּטעמבער, 1985

דאָס געוויסן פון אַן עפּאָכע

(נאָכן טויט פון זשאַן פּאָל סאַרטר)

היינט האָט דאָס פאָלק פון פּאַריז באַגלייט צו זיין אייביקער רו זשאַן פּאָל סאַרטר. פון אַלע עקן שטאָט האָבן געשטראָמט מענטשן צום שפּיטאָל פון וואַנען מ׳האָט אַרויסגעטראָגן דעם ארון, און צום בית־עולם מאָנפּאַרנאַס. וויפל זענען געווען? מ׳זאָגט 50־60 טויזנט. ווער אָבער האָט דאָס געקאָנט ציילן? די גאַסן, די בולוואַרן, דער בית עולם זענען געווען פּאַרפּלייצט. מ׳האָט געקאָנט זען אַ סך מענטשן מיט בינטלעך בלומען, מיט אַן איינצעלנער רויז צו לייגן אויפן פרישן קבר צו וועלכן מ׳האָט זיך נישט געקאָנט דורכשטופּן.

***

מיט זשאַן פּאָל סאַרטרס טויט פאַרלירט פראַנקרייך און, אַ סברה, די וועלט, איינעם פון די גרעסטע היינטצייטיקע גייסטער, אַן אייגנ־אַרטיקן, אַלזייטיקן שאַפער, וואָס האָט געלייגט אַ שטאַרקן חותם אויף אַ גאַנצער עפּאָכע, וואָס האָט ווי זעלטן ווער געווירקט סיי מיט זיין שאַפערישקייט, סיי מיט זיינע טואונגען. ס׳איז זעלטן, אין אונדזערע צייטן, אַז אין איין פּערזאָן זאָל אַזוי אין אייג־קלאַנג גיין אַ גרויסער שאַפער און אַ מענטש פון טאַט און אַז אַזאַ שאַפער זאָל אַזוי פיל האָבן אויפגערודערט די מוחות און הערצער פון מענטשן, ווי דאָס האָט באַוויזן זשאַן פּאָל סאַרטר. ער האָט זיך איינגעשאַפן סיי אַ סך הייסע אַנהענגער סיי אַ סך קעגנער. מ׳האָט אים פאַרערט און ליב געהאַט און אויך געהאַסט. מ׳האָט מיט אינטערעס, מיט נייגיר און ליבשאַפט צוגעהויגט דאָס אויער צו זיינע ווערטער און מ׳האָט זיך אויך אָפּגעקערט פון זיי מיט קעגנערשאַפט, צייטנווייז מיט שנאה, אָבער אַפילו ביי זיינע קעגנער האָט ער אַרויס־גערופן אַכטונג און באַוואונדערונג פאַר זיין קוואַליקער, אַלזייטיקער שאַפערישקייט און אויך פאַר זיין דרייסטקייט, פאַר זיין שטענדיקן

שטיין אויף דער וואָך פון געשעענישן. אין אים גופא האָבן געווירבלט צוויי קעגנזעצלעכע געפילן: ליבע צום מענטש און שנאה צו זיין באַדריקער. וועגן אים קאָן מען זאָגן דאָס, וואָס וויקטאָר הוגאָ האָט געזאָגט וועגן זיך: „איך האָס די אונטערדריקונג מיט אַ האָס אַ טיפן".

**
*

זשאַן פּאָל סאַרטר איז קודם כל געווען אַ פילאָזאָף, אַ דענקער, אַ זוכער פון לעבנס־אמתן, וואָס ער האָט באַגרינדעט אין זיין פילאָזאָפיע; ער האָט פּאַרטיידיקט דעם אמת און די פרייהייט פונעם מענטשן קודם ווי אַ פילאָזאָף. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ ראָמאַנען־שרייבער, אַ פּרוכטיקער דראַמאַטורג, שאַפנדיק אַן אייגענעם טעאַטער־נוסח, אַן עסייאיסט, אַ פּובליציסט און זשורנאַליסט מיט אַ פּלאַמיקן, פּאָלעמישן שוווּנג. אין די פריערדיקע יאָרן איז ער אויך געווען אַ רייזנדער (אין די יונגע יאָרן געווען פּראָפעסאָר), אויסגעפאָרן צוזאַמען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין, די באַקאַנטע שרייבערין סימאָן דע באָוואַר, די וועלט, אומעטום אָנגעטאַפּט דעם דופק פון לעבן, אומעטום געזוכט און געענישטערט צו געפינען דעם תמצית פון מענטשלעכן זיין, וואָס ער האָט דעפינירט אין זיין פילאָזאָפישער שיטה פון עקזיס־טענציאַליזם. ביי דעם אַלעמען איז ער געווען אַ מענטש פון טאָג־טעגלעכן טאַט, פון ממשותדיקע מעשים. ער האָט זיך נישט בלויז אָפּגערופן און רעאַגירט אויף אַלע געשעענישן נאָר, מ'קאָן זאָגן, אָנטיילגענומען אין זיי מיטן ציל זיי צו ריכטן ווי געהעריק. ווען ער האָט נאָך דער מלחמה געהאַלטן פאַר נויטיק, האָט ער גרופירט אַרום זיך אַן עליטע, געשאַפן אַ פילאָזאָפיש־ליטעראַרישע באַוועגונג, דערנאָך געגרינדעט, צוזאַמען מיט סימאָן דע באָוואַר, אַ צייטשריפט („לע טאַן מאָדערן") וואָס עקזיסטירט ביז היינט. ווען מ'האָט גע־דאַרפט איז ער אַראָפּ אויפן גאַס מאַניפעסטירן, געגאַנגען צו אַ פאַבריק רעדן צו אַרבעטער, ער האָט זיך אַפילו אַראָפּגעלאָזט אויפן גאַס מיט אַ פּעקל צייטונגען צו פאַרשפרייטן זיי. ווען ס'איז נויטיק געווען איז ער געגאַנגען אינטערוועניִרן אָדער פּראָטעסטירן דירעקט ביי מאַכט־האָבער, הגם ער איז צעקריגט געווען מיט די הערשנדיקע מאַכטן.

וועגן זיך גופא האָט ער געהאַט געשריבן: „איך האָב נישט און אַנערקען נישט קיין אַנדערע מאַכט ווי די, וואָס דרינגט אַרויס פון אמת". שוין זייענדיק בלינד האָט ער די לעצטע צייטן זיך געלאָזט פירן צו דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע צו פּראָטעסטירן קעגן טויט־אורטייל אויף דריי אַרמענער. מיט די בלינדע אויגן האָט ער אויך דאָ נישט לאַנג באַגלייט אַ דעלעגאַציע צום פראַנצויזישן מלוכה־פּרעזידענט, כדי צו אינטערווענירן אַריינצולאָזן וואָס מער וויעטנאַמישע פּליטים.

מ'פּלעגט באַצייכענען סאַרטרן ווי אַן אַנגאַזשירטן שרייבער, אַן אַנגאַזשירטן פילאָזאָף. דאָס זאָגט עפּעס, טיילמאָל אַ סך, אָבער נישט אַלץ אין שייכות מיט זשאַן פּאָל סאַרטר. סאַרטר גופא האָט געהאַלטן, אַז יעדער לעבעדיקער מענטש איז אין אַ געוויסער מאָס אַנגאַזשירט, ער מוז זיין אַנגאַזשירט, בפרט אַ שאַפערישער מענטש. זאָגן דעריבער סתם, אַז זשאַן פּאָל סאַרטר איז געווען אַן אַנגאַזשירטער שאַפער, ווי עס טרעפט, איז נישט גענוג.

פראַנקרייך האָט אַמאָל, אין 18טן יאָרהונדערט, געהאַט אַרויס־געגעבן אַ מערקווירדיקע עליטע אַלזייטיקע שאַפער, וואָס האָבן זייער גאַנצע שאַפערישקייט געשטעלט דירעקט צום דינסט פונעם מענטש, פון זיין צייט, פון אַן עפּאָכע פול מיט אכזריות און אָבערגלויבעניש, פון אַן עפּאָכע, וואָס זיי האָבן געצילט צו ענדערן, צו פאַרמענטשלעכן. דאָס זענען געווען, ווי מ'האָט זיי גערופן, די גרויסע ענציקלאָפּעדיסטן בראש מיט דידראָ, וואָלטער, זשאַן רוסאָ, ד'אַלעמבער און אַנדערע. זיי זענען געווען די איניציאַטאָרן, שאַפער אָדער מיטאַרבעטער פון דער ערשטער גרויסער, 17־באַנדיקער פראַנצויזישער ענציקלאָ־פּעדיע, וואָס איז דעמאָלט אין פאַרשידענע יאָרן דערשינען כמעט אין אונטערערד. דאָס זענען געווען מענטשן מיט אַן אַלזייטיקן וויסן און קולטור. זיי זענען געווען פילאָזאָפן, ראָמאַנען־שרייבער, נאָוועליסטן, דראַמאַטורגן, צומאָל מאַטעמאַטיקער, ווי ד'אַלעמבער, מוזיקאָלאָגן, און זיי זענען אין זייערע שאַפונגען געווען פלאַמיקע קעמפער קעגן אָבסקוראַנטיזם, אומרעכט, פאַר יושר, גלייכהייט און פרייהייט. אין יענע מיטלאַלטערלעכע באַדינגונגען האָבן זיי נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייטן פון פרייע אַרויסטריטן. האָבן זיי — חוץ אין פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונ־גען — אין זייערע ראָמאַנען, ווי דאָס האָט אין דער ערשטער ריי

געטאָן דידראָ, רוסאָ, און אין די טעאַטער־פּיעסן, ווי דאָס האָט געטאָן וואָלטער, אַריינגעשפּינט און אַריינגעפלאָכטן זייערע פילאָזאָפישע געדאַנקען, די נייע לעבנס־קאָנצעפּציעס און אידעען, וואָס זענען געווען ווי זאָמען פאַרזייטע אויפן מיטלאַלטערלעכן באָדן קעגן אָבסקוראַנטיזם, צוואַנג, פאַר פרייהייט פון געוויסן און פרייהייט בכלל. מ׳האָט געזאָגט וועגן זיי, אַז זיי זענען געווען די גייסטיקע פאָטערס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיי זענען אין קעגנזאַץ צו סאַרטרן נישט געווען קיין גרויסע ליטעראַטן־קינסטלער אין זייערע ראָמאַנען און טעאַטער־פּיעסן, הגם אייניקע האָבן געשאַפן ליטעראַרישע ריכטונגען אויך זשאַן זשאַק רוסאָ האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דעם ראָמאַנטיזם אין דער ליטעראַטור. זיי זענען אָבער געווען גרויסע דענקער און אין זייער גאַנצער שאַפערישקייט זענען זיי געווען אויסגעבונדן און אויסגעקנופּט מיט דער דעמאָלטיקער רעאַליטעט, וואָס זיי האָבן געשטויסן צו ענדערן און אַזוי אַרום געווען דירעקט אַנגאַזשירטע שאַפער.

אַזאַ אַנגאַזשירטער שאַפער איז געווען זשאַן פּאָל סאַרטר אין אונדזער עפּאָכע. און אויך ווי יענע אַ גרויסער מאָראַליסט אין בעסטן זינען פון וואָרט. זיין אַלזייטיקע, שפרודלדיקע שאַפערישקייט איז אויסגעבונדן מיטן רעאַלן לעבן, מיט דער ווירקלעכקייט פון אונדזער יאָרהונדערט. אויך ער, דער מענטש מיטן ברייטן אינטעלעקט, דער דענקער, דער פילאָזאָף האָט אין אַנדערע באַדינגונגען, חוץ אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק, זיינע געדאַנקען, זיינע לעבנס־קאָנצעפּציעס איבערגעגאָסן אויף אַ קינסטלערישן אופן אין זיינע ליטעראַרישע ווערק אין וועלכע ער פּראָפּאַגירט דעם פרייעם אויסוואַל פון מענטש, דער עיקר אין זיינע מערערע טעאַטער־פּיעסן אין וועלכע ער טרעט אַרויס קעגן ראַסיזם, געוואַלדטאַט, דיקטאַטאָריאַלער הערשאַפט, קעגן „שמוציקע הענט״ און „פאַרמאַכטע טירן״, ווי עס הייסן צוויי פון זיינע פּיעסן. דורכן טעאַטער, דורך די מערערע פּיעסעס, האָט ער געוואָלט, ווי ער האָט דאָס אַליין געזאָגט, האָבן נישט בלויז אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן פּובליקום, נאָר דער עיקר פירן דעם דיאַלאָג מיטן מענטשן, האָבן אויך אָנטקעגן זיך דעם קעגנער.

סאַרטר דער פילאָזאָף און שרייבער האָט געפירט אַ שטענדיקן דיאַלאָג מיט זיין מיטמענטש. ער האָט שטענדיק געשטעלט פראַגע־

צייכנס קעגנאיבער דער רעאַליטעט. און סאַרטר דער אומדערמידלע־כער קעמפּער האָט זיך אַנגאַזשירט מיט זיין גאַנצער שאַפונג און מיט זיין פּערזאָן אין דער געשיכטע פון זיין עפּאָכע, גענומען גרויסמוטיק אויף זיינע פּלייצעס די משא פון דער געשיכטע. וועגן אַ שרייבער, וועגן שרייבערישן חוב האָט ער געהאַט זיך אַזוי אויסגעדריקט: „מ׳דאַרף שרייבן פאַר דער אייגענער עפּאָכע פּונקט אַזוי ווי די גרויסע שרייבער האָבן עס געטאָן. שרייבן פאַר דער אייגענער עפּאָכע הייסט נישט אָפּשפּיגלען די רעאַליטעט פּאַסיוו, דאָס באַדייט אַנטיילנעמען אין איר, כדי זי צו ענדערן...״ אַן אַנדערש מאָל האָט ער געשריבן: „אַ ווערק דאַרף זיין אַ וואָפן אין קאַמף, וואָס מענטשן פירן קעגן שלעכטס״.

און ער האָט מיט זיין פּילצאָליק ווערק, וואָס באַשטייט פון 50 פאַרשידנאַרטיקע ביכער, וואָס זענען דערשינען אין איבער צען מיליאָן עקזעמפּליאַרן און וואָס זענען איבערזעצט אין 28 שפּראַכן, געפירט אַ שטענדיקן קאַמף קעגן שלעכטס. אויך, ווי געזאָגט שוין, מיט ממשותדיקע מעשים.

יאָ, מיר ווייסן, אַז אין זיינע מעשים, אין זיין פּאָליטישער אַנ־גאַזשירונג האָט ער טיילמאָל געבלאָנדזשעט, זיך טועה געווען, וואָס געוויסע מענטשן וואַרפן אים נאָך פאַר באַלד נאָכן טויט. וועלכער טעטיקער מענטש איז זיך אָבער נישט טועה? איבעריקנס, קיינער איז נישט געווען אַזוי שטרענג צו אים, ווי ער גופא איז געווען צו זיך. מיר האָבן די האַרטקייט צו זיך שוין געזען אין זיין מערקווירדיק ווערק „ווערטער״. דאָס וואָס איבעראַשט אונדז נאָך דווקא איצט, חוץ זיין אינטעלעקטועלער כוח, וואָס איז פאַרזיגלט אין זיין גרויס ווערק, איז דער מאָראַליש־גייסטיקער כוח. עטלעכע וואָכן פאַרן טויט האָט ער אַרויסגעזאָגט צווישן אַנדערע אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען פאַרשריבן געוואָרן פון זיינעם אַ מיטאַרבעטער: „...מ׳קאָן זיך זאָגן, אַז די וועלט איז מיאוס, שלעכט, אָן האָפענונג. ס׳אַנטשטייט דעמאָלט אַ רויִקע האָפענונגסלאָזיקייט פון אַן אַלטן מענטש און ער שטאַרבט אין אַזאַ צושטאַנד. אָבער איך, פאַרקערט, איך שטעל אַ ווידערשטאַנד, איך ווייס, אַז איך וועל שטאַרבן מיט האָפענונג, וואָס מען דאַרף אויס־שמידן אין זיך״. און ווייטער: „איך פּיל אָפּ די האָפענונג ווי אַ קאָנ־צעפּציע פון דער צוקונפט״.

***

פאַר אונדז יידן איז חוץ דעם אַלעמען זשאַן פּאָל סאַרטר אַ מוטיקער קעמפּער קעגן אַנטיסעמיטיזם, אַ גרויסער פריינד פון יידישן פאָלק. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז שוין אין 1953, ווען ס׳זענען דערגאַנגען צו אים ידיעות וועגן סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם, האָט ער אים עפנטלעך געשטעמפּלט טראָץ דעם וואָס ער איז נאָך דעמאָלט געווען אין גאָר פריינדלעכע באַציונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט דעם יידן־פּראָבלעם געווידמעט אַ באַזונדער בוך — „רעפלעקסיעס וועגן דער יידן־פראַגע״. אוודאי קאָן מען נישט אָננעמען אַ געוויסע דעפיניציע זיינע וועגן דעם וואָס ס׳איז אַ ייד. עס בלייבט אָבער דער פאַקט וואָס סאַרטר האָט דעם פּראָבלעם עפנטלעך אויפגעהויבן און פאַר יעדעס מאָל וואָס ס׳איז נייטיק געווען האָט ער — און אויך סימאָן דע באָוואַר — ווי אַמשטאַרקסטן רעאַגירט קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם. מיר פּערזענלעך איז אויסגעקומען צו זיין אַן עדות דערפון. אין 1968, בעת דער ווילדער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע אין פּוילן, האָב איך מיך פאַרבונדן מיט סימאָן דע באָוואַר. זייענדיק ביי איר אין שטוב האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי און סאַרטר ווילן וויסן גענויע פּרטים, לאַנג מיך אויסגעפרעגט וועגן די געשעענישן, געבעטן אָנ־שרייבן אַ גענויעם גבית־עדות, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זייער צייטשריפט „לע טאַן מאָדערן״. ביי אַ צווייטער טרעפונג ביי איר אין שטוב, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אונטערשריפטן פאַר אַ מעמאָראַנדום צו דער פּוילישער רעגירונג אין שייכות מיטן אָוועק־נעמען די פּענסיעס ביי די אַרויסגעפאַרענע יידן, האָט סימאָן דע באָוואַר גלייך פאַרגעלייגט סאַרטרס אונטערשריפט און איר אייגענע, דערביי אָנגעוויזן אַ ריי פראַנצויזישע שרייבער צו וועלכע מ׳האָט געקאָנט זיך ווענדן אין זייער נאָמען.

דער אָנדענק פון זשאַן פּאָל סאַרטר וועט אויך פאַרבלייבן צווישן אונדז ווי אַן אויפריכטיקער פריינד פון ישראל. אגב די איינציקע אויסצייכענונג, וואָס ער האָט ווען דאָס איז אָנגענומען, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט אָפּגעזאָגט מיט יאָרן צוריק דעם פראַנצויזישן „לע־זשיאָן ד׳האָנער״ און דעם נאָבעל־פּרייז, איז געווען דער טיטל „דאָק־טער האָנאָריס קאַוזאַ״ פון ירושלימער אוניווערסיטעט. דעם אויסנאַם,

וואָס ער האָט געמאַכט, איז געווען אָן ספק אויס פריינדשאַפט צו מדינת ישראל.

ווען מען טראַכט איצט, צוריקקערנדיק זיך פון דער לוויה, וועגן דער באַדייטונג פון זשאַן פּאָל סאַרטר, קומען אויפן זינען די ווערטער פון אַנאַטאָל פראַנס. ווען פראַנס האָט גערעדט ביים אָפענעם קבר פון עמיל זאָלאַ, האָט ער געזאָגט, אַז זאָלאַ איז געווען דאָס געוויסן פון דער וועלט. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן סאַרטר: ער איז געווען דאָס געוויסן פון זיין עפּאָכע, הגם אין אונדזער צייט פאַרנעמט מען זיך אַזוי ווייניק מיט געוויסן. און מיט רעכט האָט ווער געשריבן, ווען ס׳איז געקומען די ידיעה פון זיין טויט, אַז „זיין וואַכזאַמקייט פעלט אונדז שוין״.

מאַי, 1980

דער שילדערער פון דער אַלט-נייער און אַלטער היים

(וועגן די פינף בענדער געזאַמלטע שריפטן פון יוסף ערליך)

דעם יידיש-לייענער זענען ביז דאַ נישט לאַנג ווייניק באַקאַנט געווען די ווערק פון ישראלדיקן שרייבער יוסף ערליך ז״ל, הגם מ׳האָט נישט ווייניק געהערט פון אים. אויב אָבער זיין נאָמען איז יאָ באַקאַנט געווען, זענען זיינע שאַפונגען דעם יידיש-לייענער נישט צוגענגלעך געווען און דאָס פשוט דערפאַר וואָס די ווערק פון יידיש-שרייבער זענען דערשינען נישט אין אָריגינאַל נאָר אין עברית. אין דעם פאַל איז יוסף ערליך געווען אַן אוניקום אין אונדזער ליטעראַטור, ווי עס דערמאָנט אין זיינער אַ הקדמה דב סדן.

יוסף ערליך האָט געשריבן זיינע ווערק אויסשליסלעך אין יידיש, אין דער שפּראַך פון זיין אַלטער היים, וואָס איז אויך געווען די שפּראַך אין וועלכער ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, דרוקנ־דיק סקיצן און דערציילונגען אין י. מ. וויסענבערגס „אינדזער האָפע־נינג״, אין „קעלצער שטימע״, אין אַנדערע יידישע אויסגאַבעס אין פּוילן, ווו ער האָט געלעבט אין שטעטל וואָלבראָם ביז זיין אויסוואַנדערן אין 1933 קיין ארץ ישראל. איז נאַטירלעך, אַז זיין ליטעראַרישע שפּראַך איז פאַרבליבן יידיש און אַלץ וואָס אין ישראל איז אַרויסגעגאַנגען פון אונטער זיין פעדער איז דאָס געווען אין לשון יידיש, דאָקעגן געדרוקט איז אַלץ געוואָרן אין עברית. דב סדן דערמאָנט אין זיינער אַ הקדמה אַזאַ געשעעניש: אַ הויפּט־רעדאַקטאָר פון אַ יידישער שריפט איז צוגע־פאַלן צום האַרצן ערליכס אַ דערציילונג און געגעבן זי איבערצוזעצן פון עברית אין יידיש, אין דער צייט ווען די זעלבע דערציילונג איז געווען געשריבן אין יידיש. דערמאָנענדיק דעם־אָט עפּיזאָד באַמערקט דב סדן, אַז ווען ס׳איז געווען אַ רייד דערוועגן מיט יוסף ערליך, האָט דער יידיש־שרייבער זיך דיסקרעט צעשמייכלט און ווייטער געטאָן זיינס. די רעטעניש פאַרוואָס ער האָט נישט געדרוקט אויך אין אָריגינאַל איז פאַרבליבן אַ רעטעניש. אָבער דער יידיש־לייענער האָט זיך דאָך דערוואָרט און די יידישע ליטעראַטור האָט זיך באַרייכערט מיט אָרי־גינעלע, ווערטיקע ווערק.

ס׳ליגט פאַר מיר יוסף ערליכס פינף בענדער געזאַמלטע שריפטן

אין זייער אָריגינאַל, געשריבן אין יידיש. זיי זענען דערשינען דאָ נישט לאַנג, אין פאַרגאַנגענעם יאָר. מיר איז נישט באַקאַנט צי זיי זענען דערשינען נאָך פאַרן שרייבערס לעבן, נאָר אַז ער האָט זיי אַליין צוגעגרייט און אַז דאָס איז מסתמא זיין רוב סך־הכל פון זיין ליטע־ראַריש פאַרמעג קאָן מען זיך אָנשטויסן פון דערווידמונג, וואָס לויטעט: „מיין מורי ורבי דב סדן, דער תלמיד חכם און בר סמכא אין אונדזערעביידע ליטעראַטורן און זיין עזר כנגדו מרת גוסטא מיינע שריפטן פון אַלע יאָרן".

בדרך כלל איז ערליכס ליטעראַרישער זשאַנער די דערציילונג, דער עיקר די נאָוועלע, אָבער נישט די קורצע פאָרם פון דעם־אָ זשאַנער. ערליך איז ברייט־פאַרנעמענדיק, ברייט־אָטעמדיק, דערביי מאָלעריש, פלאַסטיש, זיין פאַלעטע איז פילפאַרביק, די דיאַלאָגן לעבעדיקע. אין פראַנקרייך וואָלט מען געוויסע זיינע לאַנגע נאָוועלן, וואָס פאַרנעמען בערך צוויי הונדערט זייטן און מער, פאַרעכנט פאַר ראָמאַנען, וואָרעם אין דער וועלט־ליטעראַטור, בעיקר אין דער פראַנצויזישער זענען פאַראַן פיל נייע פאָרמען פון בויען אַ ראָמאַן. ביי אונדז, אין אונדזער אָרעמ־שאַפט שאַצן יידישע קריטיקער שטרענג דעם ראָמאַן לויט איין טיפּ, איין קאָנוועניץ, דער אַמאָליקער, אָבער נישט דאָס בין איך איצט אויסן.

יוסף ערליך האָט זיינע שאַפונגען אין די פינף בענדער נישט באַ־צייכנט צו וועלכן זשאַנער זיי געהערן, איז אפשר נישט נייטיק איצט געוויי זיי צו קלאַסיפיצירן. און נישט מיטן זשאַנער מעסט מען דעם ווערט פונעם שרייבער, פונעם ווערק, נאָר מיט דער וואָגיקייט, מיט דער קערנדיקייט, מיטן שרייבערישן אויסדרוק. יוסף ערליך איז אַן אָריגינעלער, קערנדיקער שרייבער, וואָס האָט אויף זיין אייגענעם אופן, אין אַן אייגענעם נוסח אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק גאַנצע יידישע עפּאָכעס, געמאָלן זיי אין פאַרביקע געמעלן, אַרויסגעבראַכט זיי אויך באַשרייבעריש־רעאַליסטיש. זיין רעאַליזם גרענעצט טיילמאָל מיט נאַטור־ראַליזם, אָבער דאָס איז נישט דער „רויער", „נאַקעטער" נאַטוראַליזם, נאָר וואָס דעקט אויף בולטער, דרינגט אַריין טיפער אין לעבנס־פּראָצעסן. איך וואָלט נישט געוויגט געווען צו באַצייכענען זיין פּראָזע ווי אַ סורנאַטוראַליסטישע, ווי יחיאל האָפער האָט דאָס געהאַט באַצייכנט אין צוזאַמענהאַנג מיט י. מ. ווייסענבערג און א. מ. פוקס, ווי עס דער־מאָנט אין זיין אַריינפיר אין ערשטן באַנד דב סדן.

***

פון די פינף בענדער געזאַמלטע שריפטן זענען פיר בענדער („דער אָנהייב", „טאָל און באַרג", „ביי זיך", „אויף אייגנס") געווידמעט דער אַלט־נייער היים און איין באַנד, דער לעצטער („דאָס שטעטל") טראָגט אונדז איבער אין דער אַלטער היים. און ווי ס׳זעט אויס האָט דער שרייבער זיך אומגעקערט צו דער אַלטער היים שפּעטער, ווי ער האָט געשילדערט זיין נייע היים.

ווי שוין דערמאָנט איז יוסף ערליך געקומען קיין ארץ ישראל אין 1933, געקומען ווי אַ חלוץ. ווי מיר דערוויסן זיך פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" איז ערליך אין פּוילן געווען אַן „אַקטיווער עסקן אין דער חלוצישער און יוגנט־באַוועגונג אין קעלצער געגנט, אָרגאַניזאַטאָר פון הכשרה־פּונקטן". ובכן, ער איז געקומען ווי אַ פּיאָנער בויען די נייע היים, וווּ ער איז אַריינגעוואַקסן אין דער נייער רעאַליטעט און מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט מיט אַלע ווידעראַנאַנדן, מיט אַלע שטורעמס און געוויטערס, מיט די פּיינען און פריידן פון אויפגאַנג. אַ שרייבער, אַ געניטער אָבסערוואַטאָר האָט ער מיט זיין שאַרף, קינסטלערישן אויג פון אָנהייב און אויך שפּעטער אויפגעכאַפּט אַלע באַזונדערקייטן און ערשטע ווייענישן פון די עולים פון מזרח־אייראָפּע, פון די ספרדישע עדות, די מדבר־יידן פון קורדיסטאַן צו וועלכע ס׳איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז „משיח איז געקומען" און געלאָזט זיך פון זייער פאַרשפּאַרטקייט אין וועג; און מיט זיי דער חכם און יסחוק מיט זיינע צוויי ווייבער און זעכצן קינדער, וועלכער האָט אויסגעקלאַפּט די וווין־לעכער אין די בערג פון קורדיסטאַן. דער שרייבער האָט געהאַט פאַר זיך אַלע מאָל מער אַנדערשדיקע, יידישע וועלטן פון וועלכע ס׳האָט זיך געדאַרפט אויספורעמען די ישראלדיקע וועלט מיט אירע געמיינ־זאַמקייטן און אַנדערשדיקייטן. און פון די דאָזיקע שווערע פּראָצעסן ברענגט אונדז יוסף ערליך צאַפּלדיקע שטיקער לעבן, ער שילדערט סיי געמיינזאַמע שיקזאַלן, סיי יחידישע, ווייזנדיק יעדן פּערסאָנאַזש מיט זיין אויסזען, זיין טראַכטן און פילן, מיט זיינע האַנדלונגען.

דער שרייבער איז געוואָרן, ווי מ׳זעט, דער עדות אויך פון שווערן אָנהייב, ווען די חלוצים האָבן געאַקערט די פאַרוויסטע ערד, ווען די נאַטור איז נאָך געווען ווילד, נישט געצוימט, ווען „אַפילו דער

נישט געצערטלטער פון דער נאַטור קאַקטוס האָט דאָרט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. דער טאָל איז געווען צעפּראַלט פאַר די צעהיצטע פון די בערג אַראָפּגעקומענע ווינטן, וואָס האָבן מיט זיך געבערענגט די שטוי־ביקע טרוקנקייט, וואָס האָט די סביבה איינגעהילט אין אַ מדבר־זאַמד־מאַנטל" („פלאַמעדיקע האָריזאָנטן", באַנד „אָנהייב").

מענדעלע האָט געהאַט געזאָגט צו דובנאָוון, אַז ווען ער, דובנאָוו, דער היסטאָריקער, וועט שרייבן וועגן זיינע, מענדעלעס צייטן, וועט ער דאַרפן אָנקומען אויך צו זיינע ביכער. דער היסטאָריקער פון די חלוצישע צייטן, פון די אויפבוי־פּראָצעסן וועט, אַ סברה, דאַרפן אַריינ־קוקן אין ערליכס שריפטן צו זען און פילן ווי „אין יענע טעג האָבן בייכיקע שיפן און עראָפּלאַנען געבערענגט צו די ישראל־ברעגן די יידישע שבטים, וואָס זענען געווען זיך פרעמד אין די מנהגים און שטייגער. הויכע, ברייטביייניקע באַרג־יידן האָבן דערשטוינטע באַטראַכט די שטאָט־יידן. די און די האָבן דערשטוינטע באַטראַכט די מדבר־יידן. הענט נישט געניטע, צעבריטע פון מי האָבן געריסן די איינגעוואַקסענע אין דער ערד שטיינער און זיי צונויפגעקליבן..." („טרערן און גליק", באַנד „טאָג און באַרג").

יוסף ערליך, דער שילדערער פון מענטשלעכע גורלות, פון קאָנ־פליקטן, פון שווערע קאַשמאַרן פון וועלכע ס'קאָנען זיך נישט באַפרייען די אָפּגעראַטעווע פון חורבן, איז אויך אַ שילדערער פון די נאַטור־שיינקייטן אין לאַנד. און ער שילדערט זיי אויך ווען די יידן אין לאַנד זענען באַהערשט פון צער און צאָרן, פון באַגערן צונויפצוזאַמען די געראַטעוועטע פון היטלערס שחיטות און זיי ברענגען אין לאַנד וויסנדיק, אַז די אַראַבער לויערן, אַז די ענגלענדער מאַכן אַ ים־בלאָ־קאַדע. די שיפלעך מיט די פליטים זענען געצוווּנגען צוזשווימען צו די ברעגן פון לאַנד אין דער גרעסטער געהיימעניש; מענטשלעכע הער־צער צאַפּלען פון אומרו. און דאָס קומט פאָר, ווען „... דער פרילינג קעניגט אין זיין פּראַכט. די מילדע זונענשטראַלן שימערירן ווי גינגאָלד. די לופט איז העל און דורכזיכטיק. פון מאָל צו מאָל בלאָזט אַ ווינטל, וואָס גלעט יעדעס באַשעפעניש. דער בלעטער־ און שטענגל־גרין איז פּילפאַרביק. די נעכט זענען דורכזיכטיק. די ריחות פון די פּרדסים פאַרשיכורן. די נאַטור זינגט דעם ריטם פון קיום".

עס ווילט זיך ציטירן און ציטירן. די פיר ערשטע בענדער נייטיקן

זיך כלל אין אַ ברייטערער אָפּהאַנדלונג. דער פינפטער און לעצטער באַנד נעמט אַרום בלויז צוויי שאַפונגען אויף קאַרגע פיר הונדערט זייטן — דאָס שטעטל „וואָלבראָם" און „שבת" אויף וועלכע ס'ווילט זיך אָפּשטעלן אַ ביסל אויספירלעכער.

***

ווי מיר דערוויסן זיך פון דב סדנס הקדמה צו „וואָלבראָם" האָט יוסף ערליך לאַנג אויסגעמיטן צו נעמען אויף זיין שרייבטיש די טעמע פון דער אַלטער היים. דאָס באַדייט נישט, אַז ס'איז אים נישט געלעגן אויפן האַרץ. אין שמועסן, דערציילט דב סדן, איז נישט געווען דער פאַל דער שרייבער זאָל נישט דרציילן וועגן זיין היימשטאָט וואָלבראָם. אָבער אָפּגערופן זיך וועגן איר האָט ער אַ לאַנגע צייט בלויז בעל פּה. פאַרוואָס ער האָט לאַנג געוואַרט אין היפּוך צו אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן אין די יאָרן נאָכן חורבן פאַראייביקט די פאַרטיליקטע, אַלטע היים, איז אויך, ווי עס באַמערקט דב סדן, אַ רעטעניש. אָבער האָט ער זיך גענומען צו דער טעמע, האָט יוסף ערליך אונדז אָפּגעמאָלן זיין היימשטעטל וואָלבראָם ווי אַ געניטער מאָלער מאָלט אויף אַ ברייטן לייוונט אַ גרויסע לאַנדשאַפט אין וועלכער ער פאַרפעלט נישט קיין איין פּרט. פאַר אונדזערע אויגן וואַקסט אויס דאָס שטעטל מיט זיינע צעקרומטע געסלעך, וואָס זענען ברוקירט מיט קאַנטיקעפּיקע שטיינער, מיט דעם פירקאַנטיקן מאַרק, ווו אַלע קויפן און פאַרקויפן, סיי יידן, סיי גויים, מיט די אַריינגעוואַקסענע אין דער ערד הייזקעס, אָדער איין שטאָקיקע הייזער, אַנגעשפּאַרטע איינע אין די אַנדערע, מיט די שטעטל־דיקע יידן און זייערע פּרנסות, מיט דער גרויער וואָכעדיקייט און דעם שבת קודש. היינט די פאַרשידנאַרטיקע טיפּן! עס פעלט צומאָל נישט קיין שטאָט־משוגענער.

אין שטעטל האָבן שוין אַפילו געבלאָזן נייע ווינטן. די יוגנט איז שוין געגאַנגען אין אַ פאַראיין, געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע, ווער צום „בונד", ווער צו אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; געווען שוין אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשאַפט אַ בוך, מיט וועלכן מ'האָט פאַרטראָטן אַ מנחה־מעריב. אָבער דער אַלגעמיינער שטייגער האָט זיך זינט לאַנגע דורות נישט געענדערט. אויך דער פּחד פאַרן גוי איז פאַרבליבן. און

ווי דען? „ווען די גויִים פון די דערפער זענען געקומען אין שטעטל אַריין זיך שטעלן צום פּריזיוו... האָבן זיי געהאַקט שויבן און געריסן שילדן פון די יידישע געוועלבער..." כאַטש ס'זענען שוין געווען צוויי־שטאָקיקע הייזער איז דאָס לעבן געגאַנגען, ווי פאַר אַלטע צייטן. און איבערן שטעטל הענגט אַ שטילער אומעט, ער פלאַטערט דער אומעט אין דער לופט.

ניין, ס'איז נישט קיין ראָמאַנטיש שטעטל. ס'איז אויך נישט דאָס שטעטל, וואָס איז נאָכן חורבן דורך נישט ווייניק מחברים „פאַר־אידילישט" געוואָרן. איך ווייס נישט ווי אַזוי ס'זעט אויס דער טעקסט, וואָס יוסף ערליך האָט צוגעשטעלט פאַרן יזכור־בוך פון וואָלבראָם. דאָ איז קיין אידיליע נישט פאַראַן.

איך ווייס אויך נישט צי ביים אָפּמאָלן זיין שטעטל האָט דער שרייבער אָנגעצייכנט אויטאָביאָגראַפישע שטריכן. אויבנאויפיק וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז יאָ. איינער פון די יונגע פּערסאָנאַזשן, איסר דער יתום, האָט זיך אויסגעלערנט אַ פאַך און געוואָרן דער פּרנסה־געבער אין שטוב. איסר גייט אָבער אַרום אַ צעשטרייטער. עס ציט אים צו דער פען, צו באַשרייבן דאָס, וואָס ער זעט אַרום זיך. ער מוז זיך אָבער אויס־באַהאַלטן מיט זיין באַגער. בלויז שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן, זעצט ער זיך אַוועק מיט באַרוועסע פיס ביים שפּיץ טיש שרייבן. אַזוי לעבט איסר אין צוויי וועלטן, אין דער רעאַלער, אַרומיקער און אין אַ וועלט פון וויזיע. נאָכן אַוועקשיקן זיין ערשטע דערציילונג אין אַ רעדאַקציע און נאָך אַ לאַנגן וואַרטן באַקומט ער אַן ענטפער פון איין זאַץ: „איר דאַרפט איבער זיך אַרבעטן". און ווען איסר האָט ענדלעך דערזען אין דער „קעלצער שטימע" זיין נאָוועלע אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען, איז די פריידיקע איבעררעאַשונג געווען אין לשער.

איז איסר צווערניק דער קומענדיקער שרייבער יוסף ערליך? מעג־לעך, אָבער איך ווייס ווי מען דאַרף פאַרזיכטיק זיין. קריטיקער שרייבן אָפּטמאָל צו אַ מחבר זאַכן, וואָס האָבן זיך אים נישט געחלומט. אַט איצט נישט לאַנג האָט אַ יידישער קריטיקער אויסגעפונען אין אַ בוך נעבן דער ביאָגראַפיע און ווידוי פון דער העלדין, די אויטאָביאָגראַפיע פון דעם שרייבער גופא וואָס איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. אויטאָביאָגראַפישע שטריכן זענען מעגלעך אין יעדן בוך, אָבער פּסקענען

אויף זיכער, אַז אַזוי איז דאָס און נישט אַנדערש איז מער ווי פאַר־ריסענע זעלבסטזיכערקייט. אָבער דאָס איז געזאָגט פאַרבייגייענדיק.

***

די שטעטלדיקע יידן אין זייערע לאַנגע איביצעס טראָגן שטענדיק אויף זייערע פּלייצעס דעם שווערן עול פון דאגות פּרנסה און דאָס גאַנצע לעבן, אַלע שמועסן און טאַונגען דרייען זיך אַרום דער דאָזיקער הויפּט־דאגה. אַזוי איז דאָס געווען שטענדיק און אַזוי איז דאָס פאַרבליבן. אַ פאַרגליווערט לעבן, דער היינט איז ענלעך געווען צום נאָענטן און ווייטן נעכטן.

דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז ס׳געשעט גאָרנישט, אַז ס׳רודערט זיך נישט. און אַז ס׳געשעט עפּעס ביי עמעצן, ווייסט דערפון דאָס גאַנצע שטעטל, די גאַנצע עדה ווערט אויפגערודערט. אַז שמילע, דער פּשור־טער, גוטהאַרציקער יונג איז פאַרליבט אין רייזלען, כאָטש ער וואַגט נישט צו רעדן דערוועגן, איז פאַר קיינעמען נישט קיין סוד. אַז דער פּראָסטער ייד מרדכי דער גאַרבער האָט זיך איינגעקויפט אין גרויס יחוס ביי מלכה רחל, דער אָרעמער אלמנה, ווייסט די גאַנצע שטאָט. האָט דאָך מלכה רחל מרדכין געגעבן איר טאָכטער רייזל פאַר אַ שנור, ווייל זי האָט נישט געהאַט פאַר איר קיין נדן. און רייזל איז נישט אַבי ווער, זי איז דאָס אייניקל פון אַ דיין. בלויז אונטער דעם באַדינג „אויסצוגעבן״ רייזלען אָן נדן איז מלכה רחל איינגעגאַנגען צו געבן איר זון פאַר אַן איידעם דעם זעלבן מרדכי דעם גאַרבער. מלכה רחלס אַ שכנטע האָט שיער נישט געפּלאַצט פון נייגיר צו דערוויסן זיך וועגן וואָס מ׳רעדט ביי מלכה רחלען, ווען אַ שבת נאָכמיטאָג זענען פאַרבעטן געוואָרן צו איר מרדכי דעם גאַרבערס משפּחה. אַ שכנטע פאַר אַ שכנטע זאָל האַלטן אַ סוד! אַזעלכעס איז גאָרנישט געהערט געוואָרן אין וואָל־בראָם. איז מלכה רחלס שכנטע נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי זיך שלייכן הינטערן פענצטער, דרייען זיך אויפן הויף מיט אַנגעשפּיצטע אויערן עפּעס אויפצוכאַפּן.

צי ביי אַ שמחה, צי ווען עס טרעפט ביי עמעצן אַן אומגליק ווערט דאָס שטעטל אויפגערודערט. ווען רייזל גייט עטלעכע טעג צו קינד און קאָן נישט געבוירן וואָרעם זי האָט אַ שמאָלן בעקן, ווי די הייבאַם

האָט אויפגעקלערט, איז מען זיך אין יעדער יידישער שטוב מצער. יידן אין בית מדרש האָבן זיך מיטגעשאָקלט מיט מרדכין, זיין זון און איידעם, וואָס האָבן געזאָגט תהילים און פאַר אַ סגולה צוגעגעבן רייזלען נאָך אַ נאָמען — אַלטע. און ווען קיין שום תפילות האָבן נישט געהאָלפן און רייזל, נאָך גרויסע יסורים, האָט אויסגעהויכט די נשמה, איז די שלעכטע בשורה זיך צעגאַנגען איבערן שטאָט כהרף־עין. אַ טויט־אימה און אַ שווערער טרויער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעטל. קרייז־לעך ווייבער האָבן זיך געזאַמלט אין די הויפן, אויפן גאַס און אַרומ־גערעדט די געשעעניש, דערביי פאַרגאָסן טרערן. אָט זענען אָפּגעזונדערט צוויי יידענעס און איינע פאַר דער אַנדערער וויינט אויס איר ביטער האַרץ, האָבנדיק צו זיך שווערע טענות וואָס זי האָט נישט באַוויזן צו גיין אויפן בית עולם איינרייסן קברים פאַר רייזלען.

אַזעלכע זענען זיי די מענטשן פון יוסף ערליכס שטעטל בעת שמחות און אומגליקן, פאַריאָגטע, פאַרשמאַיעטע אין דער גרויער וואָכעדיקייט.

**
*

גאָר אַנדערש זענען די זעלבע מענטשן שבת. ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס יוסף ערליך האָט פון שבת געמאַכט אַ באַזונדערע טעמע. און די טעמע הייסט „שבת". אויף 180 זייטן שפרייטן זיך אויס פיל־פאַרביקע שילדערונגען וועגן דעם איינעם טאָג און וועגן די צוגרייטונגען צום שבת. די יידן אין שטעטל, פאַרזאָרגטע, פאַרדאגעטע, פאַרהאָרע־וועטע, וואַרפן אַראָפּ פון זיך אַלע טאוונגען און דאגות, פונקט ווי זיי וואַרפן אַראָפּ פון זיך די שמוציקע, וואָכעדיקע מלבושים. פונקט ווי זיי גייען אין מקווה און טונקען איין אין וואַסער זייערע לייבער, אַזוי טונקען זיי זיך איין אין קדושה און מנוחה.

פייוול דער דאָרפס־גייער, דער הויפּט־העלד (אין „וואָלבראָם" איז די גאַנצע עדה דער הויפּט־העלד), אַ ייד, וואָס וואַנדערט די גאַנצע וואָך מיט אַ שווער פּעקל איבער די דערפער כדי מפרנס צו זיין דאָס ווייב מיט פיר קינדער, זיצט סוף וואָך אַ פאַרזאָרגטער; קוים וואָס ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם האָט ער אויסגעציילט דאָס ביסל מזומן, וואָס איז נויטיק צום האַנדל און איינצוקויפן אויף שבת פעלט צו צוויי גולדן. יאכעט זיין ווייב טרייסט אים: גאָט וועט געבן וועט די אַנדערע

וואָך נישט צופעלן. און יאכעט באַווייזט גרויס בריהשאַפט מיט די אַכט גולדן, אַז ס׳זאָלן זיין אַלע מאכלים, וואָס באַשיינען דעם שבת. און ס׳הייבן זיך אָן אירע אַרומלויפענישן, ווען דער פראָסט ברענט, די זוכענישן איבער די געוועלבלעך אויסצוקומען איינצוקויפן אַלץ וואָס נייטיק פאַר די אַכט זלאָטעס. הײנט די צוגרייטונגען אין שטוב, דאָס באַקן און קאָכן די מאכלים. די אָרעמע, נידעריקע שטוב באַקומט אַ שבתדיקן אויסזען; די קינדערלעך אַרומגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע, אײַ־בערגעטאָנענע דערוואַרטן דעם שבת מיט קינדערשער פרייד. פּייוול מיטן צען יאָריקן זון קערן זיך אום פון מקווה גרייט אויפצונעמען דעם שבת קודש. אָט איז שוין דער שבת אויפן שוועל. די שבת־שכינה רוט באַ־צייטנס אויף גרויס און קליין, זי פלאַטערט שוין אין חלל פון דער אָרעמער, נידעריקער שטוב.

יוסף ערליך שילדערט מיט אַ סוגעסטיוון כוח. דורך אַ שבתדיקער משפחה זעען מיר די גאַנצע שבתדיקע עדה. און אָט שוועבן דורך פאַר אונדזערע אויגן די שבתדיקע יידן, וואָס איילן צום בית מדרש. מיר זעען די מתפללים אין אַלע זייערע תנועות, מיר הערן זייער געזאַנג און פילן זייער טיפע אמונה. און איז עמעצן אויך שבת שווער אויפן האַרץ און באַקלאָגט זיך אויפן שווערן יידישן גורל, באַקומט ער גלייך אַן אָנשפּאַר:

— אַ ייד אין גלות איז ערגער ווי אַן עבד אמאל, האָט אַ זאָג געטאָן חיים, אַ ייד מיט אַ לאַנג קנאָכיק פּנים און טיפע שוואַרצע אויגן.

— נישט צו פאַרזינדיקן, האָט אים געענטפערט אַלי, אַ הויכער, ברייטביייניקער ייד.

— ס׳גייעס האָט אונדז פאַנט, האָט חיים ממשיך געווען...

— אַ ייד מוז האָבן בטחון, האָט אלי אַ זאָג געטאָן.

און יידן האָבן מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אלי׳ן אונטערגעהאַלטן.

באַזונדער מייסטערהאַפט שילדערט יוסף ערליך דאָס געזעגענען דעם שבת אין בית מדרש. ביים שאַלעשידעס (שלוש סעודות) „פירט טיש" יואל דער טיטמאַכער, וואָס וווינט אין קעלער־שטוב און זעט נאָר דורכן פענצטער די שיך פון פאַרבייגייער. ער שניידט חלות און טיילט מוציא׳ס. נאָכן בענטשן האָט זיך ערשט דער עולם צעזונגען, אויסגעזונגען טיפע בענקשאַפט און אומבאַגרענעצטן בטחון. „דאָס געזאַנג האָט געשאַלט, די עדה האָט זיך צעזונגען אָן ווערטער... די עדה האָט זיך געשאָקלט. דער ניגון, דאָס געזאַנג האָט זיך געוויגט. יעדער ייד איז געווען אין זיין

פאַרבענקטער וועלט, אָבער צוזאַמען איז זיי גוט געווען... יידן האָבן געוויינט אָן טרערן, זיי האָבן געזעגנט דעם שבת...״

ס׳וואָלט נאָך אינטערעסאַנט געווען זיך אָפּצושטעלן ווי אַזוי יוסף ערליך ברענגט אַרויס דאָס יידישע לשון אין שטעטל וואָלבראָם. דאָ און דאָרט בלויז מיט אַ וואָרט, מיט אַ זאַץ, מיט אַן אידיאָם גיט ער אונדז אַ פאַרשטעלונג וועגן דער „אָריגינעלער״ יידישער שפּראַך.

ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז „שבת״ וועט זיין פאַרן נישט יידישן לייענער הוילע עקזאָטיק. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס בוך איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז דער פראַנצויזישער פאַרלעגער האָט עס אַרויסגעגעבן אין עטלעכע אויפלאַגעס.

* * *

יוסף ערליך האָט אין „וואָלבראָם״ אין קורצע ווערטער דערמאָנט די פאַרטיליקונג פון דער גאַנצער שטעטלדיקער יידישער עדה. האָט ער מיט זיין לעצטן באַנד פון די געזאַמלטע שריפטן געשטעלט איר אַ ווירדיקע מצבה.

1983

---

* פּ. ס. אַ יאָר שפּעטער איז דערגאַנגען צו מיר יוסף ערליכס ראָמאַן „דער רייכער דלפון״

ווען דער שרייבער מוז צאָלן אַ פּרייז...

(אויפן ראַנד פון יוסף בורגס בוך „דאָס לעבן גייט ווייטער״)

זעלטן, זעלטן דערגייט צו אונדז אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד. זעלטן דערשיינט דאָרט אַ יידיש בוך און נאָך זעלטענער דערגייט אַזאַ בוך צו אונדז. אַ דאַנק אירע קאָמוניקאַציע־מיטלען איז די וועלט היינט קליין. נישט נאָר מענטשן רייזן, נאָר אויך ביכער דער־גייען גיך פון לאַנד צו לאַנד. אָבער יידישע ביכער פון ראַטנפאַרבאַנד מוזן נאָך אפשר האָבן, פּונקט ווי זייערע מחברים, אַ דערלויבעניש אויסצו־וואַנדערן צו אַנדערע יידישע ישובים אין דער וועלט. און באַקאַנט איז פון בריוו ווי שטאַרק ס׳איז דער באַגער פון דאָרטיקע יידישע שרייבער זייערע זעלטענע ביכער זאָלן געלייענט ווערן מחוץ די גרענעצן און מ׳זאָל שרייבן וועגן זיי.

נעמט מען זיך מיט גרויס נייגיר לייענען אַ דאָרטיק יידיש בוך, וואָס פאַרוואַנדערט יאָ צו אונדז, הגם מיר פּערזענלעך קומט נישט לייכט אָן צו לייענען אַ דאָרטיקע יידישע אויסגאַבע, צוליבן אויסלייג פון די העברעיִשע ווערטער, וואָס זעען מיר אויס צעקאַליעטשעט. אויב שרייבט מען „נעשאָמע״, זעט עס מיר אויס ווי מ׳וואָלט אַרויסגעריסן די נשמה פונעם יידישן לשון, ווייל העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן זענען זינט דעם אַנטשטיין פון יידיש אָרגאַנישע גלידער פון אונדזער יידיש־לשון. דאָס אַרויסרייסן די העב־רעיִשע ווערטער פון זייער נאַטירלעכן לבוש דערמאָנט מיר אויך, אַז אויף העברעיִש ליגט נאָך אַ פאַרבאָט, וואָס באַדייט אי גרויזאַמקייט, אי טיפּשות אַרויפצולייגן אַ וועטאָ אויף אַ שפּראַך. טרעפט נאָך, אַז אַ דאָרטיק בוך פאַרמאָגט אַ סך העברעיִזמען, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן בוך וועגן וועלכן ס׳וועט זיין אַ רייד, באַשווערט עס גאָר דאָס לייענען. אָבער דער מחבר איז לחלוטין נישט שולדיק.

האָב איך מיט געוויסע שוועריקייטן, אָבער מיט גרויס נייגיר, אָפּטמאָל מיט אַ סך פאַרגעניגן דורכגעלייענט דאָס בוך פון יוסף בורג „דאָס לעבן גייט ווייטער״. אויף קרוב דריי הונדערט זייטן שפּרייטן זיך אויס עטלעכע פּופציק דערציילונגען, נאָוועלן און סקיצן. דערשינען איז דאָס בוך אין מאָסקווע, אין פאַרלאַג „סאָוויעטסקי פּיסאַטעל״.

***

יוסף בורג איז, אַ סברה, אומבאַקאַנט ביי אונדז דעם יידישן לייע־נער צוליב די אויבן אַנגעוויזענע סיבות. אָבער קיין פּנים חדשות אין אונדזער ליטעראַטור איז ער נישט. אַן אָפּשטאַמיקער פון דער אַמאָליקער רומענישער בוקאָווינע און היינטיקער תושב פון דער שטאָט טשערנאָוויץ, האָט ער זיין שרייבערישע קאַריערע אָנגעהויבן נאָך אין די דרייסיקער יאָרן צווישן די רומענישע שרייבער. ווען אין פּוילן איז ביז דעם גרוש 1968 דערשינען די חודש־שריפט „יידישע שריפטן", פלעגט יוסף בורג דרוקן אין איר זיינע דערציילונגען. פאַרוואָס זיינע דערציילונגען זענען ערשט דאָ נישט לאַנג דערשינען צווישן טאָוולען — און כ'האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס איז זיין ערשט בוך, יעדנפאַלס אין ראַטנפאַרבאַנד — איז שוין אַן אַנדער ענין.

דאָס בוך „דאָס לעבן גייט ווייטער", וואָס דער מחבר פאַרטיילט אין פיר אָפּטיילונגען, וואָלט איך קלאַסירט לויטן אינהאַלט אין דריי טיילן: יידישע ישובים אין בוקאָווינע אַמאָל, ביז דער מלחמה, אויך דאָרטיקע שרייבער; די אָקופּאַציע בעת דער מלחמה און יידישער אומקום, ווי אויך יידישער ווידערשטאַנד, און יידיש לעבן אונטערן סאָוועטישן רעזשים.

יוסף בורג שטאַמט פון אַ יידיש שטעטל אין די בוקאָווינער קאַרפּאַטן־בערג, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיין פריע יוגנט און וווּ ס'האָבן געגעסטעט דורות־לאַנג יידישע ישובים. יידישע האַרעפאַשניקעס זענען דאָרט געווען פליטנטרייבערס, ספּלאַווניקעס אויפן ווילדן טייך טשערמוש אָדער געהאָרעוועט שווער אַלס וואַלדהעקער אין די אוראַלטע וועלדער. דורות־לאַנג האָבן יידן געלעבט אין די דערפער און שטעטלעך צעוואָרפענע צווישן די שיינע קאַרפּאַטן, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. זייער וועלט זענען געווען די גרין־בלויע בערג, דער אומגעצוימטער טייך וועמענס רויש איז ענלעך, לויטן אויסדרוק פון מחבר, צו אַ געוויין, און די געדיכטע, ברייטע וועלדער. דאָס זענען די מקומות, ווי עס דערמאָנט אויך דער מחבר, וווּ ס'האָט אַמאָל איבער פאַרוואָרפענע וועגן און שטעגן געטראָטן דער בעל־שם־טוב. און, אַ סברה, אין די זעלבע וואַסערן, וואָס האָבן געטריבן דאָס ראָד פון דער מיל, אָדער אפשר אין אַ דאָרטיקן וואַסערפאַל געמאַכט זיך אַ מיקווה. יידן אַנגעטאָן אין

שוואַרצן, מיט אַ שטריק אַרום די לענדן, מיט אַ האַק פאַרוואָרפן אויפן רעכטן אַקסל האָבן לאַנגע טעג געטירחהט אויף דער ביטערער חיונה, געוועזן אין שטענדיקן געראַנגל פאַר דער שווערער אויסקומעניש; אָבער געלעבט לויט זייער אייגענעם שטייגער און געהאַפט אויף בע־סערע צייטן. איז געקומען דער דייטשער מלאך־המוות און דאָס דורות־דיקע יידישע לעבן אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל, די יידישע ישובים גענצ־לעך אָפּגעמעקט.

אַט יענע פאַרשווונדענע, אָפּגעווישטע לעבן לעבט פאַר אונדז אויף יוסף בורג. און ער לעבט עס אויף מיט אַ סך בענקשאַפט, מיט קינסט־לערישער געניטשאַפט. דער מחבר נעמט פשוט אָן דעם לייענער פאַר דער האַנט און פירט אים אַריין אין יענער כישופדיקער וועלט פון די ווילדע נאַטור־שיינקייטן און שווערן יידישן לעבן. פאַר אונדזערע אויגן שטייגן אויף די ווונדערלעכע קאַרפּאַטן־בערג, דער שטענדיק רוישנדי־קער טשערמוש אין וועמענס וואַסערן עס שפּיגלען זיך אַזוי די שטערן ווי זיי וואָלטן זיך געבאָדן אין זיי. אין אונדזער דמיון קומען אויף לעגענדעס און הוצולישע מעשיות, לעגענדעס וועגן פאַרוואָגלטע נשמות און רוסאַלקעס. דער טייך, די אַלטעביימער, דער ווינט און די שטערן, אַלץ אַרום איז פול מיט סודות, מיט געהיימענישן, בענקשאַפטן, מיט פרייד און יסורים, מיט אַזוי פיל מענטשלעכע חלומות, מיט גוטסקייט און שלעכטס... צומאָל די הוצולישע הייזקעס מיט די געשניצטע סטרי־כעס און געפאַרבטע גאַניקעס אָטעמען מיט געהיימניספולקייט און לעגענדעס.

יוסף בורג איז אַ ווונדערבאַרער שילדערער. זיין שפּראַך איז אַן אויסערסט רייכע, אַ שפּרודלדיקע, זאַפטיקע, פאַרביקע. זיין יידיש לשון איז רייך פאַרוועבט מיט העברעיזמען, מיט אַלט העברעישע אויס־דרוקן, פסוקים. קענטיק, אַז ער קען זיך גוט אויס אין די קליינע אותיותלעך. זיין פּראָזע פאַרמאָגט אַן עכטן קינסטלערישן הויך. ס'איז צייטנווייז פּאָעזיע אין פּראָזע. זיין שילדערונג איז אַזוי פּלאַסטיש, אַז עס באַקומען זיך אָפּטמאָל פאַרביקע אימאַזשן. מיר זעען און הערן ממש ווי „מיט אימפּעט קייקלט דער טשערמוש זיינע וואַסערן צווישן אוראַלטע, צעצווייגטע וועלדער און גרויע, מיט מאָך באַדעקטע, סקאַלעס...״ ווי „אַזאַ סודותפולע, בראשיתדיקע שטילקייט פלאַנטערט זיך אין זיין גערויש...״ מיר פילן מיט אַלע חושים ווי „די בערג דרעמלען, ווי

מעכטיקע חיות, פאַרוואַרפן די קעפּ אויף אויסגעצויגענע לאַפּעס..."
כמעט אַלע דערציילונגען זענען פאַרוועבט און פאַרשפּינט מיט נאַטור־שילדערונגען, בפרט די, וואָס ברענגען אַרויס דעם מחברס קינדהייט און יוגנט. פאַראַן דערציילונגען, ווי למשל „אַלעקסע", „דאָס קדושין־רינגל" און אַנדערע, וואָס רירן טיף, קריצן זיך איין אין זכרון.

רירנד און אויך באַלערנדיק זענען די סקיצן וועגן באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער פון רומעניע, אין ווין, ווו דער מחבר האָט פאַרבראַכט אַ צייט ביז דער מלחמה, אָדער גאָר אַ דערציילונג וועגן זיינער אַ באַגעגעניש אין חרובן סטאַלינגראַד מיטן יידישן דאָקטער פּינוס, וועלכער איז געווען שלום עליכמס איבערזעצער אויף רוסיש. דאָס אַלץ פאַרמאָגט אויך אַ דערקענטעניש־ווערט. מיט איין וואָרט עד כאן רירנד, באַלערנדיק.

ווי גייך אָבער יוסף בורג הייבט אָן אַרויסברענגען די סאָוויעטישע רעאַליטעט, דער עיקר יידישע מענטשן אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, לאָזט עס אונדז קאַלט, טיילמאָל דערווידערט עס אונדז. פאַרוואָס? ווייל די סיטואַציעס, וואָס ער ברענגט אַרויס זענען נישט וואַרהאַפטיק. נישט מער וואַרהאַפטיק איז דאָס געזעענע דורך דער דאָרטיקער פּריזמע וואָס עס טוט זיך מחוץ סאָוויעטנלאַנד. וואָס ס'איז אַזוינס ליטעראַטור האָט מען שוין געזאָגט און מ'קאָן נאָך זאָגן אָן אַ שיער. וועלן מיר זיך נישט אַריינלאָזן אין לאַנגע פּילפּולים און דערמאָנען בלויז, אַז ס'איז פאַראַן אַ קינסטלערישער אמת, וואָס איז באַגלייט פון אַ פּסיכאָלאָגישן און היסטאָריש־רעאַלן אמת. אויב פּסיכאָלאָגיש און היסטאָריש־רעאַל איז דאָס באַשריבענע נישט וואַרשיינלעך, נישט אמת־דיק, ליידט דערפון אויך דער קינסטלערישער אמת, ווי שיין די שילדערונג זאָל נישט זיין. אַ גרויסער פראַנצויזישער קריטיקער האָט געהאַט געשריבן, אַז ליטעראַטור איז אַן עדות פון דער צייט און אָרט. אויב ס'איז אַזוי מוז דער עדות זיין אַ געטרייער. נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום בוך. ווי אַן אילוסטראַציע וועלן מיר נעמען די ערשטע דערציילונג אונטערן טיטל „אַ נייער מאָרגן". אַן אַמעריקאַנער טוריסט, קאַמיל ברעגער, קומט באַזוכן אין סאָוויעטישן בוקאָווינע זיין געבורט־שטעטל, וואָס ער האָט פאַרלאָזט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. קיין יידן זענען אין אַמאָליקן יידישן שטעטל מער נישטאָ, קיין משפּחה, דאָס אַמאָליקע געליבטע מיידל אויך נישט. הגם קאַמיל האָט דאָס געוווסט

האָט אים געצויגן אַהין. און דאָס גלויבן מיר. ס׳איז אָבער נישט צו גלויבן, אַז כדי צו מאַכן די רייזע, נאָך צענדליקער יאָרן שווערער אַרבעט האָט קאַמיל געמוזט — איך ציטיר — „אָפּלייגן אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר; ער האָט זיי געקליבן לאַנג און עקשנותדיק און באַשטאַנען זענען זיי פון אַ נישט דערעסנעם אָנבייסן, פון אַן איבעריקער שעה אַרבעט, פון פרימאַרגן שעהן דערשלאָפענע אונטערוועגנס צו דער ווייטער פאַבריק״. דערצו באַשטייט זיין גאַנץ פאַרמעגן פון זיין פּאַס־פּאָרט. מער האָט ער גאָרנישט אָפּגעשפּאָרט פון די צענדליקער יאָרן האָרעוואַניע. און אויסזען זעט קאַמיל אויס אַזוי פּאַר דער צייט פאַר־עלטערט, אַזוי מיזערנע, אַז ס׳נעמט אָן אַ רחמנות. ובכן, איז דאָס וואָרהאַפטיק, וואַרשיינלעך, אַז אַן אַרבעטער אין אַמעריקע זאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט, בפרט ער האָט נישט קיין משפחה אויסצוהאַלטן, זיין אַזוי פאַראָרעמט, געדריקט?

קאַמיל ברעגער — אגב דער נאָמען שוין געענדערט, אַמעריקאַ־ניזירט — דערוויסט זיך פון אַ צופעליקן נישט יידישן, אַלטן ספּלאַווניק, וועלכער נעמט אים אויף גאָר פריינדלעך, אַז בעת מ׳האָט געפירט די יידן פון שטעטל צו דער שחיטה, האָט אַ יידישע פרוי אים אַריינגע־שטעקט אַן עופהלע, מיטן נאָמען בליומע, וואָס ער האָט געראַטעוועט. היינט איז דאָס זיין דערוואַקסענע טאָכטער, נאָר ער האָט איר דער־ציילט, אַז זי האָט אַמאָל געהייסן בליומע. קאַמילס געליבט מיידל האָט אויך געהייסן בליומע. פאַלט דעם אַמעריקאַנער טוריסט איין, אַז ס׳איז אפשר בליומעס טאָכטער. איז זאָל מען אָננעמען, אַז דאָס אַלץ קאָן מעגלעך זיין. איז אָבער מעגלעך, וואַרשיינלעך, אַז אַן אַמעריקאַנער טוריסט זאָל באַגערן צו פאַרבלייבן אין דעם שטעטל אָן יידן? „ווי מיינסטו, פרעגט ער זיין שאָטן, ווען ער קערט זיך אום אין האָטעל, מ׳וועט דערלויבן מיר צו בלייבן?... כ׳וועל טרייבן ספּלאַוועס... כ׳לעבן, כ׳האָב נישט פאַרגעסן״. פּסיכאָלאָגיש פאַלש, נישט וואַרשיינלעך. אויך דאָס באַשרייבן דעם גלאַנץ פון דער אויפגעבויטער שטאָט אויפן אָרט פון די אַמאָליקע, איינגעהויקערטע יידישע הייזקעס, די גליקלעכע יוגנט — איז אויפגעבלאָזן. אין אַלע אַנדערע דערציילונגען, וואָס שילדערן די סאָוויעטישע רעאַליטעט און דעם מענטש אין איר דערפילן מיר בחוש די נישט וואָרהאַפטיקייט. דאָס לעבן פון די יונגע יידישע ספּעצן פליסט גראַדליניק, געמיטלעך. נישטאָ קיין שום קאָנפליקטן, קיין שטרויכלונגען

נישט אין זייערע טואונגען, אין זייער בויערישקייט, נישט אין זייער פּערזענלעך לעבן. אַרצי־פּאָזיטיווע העלדן.

כ׳וואָלט געוואָלט אויסמיידן צו באַרירן דעם ענין סאָציאַליסטישער רעאַליזם. געוועזן פאַרן סאָוויעטישן סאָציאַליסטישן רעאַליזם פּרוּוון צו ווייזן דאָס לעבן נישט אַזוי ווי ס׳איז נאָר ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. מ׳האָט אַמאָל געפרעגט דער באַרימטער פראַנצויזישער שרייבערין זשאָרזש סאַנד ווו זי זעט, ווו זי נעמט אַזעלכע אידעלע, כמעט הייליקע געשטאַלטן פאַר אירע ביכער — ס׳האָט זיך געהאַנדלט דער עיקר וועגן די „וואַנ־דערנדיקע געזעלן״. דערויף האָט זשאָרזש סאַנד געענטפערט מיט אַ פראַגע: פאַרוואָס זאָל איך באַשרייבן מענטשן אַזוי ווי זיי זענען און נישט אַזוי ווי זיי דאַרפן זיין? זשאָרזש סאַנד האָט אָבער נישט אויס־געקרומט די רעאַליטעט, געמאָלן זי אין די טונקלסטע פאַרבן. ווייזנדיק אין אַ העלן ליכט אירע פאַרשוינען, האָט זי באַגערט צו דערהויבן דעם מענטש טראָץ זיינע שווערע באַדינגונגען.

* * *

ס׳האָט באַזונדער געצויגן מיין אויפמערקזאַם אין יוסף בורגס בוך די שילדערונגען ווי עס בויען זיך די ווייטע מקומות, שטעט ווי טשע־ליאַבינסק. אויך סיביר ווערט דערמאָנט. אין טשעליאַבינסק זענען פאַראַן פאַראייביקטע נעמען פון אַמאָליקע יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס די צאַרישע סאַטראַפּן האָבן אומגעבראַכט. און דער מחבר פירט אויס: „וואָס קאָן זיין מער פאַרברעכעריש פון אויסלעשן אומשולדיקע לעבנס?... וויפל לידער זענען פאַרבליבן נישט דערזונגענע, חתונה׳ס נישט גע־שפּילטע, קינדער נישט געבוירענע?״... טאַקע, וואָס קאָן זיין מער פאַרברעכעריש? איז דאָך די רחבותדיקע, סיבירישע ערד פאַרזייט מיט אומשולדיקע מענטשן וועמענס לעבנס ס׳האָבן אויסגעלאָשן די סאָוויע־טישע שקלאַפן־לאַגערן. אויך טשעליאַבינסק, וואָס האָט זיך אַזוי גראַנ־דיעז פונאַנדערגעבויט געפינט זיך נישט ווייט פון יענע מקומות, צווישן קאַראַגאַנדאַנסקער סטעפּעס און מערב־סיביר, וואָס זענען באַשטעלט גע־ווען מיט שקלאַפן־לאַגערן, ווו מענטשלעכע לעבנס זענען צעדריקט, אויסגעלאָשן געוואָרן. ביי אונדז אין שטעטל האָט מען געזאָגט: „אין אַ שטוב פון אַ געהאנגענעם זאָל מען נישט דערמאָנען קיין שטריק״. און אפשר האָט מען געדאַרפט לייענען צווישן די שורות?

לילי בערגער

כ׳האָב שמועסנדיק מיט אַ יידיש־סאָוויעטישן שרייבער, וועלכער לעבט היינט אין ישראל, געפרעגט אים ווי ס׳איז מעגלעך, אַז אַזאַ טאַלאַנטירטער שרייבער, ווי יוסף בורג זאָל אַזוי שילדערן די רעאַליטעט. „דאָס איז דער פּרייז, וואָס מען מוז באַצאָלן, אַז אַ בוך זאָל דערשיינען", האָט ער מיר פאַרזיכערט. נו, אויב דאָס איז דער פּרייז, איז דאָס זייער אַ טייערער פּרייז.

מיר זענען דאָך אין זכרון פאַרבליבן די דערציילונגען און סקיצן, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט דער סאָוויעטישער רעאַליטעט. און די פאַרמאָגן אַ סך צויבער און וואָרהאַפטיקייט. און דערפאַר רירן זיי אָן די סטרונעס פון אונדזער האַרץ.

קוואַלן וואָס פרישן אָפּ

(אויפן ראַנד פון יעקב צבי שאַרגעלס בוך „קוואַלן אַרום געצעלט״)

מ׳זאָגט, אַז מיר האָבן היינט נישט קיין קריטיקער, וואָס זאָלן מיט אַ געניט אויג וואַכן און באַגלייטן אונדזער שווער־געפּרוווטע ליטעראַטור. און דאָס איז, אַ סברה, אמת. אונדזער אַרעמקייט אויף דעם געביט ווערט אַלע מאָל אָרעמער און „רייכער״ מיט רעצענזענטן פון אַ ספּעציעלן מין.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז צווישן אונדזער אָרעמקייט געפינען זיך דאָ און דאָרט אוצרות. דערשיינען דאָך עכטע ליטעראַרישע עסייען, צייטנ־וויז אַ בוך קריטיק, וואָס איז אַן אמתער אָפּפרישנדיקער, לויטערער קוואַל, וואָס לעשט אונדזער דורשט, דערקוויקט די נשמה, דערפרייט דאָס האַרץ. אַזאַ איז אויך דאָס בוך „קוואַלן אַרום געצעלט״ פונעם דיכטער יעקב צבי שאַרגעל.

יעקב צבי שאַרגעל איז אַ באַקאַנטער, אַנגעזעענער דיכטער. ער געהערט אָבער צו די היינט ווייניקע יידיש־שרייבער, וואָס זענען נישט נאָר שאַפער, נאָר אויך בויער. שאַפט ער און בויט יידיש־ליטעראַטור העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט אונטער די בלויע הימלען פון דער אַלט־נייער היים. און אָנגעהויבן שאַפן און בויען האָט ער, ווען דער באָדן איז נאָך דאָרט געווען האַרט און ווילד און דער אַרום אַ פרעמדער און פיינדלעכער פאַר יידיש־שאַפונג. מיט עטלעכע יאָר צוריק (אין 1977) איז דערשינען זיינס אַ באַנד עסייען וועגן שרייבער און ווערק אונטערן טיטל „פון אָנהייב אָן״, וואָס האָט אונדז אַריינגעפירט אין יענע אָנהייב־יאָרן, ווען יידיש־יצירה האָט מיט מי און מאַטערנעש געשטעלט די ערשטע טריט אויף יענעם האַרטן באָדן און צווישן וויסטעניש געטאָרעוועט זיך אַ וועג צו בלויע הויכקייטן. דאָ נישט לאַנג איז דערשינען אין פאַרלאַג „ישראל־בוך״ דאָס „בוך צוויי״ וועגן שרייבער און ווערק אונטערן טיטל „קוואַלן אַרום געצעלט״, וואָס מיינט „שפרודלדיקע קוואַלן אַרום געצעלט פון וועלכע, — ווי דער מחבר שרייבט אין דער הקדמה — כ׳האָב געטרונקען אין טעג פון דורשט און נויט, אָבער געטרונקען פון זיי בלויז געלעגנהייטלעך, ביי באַגעגענישן גייסטיקע צי פיזישע, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען

אויך געווען צופעליקע... מיט איינעם זיך געטראָפן דאָ אין לאַנד, מיט איינעם זיך „באַגעגנט” דורך בריוו, מיט אַ דריטן — זיך באַקענט דורך זיינע ווערק וועלכע זענען געוואָרן אייגן און נאָענט”. און אָט פון די פאַרשידנאַרטיקע באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפטן איז שטופנווייז גע־בוירן געוואָרן אַ פּילפאַרביקער קראַנץ מיט באַטראַכטונגען, סקיצן מיט אַרויסזאָגונגען, אָפּהאַנדלונגען.

***

דאָס בוך „קוואַלן ארום געצעלט” באַשטייט פון קאַרגע זעכציק איינסן, אויסגעשפּרייט אויף דריי הונדערט צוואַנציק זייטן: אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער, וועגן פּלאַסטישע קינסטלער און בינע־קינסטלער און אויך אַרויסטריטן, רעדעס וועגן מחברים און קולטור־געשעענישן, רעדעס, וואָס זענען אין תוך אויך פּאַרטיפּטע אָפּהאַנדלונגען, טיפע אַריינבליקן אין דער יצירה, אָפּטמאָל פּאַרשפּינט און באַהאָפטן מיט זכרונות, מיט געשיכ־טע. און דורך זיינע אַריינבליקן, אַריינפילן זיך, פילן מיר גופא ווי עס טריפט אין אונדז אַריין דאָס האַרציקע געזאַנג פון מרדכי געבירטיג, ווי עס ווערט אונדז נאָענט דאָס ליד פון אריה שמרי, פון יעקב פרידמאַן, דוד ספּאַרד, משה שולשטיין, חיים גראַדע, משה יונגמאַן, שלמה רויטמאַן, און זיי צו לאַנגע יאָרן יוסף פּאַפּיערניקאָוו, מלכה חפץ־טוזמאַן, אפרים רויטמאַן און פון אַנדערע באַהאַנדלטע דיכטער. דורך די קורצע באַטראַכטונגען, כמעט צופעליקע באַקענטענישן שטייגן אויף פאַר אונדזערע אויגן, די האַרמאָניע פון קאָלירן און ליניעס, די פאַרבן־סימפאָניע ביי בען, קאַלניק, פרומע יאַקובאָווסקי־בעקער, טושינסקי, מאַרעק האַלטער — הגם זיין פאַרב איז צום גרעסטן טייל גרוי — די עכטקייט פון דער פאָרם און אויסדרוק ביי מיכאַל מילבערגער.

יעקב צבי שאַרגעל איז אויך אין זיין עסייאיסטיק אַ דיכטער, ס'איז פּאָעזיע אין פּראָזע. זיין שפּראַך איז שפּרודלדיק, זאַפטיק, פּלאַסטיק, בילדעריש. ס'שטייגן אויף פאַר די אויגן אימאַזשן, בילדער. דערצו איז דער דיכטער אַ ייד אַ למדן, אַ בן־תורה און פירט אונדז אָפּטמאָל אַריין אין דער למדנישער וועלט פון זיין פאָטער ר' איטשעלע און זיינע אַמאָליקע מלמדים און רביים. זיינע סענטענצן און באַטראַכטונגען זענען דורכגע־פלאָכטן מיט פילאָזאָפישע פסוקים, מיט דענקערישקייט; ער איז אויסגע־

בונדן נישט נאָר מיט דער נייער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן (אגב איז ער אויך איבערזעצער פון העברעאיש אין יידיש), נאָר אויך מיט אוראַלטער יידישער ליטעראַטור און פירט אונדז צו די אַלטע קוואַלן, גיט אונדז אַ שלונג צו טאָן פון דאָ און דאָרט, דערמאָנט אונדז אויך ווי די חז״ל פלעגן אורטיילן אין אַ געגעבענער סיטואַציע.

נישט אַלע אָפּהאַנדלונגען זענען פון דער זעלבער גרייס און פאַרנעם, אָבער אין אַלע איז פאַראַן א טיפער אַריינקוק, אַן אַנאַליז. און שאַרגעל ווייזט אונדז נישט נאָר די יצירה, נאָר אויך דעם בעל־יצירה, דעם מענטש, דערנענטערט אונדז צו אים און מיר באַקומען אים ליב, ווייל שאַרגעל האָט ליב דעם שאַפער מיט אַ וואַרעמער ליבשאַפט מיט וועלכער ער שטעקט אונדז אָן. יאָ, כדי זיך אמתדיק אַריינטראַכטן און באַטראַכטן אַ שאַפער און זיין ווערק דאַרף מען אים ליב האָבן, צו פאַרשטיין יצירה, צו קענען זיך אַריינטיפן אין איר דאַרף מען זי ליב האָבן, נאָר אַזוי קאָן מען זיך דערגרונטעוועז צום תוך, צו אירע טיפענישן. אויך דעם בעל־יצירה דאַרף מען ליב האָבן צו קאָנען פאַרשטיין זיין אינערלעכע וועלט אין וועלכער שאַרגעל בליקט אַריין מיט אַ וואַך אויג און וואַרעם האַרץ.

איך קען אַ סך פון די, וועגן וועלכע שאַרגעל שרייבט. כ׳האָב אויך געקענט כמעט אַלע, וועלכע זענען שוין נישטאָ און וועגן וועלכע דער מחבר פון „קוואַלן״ שרייבט מיט אַריינטיפן זיך אין זייער ווערק און מיט אַ סך האַרץ. (שרייבן מיט האַרץ, מיט פאַרשטענדעניש באַדייט נישט פאַרמאַכן דאָס אויג אויף בלויזן, אויף שוואַכקייטן). איצט לייענענדיק דאָס בוך שטייגן זיי אויף אין מיין דמיון לעבעדיק, זייערע געשטאַלטן און זייער ווערק. סוף זומער 1937 האָב איך אַרומגעפּירט איבער פּאַריז לייוויקן. האַרבסט פון זעלבן יאָר איז ער געווען אויף אַ באַזוך אין ארץ ישראל און שאַרגעל שרייבט וועגן יענעם באַזוך אַזוי, אַז אָט שטייגט אויף פאַר די אויגן יענער לעבעדיקער לייוויק מיטן „שניי ווייסן קאָפּ האָר״, מיט זיין „כמעט סקעלעטיש, צאַרט פּנים, מיט זיין „איידל מויל״ פון וועלכן ס׳קומען אַרויס זיינע טיפע, אחריותדיקע, דענקערישע רייד״. און ווען שאַרגעל שרייבט וועגן זיינע אַרויסטריטן ווערן מיר מיטגעריסטן, ווי מיר וואָלטן דאָרט געווען, געהערט און געשלונגען זיינע רייד. בלויז דער טיטל „אונדזער לייוויק״ מאַכט אים אונדז אייגן־נאָענט. און אָט איז דער שאַפער: „ה. לייוויק איז האַרץ, איז געוויסן, איז שומר החומות, איז רעוואָלט קעגן אומרעכט און מזווג אַנהייב מיט לעצטקייט ... ס׳איז די אומאויפהערלעכע

לייטערונג אין פּיין און אין פרייד אין וועלכער אָט דאָס גרויסע דיכטער־האַרץ האַלט זיך אין אייַן לייטערן, זיך און דאָס וואָרט... איז ער דאָך דער אָנצינדער פון זייַן הייס אידעענפול האַרץ, איז קיינמאָל נישט געבליבן ביי דער שוועל פון זייַן אייגן לעבן, נייערט זיך תמיד באַהעפט, צונויפגעגאָסן, ווי אין אַ זודיקן קעסל, מיט קאָלעקטיוווער צעפּייניקטקייט, געזעלשאַפטלעכער דערשלאָגנקייט, קלאַסן־אויסנוץ און פאַרדאַרבנקייט. נאַציאָנאַלע, פּאָלקישע בעיות זענען ביי אים געוועזן געבונדן מיט אַלוועלט־לעכע, אַלמענטשלעכע פּלאָגן און קלאָגן. אָט דאָס איז אַלץ מיט אַ צולאָג: ווי ווערט מען פון דעם אויסגעלייזט? — איז געוועזן דער קווינטעסענץ פון זייַן יצירה... עס דוכט זיך, אַז דאָ גייט אַ כהן גדול אָפּריכטן זייַן עבודה דעם אַלמעכטיקן בורא, צום סוף הערן מיר רייד פון פּראָטעסט און מרידה...״

ס׳וואָלט זיך געוואָלט ציטירן און ציטירן. צי זענען אָבער בלויז אין די ווערטער אַ טיפער אַריינקוק, אַן אַנאַליז פון לייוויקס שאַפונג? כ׳וואָלט געזאָגט וועגן שאַרגעלן דאָס, וואָס ער אַליין זאָגט וועגן סאַפּאָזש־ניקאָוון, למשל, בעת יענער שרייבט וועגן דער מלחמה־טרילאָגיע פון מענדל מאָן: „עס געלינגט אים שטענדיק אויפצולעבן די געשעענישן און געשטאַלטן״. און צוגעגעבן וואָלט איך: שאַרגעל אַקערט אויף דאָס פעלד פון דער שאַפונג און ווייזט די זוימען פון וואַנען עס קומען די שפּראָצן.

**
*

דאָס וואָס וואַרפט זיך נאָך אין די אויגן, ווען שאַרגעל באַטראַכט אַ ווערק, איז וואָס ער שטעלט זיך נישט אין דער פּאָזיציע פון אַ פּוסק אחרון, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזערע היינטיקע רעצענ־זענטן. צי ער לויבט, צי ער פרעגט אָפּ זאָגט ער „לויט מיר נאָך״. דער אָפּטער „לויט מיר נאָך״ איז ווערט גאָלד. דאָס באַדייט בשום אופן נישט, אַז דער קריטיקער האָט דעמאָלט נישט קיין זיכערע מיינונג. פאַרקערט, שאַרגעל זוכנדיק, אויסגעפינענדיק דאָס שיינע און גוטע אינעם ווערק, געפינט אויך די בלויזן. און ס׳קאָן געשען, אַז אויך אין אַ גרויס, גוט ווערק זאָלן זיך אַריינכאַפּן שוואַכקייטן. מיר, למשל, איז באַזונדער צוגעפאַלן צום האַרץ, בעת שאַרגעל באַהאַנדלט פּאָזיטיוו און ערנסט צאַנינס גרויסן, פילטאָמיקן ראָמאַן, ווייזט ער אָן ווי דער ראָמאַניסט פאַרוואַנדלט זיך טייל־

מאָל אין אַ פובליציסט, אָדער די פראַגע צי מ׳קאָן שטענדיק מסכים זיין מיטן געשיכטלעכן גאַנג פונעם יידישן פאָלק אין ראָמאַן. אָבער דער בעל־קריטיק גיט גלייך צו: „זענען מיר מוחל אַלע בלויזן און פעלערן און מיר מוזן לויבן דעם מחבר פאַר אַזאַ שרייבערישער דערגרייכונג: פאַרן האָבן מוט און כוח צו פירן דעם אייביקן ייד דורך אַזוי פיל פיין און לייד איבער אַזוי פיל תקופות און מקומות פונעם לאַנגן, לאַנגן גלות״.

און נישט נאָר אין באַדייטנדיקע ווערק געפינט שאַרגעל דאָס עיקר־דיקע, נאָר אויך אין אַזעלכע, וואָס אויבנאויפיק זעען זיי אויס פון אַ קליינער מדרגה, געפינט ער דעם פונק פון יצירה. ווען ער שרייבט וועגן פאַנערס „לייכטע רעפּאָרטאַזשלעך״ (די גענזנפיסלעך זענען זיינע), „מיניאַטורלעך״ באַטאָנט ער, אַז זיי זענען „שטיקער אמת, עכט באַלערנ־דיקע ליטעראַטור. נישט נאָר יידישע, נאָר אויך אַלמענטשלעכע. הומאַניזם אין יידישן באַנעם״.

אין זיינע אַריינטראַכטערישע אָפּהאַנדלונגען באַרירט שאַרגעל אָפּט־מאָל פּראָבלעמען, וואָס פליסן אַרויס נישט איין מאָל אין אונדזערע ליטעראַרישע קרייזן. אָט למשל, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן סוצקעווערן, דערמאָנענדיק זיין פּראָזע־בוך „גרינער־אַקוואַריום״, דערציילט אונדז שאַרגעל וועגן אַ קליינער דעבאַטע אַרום דעם ענין צי ס׳קאָן אַ דיכטער גלייכצייטיק זיין אַ פּראָזאַיקער. ער גופא האָט פּאַרטיי־דיקט די צוויי זשאַנעריקייט און ווייזט אָן מיט רעכט, אַז י. ל. פּרץ, ח. נ. ביאַליק, זלמן שניאור, איציק מאַנגער, אברהם רייזען, אברהם זאַק און יבל״א חיים גראַדע האָבן געשאַפן, שאַפט איינצייטיק אין פּראָזע און אין פּאָעזיע. קאָן מען צו זיין באַגרינדונג צוגעבן, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ נישט אָפּפרעגנדיקער פאַקט אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור. ווער וועט זיך אונטערנעמען צו פּסקענען ווען וויקטאָר הוגאָ איז געווען גרעסערער מייסטער, אין זיינע פילע ראָמאַנען, צי אין זיין רייכער, פּרוכטיקער פּאָעזיע? און אַזעלכע מייסטער ווי מערימע, סטעפאַן צווייג, דער איצטיקער באַקאַנטער אַרגענטינער שרייבער לואיס באָרכעס, אויב זיך נאָר באַגרענעצן צו די עטלעכע, האָבן געשאַפן און שאַפן אין ביידע זשאַנערן.

* * *

דאָס בוך „קוואַלן אַרום געצעלט״ פאַרענדיקט זיך מיט אַן איבערזיכט

פון אַ „האַלבער יאָרהונדערט — קאַמף קעגן יידיש". וואָלט איך צוגעגעבן — קאַמף אויך פאַר יידיש. און ווידער פירט אונדז שאַרגעל דורך יאָרן, פעריאָדן פון שווערן געראַנגל, אָנהייבנדיק פון 1928, ווען ס'איז אין ארץ ישראל אַנטשטאַנען אין אַ קלימאַט פון שינאה צו יידיש דער יידישער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב און טראָץ אַלע שווערע געראַנגלען זענען דערשינען פאַרשידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן און אויסגאַבעס. מיט איין וואָרט : מיר האָבן פאַר זיך אַ בוך, וואָס באַקענט אונדז מיט שפּרודל־דיקער יידיש־יצירה און מיט געשיכטע פון קאַמף פאַר איר אויפהאַלט און אַנטוויקלונג.

יידישע קונסט אָדער קונסט ביי יידן?

אונטער אַזאַ טיטל איז אין מאַי־יוני (1984) נומער „די צוקונפט", וואָס איז דערגאַנגען צו מיר ערשט סוף סעפטעמבער, פאַראַן אַן אָפּ־האַנדלונג פון אפרים פאַגעל. די אָפּהאַנדלונג איז באַוואָרנט מיט אַן אונטערטיטל — „אַן אַריינפיר צו אַ דיסקוסיע". אין דער אמתן פאַר־דינט דער ענין אַן ערנסטע דיסקוסיע, הגם ס'וועט נישט זיין קיין שום נייע זאַך. הייבט דאָך אָן דער מחבר, וואָס רופט צו דיסקוסיע (אפשר גאָר די רעדאַקציע) זיין מאמר בזה הלשון: „שוין אַ לענגערע צייט ווי מען דיסקוטירט די פּראָבלעם צי עס איז דאָ אַ יידישע קונסט?... פאַר מיר פערזענלעך איז די פראַגע פון אַ קינסטלערישן שטאַנ־פּונקט — אַן איבעריקע"... „אָבער אַזוי ווי די פראַגע גייט נישט אַראָפּ פון סדר־היום — וועלן מיר פּרובירן אויפקלערן דעם ענין".

אין דעם־אַ לעצטן זאָץ האָט זיך דער מחבר, זעט מיר אויס, אַ ביסל פאַרגאַלאָפּירט. מיטן באַווייזן, אַז נישט יידישע קינסטלער ווי רעמבראַנדט, מיקעל אַנדזשעלאָ און פיל אַנדערע מייסטער האָבן אין זייער שאַפונג אַרויסגעבראַכט יידישע געשטאַלטן אָדער תנ"ך־געשטאַלטן און האָבן דערמיט קיין יידישע קונסט נישט געשאַפן, בעת אַ סך יידישע קינסטלער האָבן אין זייער שאַפונג קיין שום יידישע טעמאַטיק נישט, קלערט מען נאָך דעם ענין נישט אויף. פאַגעל, האָט מען דעם איינדרוק, ספקט צומאָל צי די פאָלקס־קונסט קאָן מען דורכויס באַצייכענען ווי אַ יידישע. ער שרייבט: „אַפילו אַזעלכע ספּעציפישע יידישע קונסט־אָביעקטן ווי כתרים, בשמים־ביקסלעך, מנורות א.אַ.וו. זענען זייער אָפט געווען באַשטעלט פון יידן אָבער פּאַקטיש געמאַכט פון נישט יידן..."

ווייס איך נישט צי ס'זענען פאַראַן באַווייזן, אַז יידן האָבן אַנגע־טרויט נישט יידן צו מאַכן רעליגיעזע אָביעקטן; אויב ס'זענען יאָ געווען אַזעלכע פאַלן, ענדערט עס נישט דעם פּאַקט — און דאָס אונטערליגט נישט קיין שום דיסקוסיע — אַז ס'איז פאַראַן אַ רייכע, דורכויס יידישע פאָלקס־קונסט פון רעליגיעזע און שטייגערישע אָביעקטן אויף וועלכע דער מחבר פון מאמר שטעלט זיך אָפּ בלויז פאַרבייגייענדיק. לויט אים

לוינט זיך כלל נישט צו גריבלען: יאָ יידישע קונסט, נישט יידישע קונסט, ווייל, ווי דערמאָנט שוין — „די פראַגע איז פון קינסטלערישן שטאַנדפונקט — אַן איבעריקע". דאַקעגן ברענגט פאַגעל אַ היסטאָרישן איבערזיכט וועגן די סיבות פאַרוואָס ביי אונדז יידן האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט אַנטוויקלען קיין פלאַסטישע קונסט. דער לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה... (פאַגעל ציטירט דעם־אַ געבאָט אין דער גאַנצער לענג אין דער איבערזעצונג פון יהואש), האָט „אַרויפגעלייגט אַזאַ מין האַרב אויף קינסטלער און אויף יידן בכלל אַז מיר האָבן ביז היינטיקן טאָג נישט פולשטענדיק אויסגעגלייכט די פלייצעס".

ווען מיר די באַהויפטונג, אַז דער אַמאָליקער רעליגיעזער פאַר־באָט האָט גורם געווען, אַז מיר האָבן ביז היינטיקן טאָג באמת נישט פולשטענדיק אויסגעגלייכט די פלייצעס לאָזן אויף אַ ביסל שפּעטער. דערווייל דאַרף מען נאָך דערמאָנען די געבראַכטע טענה אַז דער פאַר־באָט „איז בלויז אַ תירוץ, אַז ווען איינער איז באמת באַהערשט פון טאַלאַנט איז נישטאָ קיין אָפּהאַלט. מער נישט ביי יידן האָט זיך זעלטן באַוויזן". און פאַגעל זעצט פאָר ווייטער: „ווען ער וואָלט שוין יאָ געהאַט טאַלאַנט, ווו וואָלט זיך אַ יונגער ייד געלערנט צו זיין אַ קינסטלער"... ?

אויב דאָס — אָדער ענלעכע באַהויפטונגען — זאָל זיין אַן אַרגו־מענט, וואָלט די קונסט ביי יעדן פאָלק געווען אַ סך אָרעמער. אָבער פון דער געשיכטע פון קונסט זענען אונדז באַקאַנט אַן אַ שיער מייסטער, וואָס האָבן נישט געהאַט „ווו זיך צו לערנען". מען רופט זיי די גרויסע אויטאָדידאַקטן. אַזעלכער איז כמעט געווען דער באַרימטער סעזאַן, וואַן גאָג, פיל אַנדערע שוין אָפּגערעדט פון היינט גלאָריפיצירטן האַנרי רוסאָ וועמענס גרויסע אויסשטעלונג עס קומט איצט פאָר אין פאַריזער „גרויסער פּאַלאַץ" פון קונסט. נישט ווייניק פון דער פילצאָליקער גרופּע פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן זענען כמעט געווען אויטאָדידאַקטן. און נישט נאָר אין פראַנקרייך. אָבער דאָס בלויז פאַרבייגייענדיק.

**
*

ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז מיר יידן האָבן נישט קיין טיפע קונסט־טראַדיציעס. דער אוראַלטער רעליגיעזער פאַרבאָט, ווי עס ווייזט אַן פאַגעל, האָט דורות לאַנג געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון פלאַסטישער

קונסט. מעגלעך, אַז עס זענען געווען אויך זייטיקע סיבות. לויט פּאַגעלן האָט די שנאה מצד יידן צום אַלטן רוים זיך איבערגעטראָגן אויף די סקולפּטורן אירע, וואָס זענען געווען ווי אירע סימבאָלן. זיכער איז אָבער, אַז אין מיטלאַלטער האָבן די בלוטיקע פאַרפאָלגונגען און רדיפות מצד דער קירכע, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיטן גלאַנץ פון איקאָנעס, געשאַפן ביי יידן אַן אָפּשטויסנדיק געפיל פאַר בילדער און רעליגיעזן שמוק. און דאָך האָבן נישט דער רעליגיעזער פאַרבאָט און נישט אַרויסגערופענע, אָפּשטויסנדיקע געפילן געקאָנט דערשטיקן, פול־שטענדיק אויסלעשן די טיפע קונסט־פונקען, וואָס האָבן געטליִעט ביי יידן אין אַלע צייטן, אַנהייבנדיק פון טיפן אַלטערטום.

יאָ, ס׳זענען געווען צייטן, ווען קונסט־היסטאָריקער און פאַרשידענע פערזענלעכקייטן, ווי למשל העגל, האָבן געהאַלטן, אַז יידן איז אייגנ־טימלעך בלויז דער אַבסטראַקטער געדאַנק, און נישט דאָס געפיל פאַר קאָנקרעטער שיינקייט. מאַכט מען אָבער היינט, אויפן סמך פון פאָרשונגען אַ היסטאָרישן אַריינבליק, איז נישט שווער צו דערזען, אַז פּלאַסטישע קונסט האָט באַגלייט יידן אויף אַלע וואַנדער־וועגן; צום גרעסטן טייל איז זי אין די אַמאָליקע צייטן געקומען צום אויסדרוק אין דעקאָראַטיווער קונסט, אין הויך קינסטלערישער אָרנאַמענטיק, שוין אָפּגערעדט פון אַרכיטעקטאָנישער קונסט. אין אַלטן מלכות ישראל איז אַפילו געווען אַן אַסטאַרטאַ־סטאַטוע, געמאַכט אַ סברה פון אַ דאָרטיקן קינסטלער. די אויסגראָבונגען אין די נייע צייטן האָבן אויפגעדעקט פּרעכטיקע וואַנט־מאָלערייען פון דורא אייראָפּאָס, הערלעכע מאָזאַיִקן פון בתי־מדרשים פון צווייטן און זעקסטן יאָרהונדערט. איך האָב אַליין אין 1964 געזען אין צפון ישראל אַן אויסגעגראָבענע גרויסע מאָזאַיִקע אויך מיט פאַרשידענע בעלי־חי, וואָס איז קעגן רעליגיעזן געבאָט. היינט די פּראַכטפולע אילומינירטע הגדות פון צענטן און פופצנטן יאָרהונ־דערט. אין בריטישן מוזיי איז פאַראַן אַן אילוסטרירטע הגדה מיט מענטשלעכע געשטאַלטן פון 14טן י.ה. היינט די וואַנט־ און סופיט־מאָלערייען אין בתי־מדרשים, די שניצערייען און סקולפּטירטע בימות און טירן. דאָס אַלץ איז אַ באַוויז, אַז דער קונסט־זשעני האָט געלעבט ביי יידן אין אַלע צייטן. אוודאי זענען אין די אָרעמע קליינע שטעטלעך אין פּוילן אויך די בתי־מדרשים געווען אָרעם, נאַקעט, ווי דאָס שרייבט פּאַגעל. אָבער די שיל אין גראַיעץ, למשל, געבויט אין 18טן יאָר־

הונדערט, איז באַדעקט געווען מיט פּרעכטיקע וואַנט־מאַלערייען; אין דער שיל אין פּיאָטרקאָוו איז די גאַנצע מזרח־וואַנט באַדעקט געווען מיט הויך־קינסטלערישע שניצערייען און דער סופית מיט מאַלערייען, וואָס די היטלעריסטן האָבן אָפּגעווישט. אין קראָקע איז אין 1959 רעסטאַווירט געוואָרן (פאַר יידישע געלטער פון אויסלאַנד טיילווייז) די באַרימטע אַלטע אויסגעצירטע שיל וואָס זי אַליין מיט אירע פּוץ־אַרקאַדעס און בויג־קאַלאַנעס איז אַן אַרכיטעקטאַניש קונסט־ווערק — און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי פון צונויפגעקליבענע יידישע קונסט־אָביעקטן. כ׳האָב אויך באַוווּנדערט די קליינע רמ״א־שיל אין קראָקע מיט איר סקולפּטירטער בימה. נאָך מער האָב איך באַוווּנדערט די גרויסאַרטיקע אויסשטאַטונג אין דער ספרדישער שיל אין אַמסטער־דאַם און אין דער ספרדישער שיל אין רוים און דאָס זענען ווייט נישט קיין זעלטנקייטן. אגב איז די קראָקעווער גרויסע שיל פון 14טן י.ה., געבויט געוואָרן אויפן מוסטער פון דער פּראַגער אַלטער שיל. אַזוי, אַז ס׳איז נישט ריכטיק פאַגעלס פאַראַלגעמיינערונג, אַז בתי־מדרשים זענען געווען (חוץ אין זעלטענע פאַלן די אימפּאַזאַנטע אַרכיטעקטור) „כמעט אין גאַנצן אָן באַצירונג״. אָבער צי נאָר אין דעקאָראַטיווער קונסט האָט זיך אויסגעדריקט דער יידישער קונסט־זשעני בעת ס׳האָט געהערשט דער פאַרבאָט? צי איז דער פאַרבאָט קיינמאָל נישט גע־בראָכן געוואָרן? דאָ און דאָרט האָט אַ יידישער קינסטלער געוואַגט אַרויסצוקומען אויף דער פריי מיט פאַרבאָטענע טעמעס, ווי דאָס איז געווען למשל דער יידישער מאַלער אין איטאַליע אין 16־טן יאָרהונדערט משה דאַל קאַסטעלאַצאָ, די יידישע מאַלערין פון 17טן יאָרהונדערט אין האָלאַנד אסתר ענגעל הארד. און ווער ווייסט וויפל אַנאָנימע יידישע קינסטלער עס זענען געווען. ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס אין 18טן יאָרהונדערט האָבן יידישע קינסטלער זיך אָפּגעגעבן דער מיניאַטורן־קונסט, ווייניקער אָנזעעוודיק, אָבער ווי קונסט־היסטאָריקער האַלטן זענען יענע פּאָרטרעט־מיניאַטוריסטן געווען די פאָרגייער פון יידישע קינסטלער אין 19טן יאָרהונדערט.

נאָר היות מיר האָבן געהאַלטן ביי פּוילן איז לאָמיר דערמאָנען, אַז אויף דער פּוילישער ערד זענען יידן געווען די ערשטע רומפּולע גראַפיקערס, גראַווירערס, שניצערס, גאָלדשמידן; יידישע פרויען זענען אפשר געווען די ערשטע, וואָס האָבן אויסגעשטיקט גאָבעלינען, אין די

עלטסטע צייטן אויסגעהאַפטן הויך קינסטלערישע רעליגיעזע און שטיי־גערישע אָביעקטן, וואָס האָבן באַצירט נישט נאָר בתי־מדרשים נאָר אויך יידישע היימען. דאָס ערשטע געדרוקטע בוך, וואָס איז דערשינען אין פוילן, אין דער דרוקעריי פון די פירשטן ראַדזשיווילס, האָט קינסט־לעריש אילוסטרירט דער פוילישער ייד מיטן נאָמען לייבאָוויטש. טראָץ דעם רעליגיעזן פאַרבאָט האָט דער יידישער קינסטלער געמאַכט צענדליקער גראַפישע פאָרטרעטן פון אַדל־לייט, וואָס האָבן באַצירט זייערע פּאַלאַצן. ער איז אַ סברה נישט געווען דער איינציקער, נאָר מיר ווייסן נישט פון זיי. דער פּיאָניר פון דער פוילישער היסטאָרישער מאָלעריי איז געווען דער ייד אַלעקסאַנדער לעסער. ער איז געווען דער פאָרגייער פון באַרימטן מאַטייקאָ פון 19טן יאָרהונדערט; לעסערס פאָטער און זיידעס זענען געווען פרומע יידן, אָבער זייער זון און אייניקל האָט געבראָכן דעם רעליגיעזן פאַרבאָט.

דער רעליגיעזער פאַרבאָט האָט דורות לאַנג געדריקט, געהאַמעוועט, אָבער צי האָט מען צוליב אים „ביז היינטיקן טאָג באמת נישט פול־שטענדיק אויסגעגלייכט די ביינער״ ?, ווי עס שרייבט פּאַגעל.

דער יידישער מיטלאַלטער איז געווען אַ לאַנגער, לענגער ווי ביי אַנדערע פעלקער. ווי גיך די קלעם פון מיטלאַלטער האָט נאָכגעלאָזט, האָבן יידישע קינסטלער אומעטום ברייט צעשפּרייט זייערע פליגלען. אין דער צווייטער העלפט און סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַזאַ שטורמישער אויפשטייג נישט נאָר פון סתם קינסטלער נאָר אויך פון מייסטער, טאָן־געבערס אין דער קונסט, ווי לעוויטאַן אין רוסלאַנד, מאַקס ליבערמאַן אין דייטשלאַנד, יאָסעפזאָן אין שוועדן, איזראַעלס אין האָלאַנד, פּיסאַראָ אין פראַנקרייך און אחרון אחרון אין פוילן מויריצי גאָטליב, וואָס איז אין 1879 געשטאָרבן צו 23 יאָר און דעמאָלט שוין באַטראַכט געוואָרן אַלס גאון אין דער מאָלעריי.

לאָמיר זיך דערמאָנען די גרויסע פּלעיאַדע מאָלער, סקולפּטאָרן, מעטאַלפּלאַסטיקער, גראַפיקער, דעקאָראַטאָרן, וואָס זענען אויפגעקומען אויף דער פוילישער ערד. צווישן די צוויי מלחמות איז אין פוילן אַפילו געווען אַ טיכטיקע „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט צווישן יידן״. בערך 300 פּלאַסטישע קינסטלער זיינען אין פוילן פאַרשניטן געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער שווערד און דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן געשאַפן אַפילו אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, ווי

טרעמבאטש, קראַמשטיק, די ברידער זיידנבייטל, ברונער, געלע זאַק־שטיין, אויב דערמאָנען בלויז די וועמענס ווערק, געשאַפענע אין געטאָ, כ׳האָב געזען. דער קונסט־קריטיקער יוסף סאַנדעל ז״ל פלעגט מיר שעהען־לאַנג דערציילן וואָס פאַראַ יידישע קונסט־אוצרות עס זענען פאַרלוירן געגאַנגען, צעראַבירט געוואָרן. אין יידישן, היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע איז חוץ דער שטענדיקער אויסשטעלונג פון אומגעקומענע קינסטלער פאַראַן אין אַן אָפגעשלאָסענעם צימער אַ ריזיקע צוזאַמענגע־דרענגטע קאָלעקציע פון פאַרשידנאַרטיקע קונסט־ווערק, וואָס מ׳האָט באַלד נאָך דער מלחמה אָפגעזוכט, אויסגעקויפט ביי פּאָליאַקן, וואָס האָבן צע־שלעפּט. און דאָס איז בלויז אַ קליינער ברוכטייל פון די אוצרות, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען, אומגעקומען. פון אַזאַ קינסטלער, למשל, ווי ברונאָ שולץ (שרייבער און מאָלער) איז נישט פאַרבליבן קיין איין בילד, ווי פון פיל אַנדערע.

אַ באַזונדערן אויפמערק פאַרדינען יידישע קינסטלער אין פאַריז ווי פאָגעל דערמאָנט פאַרבייגייענדיק. דער וועלט־צענטער פון קונסט איז געוואָרן אויך אַ צענטער פון יידישע קינסטלער. דאָ האָבן געלעבט און גע־שאַפן זינט סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט גרויסע יידישע טאַלאַנטן געקו־מענע פון אַלע עקן וועלט, ווי לעאָפּאָלד גאָטליב (ברודער פון מויריצי), מאָדיליאַני, פּאַסקין, קאַרס, קיסלינג, קרעמען, מאַנע קאַץ, קיקאָין, אבערדאַם, ריבאַק, בודקאָ, דאָברינסקי, מענקעס, פּיקעלני, שרעטער, פעדער, שאַפּיראָ, ווייסבערג, מיליך, באַרווין־פרענקעל, דער הויך־טאַלאַנטירטער גראַפיקער פישל זילבערבערג, סוטין, די סקולפּטאָרן נחום אַראָנסאָן, חנה אָרלאָוו, לוטשאַנסקי, עפּשטיין, אינדענבוים, זשאַק ליפשיץ — און איך רעכן נאָר אויס די, וועלכע זענען שוין נישטאָ און בלויז אַ טייל פון זיי. לערך הונדערט יידישע קינסטלער פון פאַריז זענען אומגעקומען אין היטלעריסטישן מבול. דאָ, אין פאַריז, ווו עס קרייצן זיך אַלע קונסט־שטרעמונגען האָבן זיי זיך אויסגעקאָכט און קאָכן זיך היינט אויס אין קינסטלערישן קעסל. מ׳וואָלט נישט געקאָנט שרייבן די געשיכטע פון דער מאָדערנער פראַנצויזישער קונסט נישט נעמענדיק אין באַטראַכט יידישע קינסטלער, געקומענע פון זייערע אַלטע היימען; זיי האָבן אָנגעהויבן קומען, ווען די פראַנצויזישע מאָלעריי האָט דורכ־געמאַכט אַן אמתע רעוואָלוציע. יש אומרים, אַז יידישע קינסטלער זענען געווען די גרונט־לייגער פון דער אַזוי גערופענער „פאַריזער

שול״. הײַנט צו טאָג שאַצט מען אָפּ די צאָל ייִדישע קינסטלער געקו־מענע פון אַלע עקן װעלט קיין פראַנקרייך אויף לערך 600 און צווישן זיי נישט ווייניק אָנגעזעענע טאַלאַנטן.

ייִדישע פּלאַסטישע קינסטלער לעבן אָבער נישט בלויז אין פראַנק־רייך. כמעט אין אַלע ייִדישע קיבוצים אויף דער וועלט, בפרט אין ישראל, וווּ ס׳איז אויפגעקומען אַ פיינע פלעיאַדע קינסטלער, לעבן ייִדישע פּלאַסטישע שאַפער. מיט עטלעכע יאָר צוריק, באַזוכנדיק אין פּאַריז אַ גרויסע מאַלעריי־אויסשטעלונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָב איך אָנגעציילט צווישן די אונטערשריפטן אויף די עקספּאָנאַטן אַ היפּשע צאָל ייִדישע נעמען. צי איז דעריבער ריכטיק צו זאָגן, אַז „מיר האָבן ביז היינטיקן טאָג באמת נישט פולשטענדיק אויסגעגלייכט די פלייצעס״? אפרים פאָגעל טרייסט אונדז, אַז „ייִדן זענען טאַקע געקומען שפּעט צום קונסט־טיש און עס זענען טאַקע פאַרבליבן רעשט־לעך פון איינגעבוירענעם פאַראורטייל, אָבער מיר וועלן דעריאָגן״. אַ נישט נייטיקע טרייסט. ייִדן האָבן שוין דעריאָגט. און די „רעשטלעך איינגעבוירענעם פאַראורטייל״ ווירקן שוין, אַ סברה, נישט. די ייִדן פון די צפון־אַפריקאַנישע לענדער, דורכויס טראַדיציאָנעלע און צום גרעסטן טייל פרומע האָבן אויך אַרויסגעגעבן פּלאַסטישע קינסטלער; איך קען ווייניקסטנס אַ צענדליק פּאַריזער קינסטלער געקומענע פון יענע לענדער. זיי זענען פריי פון „איינגעבוירענעם פאַראורטייל״.

* * *

נו, ס׳איז צייט זיך צו נעמען צום ענין: צי איז פאַראַן ייִדישע קונסט? אַן ענין וואָס שלעפּט זיך שוין באמת פון לאַנג און די מיינונגען זענען צעטיילט אַזוי גוט ביי קונסט־קריטיקער, ווי ביי קינסטלער גופא. מיר איז אויסגעקומען צו רעדן דערוועגן מיט אַ סך קינסטלער פון פאַרשידענעם קינסטלערישן קאַליבער.

ווען כ׳האָב געהאַט דערציילט, בעת אַ לאַנגן שמועס אין איר אַטע־ליע, דער באַרימטער סקולפּטאָרין חנה אָרלאָוו, אַז דער באַקאַנטער פּאַריזער מאַלער בען האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ייִדישע קונסט, האָט זי זיך צעשמייכלט און פאַרזיכערט, אַז זי, ווען זי קוקט אויף אַ בילד אָדער אַ סקולפּטור דערפילט זי כמעט שטענדיק צי

ס׳איז געמאָלן אָדער סקולפּטירט פון אַ יידישן אָדער נישט יידישן קינסטלער. „מיר האָבן נישט קיין ווייטע קונסט־טראַדיציעס צוליב די סיבות וואָס מיר ווייסן, דאָך האָבן מיר אַ סך אייגנס אין דער קונסט״.

בעת כ׳האָב, באַקוקנדיק זיינע בילדער אין זיין אַטעליע, געפרעגט מאַנע קאַצן פאַרוואָס ער מאָלט שטענדיק יידן אין טליתים, ייִנגלעך מיט לאַנגע פּאות, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע: „צי ווייסט איר, אַז ביי די אַלע איז פאַראַן יידישע התלהבות? און מיר ווי אַ יידישן מאָלער איז דאָס נאָענט צום האַרצן, איך ברענג דורך דעם אַרויס דאָס אמתע יידישע פּינטעלע״. זייענדיק מיט יאָרן צוריק ביי שאַגאַלן אין זיין דרומדיקער ווילע, האָב איך צווישן אַנדערן געפרעגט וועלכער ס׳איז געווען דער וועג צו זיין קונסט. דער מייסטער האָט געענטפערט: (איך קוק ווידער אַריין אין מיינע נאָטיצן פון יענער צייט) „מיינע עלטערן זענען געווען אָרעמע, ערלעכע יידן, זיי זע־נען געווען מיין וועג, מיין שול...״. קלאָר, אַז דאָס דאַרף מען נישט פאַרשטיין בוכשטעבלעך, שאַגאַלס עלטערן האָבן אים קיין מאָלעריי נישט געלערנט, אָבער דעם יידישן ניצוץ האָבן זיי אַריינגעטריפט אין זיין קונסט, איבערגעגעבן בירושה. אגב דערציילט באַרווין־פרענקעל אין זיין בוך וועגן פאַריזער יידישע קינסטלער, אַז ענטפערנדיק אים אויף אַ פראַגע האָט שאַגאַל געזאָגט: יאָ, פאַראַן יידישע קונסט. דער באַגאַבטער מאָלער כוואָלעס, שמועסנדיק מיט מיר וועגן קונסט, האָט מיר געוואָלט איבערצייגן, אַז אַפילו אין דער קאָמפּאָזיציע פון אַ בילד ביי אַ יידישן מאָלער קאָן מען דערקענען דאָס יידישע. דער מאָלער און סקולפּטאָר דוד מאַלקין האָט זיך געוואונדערט אויף מיין פראַגע: „וואָס הייסט נישטאָ יידישע קונסט, אַז פאַראַן יידישע קינסטלער איז פאַראַן יידישע קונסט״. דאַקעגן דער מאָלער אַדאַם מושקאָ וואָס זיין גאַנצע טעמאַטיק איז דורכויס אַ יידישע, דאָס יידישע שטעטל מיט זיינע פאַרשוינען, יידישער פאָלקלאָר, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט: ניין, נישטאָ קיין יידישע קונסט, פאַראַן יידישע טעמאַטיק, נישט יידישע קונסט.

איך וואָלט נאָך געקאָנט ברענגען אַ רשימה פון קעגנזעצלעכע מיינונגען. אָבער לאָמיר בעסער זיך נאָך באַגרענעצן אַריינצוקוקן טיפער אין דער קונסט פון אייניקע באַרימטע יידישע קינסטלער: צי איז שאַגאַלס מאָלעריי נישט דורכויס יידיש? און דאָס נישט דערפאַר וויל

ער מאָלט יידן אין טליתים, מיט אַ ספר־תורה, לעבט אויף תנ״ך־געשטאַלטן, ברענגט אַרויס יידישע הייזקעס, יידישע חפצים, נאָר ווייל דאָס אַלץ איז באַהויכט מיט אַ טיפן יידישן הויך; יעדעס בילד שאַגאַלס איז אַ וווּנדער־מעשהלע, אַ פּאָעמע, אַן עפּאָס; דאָס איז די אַזוי אייגנטימלעכע יידישע מעשה. נישט בלויז אין טעמאַטיק גייט דאָ, נאָר אין יידישן גייסט, יידישן מהות, אין דער סענסיביליטעט, אין דער יידישער פיליקייט. סיי די שאַגאַלישע פריידן, די יומטובדיקייט, סיי דער דינאַמיזם און אומרו, די נשמה־וויבראַציעס פון זיין פּאַלעטע זענען די אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער נשמה. אַפילו זיינע וויטראַזשן אין די קריסטלעכע קאַטעדראַלעס אָטעמען מיט יידישער טרוימערישקייט, מיט יידישער בענקשאַפט. מיך האָט אַ סך מאָל צוגעשמידט צו זיך שאַגאַלס אַ וווּנדערלעך בילד, געמאָלן אין שאַגאַלישן בלוי. ס׳איז אַ פּאַריזער פּאַנאָראַמע מיטן אייפלטורעם צוזאַמען, ביי די זייטן מיט שאַגאַלישע געשטאַלטן און אָביעקטן. הכלל נישט דורכויס יידישע טעמאַטיק. קוקט מען זיך גוט איין אין פייזאַזש דערזעט מען ווי פּאַריז איז פאַרזונקען אין טרוימערישקייט, אין יידישער בענקשאַפט. פון טיפן בלוי שלייכט זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פּאַריז אַרויס ווי אַ ראָמאַנטיש, אַמאָליק יידיש שטעטל. קונסט איז דאָך פאַרבונדן מיט מיסטיציזם, נישט זעלטן מיט רעליגיעזער איבערלעבונג — שרייבט אפרים פּאַגעל. פאַרוואָס זאָל דאָס נישט זיין יידישער מיסטיציזם? יידישע רעליגיעזע איבערלעבונג? און שאַגאַל האָט דאָך געשריבן: „אַפילו ווען כ׳האָב געזען פּאַריז, האָב איך נישט געזען עפּעס אַנדערש, ווי זיך גופא״. הכלל געזען זיך דעם ייד פון יידישן וויטעבסק, מיט דער יידישער נשמה, וואָס ער האָט אין די פאַרשידנסטע וואַריאַציעס טראַנספּאָנירט אין זיין קונסט.

לאָמיר איצט זיך איינקוקן אין דער מאָלעריי פון וועלט־באַרימטן חיים סוטין, אַ מאָלעריי אַזאַ אַנדערשדיקע ווי שאַגאַלס. ביי סוטינען (געוויסע קונסט־קריטיקער שטעלן אים העכער ווי שאַגאַלן) איז קיין יידישע טעמאַטיק נישט בנמצא. כ׳האָב געזען זיינע בילדער איינציקווייז און מיט יאָרן צוריק אויף אַ גרויסער רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג אין פּאַריז. פון יעדן בילד טויכט אויף אויפברויז, שטורעם, דראַמע, טיפע טראַגיק; יעדער פּענדזל־שמיר — אַ שטיק ווײ. איז דאָס דען נישט יידישער ווײ? יידישע טראַגיק? זאָל דאָס זיין אַ געשאָכטענער

אָדער לעבעדיקער בעל־חי, צי אַ שטיללעבן, אַ געשטאַלט אָדער אַ פּייזשאַזש, אַן אַלטע אַקטריסע אָדער אַ קינד, שטראָמט פון דעם צער, צעריסנקייט, גלייכצייטיק מיסטעריע, ליידנשאַפט, גראַנגל און פּראָטעסט. ס׳איז אַ קונסט אַ ברויזנדיקע. דערפילן מיר דען נישט יידישן ברויז? יידישן גראַנגל?

סוטין איז אַ מאָלער פון אינסטינקט, פון אייגענע געפילן, און ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך אַ גרויסן ווייטיק, אַנגסט, שרעק. ס׳איז געווען אים אָנצוקוקן צו דערפילן זיין אינערלעכע אַנגסטיקייט, דעם אומרו, אויך מיטלייד, ליבשאַפט, וואָס ער האָט טראַנספּאָנירט אין זיין מאָלעריי. איז דאָס נישט קיין יידישער אומרו, יידישע אַנגסטיקייט? געווען אויף דער גרויסער אויסשטעלונג אַ בילד פון אַ פערד. ער איז נישט נאָר פאַרמענטשלעכט נאָר אויך פאַריידישט. אַ פערד אַ דראַמע, ענלעך צו מענדעלעס קליאַטשע. אין דער ליטעראַטור איז אַזאַ שאַפער דער ייד קאַפקאַ. נישטאָ ביי אים קיין יידישע פּערסאָנאַזשן, קיין יידישע מאָמענטן, אָבער אָנדייטונג, אַנאַלאָגיעס צום יידישן גורל — יאָ. סוטין האָט אויף אַן ענלעכן אופן טראַנספּאָנירט אין זיין קונסט זיין יידיש פילן, דעם יידישן ברויז און גראַנגל.

צי בלויז ביי היינטצייטיקע יידישע קינסטלער געפינען מיר דעם יידישן פונק? יידיש פילן? לאָמיר אַ קוק כאַפּן אויף די בילדער פון אַזאַ גרויסן און צייטלעך ווייטן טאַלאַנט ווי ס׳איז געווען מויריצי גאָטליב. אָט זענען זיינע צוויי אָממיינסטן באַקאַנטע בילדער: יידן אין בית־מדרש, ווו מיר דערקענען אים גופא, און שיילאָק מיט זיין טאָכטער. צי איז שווער צו דערפילן אין ערשטן בילד די יידישע דערהויבנקייט און נשמה־יתירהדיקייט? און אין שיילאָק צי דערזעען מיר נישט די טיפע טראַגיק פון אַ יידישן פאָטער אין דער פרעמד, וואָס וויל דאָס אים טייערסטע, זיין קינד, מיט אַלע כוחות איינהאַלטן ביי זיך? איז דאָס נישט יידישע טראַגיק און יידישע פאָטערלעכע ליבשאַפט? שיילאָק איז ביי גאָטליבן אַ פאַרפאָלגטער, ליידנדיקער ייד און נישט בלוטדורשטיקער סוחר, וואָס פאָדערט, לויט שעקספּירן, אַ פונט פלייש פון אַ לעבעדיקן לייב. אָדער לאָמיר בלויז אַ בליק טאָן אויף אַזאַ ווייטן בילד ווי שמואל הירשנבערגס „גלות״ (שוין נישט רעדנדיק וועגן אַנדערע זיינע בילדער). וויפל יידישע ליידן, וויפל יידישער צער שטראָמט

פון די איינגעבויגענע, יידישע צונויפגעדרענגטע וואָגלערס! וויפל יידי־שע שרעק און האָפנונגסלאָזיקייט טריפט שטילערהייט פונעם בילד!

און לסוף: אפרים פאָגעל פרעגט: „וואָס טוט מען מיט אַזאַ וויכ־טיקן קינסטלער ווי מאָדיליאַני? אַ געבוירענער ייד?... אָבער זיינע בילדער האָבן קיין שום שייכות נישט מיט יידישער דערפאַרונג און טיפן"? איז קודם כל: מאָדיליאַני, שפּראַכלעך דער אַסימילירטער, איז געווען אַ וואַרעמער ייד. אָנגעהויבן האָט ער מיט סקולפּטור און שפּעטער, ווען ער איז געווען אין זיין קורצן לעבן מאָלער, אויך געזינדיקט מיט סקולפּטור. און זיינע סקולפּטורן זענען מערסטן געקריצט אויף פלאַכע שטיין־ברילעס. קוקט איר אויף זיי האָט איר דעם איינדרוק, אַז ס'איז דער מאָדעל פון אַלטע יידישע מצבות, הגם ער איז אויך געווען באַווירקט פון דער נעגער־סקולפּטור. און מערקווירדיק: דער טאַלאַנטירטער פּאַריזער סקולפּטאָר מיכאַל מילבערגער האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט אויפן צי־טער, וואָס איז פאַראַן אין מאָדיליאַניס פּרויען־אַקטן און דערביי אויסגע־פירט, אַז אַפילו אין די אַקטן איז פאַראַן דער יידישער ציטער.

מ'וואָלט געקאָנט אילוסטרירן מיט הונדערטער אַנדערע בילדער סיי היינטצייטיקע, סיי אַמאָליקע. דערפאַר איז שווער נישט מסכים צו זיין מיט דער גרויסער יידישער סקולפּטאָרין חנה אָרלאָוו (זי איז געשטאָרבן בעת אַ באַזוך אין ישראל אין 1968), אַז ווייניקסטנס האָבן מיר אַ סך אונדזער אייגנס אין דער קונסט.

אָקטאָבער 1985

צווישן חלום און האַרטער רעאַליטעט

(וועגן בוך „די ענציקלאָפּעדיע פון טויטע" פון דאַנילאָ קיש)

אין פראַנקרייך לעבן און שאַפן היינט אַ היפּשע צאָל אויסלענדישע שרייבערס. קיין נייעס איז דאָס נישט. אין דעם לאַנד, ווו עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער וועלט, ווי ס'האָט זיך ווער געהאַט אויסגעדריקט, האָבן אויך אין די פריערדיקע צייטן, קירצער אָדער לענגער, זיך אויפגעהאַלטן אָדער זיך איינגעבירגערט גרויסע שרייבער פון פאַרשידענע לענדער, ווי העמינגוויי, דזשיימס דזשאָיס, סאַמועל בעקעט האָט פּאַריז אויסגעקליבן זינט 1938 פאַר זיין נייע היים — אויב נאָר דערמאָנען די דריי. היינט צוטאָג פאַרקערן זייערע שיפלעך צו די פראַנצויזישע ברעגן שרייבער צוליב באַזונדערע סיבות; דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרלאָזן זייערע געבוירן־לענדער צוליב מאַנגל פון פרייהייט, זיי קומען אָפּטעמען אינעם לאַנד פון אַזיל־רעכט און נישט איינער פון זיי שטעלט אויף זיין געצעלט אויפן פאַריזער ברוק, ווי אַ נייע, שטענדיקע היים, ווי דער שפּאַנישער שרייבער סאַמפּרען, וועלכער שרייבט שוין צומאָל זיינע ראָמאַנען אין פראַנצויזיש, ווי דער אַרגענטינער שרייבער ביאַנטשאָטי, וועלכער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַן אינטערעסאַנטן ראָמאַן, געשריבן שוין אין פראַנצויזיש. אַ באַדייטנדיקער טייל געקומענע אַהער שרייבערס שטאַמען פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע, ווי דער טשעכישער שרייבער מילאַן קונדעראַ, ווי די רוסישע שרייבערס סיניאַווסקי, מאַקסימאָוו. צווישן די אָפּשטאַמיקע פון יענע לענדער פאַרנעמט לויט זיין שאַפערישן מהות אַ באַזונדער אייגנאַרטיק אָרט דער יוגאָסלאַווישער שרייבער דאַנילאָ קיש.

שוין אין זיין געבוירן־לאַנד איז קיש געווען אַ מין איבערוואַנדערער. געבוירן אין 1935 ביי דער יוגאָסלאַוויש־אונגאַרישער גרענעץ האָט ער זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין אונגאַרן, אַ סברה, אַז צווישן דער דאָרטיקער, יידישער באַפעלקערונג, און אין מאָנטענעגראָ; אין זיין רייפער עלטער געלעבט און געשאַפן אין בעלגראַד. זיין שרייבערישע שפּראַך איז סערבאָ־קראָאַטיש און אין איר האָט ער אין זיין

לאַנד איבערגעזעצט אונגאַרישע, רוסישע און פראַנצויזישע פּאָעזיע. זינט ער געפינט זיך אין פראַנקרייך זענען אַ האַלבער טוץ זיינע ביכער דערשינען אין פראַנצויזישער איבערזעצונג אין באַדייטנדיקסטן פאַר־לאַג „גאַלימאַר". מיט אַן ערך פינף יאָר צוריק איז זיין גאַנץ ווערק געקרוינט געוואָרן מיט אַ הויכן ליטעראַרישן פּרייז פון דער שטאָט ניצי. מיט חדשים צוריק איז דערשינען זיינס אַ ניי בוך, אויך אין פאַרלאַג „גאַלימאַר" און אויך באַקומען אַ ליטעראַרישן פּרייז.

* * *

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער שאַפונג פון דאַנילאָ קיש איז געווען אין 1980, ווען כ'האָב געהאַט, גלייך נאָכן דערשיינען, אי־בערגעלייענט זיין בוך „אַ קבר פאַר באָריס דאַווידאָוויטש", וואָס האָט איבערגעלאָזט ביז היינטיקן טאָג אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. דאָס בוך באַשטייט פון זיבן סקיצן, אָדער אויב מען וויל, דערציילונגען, וואָס זענען אינערלעך געבונדן און בילדן אַ גאַנצקייט. איינע פון די דערציילונגען, וואָס האָט געגעבן דעם טיטל פאַרן בוך, איז די געשיכ־טע, אָדער ביאָגראַפיע פון באָריס דאַווידאָוויטש, אַ יידישער יונגער מענטש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן, זיין טאַלאַנט מיט מסירת נפש אָפּגעגעבן, סיי אין די צאַרישע צייטן, סיי אין די סאָוויעטישע באַדינ־גונגען, דער זאַך פון דער רעוואָלוציע און לסוף דערפירט געוואָרן דורך די „אייגענע" צו אַ שווידערלעכן אומקום: אַ פאַרפייניקטער האָט ער אַליין, נאָך אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון אַ גיהנומדיקן גולאַג, אויס־געקליבן אַ גרויליקן טויט איידער צוריק אַריינצופאַלן אין די נעגל פון זיינע פייניקער. „אַ קבר פאַר באָריס דאַווידאָוויטש" איז אַ טיף טראַ־גישע געשיכטע פון אַ רעוואָלוציאָנערן קעמפער און איינצייטיק די געשיכטע פונעם באַנקראָט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט.

מיר האָבן זיך אויך אין יענעם בוך געוואָרפן אין די אויגן די מערערע יידישע געשטאַלטן, יידישע מאָמענטן, שטייגער און ביי אַ געלעגנהייט זיך נאָכגעפרעגט אויפן שרייבער. „ער איז דאָך אַליין פון יידישער אָפּשטאַמונג", האָט מיר אַ באַהאַוונטער קאָלעגע אויפ־געקלערט. הגם כ'האָב נישט גערן דאָס וואָרט „אָפּשטאַמונג" זענען מיר געוויסע ענינים קלאָר געוואָרן.

***

איצט האָב איך איבערגעלייענט זיין אַקאָרשט ניי־דערשינען בוך, וואָס באַשטעטיקט ווידער (הגם כ'האָב זיינע אַנדערע ביכער נישט געלייענט), אַז דאַנילאָ קיש איז אַן עכט אָריגינעלער שרייבער, אַ קרעפּטיקער פּראָזאַיִקער און אַז די יידישע טעמע איז אים נישט פרעמד. דאָס ניי־דערשינענע בוך איז אַ זאַמלונג פון ניין נאָוועלן פאַרזען מיט אַ פּאָסט־סקריפּטום. דעם אמת געזאָגט איז מיר נישט צום האַרצן אַ פּאָסט־סקריפּטום צו אַ בעלעטריסטיש ווערק. מ'דאַרף לאָזן דעם לייענער זיך אַליין פונאַנדערקלייבן. אין דעם פאַל אָבער איז דער פּאָסט־סקריפּטום נייטיק צוליב דעם מעטאַפיזישן, טיילווייז מיסטעריעזן אָדער מיסטישן אינהאַלט פון געוויסע נאָוועלן, וואָס דערשיינען צוזאַמען אונטער דעם געמיינזאַמען, טיילווייז אויסטערלישן טיטל „די ענציקלאָפּעדיע פון געשטאָרבענע", אויב מען וויל קאָן מען דאָס איבערזעצן — „די ענציקלאָפּעדיע פון טויטע". און די פליגלען פון טויט פילט מען בפירוש שוועבן אין בוך. ס'איז אַ געפלעכט פון ליבע צום לעבן, — ליבע קורץ געזאָגט — און דעם נסיון פון טויט, פון רעאַליטעט און פאַנטאַסטיק, חלום און האַרטער וואָר. דערביי האָט דאַנילאָ קיש אַרויסגעוויזן אין זיין בוך אַ סך ערודיציע, באַהויכט עס מיט ליריזם און דינער איראָניע. די נאָוועלן טראָגן אונדז איבער אין פאַרשידענע לענדער, נאָענטע און ווייטע און אויך אין פאַרשידענע צייטן. אין דער ערשטער נאָוועלע אונטערן טיטל „סימאָן דער מאַגיק", דער בונטאַר קעגן ערדישער און געטלעכער הערשאַפט, טראָגט אונדז דער שרייבער איבער אַזש קיין יהודה און שומרון אין ערשטן יאָרהונדערט, ווען פאַר די ערשטע נאָכפאָלגער און תלמידים פון געקרייציקטן ישו הנוצרי האָט נאָך גאָט געהייסן אלהים.

וואָס האָט אָבער דאָס אַלץ צו טאָן מיט אַן ענציקלאָפּעדיע פון געשטאָרבענע אָדער טויטע? פון וואַנען דער אויסטערלישער טיטל פון בוך?

ס'איז דער טיטל פון אַ נאָוועלע, וואָס פאַרמאָגט אויך אַן אונטערטיטל וואָס לויטעט: „אַ גאַנץ לעבן". און ווירקלעך איז דאָס אַ גאַנץ לעבן פון אַ מענטשן. ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע, נאָר איך וועל דאָס מאַכן בקיצור: די נאַראַטאָרין פון דער נאָוועלע איז אַ טאָכטער פון

אַ יוגאָסלאַווישער בירגער, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן פֿון אַ ראַק. נאָך זיין טויט האָט די טאָכטער, אויף דער פֿאַרבעטונג פֿון אַ שטאָקהאָלמער אינסטיטוט פֿון טעאַטער־קונסט זיך געלאָזט אין דער שוועדישער הויפּטשטאָט, ווו אַ באַרופֿענע דאַמע האָט זי געפֿירט אויף טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, געוויזן אַנדערע וווּנדערלעכקייטן פֿון דער שטאָט און אָט אין אַ שפּעטן אָוונט אַריינגעפֿירט זי אין אַ גרויסער ביבליאָטעק, איבערגעגעבן זי דעם וועכטער, וועלכער האָט ווי אַ צערבער פֿון דער געביידע מיט אַ שליסל געעפֿנט פֿאַר איר די ביבליאָטעק־זאַלן, צוריק פֿאַרשלאָסן און פֿאַרשוווּנדן. אַרומקוקנדיק זיך אין דער געהיימניספֿולער ביבליאָטעק, באַטראַכטנדיק די פּילע בענדער, האָט זי זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ באַנד, ווו ס'האָט זיך געפֿונען די ביאָגראַפֿיע פֿון איר געשטאָרבענעם פֿאָטער. זיין גאַנץ לעבן איז מיט אַלע פּרטים געווען אַרויסגעבראַכט. באַרוישט פֿון דער אַנטדעקונג האָט די נאַראַטאָרין געלייענט און געלייענט פֿונעם אָנהויב ביזן סוף. און אָט האָט זי, אַ באַגאָסענע מיט שווייס, זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געשריי פֿון שלאָף און געכאַפּט זיך, אַז זי האָט געהאַט אַ קאָשמאַרן חלום.

נו, חלומות, זאָגן געלערנטע מענטשן, האָבן עפּעס וואָס געמיינזאַמעס מיט דערווירקלעכקייט. ווען און ווו האָט מען געהערט וועגן אַ ספּעציעלער ענציקלאָפּעדיע פֿון טויטע? און אין זיין פּאָסט־סקריפּטום דערמאָנט דאָך קיש די ווערטער פֿון נאַבאָקאָוון: „איך פּערזענלעך האָב קיינמאָל נישט פֿאַרשטאַנען צוואָס דאָס נוצט אויסצוטראַכטן ביכער אָדער צו באַשרייבן זאַכן, וואָס האָבן קיינמאָל אויף וואָסער ס'זאָל נישט זיין אופֿן ווירקלעך געהאַט אַן אָרט, אָדער געשען". פֿאַראַן אָבער זאַכן וואָס עקזיסטירן און וועגן וועלכע מען ווייסט נישט. דערוויסן מיר זיך טאַקע פֿון פּאָסט־סקריפּטום, פֿון אַן אויספֿירלעכן ציטאַט, אַז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין דעם שטאַט אוטאַ, זענען אין ספּעציעלע געביידעס אין די בערג פֿאַראַן אויסטערלישע אַרכיוון־דאָקומענטן אין וועלכע ס'זענען פֿאַרעגיסטרירט מיט איינצלהייטן אַכצן מיליאַרד טויטע און אויך פּערזאָנען, וואָס לעבן נאָך. צונויפֿגעזאַמלט האָט דאָס אַ גענעאַלאָגישע געזעלשאַפֿט פֿון אַ באַקאַנטן קלויסטער. דער ציל פֿון אַזאַ אונטערנעמונג איז צו מאַכן אויף מיקראָפֿילמען דעם אינווענטאַר פֿון מענטשלעכן מין. איז פֿאַרוואָס זאָל מען זיך נישט

קאָנען פאָרשטעלן אַן ענציקלאָפּעדיע פון טויטע אין עמעצנס אַ חלום, אַ קרעאירטע דורך אַ שרייבער?

**
*

ס'וואָלט זיך גרייִלעך געלוינט כאָטש קורץ אָפּצושטעלן אויף יעט־וועדע נאָוועלע. דעם יידישן לייענער אָבער וועט זיכער גאָר באַזונדער אינטערעסירן די יידישע טעמאַטיק, וועלכער דאַנילאָ קיש שענקט אַ היפּשן אָרט. אָט ברענגט ער אַרויס אַ יידישע משפחה פון אונגאַרן פון דער צווייטער העלפט פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט (אין דער נאָוועלע „דער שפּיגל פון אַן אומבאַקאַנטן"). ברענער איז אַ יידישער סוחר פון שטעטל שעגעד. ער פאַרמאָגט אַ ווייב מיט דריי טעכטערלעך און אַ פערד און וואָגן מיט וועלכן ער פאָרט אַרום צוליב זיינע מסחרים. יידישע עלטערן ווילן בילדן זייערע קינדער. פירט ברענער מיט זיין פערד און וואָגן די צוויי עלטערע טעכטערלעך קיין אַראַד צו פאַר־שרייבן זיי אין גימנאַזיע. אין שטוב בלייבט דאָס ווייב מיטן יינגסטן טעכטערל פאַר וועלכער דער טאַטע האָט געהאַט געקויפט ביי אַן אומבאַקאַנטן ציגיינער אַ שפּיגעלע. מוטער און קינד דערוואַרטן דעם צוריקקער פון די זייעריקע. אָבער ברענער איילט זיך נישט, כאָטש דער אָוונט פאַלט צו. ער לאָזט דאָס פערדל זיך אַ ביסל אָפּרוען און אַליין טראַכט ער זיינע טראַכטענישן. „וועגן וואָס טראַכט אַ ייד אַ סוחר פון צענטראַל־אייראָפּע אין טאָג פון זיין טויט"? אין דער־אָט הייסער מינוט פרעגט זיך דער לייענער: פאַרוואָס אין טאָג פון זיין טויט? איז האָב געדולד, לייענער, וואַרט ביזן סוף. דערוויל טראָגט אונדז איבער דער שרייבער אין ברענערס שטוב, ווו דאָס יינגסטע מיידעלע האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף מיט אַ האַרצרייסנדיקן געשריי. זי האָט געזען אין שפּיגעלע ווי מ'איז באַפאַלן דעם טאַטן מיט די שוועסטער. „זיי זענען אַלע טויט"! — שרייט זי מיט באַנומענע קולות.

סוף מעשה: ברענער און זיינע טעכטערלעך זענען טאַקע באַפאַלן און דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. די מערדער האָט מען געפונען. בלייבט אָבער דער סוד: ווי אַזוי האָט דאָס מיידעלע

אין שטוב עס געקאָנט זען אין חלום? דאָס געהערט שוין צו דער מיסטעריע פון דאַנילאָ קיש.

די יידישע טעמאַטיק איז ביי אים אַ פאַרשידנאַרטיקע. אָט טראָגט קיש אונדז איבער (אין דער נאָוועלע: „די געשיכטע פון לערער און תלמיד") אין פראָג פון סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווו עס לעבט און שאַפט דער יידישער ערודיט בן האַאַס, וועלכער האָט אָנגעהויבן שרייבן העברעיִשע פּאָעמעס צו פערצן יאָר, דערנאָך עולה רגל געווען אין הייליקן לאַנד. צוריקקומענדיק האָט ער געשאַפן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע אונטערן טיטל „היום", גרופּירט אַרום איר אַ קרייז שאַפע־רישע מענטשן. אין זיינע פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען איז בן האאס גע־קומען צום אויספיר, אַז די קונסט און מאָראַל שפּאַרן זיך נישט אָן אויף די זעלבע פּרינציפּן און דאָס האָט אים אויך באַשטעטיקט, ווען ער האָט אַנאַליזירט די ביאָגראַפיעס פון דוד המלך, יהודה הלוי, שלמה איבן גבירול. געטריי זיין פילאָזאָפישן געדאַנקען־גאַנג איז אים אויסגעקומען שווער איבערצואַרבעטן אַ גרויסן מאמר פון זיינעם אַ תלמיד. נאָכן דער־שיינען פונעם מאמר אין בוך־פאָרם האָט בלויז דער יונגער ביאַליק דערקענט, אַז אין דער אַרבעט שטעקט די האַנט פון ערודיט.

וויפל ס׳איז אין דעם אַלעמען פאַראַן געשיכטלעכער אמת און וויפל פאַנטאַזיע, אימאַגינאַציע איז אַ זאַך פאַר זיך. עס גייט אָבער אין דעם, אַז דער שרייבער פירט אונדז אַריין אין אַ יידישער סביבה פון שאַפע־רישקייט. און זעט אויס, אַז יידישע גייסטיקייט איז אים נישט פרעמד.

און אָט איז אין אַן אַנדערער נאָוועלע („רויטע צייכנס פון לעבינס אַפּבילד") אַן אַנדערשדיקע, יידישע, שאַפערישע סביבה מיט איר טראַ־גיזם. ס׳האַנדלט זיך אין דער ליטעראַרישער ירושה פון אַן אָנגעזעענעם יידישן דיכטער, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין סאָוויעטרוסלאַנד. די גאַנצע נאָוועלע באַשטייט פון אַ לאַנגן פאַטעטישן און רירנדיקן בריוו פון דיכטערס געוועזענע געליבטע, וועלכע ווייזט אָן אויף די אויסקרו־מענישן פון דער קריטיק ביים אָפּשאַצן די ליטעראַרישע ירושה. דערביי גיט זי צו וויסן, אַז די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס די אַרויסגעבער פון דיכ־טערס ווערק זוכן, וועלן זיי קיינמאָל נישט געפינען, ווייל זי אַליין האָט זי פאַרניכטעט. „דאָס, וואָס די שרעקלעכע „שווערד" פון דער רעוואָלוציע האָט נישט באַוויזן צו פאַרניכטן, האָט דער שגעון פון ליבע פאַרניכטעט". ווייל „... איר ווייסט דאָך, אַז אין יענעם יאָר האָט מען ליקווידירט אַלע

ייִדישע מיטגלידער פון דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע..." ובכן, אומדירעקט, פון אַ דערמאָרדעטן שרייבערס אַ פריינדין דערגייען צו אונדז די אָפּ־קלאַנגען פון דער גרויסער טראַגעדיע פון די ייִדישע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אַ באַזונדערן אויפמערק וועט דער ייִדישער לייענער שענקען דער טעמע וועגן די טרויעריק באַרימטע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון" (נאָוועלע: „דאָס בוך פון קיסרים און טיפּשים").

ווי געוויינלעך איז אויך אין דער נאָוועלע די פּראָזע קאָנדענסירט, צימצומדיק. אויף עטלעכע פערציק זייטן די לאַנגע געשיכטע מיט אירע טראַגישע נאָכפאָלגן. דערביי שטיצט זיך דער שרייבער אויף אַן ערנסטער דאָקומענטאַציע. מיר געפינען דאָ דעם אורשפּרונג פון דער פאַבריצירטער פעלשונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד און וועמענס פאָטערס עס זענען געווען די אָכראַנע און די צערקווע, דירעקט דער הייליקער פאָטער סערגיי נילוס. גאַנץ גיך האָט דאָס גיפטיקע בוך וועגן אַ כלומרשטן קאָמפּלאָט פון ייִדנטום קעגן דער קריסטלעכער וועלט, אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון רוסלאַנד און זיך פאַרשפּרייט ווי אַ געפערלעכע מגיפה. דאַנילאָ קיש פירט אונדז איבער לענדער און קאָנטי־נענטן און ווייזט ווי דאָס געפעלשטע בוך האָט געזייט שנאה צו ייִדן, פּראָוואָצירט פּאָגראָמען, געבראַכט הונדערטער טויזנטער קרבנות. „די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", דערמאָנט דער מחבר, זענען אויך געווען היטלערס באַליבטע לעקטור, ווען ער איז נאָך געווען דער אומבאַקאַנטער אַמאַטאָר־מאָלער. אין היטלער־דייטשלאַנד זענען די „פּראָטאָקאָלן" דער־שינען אַזש אין דרייסיק אויפלאַגעס. און קיש באַמערקט מיט זיין געוויינלעכער איראָניע אַז „אויף אַ געוויסן סעמינאַריסט פון גרוזיע, וועלכער איז דערנאָך באַרימט געוואָרן, האָבן די „פּראָטאָקאָלן" געווירקט שטאַרקער, ווי די עוואַנגעליע". יאָ, אַלע מאָדערנע דיקטאַטאָרן האָבן חוץ זייער שנאה צו ייִדן, געשעפּט אין די „פּראָטאָקאָלן" די מעטאָדן פון הערשאַפט, וואָס דאָס געפעלשטע בוך האָט צוגעשריבן דעם ייִדנטום. און קיש אילוסטרירט דאָס מיט ציטאַטן פון די „פּראָטאָקאָלן".

* * *

וועגן דער פאַבריצירטער פעלשונג פון די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני

ציון" האָט מען נישט ווייניק געשריבן. פאַראַן אויך אַן אַרומנעמעדיקע, ערנסטע פאָרשאַרבעט פון יידיש־אַמעריקאַנער פאָרשער נאָרמאַן קאָהן. (דאָס בוך איז אויך דערשינען אין פראַנצויזיש אין דער איבערזעצונג פון לעאָן פּאָליאַקאָוו) — אגב שיינט מיר, אַז דער מחבר האָט גענאָסן אויך פון זיין דאָקומענטאַציע. אין דער בעלעטריסטישער ליטעראַטור איז, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, צום ערשטן מאָל די פּיינלעכע טעמע געקומען צום אויסדרוק.

נאָוועמבער, 1985

די געשיכטע פון אַ בוך, אָדער דער וועג דורך פּיין צו יידישער אידענטיטעט

(וועגן „לעבן און גורל" פון וואַסילי גראָסמאַן)

פון דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, פון פאַרשידענע אַלטע, ליטעראַרישע כראָניקעס, קאָן מען זיך דערוויסן ווי אין אַלע צייטן זענען גרויסע ליטעראַרישע אוצרות פאַרפאַלן געגאַנגען, אויף פאַרשידענע אופנים אומגעקומען. מאַנוסקריפּטן און ביכער־קאָלעקציעס זענען במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער דורך מלחמות, רעוואָלוציעס, נאַטור־קאַטאַקליז־מען, איבעררוואַנדערונגען פאַרלוירן געגאַנגען אויף שטענדיק. ס'איז באַקאַנט, אַז אין אַלטערטום, דער עיקר אין די גריכיש־רוימישע צייטן, זענען געווען באַרימטע קאָלעקציעס, וואָס האָבן פאַרמאָגט וואָרט־שאַפונ־גען פון אַ סך דורות, ווי למשל, די קאָלעקציעס אין אַלטן רוים און נאָך גרעסערע אין אַלעקסאַנדריע. ס'איז ווייניק וואָס פון זיי פאַרבליבן.

מען ווייסט אויך היינט, אַז סאָפאָקלעס האָט אָנגעשריבן הונדערט דראַמאַטישע ווערק. דערגאַנגען צו אונדז זענען בלויז זיבן. נישט קיין קלענערע אבדות האָבן געהאַט אוריפּידעס, אַריסטאָפאַנעס, אייסכילאָס, און פון דער באַרימטער גריכישער דיכטערין סאַפּאָנאָ זענען פאַרבליבן בלויז קאַרגע עטלעכע לידער און איינצלנע פראַגמענטן פון שאַפונגען.

מער שאָדנס, ווי מלחמות, איבערקערענישן, שריפות און אַנדערע אָנשיקענישן האָט אָנגעמאַכט דער פאַנאַטיזם פון מענטשן, הן רעליגיע־זער, הן פּאָליטישער פאַנאַטיזם. די מיטלאַלטערלעכע קירכע, די אינקווי־זיציע האָבן אומעטום, ווו זיי האָבן אויסגעשפּרייט זייער הערשאַפט, מאַנוסקריפּטן און ביכער פאַראורטיילט, פאַרברענט, אָדער אַריינגעוואָרפן אין די קעלערס פון קאַטעדראַלעס און קלויסטערס. אַזוי, למשל, איז כמעט גאָרנישט פאַרבליבן פון דעם, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן דער איטאַליענישער דענקער דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, וועלכן מ'האָט לויטן מישפּט פון דער אינקוויזיציע, אין 1600, פאַרברענט אין רוים אויפן שייטערהויפן. אין דער גרויסער, אַלטער קאַטעדראַלע פון פּאַלמאַ, די הויפּטשטאָט פון אַ באַלעאַרן־אינדזל, זענען ביז היינטיקן טאָג נאָך פאַרשטעקט שטויסן

יידישע ספרים, וואָס די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט אַריינגעוואָרפן, ווען זי האָט די דאָרטיקע יידן געצוווּנגען צו שמד און די מאַראַנען געברענט אויפן שייטערהויפן אויפן צענטראַלן פּלאַץ דורך וועלכן כ׳בין נישט איין מאָל דורכגעגאַנגען.

בעתן פריען איטאַליענישן רענעסאַנס פלעגן די איטאַליענישע גרויסע הומאַניסטן, ווי פּעטראַרקאַ, באָקאַטשיאָ און אַנדערע, זיך לאָזן אין געוויסע קאַטעדראַלעס און קלויסטערס אָפּצוזוכן פאַרמישפּטע ביכער און דער עיקר מאַנוסקריפּטן. אָבער געוויינלעך פלעגן זיי אָפּגעפינען שטיקער דורכגעפוילטע, צעריסענע בלעטלעך. ס׳איז שווער געווען אַזאַ פאַרמישפּטן כתב־יד מחיה־מתים צו זיין.

איז אָט אין אונדזער צייט, אין אַ צייט, ווען דער מענטש האָט איינגענומען דעם קאָסמאָס, מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק פאַרכאַפּט און פאַרמישפּט געוואָרן אַ מאַנוסקריפּט (נישט דער איינציקער) צום אומקום און מיט אומגעפער צוויי יאָר צוריק איז ער דערגאַנגען צו אונדז, ווי ער וואָלט דורך אַ נס אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

עס גייט וועגן דעם שוין איצט באַרימטן בוך „לעבן און גורל" פון יידיש־רוסישן שרייבער וואַסילי גראָסמאַן. צוויי עקזעמפּליאַרן פון מאַנוסקריפּט האָבן זיך דורך געהיימע, מיסטעריעזע וועגן אַרויסבאַקומען פון אַרעסט אין ק.ג.ב. און דערגאַנגען קיין שווייצאַריע, ווו דער רוסישער טעקסט האָט דערזען די ליכטיקע שיין. מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אין פּאַריז דערשינען דאָס בוך אין פראַנצויזישער איבערזעצונג און געוואָרן דאָ אַ ליטעראַרישע געשעעניש.

* * *

וואַסילי גראָסמאַן איז ביז די פופציקער יאָרן געווען ברייט באַקאַנט אין זיין געבוירן־לאַנד. זיין רום איז אויסגעוואַקסן דער עיקר בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען פראָנט־קאָרעספּאָנדענט און נאָכגעפאָלגט די סאָוויעטישע אַרמייען פון סטאַלינגראַד ביז בערלין. זיינע מלחמה־קאָרעספּאָנדענצן, רעפּאָרטאַזשן און עסייען האָבן זיך געדרוקט קודם כל אין „זנאַמיאַ", אָבער אויך אין פיל אַנדערע צייטונגען. זיי זענען נאָך דער מלחמה דערשינען אין עטלעכע אויסגאַבעס און לסוף אין אַ באַנד פון 500 זייטן. נאָך היטלערס מפּלה איז ער געווען דער

ערשטער מענטש, וואָס איז אַרייַן אין צעשטערטן טרעבלינקע־לאַגער און אויפֿן סמך פֿון דעם וואָס ער האָט געזען און וואָס דער איינציקער, אָפּגעראַטעוועטער פֿון טרעבלינקע, יאַנקל וויערניק, און די אַרומיקע פּויערים האָבן אים דערציילט, האָט גראָסמאַן אַרויסגעבראַכט דעם גאַנצן גרויל און שוידער פֿונעם טויט־לאַגער. די גרויליקע שילדערונגען, געדרוקטע אין "זנאַמיאַ" זענען דערשינען שוין אין נאָוועמבער 1945 אין פֿראַנצויזישער איבערזעצונג אין בוך־פֿאָרם. ס׳איז מיר ביז היינטיקן טאָג פֿאַרבליבן אין זכרון די אויפֿטרייסלונג, וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגערופֿן ביי מיר, לייענענדיק דאָס דינע ביכל „דער גיהנום פֿון טרעבלינקע״. באַלד דערנאָך איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין בוך־פֿאָרם „סטאַלינ־גראַד, אַזוי ווי איך האָב זי געזען״ (צומיינסטן אַדעקוואַטע איבערזעצונג) און שוין די צוויי אויסגאַבעס, געלייענט מיט קאַרגע 40 יאָר צוריק, זענען פֿאַרבליבן אין דמיון ווי גרויליקע געמעלן.

ס׳וועט נישט איבעריק זיין צו דערמאָנען, אַז וואַסילי גראָסמאַן איז געווען אַ מיטגליד פֿון יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און אַז ער האָט גלייך נאָך דער מלחמה און אויך בעת דער מלחמה, צוזאַמען מיט איליאַ ערנבורגן, אָנגעזאַמלט אַ ריזיקן מאַטעריאַל וועגן יידישן חורבן און פֿאַרפֿאַסט „דאָס שוואַרצע בוך״, וואָס איז אויפֿן באַפֿעל פֿון סטאַלינען פֿאַרניכטעט געוואָרן. (אַן אויסבאַהאַלטענער עקזעמפּליאַר איז נאָך יאָרן דערגאַנגען קיין ירושלים און דערשינען אין רוסיש און לעצטנס אין יידישער איבערזעצונג).

דאָס פֿאַרניכטן אין מאָסקווע „דאָס שוואַרצע בוך״ איז פֿאַר וואַסילי גראָסמאַן געווען דער ערשטער קלאַפּ פֿון סאָוויעטישן רעזשים, וואָס ער האָט באַקומען אַלס ייד. און אויב איך זאָג אַלס ייד, איז דאָס דערפֿאַר ווייל וואַסילי גראָסמאַן איז פֿאַר דער מלחמה ווייט געווען פֿון יידן און יידישע פּראָבלעמען. אַן אָפּשטאַמיקער פֿון עטלעכע דורות אַסימילירטע יידן, האָט ער אין זיין אַסימילירטער היים נישט באַקומען קיין שום יידישע דערציִונג. נאָך דער מלחמה, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ביי אים אַן אינערלעכער איבערבראָך, האָט ער אין זיין געבוירן־שטאָט געזוכט שפּורן פֿון זיין אומגעקומענער משפּחה און אין דריי דורות נישט געפֿונען קיין איין משפּחה־גליד, וואָס זאָל האָבן גערעדט יידיש.

**

ביאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן וועגן וואַסילי גראָסמאַן איז פֿאַראַן ווייניק.

מען ווייסט צומאָל נישט וואָס ס׳איז געוואָרן מיט זיין רייכן אַרכיוו. דער פאַרהאַנג פון פאַרשווייגן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אים זינט ער האָט אָנגעשריבן די גרויסע עפּאָפּייע, וואָס ס׳איז „לעבן און גורל״, האָט נישט פאַרלייכטערט דאָס באַאַרבעטן ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע אויסקונפטן. דעם בלויז האָט מיט גענויער פאַרשערישקייט אויסגעפילט סימאָן מאַרקיש, דער עלטערער זון פון דערמאָרדעטן פּאָעט פּרץ מאַרקיש. כמעט אין דער זעלבער צייט, וואָס ס׳איז דערשינען אין פראַנצויזישער איבערזעצונג „לעבן און גורל״ האָט זיך אויך אין פראַנצויזיש באַוויזן (איבערזעצט פון רוסיש) זיין באַלערנדיק בוך אונטערן טיטל „דער פאַל גראָסמאַן״, פון וועלכן איך שעפּ אין דער ערשטער ריי ביאָגראַפישע פּרטים.

וואַסילי גראָסמאַן איז געבוירן אין דעצעמבער 1905 אין בערדיטשעוו. די יידישע שטאָט בערדיטשעוו האָט אויך פאַרמאָגט אַ דינעם שיכט אַסימילירטע, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ. גראָסמאַנס פאָטער איז געווען אַן אינזשיניער, זיין מוטער אַ פּראָפעסאָר פון פראַנצויזיש. אין אַ בריוו, וואָס די מוטער שיקט אַרויס פון געטאָ צו איר זון, דעם פיזיקער סטרום, הויפּט־פערסאָנאַזש פון ראָמאַן „לעבן און גורל״, שרייבט זי, אַז זי האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר קיין יידישקע; און אין סטרום, ווי ס׳איז לייכט זיך אָנצושטויסן, איז פּערזאָניפיצירט גראָסמאַן גופא, אין סטרומס מוטער, זיין אייגענע אַסימילירטע מוטער.

***

סמיכת־השרייבער האָט גראָסמאַן באַקומען פון מאַקסים גאָרקי. כאַראַקטעריסטיש: בשעת גראָסמאַן ווייזט ווי דער סאָוויעטישער רעזשים דערנידעריקט דעם מענטש, ווי די מלוכה צעמאַלט אים אין אירע רעדער, דערמאָנט ער מיט ביטערער איראָניע גאָרקיס באַקאַנטן זאָג: „דער מענטש, דאָס קלינגט שטאָלץ!״.

ביז דער מלחמה איז וואַסילי גראָסמאַן געווען אַ לאָיאַלער סאָוויעטישער שרייבער. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין יענער צייט האָט גראָסמאַן קיינמאָל נישט באַרירט אין זיינע שאַפונגען נישט קיין יידישע פּראָבלעמען און נישט אַריינגעפירט קיין יידישע געשטאַלטן, הגם ער

שטאַמט פון אַזאַ יידישער שטאָט ווי בערדיטשעוו. אַנטיסעמיטיזם? אויב ס'האָט אים פערזענלעך נישט אָנגערירט, איז זיך לייכט משער צו זיין, אַז אַזאַ עמפינדלעכער שרייבער, ווי ער זאָל ערגעץ ווו נישט האָבן געפילט דעם פאַרפעסטיקטן ריח פון אַנטיסעמיטיזם. אָבער ווי זיין אַסימילירטער העלד סטרום, האָט ער געגלויבט, אַז דאָס איז אַן איבער־בלייבעניש פון די צאַרישע צייטן, וואָס וועט פאַרשווינדן שטופנווייז.

וואָס האָט, ובכן, דערפירט וואַסילי גראָסמאַן צו אַזאַ שטאַרקן אינערלעכן איבערבראַך אַרויסצופירן יידישע פערסאָנאַזשן אין זיין ראָ־מאַן? צו אַנטפּלעקן דעם אַנטיסעמיטיזם? צו פאַראייביקן צוזאַמען מיט די יידישע קרבנות פונעם היטלערישן גענאָסיד אויך די קרבנות פון די סאָוויעטישע לאַגערן? אַנצוהייבן אַן אמתן דועל מיט דער סאָוויעטישער מאַכט און אחרון אחרון צו ווערן דער ערשטער דיסידענט אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור, ווי מיר וועלן דאָס זען?

סימאָן מאַרקיש אין זיין דערמאָנטן בוך שרייבט, אַז הויפּטזעכלעך האָט אויף וואַסילי גראָסמאַנען געווירקט די פאַרטיליקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך די היטלעריסטן. דאָס איז אָן ספק. אָבער גלייכצייטיק מיטן דערנענטערן זיך צום יידישן שטאַם איז דאָך וואַסילי גראָסמאַן פון אַן אָרטאָדאָקסישן קאָמוניסט געוואָרן אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דער קאָמוניסטישער ממשלה. דורכגעפירט אין זיין ווערק אַ טיפן אַנאַליז, און אַרויסגעבראַכט, ווי נאָך קיינער פאַר אים, דאָס גרויסע בייז פון דער סאָוויעטישער, טאָטאַליטאַרער מלוכה־מאַכינע. און צו דעם, מיין איך, איז גורם געווען די מלחמה גופא און דער נאָכמלחמה־פעריאָד. אין דער צייט פון דער מלחמה זענען בולטער אַרויסגעקראָכן אַלע אויס־קרומענישן, אַלע אייטערדיקע ווונדן אויפן קערפּער פון פאַרשקלאַפטן פאָלק, די גלייכגילטיקייט צו מענטשלעכע ליידן, צו מענטשלעכער נויט. וואַסילי גראָסמאַן איז בעת דער מלחמה נישט געזעסן אין זיין קאַבינעט, אפילו נישט אין קיין פאַבריק־ביוראָ אַלס אינזשיניער, ווי אין זיין יוגנט, נאָר געוואַנדערט מיט דער אַרמיי איבער שטעט און שטעטלעך, איבער דערפער און וועגן, געקומען אין ענגן קאָנטאַקט מיט לעבעדיקע מענטשן. אמת, ער האָט דעמאָלט געשילדערט די העלדישקייט פון די סאָוויעטישע אַרמייען, די מסירת־נפשדיקייט פונעם פאָלק, אָבער גלייכצייטיק האָט ער דערפילט די גרויסע חרפּה פון סטאַלין־רעזשים, וואָס האָט דערפירט, אַז די היטלעריסטישע חילות זאָלן דערגיין ביז דער וואָלגע. ביז דעם

אַרומרינגלען סטאַלינגראַד. ברענגט ער דאָך אַרויס אין זיין ראָמאַן די צעטומלעניש און פאַרלוירנקייט פון סטאַלינען באַלד נאָך היטלערס איבערפאַל וועלכן ער האָט געגלויבט און צו וועלכן, נאָך עטלעכע טעג פאַר דעם מלחמה־אויסברוך, האָט ער געשיקט לאַנגע צוגן מיט קאַוטשוק, טעכנאָלאָגיש־מיליטערישע מאַטעריאַלן, ווי ער דערמאָנט דאָס.

ס׳איז נישט לייכט, אַ סברה, זיך אָפּצוקערן פון אַ שיינעם אידעאַל, וואָס האָט געדאַרפט ווערן פאַרווירקלעכט. ס׳האָט גענומען יאָרן נאָך דער מלחמה: ס׳זענען געקומען נייע דערפאַרונגען, ווען אין רעזולטאַט פונעם נצחון איבערן היטלעריזם איז אויפגעקומען (אויך בעת דער מלחמה) אַ שוואַרצער נאַציאָנאַליזם, אַ גרויס־רוסישער שאָוויניזם, באַגלייט מיט אַ פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם, ווי דער דעמאָלט באַרימטער שרייבער וואַסילי גראָסמאַן האָט דערזען דעם גרויסן הויקער, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויפן קערפּער פון סאָציאַליזם און געמאַכט פון סאָציאַליזם אַ קריפּל, אַ וויסט פאַרזעעניש. דעמאָלט, אין אַן אַטמאָספער פון וואַקסנ־דיקן טערער און יידן־האַס, וואָס ער פאַרגלייכט צו דעם פון דער „טשאָרנאַיאַ סאָטניאַ״, האָט דער באַרימטער דעמאָלט שרייבער וואַסילי גראָסמאַן זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גרויסער עפּאָפּייע.

***

אין 1952 איז דערשינען אונטערן טיטל „פאַר אַ גערעכטער זאַך״, דער ערשטער טייל פון פאַרטראַכטן ווערק. ס׳איז געווען נאָך פאַר סטאַלינס לעבן. איז זיך משער צו זיין ווי דער שרייבער האָט געמוזט מאַנעווורירן מיט דער פען, ווי זיין אינערלעכער צענזאָר האָט אים צוגעהיטן, ווען ער האָט געוויזן די נעגאַטיווע זייטן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס בוך איז פון אָנהייב דאָך פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דער קריטיק. ס׳איז פאַרט געווען וואַסילי גראָסמאַן, דער באַזינגער פון דעם העראָיזם. געווען אויך אויפן זעניט פון זיין שרייבערישן רום. באַלד אָבער האָט זיך אויפגעהויבן קעגן אים אַ שטורעם פון באַשול־דיקונגען.

וואַסילי גראָסמאַן האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין אָפּגעזונדערטקייט און ווייטער געאַרבעט איבער דער פאַרטראַכטער עפּאָפּייע. צי האָט ער זיך געריכט, ווי זיין העלד סטרום יעדן טאָג, יעדן אָוונט אַרעסטירט צו ווערן?

מעגלעך, אָבער דאָס האָט נישט אַרויסגעשטויסן די פּען פון האַנט. אין צווישן צייט איז סטאַלין געשטאָרבן. די שרויף איז לויזער געוואָרן. די שרעק איז טיילווייז אָפּגעטראָטן. דער אינערלעכער צענזאָר איז נישט ביי אַלע פאַרשוווּנדן. וואַסילי גראָסמאַן, ווי מיר זעען אין זיין ווערק, האָט זיך באַפרייט פון אים. ער האָט געאַרבעט צען יאָר אָן איבעררייס און אַרבעטנדיק איבער זיין ראָמאַן איז ער שוין נישט געווען דער זעלבער שרייבער ווי פריער, אַ קינסטלעריש, אַ פילאָזאָפיש־אידעיִש איז ער שוין געווען אַן אַנדערער. אין 1960 איז פאַרטיק געוואָרן אַ מאָנומענטאַלער ראָמאַן, נישט אָפּהענגיק פונעם בוך „פאַר אַ גערעכטער זאַך״, הגם אין ערשטן פאַרשריִענעם בוך, זענען טיילווייז פאַראַן די זעלבע פּערסאָנאַזשן. דאָס נייע ווערק איז אַ זעלבסטשטענדיקער ראָמאַן. דעם מאַנוסקריפּט האָט דער שרייבער אַוועקגעטראָגן צום הויפּט־רעדאַקטאָר פון „זנאַמיאַ״, ווו גראָסמאַן האָט געדרוקט פיל פון זיינע שאַפונגען איידער זיי זענען דערשינען אין בוך־פאָרם. אָפּגעגעבן און לאַנג געוואַרט אויף אַן ענטפער ביז... ביז ער האָט זיך דערוואַרט אויף דער ק.ג.ב.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אָנגעקלאַפּט אין גראָסמאַנס טיר. ס׳זענען אַריין צוויי הויכגעשטעלטע פאַרשוינען פון דער ק.ב.ג. געוויזן אַ באַפולמעכטיקונג צו מאַכן אַ רעוויזיע, צוגענומען אַלע עקזעמפּליאַרן פון זיין פאַרענדיקט ווערק, און אפילו אויך דאָס קאַלקע־פּאַפּיר, די טאַשמע פון דער שרייב־מאַשין, ווייל אויך פון דעם קאָן מען עפּעס איבערשרייבן. זיי האָבן אויך קאָנפיסקירט אַ גרויסן קויש מיט פּאַפּירן, פּאַפּירלעך, איינצלנע פראַגמענטן.

ווי אַזוי די זאַך איז דערגאַנגען צו דער ק.ג.ב.? פּשוט, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „זנאַמיאַ״, איבערלייענענדיק דעם דיקן מאַנוסקריפּט, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. צי קאָן ער גאָר אָפּגעבן דעם מאַנוסקריפּט דעם מחבר און דערמיט וועט ער פּטור זיין? כדי זיך צו באַוואָרענען, אויב וואָס־ווען, האָט ער געגעבן צוויי פון זיינע וויכטיקסטע רעדאַקטאָרן צו לייענען און לסוף האָבן זיי זאַלבע דריט באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם מאַנוסקריפּט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, וואָס האָט געטאָן זיינס. און אַזוי זענען אַלע עקזעמפּליאַרן פון מאַנוסקריפּט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער ק.ג.ב.

וואַסילי גראָסמאַן האָט נישט גערוט. ער האָט זיך געוואַנדן צו דער אָנפירונג פון דער פאַרטיי. דער פאַרטיי־טעאָרעטיקער סוסלאָוו האָט

אים, נאָכן איבערלייענען דעם מאַנוסקריפּט, אויפגענומען, קורץ און שאַרף אים „געטרייסט", אַז אין אַ 200־300 יאָר אַרום וועט מען אפשר קאָנען אָפּדרוקן אַזאַ בוך. פון אומקערן דעם מאַנוסקריפּט האָט נישט געקאָנט קיין רייד זיין.

וואַסילי גראָסמאַן האָט נאָך געלעבט עטלעכע יאָר. געלעבט אַ פאַרשטויסענער; און אין דחקות. באַוויזן נאָך קראַנקערהייט אַנצושרייבן דאָס בוך „אַלץ פאַרגייט", און אין 1964, אין עלטער פון 59 יאָר געשטאָרבן. דעם מאַנוסקריפּט פון לעצטן בוך האָט ער פאַרן טויט איבערגעשיקט קיין אויסלאַנד. ס'איז געהאַט דערשינען אין איטאַליע, פראַנקרייך און ענגלאַנד. נאָכן קאָנפיסקירטן מאַנוסקריפּט האָט ער געהאַט אָפּגעזאָגט קדיש.

ווי אַזוי זענען די צוויי דערמאָנטע עקזעמפּליאַרן פון קאָנפיסקירטן מאַנוסקריפּט דערגאַנגען צו אונדז? פאַראַן צוויי השערות: איין עקזעמפּליאַר זאָל האָבן געווען אויסבאַהאַלטן ביי גראָסמאַנס אַ פריינד. זענען אָבער דערגאַנגען צוויי עקז. דערצו נישט גלייכע, וואָס גראָסמאַן האָט נאָך נישט געהאַט קאָרעגירט. לייגט זיך גיכער אויפן שכל די צווייטע השערה, אַז די צוויי עקז. שטאַמען פון דער לוביאַנקע.

* * *

„לעבן און גורל" איז אַ ראָמאַן פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם אין וועלכן דער מחבר לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפסטע טיפענישן פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט, פונעם רעזשים, בליקט אַריין אין אַלע פאַרבאָרגענישן און פירט דורך אַ געזויעם אַנאַליז, אַ פּאָליטישן, סאָציאָלאָגישן עקאָנאָמישן און דער עיקר אַן אַנאַליז פון מענטשן־באַציונגען. דאָס איז אַן עפּאָפּייע, וואָס באַשטייט פון דריי טיילן, געבונדן צוזאַמען און שפּרייט זיך אויס אויף 800 זייטן גרויסער פאָרמאַט. וואַסילי גראָסמאַן האָט אַרויסגעוויזן הן זיין גרויסן טאַלאַנט צו קאָנסטרויִרן אַ ראָמאַן־עפּאָפּייע, הן זיין ברייטע קולטור, זיין גרויסן וויסן אויף פאַרשידענע געביטן.

דער ראָמאַן איז געשריבן מיט אַ ברייטן עפּישן אָטעם. דאָס איז אַ ריזיקער פרעסק, געמאָלן מיט רייכע פאַרבן פון אַ גרויסן מייסטער.

דאָס אָרט פון דער אַקציע איז כמעט דאָס גאַנצע לאַנד, אי ווו עס

בושעוועט די מלחמה, אי דאָס ברייטע הינטערלאַנד און דערגייט אַזש ביזן ווייטן צפון, ווו עס שפרייטן זיך אויס די סאָוויעטישע לאַגערן, טיילווייז אויך אין דייטשלאַנד מיט אירע טויט־לאַגערן. די צייט — דער עיקר די מלחמה־יאָרן מיטן שווערפּונקט אויף דער שלאַכט אַרום און אין סטאַ־לינגראַד. ס׳דערשיינען פאַר אונדז צענדליקער און צענדליקער פּערסאָנאַזשן, היסטאָרישע געשטאַלטן און צום גרעסטן טייל פיקטיווע מיט זייער פיזיאָנאָמיע, כאַראַקטער, האַנדלונגען, מיט זייער טראַכטן און פילן, טרוימען, האָפענונגען, פאַנאַטישן גלויבן און גרויסע אַנטוישונגען; פּשוטע סאָלדאַטן און אָפיצירן, גענעראַלן, גרויסע געלערנטע, און פּשוטע מענטשן פון פאָלק, סאָוויעטישע קאָמוניסטן און דייטשע נאַציס. קענטיק, אַז וואַסילי גראָסמאַן איז געווען אונטערן איינפלוס פון לעוו טאָלסטאָי. ער שילדערט זיינע פּערסאָנאַזשן מיט אַלע פּרטים, אַזוי, אַז מיר דערזעען זיי לעבעדיקע אויך מיט זייער אויסזען. אויך אין דער קאָנסטרוקציע, קאָמפּאָזיציע פון ראָמאַן איז פאַראַן עפּעס טאָלסטאָיִשעס.

***

מ׳קאָן זאָגן, אַז די אַקס פון ראָמאַן אַרום וועלכער עס וויקלען זיך אָן געשעענישן, פּאַסירונגען, איז די משפּחה סאַפּאָזשניקאָוו. די מוטער, די כעמיקערין אַלעקסאַנדראַ וולאַדימיראָוונאַ, אירע דריי טעכטער פון וועלכע איינע איז אומגעקומען אין די באָמבאַרדירונגען, אַ זון, וואָס געפינט זיך אין אַ סאָוויעטישן לאַגער, אַן אייניקל, וואָס האָט אויס־געהויכט די נשמה נאָך דעם, ווי מ׳האָט אים געבראַכט אַ שווער־פאַרווונדעטן פון פראָנט, אַ צווייט אייניקל, איבער וועלכן די איידעלע אַלעקסאַנדראַ וולאַדימיראָוונאַ איז זייער באַזאָרגט. צו דער משפּחה געהערט אויך דער יידישער געלערנטער, דער פיזיקער וויקטאָר פּאַוולאָ־וויטש סטרום, דער מאַן פון דער עלטערער טאָכטער לודמילאַ ניקאָלאַ־יעוונאַ און זייער יונגע טאָכטער נאַדיאַ; משפּחה־גלידער זענען אויך געווען דער געוועזענער מאַן פון לודמילאַ אַבאַרטשוג און דער געוועזענער מאַן פון דער יינגערער טאָכטער אויגעניאַ. דער ערשטער אין אַ סאָוויע־טישן לאַגער, דער צווייטער אין דער לוביאַנקע־תפיסה. די געשעענישן וויקלען זיך פונאַנדער אויך מחוץ דער משפּחה סאַפּאָזשניקאָוו, וואָרעם די אַקציע קומט פאָר אויף אַ סך באַזונדערע פּלאַצן.

איבערלייענענדיק דעם ראָמאַן־עפּאָפּייע, האָב איך זיך אַליין

געפרעגט: ווער איז דאָ דער הויפּט־העלד? צי דער יידישער געלערנטער וויקטאָר פּאַוולאָוויטש סטרום? מ׳קאָן זיך משער זיין, אַז וואַסילי גראָסמאַן, וועלכער האָט אין זיינע אַמאָליקע שאַפונגען קיין יידישע פּערסאָנאַזשן נישט אַריינגעפירט און מיט קיין יידישע פּראָבלעמען קיין שייכות נישט געהאַט, האָט אין זיין אידעיִשן קריזיס, בכיוון אַריינגעפירט אַ יידישע געשטאַלט אין אויבן אָן מיט וועלכער, ווי דערמאָנט, ער אידענ־טיפיצירט זיך. אָבער אַן הויפּט־העלד קאָן אויך זיין דאָס ליידנדיקע פאָלק, די מלחמה.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ היטלעריסטישן לאַגער אין דייטש־לאַנד פאַר קריגס־געפאַנגענע. פאַר דער מלחמה איז דער לאַגער געווען פאַר דייטשע פּאָליטישע „פאַרברעכער" און דער מחבר באַמערקט: „דער היטלעריזם האָט געשאַפן אַ נייעם פּאָליטישן פאַרברעכער, אַ פאַרברעכער, וואָס איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן. אַ סך לאַגערניקעס זענען געזעסן פאַר אַ וויץ, אַ קריטיק צווישן באַקאַנטע קעגן דעם רעזשים. קיין שום פּאָליטישע טעטיקייט האָבן זיי נישט געפירט, אָבער געווען אַ חשד, אַז זיי קאָנען דאָס טאָן".

די־אָט ווערטער, זענען אַן אַלוזיע צו די לאַגערניקעס אין סאָוויעטישע לאַגערן. און אָפּטמאָל ווייזט דער מחבר סיטואַציעס, איינשטעלונגען אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד, וואָס מ׳קאָן גאָר לייכט געפינען אין דער סאָוויעטישער רעאַליטעט.

צווישן די קריגס־געפאַנגענע אין דייטשן לאַגער געפינט זיך אַן אַלטער באָלשעוויק, וואָס איז געזעסן אין צאַרישע תפיסות, געקענט לענינען. דער הויפּט ס. ד.־מאַן ליס לאַקערט אויף אַזעלכע קריגס־געפאַנגענע, וויל זיי פּיפּיק געווינען, אַרויסציען פון זיי אינפאָרמאַציעס. פאַרפירט ער מיט מאָסטאָווסקאָי (אַזוי הייסט דער רוסישער קאָמוניסט) אַ לאַנגן שמועס, אויפווייזנדיק אים, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום אונטער־שייד צווישן די צוויי רעזשימען: לענין האָט געשאַפן אַ פּאַרטיי פון אַ נייעם טיפּ, און היטלער האָט געשאַפן אַזאַ פּאַרטיי. ער, ליס, וואָלט אַ סך גערנער זיך פאַרנומען מיט געשיכטע, פילאָזאָפיע, אָבער די פּאַרטיי האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף אַן אַנדערע פּאָזיציע. צי וואָלט ער, מאָסטאָווסקאָי, געקאָנט אָפּזאָגן, ווען זיין פּאַרטיי וואָלט אים באַשטימט פאַר אַן ענלעכער אַרבעט? צי ווייסט ער דען נישט, אַז נישט נאָר היטלער

האָט אַרעסטירט די דייטשע קאָמוניסטן, נאָר אויך אין סאָוויעטרוסלאַנד זענען אַרעסטירט און דערמאָרדעט געוואָרן קאָמוניסטן?

אַזעלכע פאַרגלייכן פירט וואַסילי גראָסמאַן נישט איין מאָל דורך. ווי אַזוי איז דאָס אָבער געשען וואָס אַזעלכע צוויי אַנדערשדיקע וועלט־אַנשויאונגען, זאָלן ברענגען צו ענלעכע סיסטעמען פון הערשאַפט? צו ענלעכע אַקטן? דאָרט, אין דייטשלאַנד, איז די באַזע געווען די נאַציע און געבראַכט דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם; דאָ אין רוסלאַנד — די באַזע דער קלאַס און פון אָנהייב געפירט צו קלאַסן־סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך שטופנווייז פאַרוואַנדלט אין נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

דעם־אָ ענטפער גיט נישט קיין פערסאָנאַזש נאָר דער מחבר גופא. פון צייט צו צייט רייסט זיך איבער די נאַראַציע פון ראָמאַן. עס שטעלן זיך אָפּ די לעבהאַפטע דיאַלאָגן און דער שרייבער מאַכט אַ דיגרעסיע, אַרויסזאָגנדיק אַליין זיינע מחשבות, אידעיִשע, פילאָזאָפישע, היסטאָרישע באַטראַכטונגען.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי דיגרעסיעס, ווען די נאַראַציע רייסט זיך איבער און דער מחבר טרעט אַליין אַרויס, איז זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער געשיכטלעכער איבערבליק וועגן אַנטיסעמיטיזם, אויספירנדיק, אַז אַ טאָטאַ־ליטאַרע מלוכה־הערשאַפט פירט דירעקט צו מלוכה־אַנטיסעמיטיזם. מ׳האָט געהאָפט און דערוואַרט, באַהויפּטעט דער מחבר, אַז די מלחמה קעגן היטלעריזם, דער נצחון אין סטאַלינגראַד, פון וועלכן ס׳איז געווען אָפּ־הענגיק דער נצחון איבער היטלער־דייטשלאַנד, וועט ברענגען פרייהייט, וועט אויסראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם. די געשיכטע מאַכט אָבער סיורפּריזן. סטאַלינגראַד איז געווען אַ גרויסער נצחון פון פאָלק, אָבער אויך דער נצחון פון סטאַלינען. אין סטאַלינגראַד האָבן זיך אָפּגעשפּילט קעגנזעצ־לעכע גורלות: דערלייזונג פון פעלקער, מפּלה פון היטלערן און נצחון פון סטאַלינען מיט דער באַגלייטונג פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם. „אין אויסגאַנג פון אַזעלכע געשעענישן, לייענען מיר, איז אָפּהענגיק געווען... דער גורל פון די קאַלמוקן, קרימער טאָטאָרן, טשעטשענען, באַלקאַרן, וואָס זענען אויף סטאַלינס באַפעל דעפּאָרטירט געוואָרן קיין סיביר און קאַזאַכסטאַן און האָבן פאַרלוירן דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגענע געשיכטע, צו לערנען זייערע קינדער אין דער מוטערשפּראַך. פון סטאַלינס נצחון, וואָס ער האָט איבערגענומען פון פאָלק איז אָפּהענגיק געווען דער גורל פון מיכאָעלסן און זיין פריינד

דעם אַקטיאָר זוסקין, דער גורל פון די שרייבערס, בערגעלסאָן, מאַרקיש, פעפער, קוויטקאָ, נוסינאָוו און דער מאָרד איבער זיי האָט געזאָלט זיין אַ פאָרשפיל צו אַ נידערטרעכטיקן פראָצעס פון די יידישע דאָקטוירים בראש מיט פראָפעסאָר וואָפסי. פון סטאַלינס נצחון מיט זיינע באַגלייט־דערשיינונגען איז אויך אָפּהענגיק געווען דער גורל פון די יידן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט און איבער וועמענס קעפּ ער, סטאַלין, האָט זיך געגרייט אַראָפּצולאָזן די שווערד, וואָס ער האָט איבערגענומען פון היטלערס הענט, צו פייערן אַזוי אַרום דעם צענטן יאָר פון דעם נצחון, וואָס דאָס פאָלק האָט אָפּגעהאַלטן אין סטאַלינגראַד..."

***

סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם און גענאָסיד פאַרנעמען אַ סך אָרט אינעם ראָמאַן. דעם גענאָסיד, וואָס דער היטלעריזם האָט דורכגעפירט איבערן אייראָפּעיִשן יידנטום ווייזט ער פּירנדיק אונדז איבער יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, ווו די נאַציס האָבן אַרויסגעפירט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, אויסגעשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין פאַרויס צוגעגרייטע גריבער, צוזאַמען די טויטע און די פאַרוווּנדעטע. פאַר אונדזערע אויגן שטייגן אויך אויף די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, וואָס ער ברענגט אַרויס. צו די ביז איצטיקע שילדערונגען פון יידישן חורבן איז מיט גראָסמאַנס בוך צוגעקומען אַ ניי, גרויס קאַפּיטל וועגן גענאָסיד איבערן אייראָפּעיִשן יידנטום. אגב באַצייכנט וואַסילי גראָסמאַן אַלס גענאָסיד דאָס פאַרטיליקן אין סאָוויעט־רוסלאַנד פון אַ סך מיליאָנען פויערים מיט זייערע משפּחות, מיט קינדער און זקנים און אויך דאָס אויסראָטן מאַסנווייז די אַלטע קאָמוניסטן און סתם מענטשן, וואָס סטאַלין האָט געשיקט אין די לאַגערן אויף שקלאַפן־אַרבעט און פאַמעלעכן טויט. טרעבלינקע און קאָלימאַ האָבן צווישן זיך בינד־פעדים, פאַרזיכערט ער אונדז.

צי האָבן דאָס אַלע באַנומען? צי געפּרוווט זיך אָפּקערן, פּראָטעסטירן? ניין, איז דער ענטפער. נישט נאָר צוליב שרעק, טעמפּן גלייכגילט, נאָר אויך צוליב היפּנאָז פון דעם אַמאָליקן אידעאַל. אָט פירט דער שרייבער אונדז אַריין אין אַ סאָוויעטישן לאַגער און ווייזט דעם דערמאָנטן אַבאַרטשוק, וועלכער דערוויסט זיך, אַז אין זעלבן לאַגער געפינט זיך זיין רבי פון קאָמוניזם. זיין אַלטן לערער מאַגאַר געפינט ער אין אַ קע־

מערל פאַר גוסטדיקע. אַנטקעגן לעבעדיקן ליגט אַ געשטאָרבענער. קלייבט מאַגאַר צונויף אַלע כוחות אויפצוקלערן אבאַרטשוקן דעם שווערן טעות, וואָס ער, מאַגאַר, און אַלע אַזעלכע ווי ער, האָבן געמאַכט. ער האַלט פאַר זיין חוב פאַרן שטאַרבן צו זאָגן זיין אַמאָליקן תלמיד דעם אמת, אָבער אבאַרטשוק ווערט זיך פאַרצווייפלט: „הער אויף! דו רעדסט פון היץ״!

* * *

און וואָס איז מיט דער משפחה סאַפּאָזשניקאָוו אַרום וועלכער עס וויקלען זיך די געשעענישן? אין צענטער געפינען זיך לודמילאַ סאַ־פּאָזשניקאָוו מיט איר מאַן, דעם דערמאָנטן יידישן פיזיקער וויקטאָר פּאַוולאָוויטש סטרום, די ייִנגערע שוועסטער אויגעניאַ מיט איר מאַן. אַרום ביידע משפחות שפּילן זיך אָפּ דראַמאַטישע געשעענישן.

דער יידישער פיזיקער סטרום מאַכט אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַנט־דעקונג. זיינע קאָלעגן פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט זענען פון אָנהייב פול מיט לויב פאַר אים. עס נעמט נישט לאַנג ווי זיי מאַכן פון זיין אַנטדעקונג אַש און בלאָטע, וואַרפן איר פאַר יודאַיִסטישן גייסט, רייסן אַרונטער אַלבערט איינשטיינען; אינספּירירט פון אַ יונגן פאַר־שטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט וויסנשאַפט, פאָדערט דער אינסטיטוט אַ פאַרלייקענונג פון דער אַנטדעקונג. סטרום וואַרפט זיך נישט אונטער. בלייבט זיצן אין שטוב און דערוואַרט אַרעסטירט צו ווערן. דאָס ווייב פאַרשטייט אים ווייניק. זיין באַציונג צו איר ווערט אַ קאַלטע. דערצו בלוטיקט טיף אין האַרצן אַ וווּנד: זיין מוטער איז אומגעקומען אין געטאָ. אין אַ בריוו צו אים, דעם איינציקן זון, האָט ד״ר אַננאַ סעמיִנאָוונאַ סטרום צווישן אַנדערן אַזוי געשריבן: „איך האָב מיך קיינמאָל נישט געפילט ווי אַ יידישע ... און אָט אין די שרעקלעכע טעג איז מיין האַרץ איבערפולט מיט מוטערלעכער ליבשאַפט צום יידישן פאָלק ...״.

וויקטאָר פּאַוולאָוויטש סטרום האָט מיט אַמאָל, פּונקט ווי זיין מוטער, דערפילט, אַז ער איז אַ ייד. אַ פאַרפאָלגטער ייד. פאַרפאָלגט פון זיינע אייגענע נישט יידישע קאָלעגן. ס׳איז אָבער גענוג געווען איין קלונג פון סטאַלינען צו אים (ווייל דער „פאָטער פון די פעלקער״ האָט זיך

דערוווּסט ווי מ׳אינטערעסירט זיך אין אויסלאַנד מיט אַטאָם־פיזיק), אַז ער זאָל צוריק באַקומען זיין לאַבאָראַטאָריע, אַז די, וואָס האָבן אים באַשולדיקט אין אַלדאָס בייז, זאָלן אָנהייבן אים חנפענען.

⁂

א באַזונדערע געשיכטע זענען די איבערלעבונגען און האַנדלונגען פון ראש פון דער משפחה סאָפּאָזשניקאָוו, דער נאָבעלער אַלעקסאַנדראַ וולאַדימיראָוונאַ און איר אייניקל, די סטרומס 16־17־יאָריקע טאָכטער נאַדיאַ, וועלכע רעוואָלטירט זיך קעגן אַלע אומגערעכטיקייטן, לאַכט אויס מיט יוגנטלעכער שפּאָטישקייט אַלץ וואָס טוט זיך אַרום, טרעט אַרויס קעגן די פּריווילעגיעס, ווען „אין קאַלטן און הונגעריקן מאָסקווע איז דער אינסטיטוט אַן „אָאַזע״ פון ווױלשטאַנד, הגם אויך דאָרט הערשט אַ היעראַרכיע.

ס׳איז אַ געשיכטע אין אַ געשיכטע. און די געשיכטעס פאַרפלעכטן זיך קינסטלעריש־אָרגאַניש. די פילצאָליקע פּראָבלעמען פאַרקניפּן זיך. איינער פון די פּראָבלעמען, וואָס איז געבונדן מיט אַלע איבעריקע איז די אומבאַגרענעצטע מאַכט פון דער צענטראַליזירטער מלוכה, וואָס צע־דריקט דעם מענטש.

אין סך־הכל: אַ מאָנומענטאַלער ראָמאַן מיט אַ שלל פּראָבלעמען, פאַרשידנאַרטיקסטע פּערסאָנאַזשן, געשעענישן, סיטואַציעס. און ס׳איז אפשר נישט איבערגעטריבן, ווען דער יידיש־רוסישער אימיגראַנט אין פּאַריז, פּראָפעסאָר יעפים עטקינד באַצייכנט, אין זיין הקדמה, „לעבן און גורל״ אַלס בעסטן ראָמאַן פון אונדזער יאָרהונדערט און זיין מחבר אַלס איינעם פון די גרעסטע ראָמאַנען־שרייבער פון אונדזער יאָרהונדערט.

אינהאַלט :

אַ מעשה מיט אַ דירה און אַ „קאַוואַ" 7
יידן גזלנים 15
דער בלאַנדזשענדיקער בונטאַר 25
אויף די כוואַליעס פון גורל 35
געקומען פון יענער וועלט 58
די אָפּגעפונענע פריינד און דער סוד 72
באָקס 90
ווער איז ער ? 94
דער אומבאַקאַנטער קבר פון אַ מאַלערין 100
דער חוב 111
אַ ייד וויל האָבן אַ ביכל 123
די איילעניש 129
די געזעגענונג 136
אַנקען צום אייביקן אָנדענק 145

ליטעראַרישע עסייען 155

שמואל שמעון פרוג 157
משה שולשטיין 173
בנימין שלעווין 187
אברהם ווייץ 192
וויקטאָר הוגאָ נאָך הונדערט יאָר 198
דאָס געוויסן פון אַן עפּאָכע 219
דער שילדערער פון דער אַלט־נייער און אַלטער היים 226
ווען דער שרייבער מוז צאָלן אַ פּרייז 236
קוואַלן וואָס פרישן אָפּ 243
„יידישע קונסט אָדער קונסט ביי יידן ?" 249
צווישן חלום און האַרטער רעאַליטעט 260
די געשיכטע פון אַ בוך, אָדער דער וועג דורך פּיין צו
יידישער אידענטיטעט 268

ביכער פון זעלבן מחבר:

1) עסייען און סקיצן (ליטעראַטור־קריטיק)
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1965
2) פון היינט און נעכט (נאָוועלן)
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1965
3) נאָכן מבול (ראָמאַן) פרעמירט דורכן „יעקב ווייסליץ־פאָנד פאַר ליטעראַטור, קונסט און יידישער מחשבה"
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1967
4) אָפּגעריסענע צווייגן (נאָוועלן)
פאַריז 1970
5) צווישן שטורעמס (ראָמאַן)
פאַרלאַג „פריינדשאַפט" בוענאָס־איירעס 1974
6) אין גאַנג פון צייט (עסייען — שאַפערס און שאַפונג)
פאַריז 1976
7) פון ווייט און נאָענט (נאָוועלן און דראַמאַטורגישע סקיצע וועגן יאַנוש קאָרטשאַק — „דער לעצטער טאָג"). פרעמירט דורכן „פערנאַנדאָ־כענאָ־פאָנד" אין מעקסיקע
פאַריז 1978
8) נישט פאַרענדיקטע בלעטלעך (ראָמאַן), פרעמירט דורכן יידישן פ. ע. נ. קלוב אין ניו יאָרק
פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב 1982

אין דער פוילישער שפּראַך:

9) דאָס וויעטנאַמישע פאָלק אין קאַמף (עסייען, סקיצן)
פאַרלאַג „קזשאָנזשקאַ אי וויעדזאַ", וואַרשע 1954
10) יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך (עסיי),
פאַרלאַג „דאָם קזשאָנזשקי" וואַרשע 1960

איבערזעצונגען דערשינענע אין בוך־פאָרם:

11) בריוו פון טויטן־הויז
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1953
12) דער וועג צום הימל (אויסגעוויילטע ווערק פון אַדאָלף רודניצקי, פאַרזען מיט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן דער שאַפונג פונעם שרייבער).
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1962